This material was made publicly available by the

**Heritage Projects Foundation**

info@yiddish-culture.com

**https://yiddish-culture.com**

© The Heritage Projects Foundation

*This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:*

info@yiddish-culture.com

**© The Heritage Projects Foundation**

31-52

# סאָוועטיש

# 2

1984

# היימלאנד

# סאָװעטיש הײמלאַנד

ליטעראַריש־קינסטלערישער
כוידעש־זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָװעטסקי פּיסאַטעל״
מאָסקװע

פעברואַר

2

1984

# אינהאַלט

טעאַרעטישע קאָנפערענץ. באָריס גריגאָריאַן. דער הומאַניזם פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע. עדוארד קוזמין. פאַלשע אידעאַלן און עמעסע ווערטן . . . . . . . . . . . . . . . 8
כאַשעווער רעדאַקטאָר, איך שיק אײַך דאָ איין ליד מײַנע, בלויז איינע. לידער פון יאָסל בוכבינדער, מאָטל גרוומאַן, פיניע קיריטשאַנסקי, מאַקס ריזאַנט, מוישע פענס, אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו, מאָטל גאָלבשטיין, ליפּע העלער, עליעביידער, דאָרע כײַקינע, פיניע פלאָטקין, כאַיִם גורעוויטש . . . . . . . . . . 11
וולאַדימיר ביידער. איין טאָג און דאָס גאַנצע לעבן (דאָקומענטאַל־היסטאָרישע דערציילונג וועגן וואָלאָדאַר־סקין) . . . . . . . . . . . . . . . . 16
אַרן ווערגעליס. פונעם ציקל „רינג נאָך רינג“ (לידער) . . . . . . . . . . . . . . . . 72
מאַרק ראַזומני. נאָוועלעטן . . . . . . . . . . 78
אַבראַם קאַצנעלסאָן. לידער . . . . . . . . . . 84
אונדזערע מיטצײַטלער. כאַיִם טאַמאַרקין. דער גורל פון א מענטשן . . . . . . . . . . . . . 86
50 יאָר ייִדישע אַווטאָנאָמע געגנט. מוישע גאָלד־שטיין. א מאַרש אַף וואָלאָטשײַעווקע . . . . . . 90
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. פּייסי יאַנאָווסקי. לידער . . . . . . . . . . . . . . . 99
טעאַטער און עסטראַדע. ל. בערעזאָווסקאַיאַ. קונסט, וואָס דערוואַרעמט הערצער . . . . . . . . . 101
מירע שימענקאָ. אין מײַן זיקאָרן . . . . . . . . . 104
לידער פון אונדזערע לייענער. באָריס ביכאָווסקי, זאַלמען מינקין, יויסעף טאַבאַקמאַכער, רעפאָעל גאָלדענבערג, יאַנקעוו קאָלבאָווסקי, שלוימע ראַפּאָפּאָרט, כאַיִם דור־שאַצקי, סאָרע וועכטער, אײַזיק באַרגטייל . . . . 112

## ליטעראַטור-קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

זאַלמען ליבינזאָן. דאָוויד בערגעלסאָן אין דער ייִדישער קלאַסיק . . . . . . . . . . . . 116
ב. גלוזמאַן. די שוואַלב פונעם רויטן פרילינג . . 129
קורצע רעצענזיעס. ב. מילער. טרײַ צו דעם שרײַבערס באַרוף. ש. גאָרשמאַן. איבער ערדישע וועגן. י. ברענער. איך באַדויער וועגן די יאָרן פון עמיגראַציע. ז. ווייצמאַן. אין דער איבערזעצונג אַף אוקראַיִניש. ל. סערגייעוו. א בוך וועגן פאַר־דראָס און כאַראַקטע. וו. טשערנין. גאָדישניק—82 132
טאַטיאַנע געלפמאַן. די קאָלעקציע פון ייִדישע קולט־כפייצים אין מעלוכישן מוזיי פון דער געשיכטע פון רעליגיע און אַטעיִזם . . . . . . . . . . 138
שמועסן וועגן מוזיק און עסטראַדע. סערגיי טשעבאָ־טאַריאָוו. דער שילער און דער לערער . . . 142
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען . . . . . . . . 149
מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור . . . . . . . . . . . . . 154
פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש . . . . . . . . . . 156
צום 125־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אַלייכעמען . . . 159
לאָמיר זינגען נײַע לידער. ווערטער—ליובע וואַ־סערמאַן, מוזיק—וולאַדימיר ביטקין. די זיבניאָריקע . . . . . . . . . . . . . . 160
כראָניק . . . . . . . . . . . 83, 115, 128, 141, 148
רעזומע (רוסיש, ענגליש) . . . . . . . . . . . . . . I
אָפענער בריוו צו די ייִדן פון פשא (רוסיש, ענגליש) . VII

**הויפּט־רעדאַקטאָר**

א. ווערגעליס

**רעדקאָלעגיע:**

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

## טעאָרעטישע קאָנפערענץ

**באָריס גריגאָריאַן,**
דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר

# דער הומאַניזם פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע

## 1

דער מענטש — דאָס איז די וועלט פון דעם מענטשן, און מע דאַרף אַזוי אײַנאָרדענען אָט די וועלט, אַז ער זאָל אין איר באַגרײַפן און באַהערשן דאָס עכט מענטשלעכע און דערקענען זיך אַלס מענטש. אין אָט די ווערטער האָבן די גרונטלייגער פון דער גרויסער רעוואָליוציאָנערער לערע בולעט אויסגעדריקט דעם הומאַניזם פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס שטעלט אין צענטער פון איר אויפמערקזאַמקײַט די סאָציאַלע און גײַסטיקע באַפרײַונג, די אַלזײַטיקע און האַרמאָנישע אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקײַט.

אין אונדזער לאַנד, אין די באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלטער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז די אויספאָרמירונג פון דעם נײַעם מענטשן, ווי ס'איז געווען אָפּגעמערקט אויף דעם יוני-פּלענום פון צק קפּסס (1983), געוואָרן ניט נאָר דער וויכטיקסטער ציל, נאָר דער באַשטענדיקער באַדינג פאַר אויפבויען די נײַע געזעלשאַפט.

די מאַרקסיסטיש-לעניניש לערע וועגן דעם מענטשן, וועגן זײַן סאָציאַלן מהוס — דאָס איז די לערע וועגן דעם מענטשן אין זײַן גאַנצקײַט, אין דער אײנהײַט פון אַלע, אַרײַנגערעכנט די נאַטור- און קולטור-באַדינגונגען און פאָרמען פון דער לעבנסטעטיקײַט. גראָד אין אַזאַ אײנהײַטלעכן קוק אויפן מענטשן ליגן די פילאָסאָפישע אורקוואַלן פון דעם קאָמוניסטישן הומאַניזם.

אָפּמערקנדיק, אַז דער מענטשלעכער קיום איז באַדינגט דורך די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, געזעצמעסיקײַטן פון דער סאָציאַל-היסטאָרישער אַנטוויקלונג, דעקט אויף דער מאַרקסיזם-לעניניזם אויך דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דער היסטאָרישער נויטווענדיקײַט פאַר די אָביעקטיווע פּראָצעסן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, זייער אָרגאַנישע פאַרבינדונג און אָפּהענגיקײַט פון דער באַוווּסטזיניקער און צילגעווענדטער טעטיקײַט פון דעם מענטשן. „די געשיכטע איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די טעטיקײַט פונעם מענטשן, וואָס שטרעבט צו זײַנע צילן", — האָבן געשריבן ק. מאַרקס און פ. ענגעלס (ווערק, ב. 2, ז. 102). די אידיי פון דער סאָציאַלער דעטערמינירטקײַט פון דעם מענטשנס אויפירונג און היסטאָרישער נויטווענדיקײַט, באַשטעטיקט וו. אי. לענין דעם דאָזיקן טעזיס, רײַסט אין קיין שום פאַל ניט אונטער די ראָל אין דער געשיכטע פון די פּערזענלעכקײַטן, „וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר, אַן ספק, אירע טוער" (פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 1, ז. 159).

די געזעלשאפט מיט אירע פאָליטישע, סאָציאַל-עקאָנאָמישע און קולטורעלע אויסבילדונ-
גען ווערט פארשטאנען ניט ווי עפּעס אן אבסאָליוטס און זעלבשטענדיקס, וואָס איז ניט אָפּ-
הענגיק פון דעם מענטשן און פון זײַן טעטיקײַט, נאָר ווי א באשטימטער סכום פון די
פארהעלטענישן און פאָרמען פון דער פראקטישער טעטיקײַט פון די מענטשן, וואָס באזירט
זיך אף דעם מאטעריעלן יעסאָד — פראָדוציררונג. אין די דאָזיקע פילאָסאָפישע גרונטלא-
געס פונעם מארקסיזם ווערט באשטעטיקט די אקטיווע און רעוואָליוציאָנערע איבערגעשטאל-
טונג-באציִונג פון דעם מענטשן צו דערווירקלעכקײַט. עס אנטפלעקן זיך די באדינגונגען
און מעגלעכקײַטן פאר איר איבערגעשטאלטונג, וועלכע זי אליין אנטהאלט.

אופדעקנדיק די גרינטלעכע סיבעס פון דער סאָציאַלער עקספּלואטאציע, האָט דער
מארקסיזם וויסנשאפטלעך באגרינדעט די היסטאָרישע אופגאבע פון איבערבילדן די קאפּי-
טאליסטישע געזעלשאפט אף א רעוואָליוציאָנערן אויפן, די וועגן און מיטלען פון אופבויען
די נײַע געזעלשאפטלעכע קאָמוניסטישע סיסטעם, אין וועלכער ס'וועלן באקעמפט ווערן
אלע פאָרמען פון אָפּגעפרעמדטקײַט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקײַט, וואָס זײַנען
אייגנטימלעך דער עקספּלואטאטאָרישער אָרדענונג. דערבײַ איז דעם פּראָלעטאריאט אויס-
געפאלן צו זײַן יענע קאָנקרעטע היסטאָרישע קראפט, וועלכע איז, לויט איר אָרט אין דער
קאפּיטאליסטישער פּראָדוציר-סיסטעם, געצוווּנגען און איז בארופן צו ווערן, לויט וו. אי. לע-
נינס אויסדרוק, דער אינטעלעקטועלער און מאָראלישער באוועגער, דער פיזישער אויספילער
פון פארוואנדלען אף א רעוואָליוציאָנערן אויפן די אלטע געזעלשאפט אין א נײַער. אונטער
קאָמוניזם פארשטייט דער מארקסיזם א געזעלשאפט פון עכטן הומאניזם, ווו דער מענטש
איז מער ניט קיין אגענט פון זײַן אייגענער מאטעריעלער פּראָדוצירונג, פארקערט, ער הערשט
איבער די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן, און ווו עס עפנט זיך א ניט געזעענער פּריִער
ראכוועס פאר דער צעבליִונג פון די עכט-מענטשלעכע קויכעס, ביז די הארמאָנישע און
אלזײַטיקע אנטוויקלונג פון דעם מענטשן וועט ווערן א זעלבסטציל.

## Z

די מארקסיסטישע האנאָכע וועגן דעם, אז דער מענטש ווערט באטראכט ווי דער ציל
און די מאטעריעלע פּראָדוצירונג — ווי א מיטל פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג
פונעם מענטשן גופע, איז נעגייע דער קאָמוניסטישער פאָרמאציע אינגאנצן געוומען. איר
אמערסטנס פולע סטאדיע זעט מען אײַן אין דער ווײַטער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, וועל-
כע כאפּט ארום אן אומפארגלײַכלעך גרעסערן היסטאָרישן פּעריאָד, איידער דער, וואָס מעסט
זיך אויס מיט דער שוין עקזיסטירנדיקער סאָציאַליסטישער פּראקטיק.
דערפאר דארף מען דעם גראד פון רעאליזירן די פאָרגעבענע טעאָרעטישע אײַנשטע-
לונגען פון דעם וויסנשאפטלעכן קאָמוניזם באשטימען און אָפּשאצן אין דער ליכט פון די
באזונדערקײַטן און מעגלעכקײַטן פון דעם דערגרייכטן שטאפּל אין דער אנטשטייונג פון דער
קאָמוניסטישער פאָרמאציע.

ווען מע פארגלײַכט די מארקסיסטיש-לענינישע לערע וועגן דעם מענטשן, וועגן דעם
קאָמוניסטישן הומאניזם, מיט דער הײַנטצײַטיקער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקײַט מיט אירע
קאָנקרעטע דערגרייכונגען און פּראָבלעמען, ווערט באשטעטיקט די ריכטיקײַט און די פּראק-
טישע רעאלקײַט פון אירע גרונטלאגעס. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער
מענטשהײַט איז אופגעקומען א געזעלשאפט, אין וועלכער די טעטיקײַט פון אלע סאָציאַלע
ספערן — א פּראָדוצירנדיקע, סאָציאַל-פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע — איז אונטערגעוואָרפן
דער אופגאבע פון מאקסימאלער — דיסקאָנטירנדיק דעם געגעבענעם ניוואָ פון פּראָדוצי-
רונג — באפרידיקונג פון די מאטעריעלע און גײַסטיקע באדערפענישן פון דעם מענטשן.
אין אונדזער לאנד איז רעאל געזיכערט א ברייטער ספּעקטער ניט נאָר פון פערזענלעכע,
נאָר אויך פון סאָציאַלע רעכט פאר אלע בירגער (אף ארבעט, בילדונג, סאָציאַלער פאר-
זאָרגונג, אָפּרו אאוו.), עס זײַנען פארניכטעט אלע וואָרצלען פון סאָציאַלער אומגלײַכהײַט,
ס'פונקציאָנירט און ווערט אָן אופהער פארפולקומט די מעלוכיש-געזעלשאפטלעכע סיסטעם
פון סאָציאַליסטישער פאָלקס-מאכט. אין העסקעם מיטן קאָמוניסטישן אידעאל, אז די פרײַע
אנטוויקלונג פון יעדערן איז א באדינג פאר דער פרײַער אנטוויקלונג פון אלעמען, ווערט

אין סאָוועטנפאַרבאַנד דורכגעפירט א גרויסע ארבעט אַף אָפּהיטן, פאַרמערן און ברייט אָנווענדן די גײַסטיקע ווערטן פונעם סאָציאַליזם, קעדיי צו העכערן דעם מאָראַלישן און גײַסטיקן ניוואָ בא די מענטשן, שעפעריש אנטוויקלען די מענטשלעכע פּערזענלעכקײַט.

„די פּאַרטיי שטרעבט צו דעם, אַז דער מענטש זאָל זיך דערציִען בא אונדז ניט פּאַשעט ווי א טרעגער פון א געוויסן סכום קענטעניש, נאָר קוידעמקאָל — ווי א בירגער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אַן אקטיווער בויער פונעם קאָמוניזם, מיט די אייגנטימלעכע פאַר אים אידייִשע פּרינציפּן, מיט דער אייגנטימלעכער פאַר אים מאָראַל און אינטערעסן, מיט א הויכער קולטור פון ארבעט און אויפירונג", — האָט אָפּגעמערקט אַפן יון-פּלענום (1983) פון צק קפּסס דער כאַווער י. וו. אנדראָפּאָוו.

די פאַרמירונג פון דעם נײַעם מענטשן איז ניט קיין איינמאָליקע אויפגאַבע, וועלכע איז באַגרענעצט מיט א קאָנקרעטן צײַט-אָפּשניט פאַר איר ענדגילטיקער לייזונג. דאָס איז א פּראָצעס, וואָס מיינט אַזא שעפערישע ארבעט אין פראַט פון קאָמוניסטישער דערציִונג, וועלכע ווערט שטענדיק באַנײַט אין איר אינהאַלט און אין די פאָרמען. פאַר יעדן נײַעם דאָר, אומאָפּהענגיק פון די גינסטיקע פאַרהאַנאָכעס, אנטשטייט די דערציִונגס-אויפגאַבע אין א געוויסער מאָס ווי א נײַע אויפגאַבע, וואָס ווערט רעאַליזירט אין העסקעם מיט די באַזונדערקײַטן פון דער קאָנקרעטער היסטאָרישער צײַט.

אין די באַדינגונגען פונעם אנטוויקלטן סאָציאַליזם ווערט פאַרווירקלעכט די אידעאָלאָגישע, דערציִערישע ארבעט אין ענגן צוזאַמענבונד מיט די הויפּט-אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג און אין רעאַלן קאָנטעקסט פון די מעגלעכקײַטן און פּראָבלעמען פון דער ערשטער פאַזע פון דער קאָמוניסטישער פאָרמאַציע, ווען די מאַטעריעלע פּראָדוקטן פאַרטיילט מען לויט דער מי און איר פּראָדוקטיווקײַט איז איינע פון די וויכטיקסטע קריטעריִען פון סאָציאַלן פּראָגרעס און פון דער געזעלשאַפטלעכער באַדײַטונג און ווערטפולקײַט פון דעם מענטשן.

דאָס שטרענגע דורכפירן אין לעבן דעם פּרינציפּ, ווען דער לוין אנטשפּרעכט דער פאַרבראַוכטער מי, די קאָנסעקווענטע רעאַליזירונג פון די סאָציאַליסטישע גערעכטיקײַט-פּרינציפּן אין אַלע ספערן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, דאָס העכערן די אָרגאַניזירטקײַט און די דיסציפּלין זײַנען איצט באַזונדערס וויכטיק. דאָס איז אַן אנטשיידענער באַדינג פאַרן וווּקס פון דער ארבעט-פּראָדוקטיווקײַט, פאַר באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט אַלדאָס נייטיקן צום געברויך, און, אין לעצטן סאַכאַקל, פאַר דער גײַסטיק-מאָראַלישער אנטוויקלונג פון דעם מענטשן.

די פאַרפולקומונג פון דעם ווירטשאַפטלעכן מעכאַניזם, די פאַרברייטערונג פון דער זעלבשטענדיקײַט פון די אונטערנעמונגען, די אנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע אין סאַמע ברייטן זין, די פאָרמירונג פון א נײַעם טיפּ עקאָנאָמיש דענקען עפענען נײַע מעגלעכקײַטן פאַר דער אקטיווקײַט פון די מאַסן, פאַר דער סאָציאַליסטישער איניציאַטיוו בא די ארבעטנדיקע. אָט אַזעלכע זײַנען די וועגן, וואָס די פּאַרטיי האָט אָנגעמערקט, קעדיי שאַפן די נייטיקע מאַטעריעלע באַדינגונגען און אַזא גײַסטיקע אַטמאָספער אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכע זאָל סטימולירן די פאָרמירונג פון אַן אַלזײַטיק-אנטוויקלטער פּערזענלעכקײַט.

אין אונדזער לאַנד איז ניט ווייניק אָפּגעטאָן פאַר דער לייזונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע. מיט פולער רעכט קאָן מען איצט ריידן וועגן דער אנטשטייונג און אנטוויקלונג פון א נײַעם סאָציאַליסטישן טיפּ פון דער פּערזענלעכקײַט, וועגן דעם, אַז מיליאָנען סאָוועטישע בירגער זײַנען שוין הײַנט-צו-טאָג טרעגער פון די בעסטע מענטשלעכע שטריכן און מײַלעס, אויסגעפורעמטע דורך דער פּראָגרעסיווער סאָציאַלער און גײַסטיקער קולטור פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס גיט אָבער ניט קיין גרונט פאַר זעלבסטבארויִקונג. די אידייִש-פּאָליטישע און גײַסטיקע דערציִונג פון די מענטשן, די פאָרמירונג פון דעם נײַעם מענטשן פאַרווירקלעכט זיך און דאַרף זיך פאַרווירקלעכן אין ענגער פאַרבינדונג מיט דעם פּרינציפּיעלן און אקטיוון קאַמף קעגן אַזעלכע אנטיגעזעלשאַפטלעכע, נעגאַטיווע דערשײַנונגען, ווי פּאַראַזיטיזם, ספּעקוליאַציע, גנייווע פון סאָציאַליסטישן אייגנטום, כאַבאַר און כאַפּערײַ. דערבײַ, ווי ס'איז געזאָגט געוואָרן אַפן יון-פּלענום פון צק קפּסס, וואָלט געווען ניט ריכטיק צו דערקלערן די דאָזיקע דערשײַנונגען בלויז ווי רעשטלעך פון דעם אָוואַר אינעם באַוווּסטזײַן און אין דער אויפירונג פון דעם מענטשן. די סיבעס פון א סאַך פון זיי דאַרף מען זוכן אין דער הײַנטיקער פּראַקטיק, אין די טאָעסן פון די אָדער יענע טוער, אין די רעאַלע פּראָבלעמען און שוועריקײַטן פון אונדזער אנטוויקלונג, אין די פעלערן פון דער דערציִערישער ארבעט. מאַכמעס דעם איז נייטיק א גאַנצער קאָמפּלעקס עקאָנאָמישע און

אָרגאַניזאַציאָנעלע, רעכטלעכע און דערציִערישע מאָסמיטלען, קעדיי צו באַזײַטיקן די דאָזיקע נעגאַטיווע דערשײַנונגען.

די פּראָבלעם וועגן דעם מענטשן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ווערט געלייזט ווי צוויי צוזאַמענגעבונדענע צווישן זיך פּראָבלעמען: די פאַרפוילקומונג פון די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפטס-פאָרמען און פונעם סאָציאַל-קולטורעלן לעבן און — די קאָמוניסטישע דערציִונג פון דער פּערזענלעכקײַט.

עס אַנטשטייען נײַע און מער קאָמפּליצירטע אויפגאַבעס, ניט נאָר פאַר די געזעלשאַפטלעכע, פּעדאַגאָגישע און קולטור-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַל-געווענדטן און רעגולירבאַרן פּראָצעס פון דער מענטשלעכער דערציִונג, נאָר אויך פאַר יעדן באַזונדערן מענטשן. די פּראָבלעם פון זעלבסטדערציִונג און פאַרפוילקומונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקײַט טרעט אַלץ בולטער אַרויס אויפן פאָדערשטן פּלאַן. אַ גרעסערע ראָל שפּילט די אַקטיוויקײַט פון יעדן מענטשן, די אידייִשע און זיטלעכע פּרינציפּן פון יעדער איינצלנער פּערזענלעכקײַט, איר מאָראַלישע, געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, די גײַסטיקע טאָטיווז, וואָס באַשטימען איר אויפירונג אין קאָנקרעטע לעבנס-סיטואַציעס.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, שטעלט זיך באַזונדערס אַקטועל די אויפגאַבע פאַר דעם מענטשן, ער זאָל דערקענען זיך זעלבסט, קעדיי קאָנען „מאַכן זיך אַליין פאַר אַ מאָס פון אַלע לעבנס-פאַרהעלטענישן און זיי געבן אַן אָפּשאַצונג אין העסקעם מיט זײַן אייגענעם מעהוס, אויסבויען די וועלט אויף אַן עכט-מענטשלעכן אופן, אַנטשפּרעכיק צו די פאָדערונגען פון זײַן נאַטור" (ק. מאַרקס און פ. ענגעלס, ב. 1, ז. 593). אַנדערש גערעדט, ס'איז אַנטשטאַנען אַ דרינגענדע נויטווענדיקײַט אין דעם ווײַטערדיקן טעאָרעטישן באַזינען די וויסנשאַפטלעכע יעדיִעס וועגן דעם מענטשן, צו שאַפן אויף דעם סמך מער טיפערע און אײַנהאַלטספולע פאָרשטעלונגען וועגן זײַן נאַטור און לעבנס-באַרוף אין דער הײַנטצײַטיקער וועלט, וועגן דעם אידעאַל פון דער נײַער קאָמוניסטישער פּערזענלעכקײַט. אַזויאַרום וועלן פאַרפּינקטלעכט ווערן די הומאַניסטישע קריטעריִען פון די אָפּטימאַלע באַדינגונגען פאַר דער אינדיווידועלער און געזעלשאַפטלעכער לעבנסטעטיקײַט פון דעם מענטשן, פון דעם פולסטן רעאַליזירן זײַנע קויכעס און מעגלעכקײַטן. דאָס אַלץ וועט מאַכן מעגלעך, ניט אין אַן אַבסטראַקטער, נאָר אין אַ קאָנקרעט-היסטאָרישער פאָרם, צו באַנײַען און באַשטעטיקן דעם אוראַלטן פילאָסאָפישן פּרינציפּ, וועלכער טראַקטירט דעם מענטשן אַלס „די מאָס פון אַלע זאַכן".

## 3

דער קאָנקרעטער און רעאַלער כאַראַקטער פונעם מאַרקסיסטישן הומאַניזם באַטײַט בשום-אופן ניט, אַז ער דערשאַצט ניט די באַדײַטונג פון אַלמענטשלעכע זיטלעכע נאָרמעס און פאָדערונגען. פאַרקערט, די אַלמענטשלעכע פאָרשטעלונגען וועגן גוטס און מענטשלעכקײַט, וועגן עמעס און אָרנטלעכקײַט, וועגן געוויסן און מאָראַלער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וועגן זין פונעם לעבן — באַקומען אין דעם מאַרקסיזם זייער רעאַלע פאַרבינדונג מיט יענע קאָנקרעט-היסטאָרישע באַדינגונגען, מעגלעכקײַטן און קויכעס, דורך וועלכע זיי ווערן מער טיפער און קאָנסעקווענטער רעאַליזירט אינעם לעבן. די געפאַר פון דעם אַבסטראַקטן הומאַניזם איז ניט אינעם אָנערקענען די אַלמענטשלעכע נאָרמעס פון גײַסטיקײַט און מאָראַל, נאָר אין זייער אידעאַליסטישער אָפּגעפרעמדטקײַט פון דער רעאַלער געשיכטע און אין דעם קעגנשטעלן זיי צו איר. אָפּוואַרפנדיק אַזאַ מין פאַרשטיין אַלמענטשלעכע ווערטן, דעקט אויף דער מאַרקסיזם וויסנשאַפטלעך די דיִאַלעקטיק פון דעם אַלמענטשלעכן און פון דעם קאָנקרעט-היסטאָרישן; ער איז דער עכטער יורעש פונעם וועלט-הומאַניזם, וואָס פאַרייניקט די גײַסטיקע ירושע פון דער פאַרגאַנגענהײַט מיט דער געגנוואַרט און מיט דער צוקונפט.

ניט געקוקט אויף דער גאַנצער סאָציאַל-פּאָליטישער ניט-איינאַרטיקײַט און אויף דער קעגנזעצלעכקײַט פון די רעגיאָנען, אין וועלכע עס לעבט די מענטשהײַט, ווערט זי הײַנט-צו-טאָג אַרײַנגעצויגן אין אַ צעצווײַגטער סיסטעם פון עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע פאַרבינדונגען און צווישנבאַציִונגען, און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז די לייזונג פון אַ ריי לעבנסוויכטיקע פּראָבלעמען צוזאַמענגעבונדן אין אַן איינהײַטלעכן היסטאָרישן גורל. אין דער וועלט האָט זיך געשאַפן אַ קעגנזײַטיקע אָפּהענגיקײַט צווישן גאַנץ פאַרשיידענע דערשײַנונגען און פּראָצעסן פון אָביעקטיווע און סוביעקטיווע פאַקטאָרן פון

דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, פֿונעם אַלמענטשלעכן און קאָנקרעט-אינדיווידועלן, אינטער-נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַלן, געזעלשאַפֿטלעכן און פּערזענלעכן. די דירעקטע און אומדירעקטע באַהעפֿטונג אין שײַכעס מיט גרעסערע און קלענערע געשעענישן אויף אונדזער פּלאַנעטע, וואָס זײַנען באַדינגט מיט די מעגלעכקײַטן פֿון דער הײַנטצײַטיקער טעכניק און מאַסעווע אינפֿאָר-מאַציע-מיטלען, אנטוויקלט אין יעדן מענטשן דעם געפֿיל פֿון אָנגעהעריקײַט צו דער מענטש-הײַט אינגאַנצן גענומען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, שטעלט זיך נאָך שאַרפֿער, ווי פֿריִער, די פֿראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און ציִלגעווענדטקײַט פֿון די אַלוועלטלעכע פּראָצעסן. דער טיפֿער סאָציִאַ-לער זין פֿון די דאָזיקע פּראָצעסן באַשטייט אינעם איבערגאַנג, אין דער צוקונפֿט, פֿון דער גאַנצער מענטשהײַט פֿונעם קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם. אין די הײַנטצײַטיקע באַדינגונגען וואַקסט אויסערגעוויינלעך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿון יעדן מענטשן פֿאַרן באַשטימען און לייזן סײַ זײַן אייגענעם גורל, סײַ די גורלאָלעס פֿון זײַן פֿאָלק, פֿונעם לאַנד און פֿון דער גאַנצער מענטשהײַט.

די פּראָבלעם פֿון דעם מענטשן איז שטענדיק געווען פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַגע: צי קאָן ער ווערן דער באַלעבאָס איבער זײַן גורל, „מאַכן" זיך זעלבסט, שאַפֿן זײַן אייגן לעבן? דער מאַרקסיזם האַלט, ווי באַוווּסט, אַז דער וויכטיקסטער באַדינג פֿאַרן לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם איז — שאַפֿן אַזעלכע סאָציִאַלע לעבנס-באַדינגונגען, בײַ וועלכע דאָס לעבן ווערט, לויט דער אַרויסזאָגונג פֿון מאַרקסן, „אַ פּראָדוקט פֿון אַ פֿרײַען געזעלשאַפֿטלעכן מענטשן-פֿאַרבאַנד" און עס „וועט זיך געפֿינען אונטער זייער באַוווּסטזיניקן פּלאַנמעסיקן קאָנטראָל" (ווערק, ב. 23, ז. 90).

די נויטווענדיקײַט צו געפֿינען און פּערספּעקטיקן אַזאַ קאָנטראָל איבער דעם געזעל-שאַפֿטלעכן לעבן באַקומט אַן אויסשליסלעכע שאַרפֿקײַט אין אָנזיכט פֿון די הײַנטצײַטיקע גלאָבאַלע פּראָבלעמען, און קודעם־כּל פֿון דער פּראָבלעם פֿון מילחאָמע און שאָלעם. הײַנט זעט מען קלאָר, אַז דער שאָלעם קאָן פֿאַרהיט און פּערפּעסטיקט ווערן בלויז אין דעם פֿאַל, אויב די פֿרידנסליבנדיקע קויכעס פֿון דער מענטשהײַט וועלן קאָנען נעמען אונטער זייער קאָנטראָל די אַנטוויקלונג פֿון דעם הײַנטצײַטיקן צווישנפֿעלקערלעכן לעבן, אײַנשטעלן פּרינציפּן פֿון שאָלעם און מיטאַרבעט צווישן די פֿעלקער.

די דאָזיקע אויפֿגאַבע קאָן דערפֿאָלגרײַך געלייזט ווערן בלויז מיט פֿאַראייניקטע אָנשטרענ-גונגען פֿון אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס האָבן אָנערקענט זייער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט אין לייזן די גורלאָלעס פֿון דער מענטשהײַט. אָבער אין די הײַנטצײַטיקע באַדינגונגען, פּונקט אַזוי ווי אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט, איז וויכטיק אויסצוטיילן פֿון דעם גאַנצן סכום געזעל-שאַפֿטלעכע קויכעס — דעם קויעך, וואָס איז לויט זײַן קאָנקרעטער, רעאַלער לאַגע, אין דער סיסטעם פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע, אינערלעך-מעלוכישע און צווישנפֿעלקערלעכע פֿאַר-העלטענישן, ניט נאָר סוביעקטיוו, נאָר אויך אָביעקטיוו באַרופֿן צו זײַן דער שליסל-קויעך פֿון דער הײַנטצײַטיקער געשיכטע.

אַזאַ קויעך, ווי עס באַווײַזט די דערפֿאַרונג פֿון אונדזער יאָרהונדערט, שטעלט מיט זיך פֿאָר דער וועלט-סאָציִאַליזם, וווּ דער אַרבעטער-קלאַס, דאָס אַרבעטנדיקע פֿאָלק איז געוואָרן דער באַלעבאָס פֿון זײַן אייגענעם לעבן. אויף אַ נײַער הייך און אין אַ נײַעם אינהאַלט פֿאַרווירקלעכט דער פּראָלעטאַריאַט אין דער הײַנטצײַטיקער וועלט זײַן באַפֿרײַ-ישע און הומאַניסטישע מיסיִע. לייזנדיק זײַנע קלאַסן-אויפֿגאַבעס אונטער דער ריכטליניע פֿון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, קומט דער פּראָלעטאַריאַט געזעצמעסיק צו דער ליי-זונג פֿון די אויפֿגאַבן, וואָס שטייען פֿאַר דער גאַנצער מענטשהײַט.

■

עדוארד קוזמין

# פאלשע אידעאלן און עמעסע ווערטן

פארמעסטנדיק זיך אין אנטיסאָוועטיזם, טרײַבן די פֿאָרשטייער פון דער אמעריקאנער אדמיניסטראַציע, דערונטער דער פרעזידענט אליין, רעכילעס אף דעם רעאַלן סאָציאַליזם, און פארײנס זשאַלעווען זיי ניט קיין באמיונגען, קעדיי לױבן אף קאַלערלײ אױפאנים די קאפיטאַליסטישע סיסטעם. אין זייערע ארויסטרעטונגען קאָן מען געפינען ניט ווייניק שײנע ריידלעך וועגן „פרײַהײַט פון פערזענלעכקײַט", וועגן „הויכע אידייען פון דער ציוויליזאַציע". אָבער אָט די טומלדיקע רעקלאַמע האָט קיין שום געמײנזאַמס ניט מיט דער ווירקלעכקײַט.

## די אילױזיע פון „פּליוראַליזם"

אין דער לעצטער צײַט האָט אפן מײַרעוו דערוואָרבן א ברייטע פּאָפּולערקײַט די קאָנצעפּציע פון „פּליוראַליסטישער דעמאָקראַטיע". אין העסקעם מיט אָט דער קאָנצעפּציע געהערט ניט מער די מאַכט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט דער מעלוכע. זי ווערט, אַזוי צו זאָגן, פאַנאַנדערגעטײלט צווישן די רעגירונגס-אַנשטאַלטן און די פּילצאָליקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס (אָרגאַניזאַציעס פון אינדוסטריאַלן, טרעד-יוניאָנען, פערמער-פאַרבאַנדן אאַוו.). דעם לאָזונג פון „פּליוראַליזם", אונטער וועלכן עס ווערט, פּאַשעט גערעדט, געמיינט א גרויסע צאָל פּאָליטישע פּאַרטייען, נוצט אַקטיוו אויס די מאָנאָפּאָליסטישע בורזשואַזיע אף צו דיסקרעדיטירן די פּאָליטישע סיסטעם פון סאָציאַליזם. אונטער דעם זעלבן לאָזונג סטאַרעט זיך די בורזשואַזע סיסטעם ארײַנדרינגען אין די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער.

אָבער די קאָנצעפּציע פון „פּאָליטישן פּליוראַליזם" איז בעפּירעש אַן אילױזאָרישע און רעאַקציאָנערע. די דאָזיקע קאָנצעפּציע באַזירט זיך אף דער אויסזיכטלאָזער אידײ וועגן, „צונויפּפּאָרן די אינטערעסן" אין דער קלאַסן-אַנטאַגאָניסטישער געזעלשאַפט. זי איז געציִלט צו אונטעראָרדענען די אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטנדיקע „די קלאָלים פון דער שפּיל", די קלאָלים, וועלכע זײַנען אונטערגעוואָרפן די ציִלן פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, און מיט דעם אָפּווענדן די אַרבעטנדיקע פונעם אַקטיוון קלאַסנקאַמף.

„איך נעם אַן אָנטייל, דו נעמסט אַן אָנטייל, מיר נעמען אַן אָנטייל, איר נעמט אַן אָנטייל, זיי... באַקומען פּראָפיטן", — אין אַזא סאַרקאַסטישער פאָרם באַווײַזן די אמעריקאַנער סאָציאָלאָגן ס. ווערבאַ און נ. ני דעם מעהוס פון דער בורזשואַזער „טעאָריע פון אָנטייל" אין די ראַמען פון דער „פּליוראַליסטישער דעמאָקראַטיע". און ווירקלעך, די פינאַנציעלע אָליגאַרכיע טײלט ניט די מאַכט מיט איר אַנטיפּאָד — מיטן אַרבעטער-קלאַס און מיט זײַנע פאַרבינדעטע. און די באַוווּסטע פינאַנציעלע פאַנאַנדערטײלונג פון די פולמאַכטן צווישן די מעלוכישע אַנשטאַלטן אין די בורזשואַזע און פּראַבורזשואַזע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס איז לױנבאַר דעם הערשנדיקן קלאַס, ווײַל דאָס העלפט צונויפשמעלצן פאַרשיידענע רינגען פון דער מאַכט אין איין מעכטיקן מעכאַניזם, דערבײַ איז גראָד די בורזשואַזע מעלוכע געוואָרן און פאַרבליבן דער הויפּט-באַלעבאָס.

די גרויסע צאָל פּאָליטישע פּאַרטייען און שטרעמונגען (צום בײַשפּיל, אין האָלאַנד ציילן זיי ביז 25) פירט צו א צעשפּליטערונג, גאַראַנטירנדיק דערמיט פאַר די רעגירנדיקע קרײַזן די פרײַהײַט צו מאַנעווּרירן. דערצו נאָך זײַנען אין דער געשיכטע באַוווּסט ניט ווייניק פאַלן, ווען די סאַמע רעאַקציאָנערסטע רעזשימען האָבן אָנגענומען די פאָרם פון א פילפּאַרטײיִשער סיסטעם. מע דאַרף קעסיידער נעמען אין אַכט, — און דאָס האָט אונטערגעשטראָכן וו. אי. לענין, — אַז דער קאַפּיטאַל, באַהערשנדיק דאָס דעמאָקראַטישע „פּאָליטישע הײַטל" פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, „באַגרינדעט זײַן מאַכט אַף אַזױפיל זיכער, אַז קיין שום בײַטן די פּערזאָנען, אַנשטאַלטן, פּאַרטייען אין דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעפּובליק צעוואַקלט ניט די דאָזיקע מאַכט".

דער קאַפּיטאַליזם, — איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן אפן XXVI צוזאַמענפאָר פון
קפּסס, — איז ניט פאַרגליווערט געוואָרן אין זײַן אַנטוויקלונג. אָבער ער גייט פון קריזיס
צו קריזיס: פאַר די לעצטע צען יאָר זײַנען פאָרגעקומען דרײַ עקאָנאָמישע יערידעס, אום-
געהערטע מאַסשטאַבן האָט אָנגענומען די אינפליאַציע, שאַרף איז געשטיגן די מאַסן-
אַרבעטסלאָזיקײַט, א לאַגישע אָפּשפּיגלונג פון די עקאָנאָמישע יערידעס איז די דעגראַדאַציע
פון דער גײַסטיקער קולטור און מאָראַל, די קאָרופּציע אין פאַרשיידענע רינגען פון דער
מעלוכישער מאַשין, דער ווילקיר פון פאַרברעכנס און טעראָר, די דעגראַדאַציע פון די בור-
זשואַז-דעמאָקראַטישע פּאָליטישע אינסטיטוציעס.

לאָמיר, צום בײַשפּיל, נעמען אַזאַ טראַדיציאָנעלן געזעלשאַפטלעכן אַקט, ווי וואַלן.
ניט זעלטן אַנערקענט מען איצט אפן מײַרעוו, אַז די טעאָרעטישע באַהויפּטונגען וועגן „פּאָ-
ליטישן אָנטייל" פון די בירגער, וועגן „דער מאַכט פונעם פאָלק און פאַרן פאָלק", זײַנען
פּוסטע רייד. די זאַך באַשטייט ניט נאָר אין דעם, וואָס ווייניקער פון 10 פּראָצענט אַמערי-
קאַנער בירגער באַזוכן פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען בײַס די פּאָרוואַל-קאַמפּאַניעס.
אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געוואָרן א געוויינלעכע דערשײַנונג, ווען די מאַסן דרייען
זיך אַרויס אין זייער מערהײַט פונעם אָנטייל אין די וואַלן. אין די לעצטע יאָרן דערגרייכט
ניט דער אָנטייל פון די אַמעריקאַנער וויילער אין די „פּאָרלויפיקע" וואַלן אין קאָנגרעס
אפילע קיין 40%.

בײַס די לעצטע וואַלן אין פּאַרלאַמענט האָט די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי פון גרויס-
בריטאַניע דערוואָרבן די אַבסאָליוטע מערהײַט, פאַר וועלכער ס'האָבן געשטימט בלויז 30,8
פּראָצענט פון דער צאָל פאַרעגיסטרירטע וויילער. אין סאַכאַקל האָט זיך געשטעלט בא דער
מאַכט א רעגירונג, פאַר וועלכער ס'האָבן ניט געשטימט 2/3 וויילער. א פּאַראַדאָקס
פון דער בריטישער וואַל-סיסטעם? ניין, א בוילעטע קלאַסעווע אײַנשטעלונג פון דער בור-
זשואַזער דעמאָקראַטיע, וועלכע שטייט אף דער וואַך פון די אינטערעסן פונעם קאַפּיטאַל.

די עכטע אויסדריקער פון די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע — די קאָמוניסטישע און
אַרבעטער-פּאַרטייען, ווי אויך די לינקע פּראָפאַריינען און אַנדערע פּראָגרעסיווע קערפּער-
שאַפטן, טראָץ די רייד וועגן „א פרײַער שפּיל פון די פּאָליטישע קויכעס" און וועגן „ריי-
נער" דעמאָקראַטיע, ווערן געשטעלט מיט דער הילף פון פאַרשיידענע מיטלען אין ניט קיין
גינסטיקע באַדינגונגען און אָפט ווערן זיי אָפּן פאַרפאָלגט און גערוידעפט. און אַזאַ פּראַקטיק
ווערט אונטערגעטראָגן ווי אַן עטאַלאָן פון דעמאָקראַטיע!

די בורזשואַזע פּאַרטרעטנדיקע אָרגאַנען זײַנען אָפּגעריסן פונעם פאָלק, שטעלן זיך
אים אַקעגן. דאָס אָפּרעכענען זיך מיצאַד די דעפּוטאַטן פאַר זייערע וויילער וואַרפן די „מײַ-
רעוודיקע דעמאָקראַטיעס" אין פּרינציפּ אָפּ מיטן טערעץ פון זאָרג וועגן דער „אומאָפּהענגי-
קײַט" פון די פּאַרלאַמענטאַרן. ס'איז דאָך אָבער גוט באַוווּסט, וואָס פאַר א שמוציקע, צי-
נישע פאָרמען עס נעמט אָן דער דרוק פון די מאָנאָפּאָלן און קאָרפּאָראַציעס אף באַזונדערע
דעפּוטאַטן, וועלכע מע פאַרוואַנדלט אין מעשאָרסים פונעם קאַפּיטאַל.

די בורזשואַזע מעלוכע, וואָס געפינט זיך אין א צושטאַנד פון טיפן קריזיס, קאָן שוין
מער ניט פאַרמאַסקירן איר קלאַסן-ראָל מיט א שירמע פון „א רעגוליאַטאָר פון די געזעל-
שאַפטלעכע באַציִונגען", וועלכע איז באַרופן צו זאָרגן וועגן דעם „אַלגעמיינעם וווילטיק".
צענדליקער מיליאָנען אַרבעטסלאָזע, מענטשן אָן א דאַך איבערן קאָפּ, וועלכע באַקומען ניט
קיין פולווערטיקע שפּײַז, קיין בילדונג, קיין מעדיצינישע הילף, — אַזאַ איז דער טרויערי-
קער רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די מעלוכישע אָרגאַנען אין דער
פּערזאָן פון אַלנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, פון אָרטיקע און רעגיאָנעלע אַנשטאַלטן טרעטן
אַלץ אָפטער אַרויס פאַר באַשיצן די אינטערעסן פונעם גרויס-קאַפּיטאַל און זײַנען מאַקריוו
די נייטן פון דער געזעלשאַפט פאַר די מאָנאָפּאָלן. דער פראַנצויזישער געלערנטער זש.-וו.
ווענסען האָט די סיטואַציע בילדעריש אָנגערופן „די אַגאָניע פון דער מעלוכע פון אַלגעמיי-
נעם וווילטיק", ער זעט אין איר „די אויסלעשונג פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע".

די עוואָליוציע פון דער בורזשואַזער מעלוכע אין די לעצטע 15—20 יאָר גייט דורך אין
א סאַך לענדער אונטערן צייכן פון א בעפיירעשער פאַרשטאַרקונג פון דער פּערזענלעכער
און אַוטאָריטאַרער מאַכט, וואָס עס באַווײַזט איבערצײַגעוודיק, אַז די מאָנאָפּאָליסטישע
קרײַזן זײַנען ניט פעיִק אונטערצוהאַלטן זייער הערשנדיקע לאַגע מיט די מעטאָדן פון דער
טראַדיציאָנעלער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. דער אויבערסט הויכער ניוואָ פון דער קאָנצענ-
טראַציע פונעם קאַפּיטאַל, די רעאַלע געוועלטיקונג פון די מאָנאָפּאָלן און פונעם קריגס-

אינדוסטריִעלן קאָמפּלעקס איבער דער מערהייט פּאָליטישע קערפּערשאַפטן און איבער די מיטלען פון אידעאָלאָגישער אופוויִרקונג אף דער באַפעלקערונג, זייער צוניפגיסונג מיט דער מעלוכע אין אן אייִנהייטלעכן מעכאַניזם — אָט דאָס זייַנען די דריי הויפּט-זייַלן, אף וועלכע עס שטיצט זיך הייַנט די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע.

## די ווירקלעכע פאָלקסמאַכט

די בורזשואַזע אידעאָלאָגן לייגן פאָר אַלמעגלעכע רעצעפּטן אף צו „פאַרבעסערן דעם סאָציאַליזם". אויב זיך פאַנאַנדערקלייַבן אינעם טאָך פון די דאָזיקע רעצעפּטן, וועט ווערן קלאָר זייער עמעסער טאָך. ס'גייט א רייד וועגן אָפּזאָגן זיך פון דער פירנדיקער ראָל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון די פּרינציפּן פונעם דעמאָקראַטישן צענטראַליזם און פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. אָבער די דעמאָקראַטיע באַם סאָציאַליזם האָט ניט קיין זין אָן א שטאַרקער, אויטאָריטעטער מאַכט, צו וועלכער דאָס פאָלק באַציט זיך מיט פולקומען צוטרוי. און וואָס שטאַרקער ס'איז דער שווּנג פון דער שעפערישער טעטיקייַט, וואָס קאָמפּליצירטער עס זייַנען די אופגאַבן, וועלכע עס קומט אויס צו לייזן דער געזעלשאַפט, אַלץ העכער איז די ראָל און די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פון דער פּאַרטיי אַלס פּאָליטישער אָנפירער פונעם ארבעטער-קלאַס, פון אַלע האָרעפּאַשניקעס, אַלץ קאָנסעקוועַנטער ווערן דורכגעפירט אין לעבן די גרונט-פּרינציפּן פונעם סאָציאַליזם.

באַם סאָציאַליזם פונקציאָנירט א גוט אייַנגעפונדעוועטער מעכאַניזם, וועלכער איז אופגעקומען אין פּראָצעס פון דער היסטאָרישער שאַפונג פון די מאַסן, און ער דריקט אויס אין דער פולער מאָס די אינטערעסן פון אַלע קלאַסן, שיכטן, סאָציאַלע און פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס פון דער געזעלשאַפט, פון די נאַציעס און פעלקערשאַפטן. נאָך מער, די פאָרמען פונעם אָנטייל פון די ארבעטנדיקע אין די מעלוכישע אייניאָנים, די פאָרמען, וואָס זייַנען פאַרפעסטיקט אין דער קאָנסטיטוציע פון פססר, די מאַדרייגע פון זייער ווירקונג אף די פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר אין דער געזעלשאַפט, האָבן צו זיך קיין גלייַכן ניט אין דער פּאָליטישער וועלט-פּראַקטיק לויט דער פילאַרטיקייַט און לויט דער מאָס פון ארומכאַפּן די באַפעלקערונג. דאָס איז, קוידעמקאָל, די ארבעט פון די פאָרשטייער פונעם פאָלק אין די סאָוועטן — אין די פולבאַרעכטיקטע מאַכט-אָרגאַנען, וועלכע ציילן איצט 2,3 מיליאָן דעפּוטאַטן און א 30-מיליאָניקן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו. די סאָוועטן זייַנען ווירקלעך געוואָרן אין אונדזער לאַנד דעמאָקראַטישע אנשטאַלטן פון העכסטן סאָציאַליסטישן טיפּ.

דער היסטאָרישער פאַרדינסט פונעם סאָציאַליזם באַשטייט דערין, וואָס ער האָט באַדייַטנדיק באַרייַכערט און פאַרברייטערט דעם עצעם באַגריף דעמאָקראַטיע, אייַנפונדעוועדיק אַלס אירע אומאָפּטיילבאַרע עלעמענטן ניט נאָר די פּאָליטישע, נאָר אויך די אַלזייַטיקע, דערבייַ רעאַל גאַראַנטירטע סאָציאַל-עקאָנאָמישע רעכט פון די בירגער. די קאָנסטיטוציע פון 1977 האָט געקרוינט די דורכגעפירטע פילפאַכיקע ארבעט אף צו פאַרפולקומען די רעכטלעכע רעגולירונג פונעם לעבן פון דער געזעלשאַפט. אייַנהיטנדיק די פריִער פאַרפעסטיקטע רעכט (אף ארבעט, אָפּרו, בילדונג, סאָציאַלע באַזאָרגונג אאַ.), האָט די קאָנסטיטוציע באַדייַטנדיק פאַרטיפערט זייער אינהאַלט. באַגלייַך דערמיט זייַנען צום ערשטן מאָל פאַרפעסטיקט געוואָרן אף א קאָנסטיטוציאָנעלן אויפן די רעכט פון די בירגער אף וווינונג און געזונט-פאַרהיטונג, ברייטער זייַנען פאָרמולירט געוואָרן א סאַך אנדערע סאָציאַל-עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און פערזענלעכע רעכט און פרייַהייַטן.

די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע איז א לעבעדיקע, דינאַמישע סיסטעם. זי האַלט אין איין אַנטוויקלען זיך, אריינציִענדיק אַלץ מער מענטשן אין די פּראָצעסן פון דער פאַרוואַלטונג, אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער מאַכט.

די פעלקער פון אונדזער לאַנד איבערצייַגן זיך אף דער פּראַקטיק אין די רעאַלע פּאָרצוגן פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. און וויִאַזוי די הייַנטצייַטיקע „קרייצטרעגער" זאָלן זיך ניט סטאַרען צו וואַרפן א שאָטן אף אונדזער אָרדענונג, איז זייער „מאַרש" קעגן דער וועלט פון סאָציאַליזם פאַרורטיילט אף א מאַפּאָלע. „אויסקערעווען אף צוריק דעם גאַנג פון דער געשיכטע וועט זיך קיינעם ניט אייַנגעבן, — האָט אונטערגעשטראָכן דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון צק קפסס, פּאָרזיצער פון פּרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון פססר י. וו. אַנדראָפּאָוו. — דער סאָוועטנפאַרבאַנד, די אנדערע סאָציאַליסטישע לענדער יועלן לעבן און זיך אַנטוויקלען לויט זייערע געזעצן — לויט די געזעצן פון דער סאַמע פאָרגעשריטענער סאָציאַלער אָרדענונג".




## יאָסל בוכבינדער

### מײַן מעכטיקער גלויבן

אזוינס קאָן זיך טרעפן אין הארבסט:
מיט פינצטערניש ווערן די וועגן פארגאָסן,
איין בוים דערקענט ניט דעם צווייטן
בא זיך אינעם אייגענעם וואלד.
דריי איך זיך אום
צווישן מאַכיקע יעלן און סאָסנעס,
פון שווארצע באַטויִקטע קוסטן
גרײַפּט אָן אזא שרעקלעכע איימע,
גלײַך ווי א שאקאַל לעבן יעטווידן קוסט מיר באפאלט,
אז אָט ווערט מיר הייס, און אָט ווערט מיר קאלט.
נאָר איך האָב פאר שרעק ניט פארנייגט זיך,
ווײַל כ'ווייס יעדן קוסט אינעם היימישן וואלד.
אריבערגעשפאנט כ'האָב די שאָטנס, און גיין זיך געלאָזט,
מיט מיר זאלבעגאנד גייט די שנייִקע ווײַסקײַט פון מײַנע
געעלטערטע האָר,
וואָס האָט מיט א זילבערנער גראָווקײַט דעם קאָפּ מיר פארצויגן.
צינדט זי זיך אָן מיטאמאָל אינעם הארבסטיקן וואלד אזוי קלאָר,
און ווי א קליינע לעוואָנע באשײַנט זי מײַן וועג
און באלײַכט מיר די אויגן.
מײַן זילבערנע גראָווקײַט, זי פירט מיך אָן שרעק
אָט אהין, וווּ עס נעכטיקט, ווו ס'טאָגט בא דעם ברעג,
נאָך פון יונגווײַז געיארשנט באם דעמב דאָס געזונט
מײַן מעכטיקער גלויבן.

✧

## מאָטל גרוומאַן

### דו הערסט? דו זעסט?

לייג צו דעם אויער צו דער ערד:
די ערד ניט רוט —
דו הערסט?
דו זעסט?

עס טאנצן קינדער אין א ראָד,
אָן עפּל פאלט פון בוים אין סאָד,
עס שפּאנען מענטשן אָן א צאָל,
און ס'שלענגלט זיך א באן אין טאָל,

און יעדער קלאַפּ, און יעדער ריר
פאַלט אַף דער ערד,
אַף איר,
אַף איר!
און פּלוצלינג...
וואָס איז דאָרט געשען?
אַן אופריַיס!
און ארום אַלץ ברענט!
א שטוב טוט זיך א וואַקל שווער,
אין פיַיער קאָרטשעט זיך די ערד,

דער רויך מאַכט פינצטער דעם באַגינען,
און קוילן טראָגן זיך, ווי בינען,
און מאַמעס שריַיען, קינדער וויינען —
א מידבער בלייַבט פון אש און שטיינער,
ווו ס'האָט די ערד געלעבט, געבליט!
און שווער אזוי ווערט מיַין געמיט.
אין פרעמדער וויַיט
דאָס האָט פּאַסירט,
נאָר ס'רופט זיך אָפּ
אין הארץ בא מיר...

◇

## פּ י נ י ע  ק י ר י ט ש א נ ס ק י

# ו י ד ע ר

ווידער אין מינכען, אפן יִדישן בעסוילעם,
האקנקרייצן מע מאָלט,
מאצייווועס מע קרישלט, מע האקט דעם שטיין.
און אין טשיקאגאָ פּאשיסטן
טרוימען אופבויען אויוונס,
דורך וועלכע מע זאָל מיטן רויך פון די קוימענס
ווידער צעזייען פון מיַין פאָלק דאָס געביין.

אָ, וועלט מיַינע, וועלט, מוזסט ווערן א שוימער,
דעם מענטשן-וואלד היטן, ער זאָל פארבלייַבן גאנץ,
אז קיינער זאָל ניט קאָנען קומען און האקן די ביימער,
וועלכע מיר האָבן נאָך דער מילכאָמע פארפלאנצט.

◇

## מ א ק ס  ר ׳ א נ ט

# א דערמאָנונג וועגן מארשעווע ראָטעס

מארשעווע ראָטעס, צעצויגענע רייען,
עס ציט זיך די נאכט אָן א סאָף.
מיר גייען און דרעמלען,
מיר דרעמלען און גייען
און טריַיבן פון זיך אָפּ דעם שלאָף.

מארשעווע ראָטעס, די שטערן — זיי
ווימלען,
ס'קריצט נימעס דער שטויב אף די ציין,
מיר דרעמלען און גייען,
מיר גייען און דרעמלען
און דארפן ניט ווייניק נאָך גיין.

א בלאסע לעוואָנע, און שאָטנס זיך וויגן,
און ס'ציט זיך די נאכט אָן א סאָף.
איך וואָלט איצט געשלאָפן
מיט גרויס פארגעניגן,
נאָר ס'נעמט מיך ניט עפּעס דער שלאָף.

מארשעווע ראָטעס, אין היץ און זאווייען,
מיר גייען געהיים נאָר באנאכט,
די פיס וואקסן צו צו דער ערד,
נאָר מיר גייען,
וויַיל זיַין עס וועט מאָרגן א שלאכט.

◇

## מוישע פענס

### לויטערע מינוטן

עס שמעקט דער רעגן מיט א ווײַטן שטערן
און מיט א גרעזעלע באשיידנס
און מיט דעם דופט פון דײַנע טרערן
און מיט דעם צוג,
וואָס איז געקומען אונדז צעשיידן.

אזא מין רעגן!
און אזוינע טרערן!
עס איז צו גוטן!
און אלץ ארום מיר זאָגט:
דער צוג —
ער טראָגט אוועק דײַן הארץ דאָס שווערע
און לאָזט מיר איבער
לויטערע מינוטן.

◇

## אלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו

### דער וועלטס געברום

*Откуда он, сей гул непостижимый?*
Ф. И. Тютчев

פונוואנען קומט ער, דער געברום,
וואָס איך פארנעם אים אומעטום —
צי פרעפלט דאָס די וועלט פון שלאָף?
צי עפּשער ס'א געבורט-געשריי?
ניט שוין זשע גאָר א קרעכץ פון וויי?

ס'איז וואָס איר ווילט, נאָר ניט דער סאָף.

◇

## מאָטל גאָלבשטיין

### דײַנע אויגן

ווען קוקסט אָף מיר מיט פרייד, דעם קאָפּ עטוואָס פארבויגן,
דאַן דוכט זיך מיר, אז דײַנע טונק'לע שמייכלענדיקע אויגן —
זיי זײַנען פרוכטבארע צוויי פרילינגדיקע פעלדער...

נאָר ווען אין טרויער ביסט, דאַן ווערן דײַנע אויגן גרוילעך-שטום,
ווי צוויי פארוויסטע מידבערס, ווו עס בלאָנקען אום
מײַן ווײַטע יוגנט און מײַן נאָענטע שוין עלטער...

◇

## ליפּע העלער

### די וועלט איז אונדז טײַער

עס בײַטן זיך דורות,
עס בײַטן זיך צײַטן,
נאָר ס'בלײַבן ווי אײדעס —
די הייכן, די ווײַטן,

די דערפער, די שטעט
און די פעלדער, די וועלדער,
און אַלץ, וואָס איר זעט
אױף דער ערד אױף דער זעלבער.

דער מענטש זיך באַנײַט,
דאָס קלייזײַען ווערט נײַער.
ס'בלײַבט איבער די צײַט,
און די וועלט איז אונדז טײַער.

◇

## עליע ביידער

### דער געזעץ פון פאַרהיטן די צאַרטקײַט

צאַרטקײַט גיבן מאַמעס אױף די קינדער,
שענקען זי אַזױ ווי פרישע בלומען.
נאָר פאַרוואָס זשע זעט מען ניט דעם וווּנדער
בא די קינדער, וועלכע דאָס באַקומען?

האָט א קינד דער מאַמען אָפּגעגעבן
כאָטש א קײַלעך פון דעם גרויסן גליק?
קינדער בלײַבן שולדיק ס'גאַנצע לעבן —
וואָס מע שענקט, באַקומט מען ניט צוריק.

בא די קינדער בלײַבט די צאַרטקײַט אױך ניט,
זי געפינט אין הארצן זיך א טיר.
מאַמעס זײַנען קינדערס צאַרטקײַט מוחל,
ווײַל עס וואַרטן אייניקלעך אױף איר.

◇

## דאָרע כײַקינע

### פון וואָס איך וועל אַנשלאָפן

עס האָט דער צוויט מיך שלאָפן ניט געלאָזט,
ער איז באַנאַכט פון ווײַנשלבוים געפלויגן
און נאָכאַנאַנד געפאַלן אינעם גראָז —
האָב איך א נאַכט ניט צוגעמאַכט די אויגן.

ווי דאַרשטיק טרינקט דאָס גראָז, האָב איך געהערט,
די טויעלעך, וואָס זאַמלען זיך פון אויבן.
עס האָט דאָס שורשען שלאָפן מיר געשטערט —
האָב איך א נאַכט ניט צוגעמאַכט די אויגן.

א ווײַסע רויז צעריסן האָט איר פּענט,
צעהעלט זיך אױף דער בייט בא מײַנע שויבן.
איבערן רויש כ'האָב שלאָפן ניט געקענט —
א גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט די אויגן.

עס האָט דעם סאָד א נעפּל אײַנגעדעקט,
די ביימער פונקט ווי מיט א האַפּט פאַרצויגן.
פון שלאָף האָט מיך דער טומל אופגעוועקט—
כ'האָב שוין די נאַכט ניט צוגעמאַכט די אויגן.

די ווײַט האָט זיך צעדונערט און צעקנאַלט,
מיט פײַערדיקע שווערדן זיך געוויכערט,
די נאַכט האָט מיט א מאַבל זיך צעשאַלט,
וואָס צום בערײַשעסדיקן איז געגליכן.

געדעגנט פרײַלעך, יאַמטעוודיק, געשיקט,
מיט מעסער-בליצן העל געבלענדט פון אויבן.
דער רעגן-רויש האָט מיך געטרײַ פאַרוויגט,
אין זיסן שלאָף כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן.

◇

## פיניע פלאָטקין

# א סאָנעט

פון וואַלד האָט זיך דער ווינט
געטראָגן פלײַסיק,
פונקט זײַן אַרײַנקום איז געווען באַרעכטיקט.
דער ערשטער שניי האָט זיך געלייגט
פריצײַטיק
און נאָך פון אינדערפרי זיך דאָ פאַרפעסטיקט.

ס'איז אונטער אים די ערד
געווען פאַרגליווערט,
א שטאַרקער פראָסט האָט זיך צו איר
דערקליבן.

נאָר איך האָב סײַוויסײַ געזען: אין פיבער
איז פונקט אַנטקעגן איר דער בלויער הימל.

ער איז ניט שטיל געווען אַפילו ווינטער,
אַפילו ווען די ערד איז שטאַרק געשלאָפן.
כ'בין מאַסקים, ווער עס זאָגט,
אַז אויך א בלינדער
דעם הימל זעט, ווי ער איז ברייט און אָפן.

אַצינד צו אים אין קאָסמאָס העלדן קומען —
זיי זײַנען דאָרט מיט וויסנשאַפט פאַרנומען.

◇

## כאַיִם גורעוויטש

# לויפט א הירש
(עווענקישער מאָטיוו)

מיר טוט דאָס האַרץ אַצינדער אַזוי וויי,
אין שטילער לופט זיך פילט א גרויסער
אומרו.
עס לויפט א הירש צום ברייטן יעניסיי
אָפקילן די יאַטערדיקע ווונדן.

ס'האָט, קאַנטיק, בלוט א סאַך פון זיי געגאָסן,
און לאַנג און שווער פון טונדרע איז דער וועג,
דאָרט מײַן געליבטער האָט אין אים געשאָסן,
שוין באַלד א וואָך, אַז ער איז אַף געיעג.

כ'וועל אָניאָגן דעם הירש
און וואַסער פולע הויפנס
אין זײַנע הייסע ווונדן טאָן א גאָס,
פאַרמאַניען אים צו זיך און אַף א גוטן אויפן
די שווערסטע ווונד אים אויסהיילן מיט גראָז.

און ווען ס'וועט קומען מײַן געליבטער,
כ'וועל דערציילן,
אַז ס'איז דער הירש אין סטאַדע בא מיר דאָ,
אַז אַלע ווונדן קאָן מען גרינג פאַרהיילן,
אויב נאָר אין האַרץ קיין ווונד עס איז ניטאָ...

■ ■ ■

וולאַדימיר ביידער


וולאַדימיר ביידער איז געבוירן געוואָרן אין 1950 אין קאַמענעץ־פּאָ־דאָלסק. פאַרענדיקט דעם זשורנאַליסטישן פאַקולטעט פון לענינגראַדער מעלוכע־אוניווערסיטעט. אין אָנהייב פון די 70־ער יאָרן אָנגעהויבן אַר־בעטן אַלס זשורנאַליסט אין לענינגראַדער צײַטונגען. אַוטאָר פון פאַר־צייכענונגען און בראָשורן, פונעם בוך „דײַן פּראָפּעסיע — א שוסטער" (מאָסקווע, פאַרלאַג „ליאָכקאַיאַ אינדוסטריִא", 1980). די היסטאָריש־דאָקומענטאַלע דערציילונג „איין טאָג און דאָס גאַנצע לעבן" איז א סאַכאַקל פון לאַנגיאָריקע פאָרשונגען אין אַרכיוון און אין דער פּרעסע וועגן דעם אָנגעזעענעם רעוואָליוציאָנערן טוער און באָלשעוויסטישן טריבון, אַקטיוון אָנטיילנעמער אין דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע וו. וואָ־לאָדאַרסקי.

# איין טאָג און דאָס גאַנצע לעבן

## (דאָקומענטאַל־היסטאָרישע דערציילונג וועגן וואָלאָדאַרסקין)

### ווי פּרעכטיק עס איז דער פרימאָרגן!

די לעצטע טעג פון יון לעשן זיך ניט אויס אין פּעטראָגראַד מיטן זון־פאַרגאַנג. ווײַסע נעכט. דער הימל ווערט צו אָוונט־צײַט בלויז בלייכלעך, און די אײַנגעגעסענע שײַן פונעם אומענדלעכן טאָג הענגט אומבאַוועגלעך, וואַרטנדיק אויף דער נאַכט, ווי ער וואָלט געווען אויסגעמוטשעט פון שלאָפלאָזיקײַט. דער ווינט טראָגט אַראָפּ די וואַסער־שפּריצן פון דער קאַלטער ניעווא, קײַקלט דעם שטויב אפן געלן גראָז פונעם סמאָלנער אינסטיטוט, און אויס־געטאָפּטשעטן דורך די שטיוול און סאָלדאַטישע שיך. דער אָוונט דײַט אָן וועגן זיך בלויז מיט דער מידקײַט פון מענטשן און מיט דער פּלוצעמדיקער שטילקײַט פון די ראַנד־גאַסן.

שוין דעם דריטן טאָג גייען די איבערוואַלן אין פּעטראָגראַדער סאָוועט. אין מעשעך פון א גאַנצער וואָך מאַכט סמאָלני ניט צו קיין אויג. פון אינדערפרי צעפאָרן זיך די קאָמיסאַרן און אַגיטאַטאָרס איבער די זאַוואָדן, קלובן און מיליטערישע קאַזאַרמעס, און ביז די אָוונטיקע יעדיִעס שטילט זיך ניט אײַן דער גערודער פון אײַלנדיקע מענטשן, די טומלערײַ פון קאָ־לעריי שטימען, די קלאַפּערײַ פון טירן. שפּעט אָפּדערנאַכט הייבן זיך אָן אין די אָנגעריי־כערטע זאַלן זיצונגען, וועלכע פאַרציִען זיך ביז באַגינען. אין דער בלייכלעכער שײַן פון די פאַרשטויבטע ליוסטרעס זעען אויס נאָך מער ערדיש־פאַרטונקלטע די פאַרמאַטערטע געזיכ־טער פון די קאָמיסאַרן. עס בײַטן זיך איינער נאָכן אַנדערן די אָראַטאָרס, וועלכע הייבן זיך ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל אויף אויף דער טריבונע. און דער סעקרעטאַר איז שוין פאַרמוטשעט, שרײַבנדיק דעם פּראָטאָקאָל. ביז די דיסקוסיע איבער איינער א פראַגע וואַרפט זיך פּלוצעם אַריבער אויף דער אַנדערער און צעקאָכט זיך מיט דאָפּלטער קראַפט אויף א דריטער, קוקט

1—2587

שוין אין פענצטער אריַין דער באַגינען. עמעצער טוט אַ געשריי אין דער וויַיט פונעם קאָרידאָר: „לעשט אויס די שיַין!" און טוט אַ ליאַזגע מיטן דעקל פונעם קעשענע־זייגער, קוקנדיק מיט אומרו אויף די וויַיזערס, — ניט דערפאַר, וואָס עס איז שוין ציַיט צו שלאָפן, נאָר וויַיל ביז די אינדערפריִ־ענדיקע אינאָנים איז פאַרבליבן גאָר ווייניק ציַיט.

אַזוי האָט סמאָלני געלעבט אין אָט דער לעצטער וואָך, דער סאַמע אָנגעשטרענגטער, זינט די סאָוועטישע רעגירונג איז אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע.

אַזאַ איז אויך געווען יענער טאָג — דער צוואַנציקסטער יון פון 1918.

דער צימער נומער 10 אויפן דריטן שטאָק פון סמאָלני האָט אויפגעלעבט גאַנצפרי, ווען דער פאָלקס־קאָמיסאַר איבער די אינאָנים פון פרעסע, אַגיטאַציע און פראָפּאַגאַנדע וואָלאָדאַרסקי איז נאָך געווען אין דער רעדאַקציע פון „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ", — ער האָט פאַרענדיקט שריַיבן דאָס לייטאַרטיקל פאַר דער אָוונטיקער אויסגאַבע.

דער געהילף־סעקרעטאַר בראַזול־ברושקאָווסקי, דער אַלטער פראַוודיסט, האָט אומגעדולדיק געוואַרט אינעם שמאָלינקן קעמערל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פונעם צימערל, וווּ ס'איז איצטער געזעסן וואָלאָדאַרסקי און דערשריַבן דאָס לייטאַרטיקל. בראַזול־ברושקאָווסקי האָט בעטעווע געצופּט נערוועז די באָרד, געקוקט אויפן זייגער. אַלע אין רעדאַקציע האָבן געוווּסט, אַזביידע לייטאַרטיקלען — איינס אַ גרעסערס און דאָס צווייטע אַ קלענערס — פאַרנעמען באַם רעדאַקטאָר אַ מינוט צוואַנציק אָדער, אין לעצטן פאַל, אַ האַלבע שעה, זעלטן — עטוואָס מער. אַנדערש איז ניט מעגלעך — ווו זאָל ער נעמען מער באַ היַינטיקער ציַיט? אָבער דער מעגושעמדיקער פלעגמאַטיקער בראַזול האָט אין די שעהען, ווען עס ווערט געמאַכט די ציַיטונג, ניט געהאַט קיין געדולד — אַ געוווינהיַיט פון אַן אַלטן ציַיטונגס־וואָלף.

אָט די געוווינהיַיט האָט אים די גאַנצע ציַיט געיאָגט פון דער דרוקעריַי אין דער רעדאַקציע און צוריק, צווינגענדיק זיך דרייען אַרום דעם טיפּאָגראַפישן טאַלער, אינעם קלייניקן צימערל פון די קאָרעקטאָרן, זיך אַ באַוויַיז טאָן מיט זיַין גאַנצער ריזיקער פיגור הינטער די פּלייצעס פון די ציַיטונגס־מיטאַרבעטער, ווי איינער רעדט: „ווו איז יוישער? וואָס ציט איר אַזוי לאַנג?". ניט געקוקט אויפן בעקאָוועדיקן פּאָסטן, וואָס ער האָט פאַרנומען — די רעכטע האַנט פונעם סעקרעטאַר, און אויב איר ווילט, אַפילע פונעם רעדאַקטאָר, — האָט ער זיך ניט געשעמט אַליין זיך גריבלען אין די זאַץ־קאַסעס, פּאַטשקען די אַרבל, זיך פאַרבייגן איבער די שוין איבערגעבונדענע מיט שפּאַגאַט גראַנקעס, ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער וואָרטשעניש פונעם מעטראַנפּאַזש. ווען עס ווערט געגרייט צום דרוק די ציַיטונג, עקזיסטירט פאַר בראַזולן איין גאָט — שנעלקיַיט.

וואַרטנדיק, ביז דער רעדאַקטאָר וועט פאַרענדיקן דאָס לייטאַרטיקל, האָט דער געהילף־סעקרעטאַר געטראַכט: יאָ, אַוודע, שנעלקיַיט — דאָס איז דער איקער אינעם ציַיטונגס־אָרגאַניזם. שנעלקיַיט יאָגט דעם כראָניקער, ווען ער לויפט איבער דער שטאָט און איבער צענדליקער אַנשטאַלטן, לאָזט ניט צורו פאַרנומענע מענטשן, וועלכע סטאַרען זיך אים אָפּטריַיבן, ווי אַ דערעסענע פליג. שנעלקיַיט קלינגט אין די פאַרצווייפלטע געשרייען באַ די טעלעפאָנען, אין די אויסגעשרייען פון די ציַיטונגס־יִינגלעך, וועלכע האָווען איבער די גאַסן מיט פּעקלעך פרישע בלעטלעך, שיר ניט אַרונטערפאַלנדיק אונטער די רעדער פון טראַמוויַיען...

יאָ, שנעלקיַיט, בלויז שנעלקיַיט!.. נו, איז וואָס, האָט געטראַכט דער אַלטער ציַיטונגס־וואָלף, אַז אָט דער ערשט געבוירענער בלאַט, וועלכער שמעקט מיט פרישער פאַרב, וועט אין אַ שאָ צי צוויי אַרום שוין ווערן אויס ניַיס, מע וועט אים אַרויסוואַרפן אין מיסטקאַסטן אָדער פאַרוויקלען אין אים אַ שטיקל וווּרשט, יאַגעדעס, הערינג? דערוויַיל אָבער, ווען ער גייט נאָרוואָס אַרויס פון אונטער דער דרוק־מאַשין, פלאַטערט ער, צאַפּלט זיך און לעבט. צוויי־דריַי צענדליקער, צוויי־דריַי הונדערטער מענטשן האָבן געשריגן, געריעדט, נערווירט, זיך געגריבלט אין שריפט, אין פאַרב, אין מאַשינעס, מאַטאָרן, אין פּעק מיט פּאַפּיר, קעדיי צו געבן אַ קורץ לעבן אָט דער באַשעפעניש.

אָט איז ער, דער לעצטער עטאַפּ, דער אַנטשיידנדיקער, דער איקערדיקער. און דער געהילף־סעקרעטאַר ווערט אַלץ אומגעדולדיקער אינעם פּאָדער־צימערל, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט אַ הילצערן ווענטל פונעם קאַבינעטל, ווו עס זיצט דער הויפּט־רעדאַקטאָר. אַלע זיַיטלעך פון דער ציַיטונג זיַינען שוין אויסגעוויאָרסטעוועט, אויסגעלייענט, אויסגעפּאַריכט. בלויז די ערשטע צוויי שפּאַלטן אויף דער ערשטער זיַיט זיַינען נאָך פּוסט — די ערשטע צוויי קאָלאָנקעס, וועלכע מע האָט איבערגעלאָזט פאַר די לייטאַרטיקלען פונעם רעדאַקטאָר.

אפן זשורנאַל־טישל אין פּאָדער־צימערל ליגט אַ צוויפגעשנורעוועט פּעקל נומערן פון דער „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ" — אַלע נומערן, איינס אין איינס, זינט זי האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, פונעם 23־טן פעוורואַל 1918. בראַזול־ברושקאָווסקי געדענקט, וויאַזוי מע האָט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד זיך געאַמפּערט, וואָס פאַר אַ נאָמען זאָל מען געבן דער ערשט גע־בוירענער צייטונג. אינעם צימער נומער 37 פון דעם סמאָלני־אינסטיטוט, וועלכן דער קאָ־מענדאַנט האָט באַפרייט פאַר דער רעדאַקציע, האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרופּע זשורנאַ־ליסטן — אַליין וואָלאָדאַרסקי האָט זיי אונטערגעקליבן פאַר דער נייער אויסגאַבע: וואַסילי קניאַזעוו, דעמיאַן בעדני, מיכאַיל ליסאָווסקי. ס'איז געקומען אויך אוריצקי, וועלכער האָט געדאַרפט זיין דער רעדאַקטאָר פון די ערשטע נומערן, ביז וואָלאָדאַרסקי וועט זיך באַפרייען פון אַנדערע אויפטראַגן. עמעצער האָט פאָרגעלייגט:

— נו, וואָס איז דאָ לאַנג צו טראַכטן? לאָמיר זי אָנרופן פּאָשעט: „קאָפּייקאַ".

דעמיאַן בעדני האָט זיך צעלאַכט: ניט נאָר ער אַליין, נאָר אַלע האָבן געוווּסט, וויאַזוי ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק, אין זיבעצנטן יאָר, אריינגעזאָגט אין דער זיבעטער ריפּ אָט דעם בורזשואַזן בלעטל, וואָס גלייך נאָך אָט דעם קלאַפּ האָט עס אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

— „גאָלאָס ראַבאָטשעוואָ", — האָט פאָרגעלייגט אַן אַנדערער.

וואָלאָדאַרסקי האָט אַ בליק געטאָן מיט די ברילן־גלעזלעך:

— „גאָלאָס ראַבאָטשעוואָ" — עפּשער וואָלט אַזאַ קעפּל טאַקע געווען צוגעפּאַסט... „פּראַוודאַ" איז געבוירן געוואָרן ווי אַ צייטונג פאַר די אַרבעטער, און אונדזערע דאַרף זיין אַ צייטונג פאַר אַלע אַרבעטנדיקע. דאָס וועט זיין אַן אָרגאַן פון אַלע האָרעפּאַשניקעס פונעם רויטן פּיטער... שאַט, עפּשער וועלן מיר אונדזער צייטונג טאַקע אַזוי אָנרופן: „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ"?

אוריצקי האָט אונטערגעכאַפּט:

— פּראַקטיק! „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ"! דאָס קלינגט אויסגעצייכנט!

וואַסילי קניאַזעוו, וועלכער איז שטענדיק געווען אַ מייסטער אויף עקספּראָמטן, האָט גלייך פאַרפּאַסט אַ גראַם:

— „גאַזעטאַ קראַסנאַיאַ" — בורזשויאַם ווסיעם אָפּאַסנאַיאַ! די צייטונג, וואָס איז רויט, איז פאַר בורזשויען — טויט!

איצט האָט קיינער שוין ניט געצווייפלט: קיין בעסערער נאָמען פאַר דער נייער צייטונג איז אַזוי ניט צוגעפּאַסט, ווי אָט דער, וואָס עס האָט פאָרגעלייגט וואָלאָדאַרסקי. ס'וועט ניט דורכגיין קיין סך צייט, און איבער פּעטראָגראַד וועלן, ווי קליינע שיידימלעך, זיך טראָגן עטלעכע צענדליק יאַטלעך מיט פּעקלעך פון דער נייער צייטונג און וועלן פאַרהילכן די גאַסן צוויי מאָל אַ טאָג — אינדערפרי און אָפּדערנאַכט — מיט פריילעכע אויסגעשרייען:

— גאַזעטאַ קראַסנאַיאַ — בורזשויאַם ווסיעם אָפּאַסנאַיאַ!..

טאַקע אין יענעם טאָג, ווען עס האָט זיך געגרייט דער ערשטער נומער, האָט וואָלאָ־דאַרסקי געזאָגט בראַזול־ברושקאָווסקין:

— לייגט אַכט אויף די קעפּלעך. זאָלן זיי גלייך זיך וואַרפן אין די אויגן דעם לייענער. טיילט אויס דאָס איקערדיקע, און פאַרגעדענקט אויף שטענדיק: מיר זיינען אַ צייטונג פאַר־אַלע אַרבעטנדיקע — דאָס איז אונדזער לייענער. אונדז דאַרפן און וועלן לייענען קעכנס און באַלעגאָלעס!

בראַזול בלעטערט דאָס צונויפגעשנורעוועטע פּעקל צייטונגען, באַזונדער — די אינדער־פריִדיקע אויסגאַבע, באַזונדער — די אָוונטיקע. דער אַלטער זשורנאַליסט שמוכט אין די געדיכטע וואָנצעס. האַלעמײַ זאָל ער לייקענען — מע קאָן זיין צופרידן פון דער אַרבעט, וואָס סע איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן. הייַנט וואָס עס וועט נאָך זיין! מיט אַזאַ רעדאַקטאָר, ווי וואָלאָדאַרסקי, איז אַ מעכייַע צו אַרבעטן — ער לאָזט דיר באַווייַזן דייַן פּאָליגראַפישע קונסט, ווי דו ווילסט און ווי דו פאַרשטייסט, אָבער שטענדיק פילסטו זייַן האַנט, זייַן אָטעם, ווי ער וואָלט צוזאַמען מיט דיר געשטאַנען באַם טאָלער און אונטערגעזאָגט דעם מעטראַנ־פּאַזש:

— אָט דאָס קעפּל פאַרלירט זיך צווישן דער מאַסע קלענערע מיטיילונגען — מע דאַרף עס אויסזעצן מיט גרעסערן שריפט... און אָט דאָ איז ווייניק לופט — שפּאָרעוודיק דאַרף מען טאַקע זיין, אָבער ניט אַפן כעזשבן פונעם אינהאַלט...

גערעכט, זייער גערעכט! מע קאָן מיינען, אַז ניט בראַזול־ברושקאָווסקי איז דער עמע־סער צייטונגס־וואָלף, נאָר אָט דער יונגער זשורנאַליסט מאַיסיי מאַרקאָוויטש גאָלדשטיין, וועלכער האָט זיך אויסגעקליבן אַזאַ קלינגעוודיקן פּאַרטייִישן פּסעוודאָנים — וואָלאָדאַרסקי. אים, בראַזול־ברושקאָווסקין, האָט אָפּגעגליקט בלויז אַ פּאָר מאָל צו הערן דעם קאָמיסאַר פון

פּרעסע, אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, ווי ער טרעט אַרויס מיט אַ רעדע פֿאַר אַ טויזנטקעפּיקער אַאודיטאָריע. שווער איז אײַנצושטעלן מיטאָמאָל אָט דעם פֿאַרשיידנאַרטיקן האַמוין. איין אָראַטאָר טרעט אַרויס נאָכן אַנדערן, און דער זאָל הערט ניט אויף צו הודזשען ווי אַ בינשטאָק. אָבער אָט מעלדעט מען, אַז באַלד וועט אַרויסטרעטן וואָלאָדאַרסקי — און דער טויזנטקעפּיקער האַמוין ווערט אײַנשוויגן, ווי אַ מעכאַשעף וואָלט מיט איין זשעסט פֿון דער האַנט אַלעמען באַצויבערט.

געווען איז עס דעם 12 מאַרט, מיט פֿיר כאָדאָשים צוריק, ווען אינעם געוועזענעם אימפּעראַטאָרישן אַלעקסאַנדרישן טעאַטער האָט דער פּעטראָגראַדער סאָוועט צונויפֿגערופֿן אַ פֿײַערלעכע פֿאַרזאַמלונג, געווידמעט דעם ערשטן יאָרטאָג פֿון דער פֿעוורואַל-רעוואָליוציע. דער טעאַטער איז געווען פֿול געפּאַקט, און ער, בראַזול-ברושקאָווסקי, האָט זיך קוים אַרײַנגעקוועטשט צווישן דעם עולם אויף דער גאַליאָרקע. די ערשטע האָט גערעדט אַן אַרבעטערן פֿון אָרעכאָוואָ-זויעוואָ, נאָך איר זײַנען אַרויסגעטראָטן אַנדערע, צווישן זיי — פֿאָרשטייער פֿון פּערסיע און פֿון אינדיע. דער אינדישער דעלעגאַט האָט גערעדט אויף ענגליש, און וואָלאָדאַרסקי האָט גלײַך איבערגעזעצט זײַן רעדע אויף רוסיש. דערנאָך האָט ער אַליין גענומען דאָס וואָרט. דער זאָל האָט אויסגעבראָכן מיט אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן, ווי נאָר ער איז אַרויף אויף דער טריבונע — מע האָט געוווּסט, אַז עס וועט שוין זײַן וואָס צו הערן. וואָלאָדאַרסקי האָט צוגעוואַרט, ביז עס וועט זיך אײַנשטילן די אָוואַציע, און האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אין דער זײַט פֿון דער געוועזענער צאַרישער לאָזשע:

— טוט אַ קוק, טײַערע כאַווײרים, אויף אָט דער לאָזשע. נאָך פֿאַראַיאָרן איז דאָ געזעסן ניקאָלײַ ראָמאַנאָוו, און איצטער זיצן דאָ „טשומאַזע" אַרבעטער...

ווי מעטאַל האָט געקלונגען זײַן קאָל, צעגליטער הייסער מעטאַל, וואָס קאָכט און זידט, ווי אין אַ פֿײַערפֿלאַמיקן קעסל.

— אָט האָבן מיר זיך טאַקע דערוואַרט, אַז דער צאַריזם מיט זײַנע סאָלדאַטן, מיט זײַנע פּאָליצייִשע הינט, מיט זײַנע האַרמאַטן זאָלן פֿאַלן צו אונדזערע פֿיס, און בלויז אַש און פּאָרעך וועט פֿון אים בלײַבן.

דער זאָל האָט געענטפֿערט אויף אָט די ווערטער ווידעראַמאָל מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

— איר געדענקט דאָך אַוודע דעם צווייטן עטאַפּ פֿון אונדזער רעוואָליוציע — וויאַזוי אין די שווערע יול-טעג האָט די בורזשואַזיע פֿון אונדז געכויזעקט. „נו, וואָס, אַרײַנגעכאַפּט? — האָבן זיי, די צאַרישע סאַטראַפּן, געשלייערט אין קלוימערשט דעמאָקראַטישע קליידער פֿון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, געריבן די הענט פֿון פֿאַרגעניגן. — ווו איז אײַער לענין?". און מיר האָבן מיט פֿאַרביסענע ציין געמוזט שווײַגן. מיר האָבן אָבער געוווּסט, אַז אויב מיר זײַנען באַגאַנגען אַ פֿעלער, איז דאָס ניט אויף לאַנג. און ווירקלעך, אָקטיאַבער האָט אונדז געגעבן דאָס, וואָס עס האָט ניט געקאָנט געבן יול. איצטער זאָגן זיי: „אויב ניט אויף קערענסקין, איז אויף קאַלעדינען, אויב ניט אויף אים, איז אויף אוקראַינע — וועט איר זיך צעברעכן רוק-און-לענד". מיר האָבן אָבער רוק-און-לענד ניט צעבראָכן!

— ניין, ניט צעבראָכן, און קיינמאָל וועלן מיר ניט צעברעכן! — האָט געענטפֿערט דער זאָל מיט טריומפֿאַלע אויסגעשרייען.

— קיינמאָל ניט, כאַווײרים, — האָט אונטערגעכאַפּט די אויסרופֿן וואָלאָדאַרסקי. — ניט רוק-און-לענד, ניט דעם קאָפּ, ניט די פֿיס, ווי שווער עס זאָל אונדז ניט זײַן און וויפֿל עס איז אונדז ניט באַשערט נאָך אויסצושטיין!.. מיר האָבן געהאַט ניצכוינעס, געהאַט מאַפּאָלעס. אָבער צי דען האָבן מיר זיך נאָך די מאַפּאָלעס ווידער ניט אופֿגעהויבן אין גאַנצן וווּקס?

דער זאָל האָט זיך נאָכאַמאָל צעבושעוועט מיט אַפּלאָדיסמענטן, און אונטער אָט דעם שטורעם האָט וואָלאָדאַרסקי פֿאַרענדיקט:

— ניין און ניין, בורזשויען פֿון גאָר דער וועלט, ניין! מיר גיבן זיך ניט אונטער! מיר וועלן אָפּהאַלטן אַ ניצאָכן, קאָלזמאַן עס איז פֿאַראַן דער פּראָלעטאַריאַט, קאָלזמאַן עס איז פֿאַראַן דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט. און לעבט ער — לעבט די נעשאָמע פֿון דער רעוואָליוציע!

דער זאָל האָט געדונערט, דער זאָל האָט געבושעוועט מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז עס האָט זיך געדוכט: אָט-אָט וועלן די מעכטיקע ווענט פֿונעם אַלעקסאַנדרישן טעאַטער ניט אויסהאַלטן און אײַנפֿאַלן פֿון דעם געפֿילן-אויסברוך, וועלכער האָט זיך געטראָגן פֿון אַלע זײַטן...

בראַזול-ברושקאָווסקי האָט איבערגעלעבט אָט די דערמאָנונג, ווי זי וואָלט ערשט נעכטן פֿאָרגעקומען: וואָס פֿאַר אַ קויעך ליגט אין אָט דעם מענטשן — אַ קוק טאָן פֿון דער זײַט,

וואָלט קיינער ניט געזאָגט, אַז ער קאָן מיטאַמאָל אײַנעמען וואָס פֿאַר אַן אַאודיטאָריע עס
זאָל ניט זײַן. אין עטלעכע טעג אַרום וועט בראַזול-ברושקאָווסקי איבערלייענען די ווערטער,
וואָס עס וועט אַרויסזאָגן, שוין בא וואָלאָדאַרסקיס אָרן, אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש לונאַטשאַר-
סקי:

„...אָט דער מענטש פֿון אַ ייִדישער אַרבעטער-מישפּאָכע, דורכגײענדיק די אויספּרוּוון
פֿון דער אַמעריקאַנישער עמיגראַציע, האָט ווי געבראַכט מיט זיך פֿון יענער זײַט אָקעאַן
עפּעס אַזוינס, וואָס דערמאָנט אָן עמעסן באַגנעט. זײַן וואָרט איז געווען אַ שנײַדנדיקס. זײַן
וואָרט איז געווען אַ פֿינקטלעכס און האָט פֿאַרשאַפֿט עמעסע ווונדן. און דערפֿאַר האָבן די
סאָנים אים אַזוי פֿײַנט געהאַט...”

און נאָך האָט ער דעמלט געזאָגט בא וואָלאָדאַרסקיס אָרן:

„...מיר האָבן געפֿילט, אַז אָן אַנדערן אַזאַ מין אײַזערנעם, געטרײַען מענטשן וועלן מיר
בעפּיירעש ניט אָפּזוכן. ווו נאָר ס'איז געווען אַ דורכרײַס, אַ שוואַכקײַט, פֿלעגט זיך אַהין
וואַרפֿן וואָלאָדאַרסקי. ווען מיר האָבן געפֿרעגט, ווער וואָלט געקאָנט אָנפֿירן מיט דער אַגי-
טאַציע אין פּעטראָגראַד, האָבן מיר געזאָגט: וואָלאָדאַרסקי. ווען מיר האָבן געדאַרפֿט אָרגאַ-
ניזירן אַ צײַטונג, וועלכע וואָלט אַרײַנגעדרונגען אין אַלע קעמערלעך פֿון דער אַרבעטער-
מאַסע, וואָלט געקאָנט פֿאַר איר זײַן לײַבלעך-אייגן און וואָלט גערעדט מיט די מאַסן אַף
זייער לאָשן, מיט זייער כאָכמע, האָבן מיר געזאָגט: וואָלאָדאַרסקי...”

אָבער דאָס וועט זײַן אין צוויי טעג אַרום. דערווײַל, וואַרטנדיק, ביז דער רעדאַקטאָר
וועט פֿאַרענדיקן דאָס לייטאַרטיקל פֿאַר דער אינדערפֿרי׳עדיקער אויסגאַבע, בלעטערט דער
געהילף-סעקרעטאַר אײן נומער נאָכן אַנדערן — אַזעלכע באַקאַנטע, אַזעלכע נאָענט-לײַבלע-
כע, אין וועלכע ער, בראַזול-ברושקאָווסקי, האָט אויך ניט קיין קליינעם כיילעק, און ער
הערט זיך ניט אוף צו כידעשן, ווי קלוג און שאַרף, לאַקאָניש און טרעפֿלעך, זײַנען די קעפּ-
לעך, וועלכע וואָלאָדאַרסקי גיט פֿאַר זײַנע לייטאַרטיקלען:

„דער סוינע בא די טויערן!” — אין נומער דרײַ.

„זאָל זײַן דער אויער וואַכזאַם!” — אין פֿערטן נומער.

„דער שאָלעם איז אונטערגעשריבן, דער קאַמף דויערט” — נומער זיבן.

„פּאַטערט זשע ניט קיין צײַט!” — נומער נײַן...

די נומערן זיבעצן, אַכצן, נײַנצן, צוואַנציק זײַנען אָן לייטאַרטיקלען: וואָלאָדאַרסקי איז
פֿונעם 15-טן ביזן 19-טן מאַרט אַפֿן אויסעראָרדנטלעכן צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטן.

אַ קליינינקע דעטאַל: דעם 15-טן מאַרט אינדערפֿרי, אַף דער אָרדנטלעכער זיצונג פֿו-
נעם צוזאַמענפֿאָר, איז וואָלאָדאַרסקי דער פּאָרזיצנדער. אַ וואָרט באַקומט מאַרטאָוו. ער פֿאָ-
דערט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג זאָל אָנגעבן אין דעמיסיע און מע זאָל אָנהייבן אַ „הייליקע
מילכאָמע” קעגן דײַטשלאַנד אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג.

דער פּאָרזיצנדער איז געדולדיק. זאָל זיך מאַרטאָוו אַרויסזאָגן ביזן סאָף — מע דאַרף
דאָך וויסן, וווּהין די מענשעוויקעס צילן זיך. קאָלזמאַן יענער היצט זיך, וואָרפֿנדיק איין
באַשולדיקונג נאָך דער אַנדערער קעגן די באָלשעוויקעס, טראָגט זיך וואָלאָדאַרסקי אַריבער
אין נאָיאַבער 1917, ווען ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט פּאָנעם-על-פּאָנעם מיט
אָט דעם מענשעוויסטישן טרובאַדור.

...געווען איז עס אין איינער פֿון די סאָלדאַטישע קאַזאַרמעס ניט ווײַט פֿון דער ליטיינע-
גאַס. ס'איז געגאַנגען אַ מיטינג, אַף וועלכן עס זײַנען אַרויסגעטראָטן פֿאָרשטייער פֿון פֿאַר-
שיידענע פּאַרטייען. אַף דער טריבונע שטייט מאַרטאָוו. גאַנצע פּאָמעניצעס גיסט ער אויס
אַף די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן גענומען די מאַכט און קאָנען ניט, לויט זײַן מיינונג,
מיט איר זיך ספּראַווען. זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, גייט ער אַראָפּ אין זאַל, ווי אַ מענטש,
וועלכער האָט בעקאָוועדיק אויסגעפֿילט זײַן כויוו פֿאַר דער רעוואָליוציע, אַ גאַנץ צופֿרידע-
נער מיט זײַן הייסער רעדע. אים אינטערעסירט שוין מער גאָרניט — ער איז איבערצײַגט,
אַז די פֿאַרשיידנאַרטיקע סאָלדאַטישע מאַסע האָט אים גוט פֿאַרשטאַנען.

אָבער וואָס איז געשען? אַף דער טריבונע האָט זיך אויפֿגעהויבן נאָך גאָר אַ יונגער
מענטש, קימאַט אַ יאַטל, און צו מאַרטאָווס אויערן דערטראָגן זיך ווערטער, אַף וועלכע ער
האָט זיך ניט גערעכנט. אַ באָלשעוויק. און נאָך וואָס פֿאַר אַ באָלשעוויק! דאַכט זיך, ער האָט
אים שוין אַמאָל געזען. און דאָס קאָל איז מאַרטאָוון אויך עפּעס באַקאַנט. דאָס האָט ניט אָט
דער יונגאַטש געלייענט אין טאַווריִשן פּאַלאַץ די רעזאָליוציע פֿונעם פּעטראָגראַדער סאָוועט
דעם 25-טן אָקטיאַבער נאָך לענינס רעדע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:
„כאַוויירים, די אַרבעטער- און פּויערישע רעוואָליוציע, וועגן דער נייטיקײַט פֿון וועלכער עס
האָבן די גאַנצע צײַט גערעדט די באָלשעוויקעס, איז מעקויִעם געוואָרן?” נו יאָ, ער! אָט דאָס

איז ער, דער וואָלאָדארסקי, וואָס וועגן זײַן אָראַטאָרישן טאַלאַנט גייען איבער גאַנץ פּע־טערבורג שיר ניט קיין לעגענדעס... אויב אַזוי, דאַרף מען זײַן וואַכזאַם — ניט דורכלאָזן קיין איין וואָרט און גלײַך אים פאַרשטאָפּן דאָס מויל.

מאַרטאָוו שטרענגט אָן די אויערן. און וואָס מער ער הערט, אַלץ מאַרעשכוירעדיקער ווערט זײַן פּאָנעם. אַ קאַלטער שווייס באַדעקט זײַן שטערן, נאָר ער שעמט זיך אַרויסנעמען פון דער קעשענע דאָס טיכל און אים אָפּווישן. אַזאַ כוצפּעדיקער יונגאַטש! זײַנע ווערטער שיטן זיך, ווי אַ האָגל קוילן, ניין — ווי שראַפּנעלן פון אַן אַרטילערישן האַרמאַט, און מאַר־טאָוו פילט מאַמעש, ווי זיי בײַסן זיך אײַן אין זײַן לײַב, שטעכן אים מיט טויזנטער נאָדלען, פאַרשאַפן טיפע וווּנדן. מעטאַל! בלויז מעטאַל! בלויז מעטאַל קאָן אַזוי ווייטעקדיק שנײַדן דאָס לײַב! און דאָס קאָל פון אָט דעם יונגאַטש איז בעעמעס ווי אויסגעטאָקט פון מעטאַל — דאָס פילט ניט בלויז ער, מאַרטאָוו, נאָר דער גאַנצער זאַל. און וואָס מער וואָלאָדארסקי רעדט, אַלץ אָנגע־גליטער ווערט די סאָלדאַטישע מאַסע.

— זאָל לעבן די סאָוועטישע באָלשעוויסטישע רעגירונג, די רעגירונג פון די אַרבעטער און פּויערים! — כאַזערט איבער דער זאַל נאָכן אָראַטאָר.

מאַרטאָוו איז באַליידיקט. ווהין איז פאַרשוווּנדן זײַן אויסערלעכע רויִקײַט? ער גייט אַרויס פון די קיילים און פּרוּווט איבערשרײַען דעם באָלשעוויסטישן אַגיטאַטאָר:

— אָ, איר וועט ווײַט אַוועקגיין, יונגערמאַן!

וואָלאָדארסקי טוט אַ מאַך מיט דער האַנט אין מאַרטאָווס זײַט, ווי איינער רעדט: שרײַ, שרײַ, ס'וועט דיר שוין גאָרניט העלפן... און זעצט פאָר זײַן רעדע, וואָס איז פול מיט סאַר־קאַזם, מיט כויזעק, מיט איבערצײַגעוודיקער זיכערקײַט. ער גייט אין אָנגריף, ער מאַכט טיל־טעל פון מאַרטאָווס שיינער, לײַטיש־געקינצלטער רעדע...

איצטער, אָפן צוזאַמענפאַר, איז מאַרטאָוו שוין מער פאַרזיכטיקער. ער רעדט ניט בלויז אין נאָמען פון די מענשעוויקעס — אין נאָמען פונעם פאָלק, „וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגענאַרט". נידער מיט דער באָלשעוויסטישער מאַכט!

אין זאַל זיצן ניט בלויז מענשעוויקעס, נאָר אויך פאָרשטייער פון די רעכטע און לינקע עסערן און פון אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען. און ווען מאַרטאָוו פאַרענדיקט זײַן רעדע, טראָגן זיך אויסגעשרייען פון זייער זײַט. פּאַשעט זידלערײַען. זיי האַלטן אונטער דעם מענשעוויק. און וואָלאָדארסקי, דער פאָרזיצנדער, הייבט זיך אויף:

— איך דערקלער אָפיציעל: מירן מיט קויעך אַרויספירן פונעם זאַל יענע, וועלכע דערלויבן זיך צו באַליידיקן די פאַרזאַמלונג. בא אונדז איז אַ צוזאַמענפאָר און ניט קיין טאַראַראַוויצע!

אָבער די רעכטע קאָנען זיך ניט באַרויִקן. ריאַזאַנאָוו שפּרינגט אַזש אונטער פונעם אָרט:

— דאָס איז ניט יוישערדיק! דער פאָרזיצנדער האָט ניט קיין רעכט צו פאַרמאַכן אונדז דאָס מויל!

ער לאָזט זיך האָסטיק צו דער טריבונע, האַלטנדיק אין איין שרײַען:

— וואָלאָדארסקי האָט ניט קיין רעכט! מירן ניט דערלויבן צו טרעטן אונדז מיט די פיס!..

וואָלאָדארסקי איז רויִק. ניט דאָס ערשטע מאָל מאַניפּולירן אָט די לײַט מיט קאָנקרעטע רעוואָלוציאָנערע פּראָצעס, און ס'איז נאָך ניט געווען קיין איין פאַל, ער זאָל ניט קאָנען צו־נישט מאַכן פון זייער טראַסקענדיקער דעמאַגאָגיע. ער פאַרענטפערט זיך ניט — ער דער־קלערט:

— דאָס איז ניט נאָר מײַן מיינונג, דאָס איז אַ באַשלוס פונעם פּרעזידיום. יעדער האָט פולע רעכט אַרויסצוזאָגן זײַן מיינונג, פאַרטיידיקן זײַן שטאַנדפּונקט. אָבער אָן זידלערײַ, אָן באַליידיקונגען. איבערצײַגט אונדז מיט פאַקטן. יעדער פון אונדז דאַרף זיך אָפּגעבן אַ דין־וועכעזשבן אין דעם, מיט וואָס פאַר אַ וועג דאַרפן מיר גיין. מיר זאָגן: אונדזער וועג, דער וועג פון די באָלשעוויקעס, פירט צו אַ ניצאָכן. די אָפּאָזיציע טײַנעט: ניין, דאָס פירט צו אַ מאַפּאָלע. לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלײַבן...

בראַזול־ברושקאָווסקי בלעטערט ווײַטער די צײַטונג.

„און זי דרייט זיך פאָרט!", „גלייבט ניט די רעכילעס!" — וואָלאָדארסקיס צוויי לייטאַר־טיקלען אינעם נומער פאַרן 21־טן מאַרט, אָפן אַנדערן טאָג נאָכן צוזאַמענפאָר.

„מע זיפּצט..." — נומער 22.

„וואָס עס איז פאַראַן און וואָס עס וואָלט געווען" — נומער 23.

„טליִע־העלדן" און „געכאַפּט בא דער האַנט" — נומער 30.

„לײַגט ניט!" און „זיך אַליין אָפּגעשמיסן" — נומער 33.

„געדולד, האַרטקייט, דרייסטקייט" — 13 מיי.

און בוכשטעבלעך פֿאַר די לעצטע טעג — דער געהילף־סעקרעטאַר געדענקט מיט אַלע פּראַטים, וויאַזוי וואָלאָדאַרסקי האָט זיי געשריבן און ווען מע האָט זיי אויסגעזעצט:

„זיי זײַנען ניט בעקוידער צו פֿאַרלעשן די וועלט־סריפֿע!"

„רויק, כאַווירים, רויק!"...

דער געהילף־סעקרעטאַר איז אַזוי פֿאַרטיפֿט אין דער צײַטונג, אַז ער באַמערקט ניט, ווי עס עפֿנט זיך די טיר און דער רעדאַקטאָר שטרעקט אים אויס עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר:

— נו, אָט, אַף הײַנט וועט זײַן גענוג...

בראַזול־ברושקאָווסקי הייבט זיך האַסטיק אויף און טוט מעכאַניש אַ קוק אַפֿן זייגער: אײנגאַנצן פֿינף און צוואַנציק מינוט האָט ער געוואַרט אַף די בלעטלעך.

איצטער — אַף יאַמסקאַיאַ, אין דרוקערײַ. וואָס גיכער! פֿריִער פֿאַר אַלץ — שנעלקייט!

אָבער ווי ער אײַלט זיך ניט וואָס גיכער צו פֿאַרפֿולן דאָס פּוסטע אָרט אין דעם שוין קימאַט גרייטן נומער, וועט ער — זאָל זײַן אַפֿילע אין מיטן גאַנג, אַף איין פֿוס, אומבאַדינגט נעמען די זײַטלעך גרויען פּאַפּיר, אָנגעשפּיגעוועטע מיט גרויסע, דײַטלעכע אויסיִעס (איִ־בערשרײַבן אַף דער מאַשינקע איז שוין ניטאָ קיין צײַט, און דער רעדאַקטאָר האָט עס געהאַט אין זינען), וועלכע ער האָט אָקאָרשט באַקומען פֿון וואָלאָדאַרסקיס הענט. ער איז דער ערשטער לייענער. דערנאָך — ווייסט ער — וועלן קומען, וועט גלײַך צו די זעצער, קלוימערשט צוליב אַ נייטיקן איניען, קלוימערשט גאַנץ צופֿעליק, אָדער אין קאָרעקטאָרסקע, אַלע אַנדערע מיטאַרבעטער פֿון דער רעדאַקציע. און יעדערער — מיט איין און דעם זעלבן מיין: איבער־לייענען, וואָס גיכער איבערלייענען! דאָס איז ווי אַ פֿרעמיערע. צוויי מאָל אַ טאָג, אָן אָן איבערײַס. און אַלעמאָל — פֿאַרגאַפֿט, מיט אַנציקונג. און מע וועט זיך וווּנדערן, מע וועט פֿאַשעט ניט וועלן גלייבן די אייגענע אויגן: איז אַזוינס דען מעגלעך?.. און ווען באַוויזט ער אַזוי צו קאָנצענטרירן אין פֿאָקוס זײַנע געדאַנקען, זיי זאָלן זיך לייגן אַפֿן פּאַפּיר אַזוי פֿרײַ, אַזוי שפּאַרעוודיק, אַזוי איבערצײַגעוודיק? און צי שלאָפֿט ער ביכלאַל, דער רעדאַקטאָר? אַפֿאַנעם, טאַקע ניט. און אַזאַ אײַנדרוק, אַז ער נייטיקט זיך ניט אַפֿילע אין רו, ער דאַרף עס לאַכלוטן ניט האָבן...

האַלב זיבן אַזייגער. אַלע זײַנען שוין פֿונלאַנג אַף זייערע ערטער. אַלע האָבן זייער באַשטימט אָרט. וואָלאָדאַרסקי האָט אויך זײַן באַשטענדיק אָרט: די רעדאַקציע געפֿינט זיך אינעם צימער נומער 37. אָבער ער איז ניט בלויז אַ רעדאַקטאָר — ער איז דער קאָמיסאַר פֿון פּרעסע, אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער צאָפֿנדיקער קאָמונע. פֿאַרן קאָמיסאַר איז אויסגעטיילט דער צימער נומער 49. די אופֿנעם־שאָען זײַנען דאָ פֿון צוויי ביז דרײַ אַזייגער, און ס'איז נאָך ניט געווען אַזאַ פֿאַל, ער זאָל ניט קומען אַהער צו דער צײַט. פּינקטלעך צו דער צײַט — אַף קיין איין מינוט שפּעטער. און דאָס ווייסן שוין אַלע — די רעדאַקטאָרן פֿון אַנדערע פּעטראָגראַדער צײַטונגען, און אַרבקאָרן־אָנפֿאַנגער, און קולטור־טוער פֿון די ראַיאָנען.

דער טאָג איז אויסגערעכנט אַף שאָען, די שאָען — אַף מינוטן.

וואָלאָדאַרסקי גייט אַרויס פֿונעם סמאָלני־אינסטיטוט. באַנאַנד מיט אים — אילין־זשע־ניעווסקי, דער מיטגליד פֿון רעדקאָלעגיע פֿון דער „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ", פֿאַרוואַלטער פֿון איר רויטאַרמייִשן אָפּטייל, און אײַנצײַטיק — דער איניאָנים־פֿירער אינעם מיליטערישן קאָ־מיסאַריאַט.

— אַף דער סלוזשבע, סאַשע?

— געוויינלעך.

— פֿאָרן מיר, הייסט עס, צוזאַמען?

נאָך דער אָנגערויכערטער טונקלקייט פֿונעם רעדאַקציאָנעלן צימער איז אַ מעכײַע אײַנעטעמען אין זיך די פֿלוצעמדיקע קילקייט פֿונעם פֿרישן פֿרימאָרגן. וואָלאָדאַרסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ רעגע און פֿלוצעם זיך געכאַפּט, אַז ער שמייכלט אָן קיין שום סיבע, אײַנקוקנדיק זיך אין דער פּערספּעקטיוו פֿון דער גאַס. די שמאָלע גאַלערנע איז גע־קומען אַנטקעגן מיט איר עטוואָס אָפּגעלושעטער פֿאַראַדנע פֿון דער גאַלעריי. מיט די שטיינערנע כוואַליעס צווישן די הויכע ווענט פֿון די פֿאַסאַדן האָט זי אַ צי געטאָן צו דער ערקע, וועלכע פֿאַרייניקט די קאַלטע און אָפּגעלאָזטע געבײַדע פֿונעם סענאַט מיט די ברעגן פֿונעם בולוואַר, און פֿײַערלעך אַרויסגעפֿירט צו דער ראַכוועס פֿונעם פּלאַץ, ווו עס איז געזעסן רײַטנדיק די פֿאַרגרינטע מעשענע פֿיגור, וועמענס פֿערד עס האָט געטאָפּטשעט, אָנשפּאַרנדיק זיך אַפֿן ווידל, די מעשענע שלאַנג.

דער קאָמיסאַר האָט אַ קוק געטאָן אױף זײַן מיטגײער. זײ האָבן אַ שמײכל געטאָן אײנער צום אַנדערן, פֿאַרשטײענדיק, אַז זײ האָבן אַ קלער געטאָן איצט װעגן אײנעם און דעם זעלבן: װעגן דעם, װי פּרעכטיק עס איז דער פֿרימאָרגן, און ס'איז זומער, און דער נומער פֿון דער צײַטונג איז גרײט, און עס שטײט זײ פֿאַר נאָך אַ גאַנץ גרױסער טאָג — אַ הײסער טאָג, און אַ הײסער װעט ער זײַן ניט װײַל ס'איז זומער, נאָר װײַל אַ סך זאַכן דאַרף מען הײַנט נאָך אױפֿטאָן. און נאָך האָבן זײ אַ קלער געטאָן, אַז זײ זײַנען נאָך גאָר יונגע מענטשן, און גוט איז זיך צו קװיקן מיטן מעכטײַדיקן פֿרימאָרגן און זען מיט לעבעדיקע אױגן, צװישן אײן איניען און דעם אַנדערן, װאָס עס װאַרטן אױף זײ, אָט די אױעקגײענדיקע גאַלערײ פֿון דער גאַס, װעלכע איז פֿול מיט כידעש, װי זײ װאָלטן זי דערזען צום ערשטן מאָל אין לעבן.

דער שאָפֿער איז אױך געװען פֿאַרכידעשט, אָבער ניט פֿון דער גאַלערײ — ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרװאָס זײַנען פּלוצעם שטײן געבליבן װאָלאָדאַרסקי און איליִן-זשעניעװסקי — אָט דעם מענטשן האָט ער אױך גוט געקענט. נאָר לאַנג טראַכטן װעגן דעם האָט ער ניט געקאָנט — ער האָט אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר. אַ שעמעריר געטאָן מיט די שװאַרץ־פּאָלירטע פֿליגל אױף דער נאָך ניט אינגאַנצן דרײסטער פֿרימאָרגנדיקער זון, האָט דער אױטאָמאָביל זיך אַ קײַקל געטאָן איבער דער גאַלערנע...

## אינעם שטײנערנעם זאַק שלאָפֿט זיך ניט

דער שטאָטישער פֿרימאָרגן האָט זיך פֿאַמעלעך גענומען אָנװאַרעמען פֿון דער געװײנלעכער אַרבעט. די זאַװאָדישע קוימענס האָבן אָנגעהױבן שמירן די שטילע העלקײַט פֿונעם הימל מיט די ערשטע רױכעלעך. ס'האָבן אַ פּרוּװ געטאָן זײער קאָל די ערשטע טראַמװײַען. גאָך שװער, װי זיך אָפּגעװױנט פֿאַר דער נאַכט, האָבן זײ זיך געקײַקלט איבער די רעלסן. אַ װינט האָט פֿױלבלעך געיאָגט איבער דעם דװאָרצאָװן פּלאַץ שטיקלעך פֿון נעכטיקע צײַטונגען און אָפּישן. דער װעכטער בײַ דער טיר פֿונעם גענעראַל־שטאַב האָט גלײַכגילטיק זײ באַגלײט מיטן בליק — אָפּשטײן די לעצטע שאָ איז פּײַנלעך שװער, און ער קײַט מיט פֿאַרכאַלעשטע ליפּן דעם ציגײַער מאַכאָרקע: אָט־אָט דאַרף מען קומען אים פֿאַרבײַטן.

דער ניעװסקי פּראָספּעקט איז נאָך געשלאָפֿן — לױט דער אַלטער בורזשױסקער געװױנשאַפֿט. אָדער ער האָט בלױז געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער שלאָפֿט. װי יענער װעכטער בײַ דער טיר פֿונעם גענעראַל־שטאַב, שטײט ער שױן אױף די לעצטע שאָען — דער געװעזענער יאַכסן אין דער געװעזענער הױפּטשטאָט, דער געװעזענער טשינאָװנער ניעװסקי. דער געװעזענער... דערװײַל נאָך אַ זאַטינקער, נאָר שױן אַ היפּש אָפּגעבליאַקעװעטער.

װי פֿאַלדן פֿון אַ פֿאַרעלטערטן סערדעט, װאָס מע פֿלעגט אָנטאָן נאָר אין יאָמטעװצײַט, האָבן געסטאַרטשעט פֿון הינטער די אָנגעבלאָזענע פֿאַסאַדן די פּאַלאַצן־ברונעמס, װעלכע האָבן שױן געהאַט פֿאַרזוכט אַ בעזעם, װאָס די נײַע מאַכט האָט אַרײַנגעשטעקט אין די הענט פֿון די געװעזענע גענעראַלן — מע האָט זײ געבעטן מעכילע גײן אין דעמיסיע, אָבער מיט עפּעס־װאָס נוצלעכס האָבן זײ דאָך געדאַרפֿט זיך פֿאַרנעמען. באַלײדיקטע, האָבן זײ שטענדיק זיך באַמיט אַרױסצודרײען פֿון אָט דער געצװוּנגענער אַרבעט, און דערפֿאַר זײַנען טאַקע די הױפֿן געװען פֿאַרװאַלגערט מיט גאָר ניט קײן געװײנלעכן מיסט — מיט גלעזערנעם זאַלץ פֿון צעקרישלטע װענעציאַנער פֿענצטער, מיט ברוכשטיקער פֿון טײַערן פּאָרצעלײַ, מיט צעריסענע שײמעס פֿון געװעזענע טײַערע ביכער. דער אָפּהילך פֿון טריט רופֿט זיך קלינגעװדיק אָפּ אין אָט די הױפֿן, קײַקלענדיק זיך איבער די קײַלעכדיקע װענט פֿונעם שטײנערנעם זאַק ביז דער סאַמע הײך. און טרעפֿט אַמאָל אַהער אַן אײנזאַמער דורכגײער — אײַלט ער װאָס גיכער צו פֿאַרשװינדן אינעם אָפּגרונט פֿון דעם הינטערשטן אַרײַנגאַנג, ראַטעװענדיק זיך פֿונעם געפֿערלעכן רעזאָנאַנס.

אַזױ האָט זיך דורכגעשמוגלט אין דער הײַנטיקער נאַכט צו זײַן נײַער װױנונג דער באַיעװיק סערגײעװ. נאָכאַמאָל האָט מען זיך צונױפֿגעזאַמלט אין אײנעם פֿון די צימערן פֿון דער דירע, װאָס קײנער האָט ניט געװוּסט, װעמען זי געהערט. אָבער דאָס האָט ניט אױסגעמאַכט: איר אױסערגעװײנלעכע אָפּגעלאָזטקײַט, װי אַן אומגעריכט אַראָפּגעקומענע עלטער, האָט זײער געפּאַסט צו דער שטימונג פֿון אירע אײַנװױנער. אַלץ, װאָס עס איז געװען פֿאַרבונדן מיט אָט דער דירע און מיט אירע טױשװים, האָט געטראָגן אױף זיך אַ שטעמפּל פֿון סענטימענטאַלער סימבאָליק. און די אײַנװױנער אירע, ניט רײדנדיק װעגן

דעם אף א קאָל, האָבן מיט קרענקלעכן פאַרגעניגן אופגענומען די האַרמאָניע פון אַט דעם אינדזל פון שטומע ווענט, קאַלטער ראַכוועס און צופעליק פאַנאַנדערגעשטעלטע טײַ־ערע כפייצים, וואָס קיינער דאַרף זיי שוין ניט איצטער. און זייער אייגענער צושטאַנד איז שוין געווען א צושטאַנד פון דערשלאָגענע, ייִעשפּולע מענטשן, וועלכע האָבן זיך צוגע־ווינט מיטן געדאַנק, אַז זיי לעבן שוין, מיסטאַמע, די לעצטע טעג.

קיין געשפּרעך איז ניט געווען. ווי געווײנלעך, האָט מען לאַנג געשוויגן צווישן איין אַרויסגעזאָגטער פראַזע און א צווייטער. רעדן וועגן דעם איקערדיקן האָט זיך ניט גע־וואָלט, אָבער אַט דאָס איקערדיקע האָט אף אַזויפיל פאַרנומען אַלע מאַכשאָוועס און נערוון, אַז וועגן עפּעס אַנדערש האָבן די, וועלכע האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט, רעדן שוין ניט געקאָנט. דער קורצער פּעריִאָד פון יענער צײַט, ווען, צונויפזאַמלענדיק זיך אינאיינעם, האָבן זיי זיך געפילט אַלס העלדן פון גרויסן טעראָר, איז שוין פונלאַנג פאַרגאַנגען. די נאָבלקײַט און מעסירעסנעפעשדיקײַט פונעם העלדנטאַט באַליכטן דאָס לעבן מיט העלער פאַרגעניגן־שײַן בלויז אין קורצן מאָמענט פון אויסוואַל, אָבער די רוטינע פון דער צוגרייטונג צו אַט דעם העלדנטאַט איז פאַרטונקלט און ניט פריילעך. אַליין די באַיעוויקעס האָבן אָנגעהויבן צו מערקן אין זיך וועלפישע טנועס. יעגערס, האָבן זיי זיך געפילט אינעם אומרויִקן פּע־טראָגראַד ווי פאַרסאַמטע מײַז, און זייער וואַזשאַק, וועלכער איז אַמאָל געווען גאַנץ זיכער אין זיך, — דער קאָמאַנדיר פונעם צענטראַלן שלאַכט־אָטריאַד סעמיאָנאָוו, האָט אַלץ אָפּ־טער זיך אָנגעשטויסן אף א וואַרטנדיק־פײַנטלעכן בליק, וועלכער האָט כּמעט (כּײַיִש) געפינקלט אין דער טיף פון די אויגנלעכער. ער האָט פאַרשטאַנען: מע דאַרף טייקעף געבן די מענטשן אַן איניען, אַניט וועט זײַן א דורכפאַל — דער וועלפישער שטעג נערט זיך מיט בלוט.

קיין שלאָף האָט זיי ניט גענומען. די קורצע טונקלקײַט פון דער שקיִע האָט זיך צעזייט אין די פענצטער, ווען מע איז זיך צעגאַנגען איבער די צימערן.

סערגייעוו איז אופגעשטאַנען פריִער פאַר אַלעמען. ער איז שוין פונלאַנג ניט געגאַנ־גען אפן זאַוואָד, אָבער די געוווינשאַפט זיך אופכאַפּן צום אָנהייב פון דעם אומבײַט האָט נאָך אין אים געלעבט. ער האָט אפילע ניט געוואָלט זיך אָפּגעווינען פון איר. דאָס, וואָס עס האָט אַמאָל אים זייער געאַרט — די אָנגעהעריקײַט צו דעם פּראָסטן גראַד פון אַרבע־טער, — האָט איצטער אין זײַן נײַער קאָמפּאַניע געדינט אַלס א זאַך פון באַזונדערן שטאָלץ.

— סערגייעוו, אַן אַרבעטער, — פלעגט ער איצט זאָגן, באַקאַנענדיק זיך, און ער האָט געזען: דאָס ווירקט, דאָס מאַכט א באַזונדערן אײַנדרוק. און אויך צווישן זײַנע כאַווײרים, האָט ער באַמערקט, האָט די אָנגעהעריקײַט צום פּראָלעטאַריאַט — אַן עכטע, און ניט קיין אונטערגעמאַכטע, ווי בא זיי, די פאַרטיידיקער פונעם פּראָלעטאַריאַט, — אים צוגעגעבן מער וואָג. גראַפן זײַנען הײַנט ניט אין דער מאָדע, ניט יענע צײַטן. און אין די שטרײַטן פון קליינע און גרויסע דיסקוסיעס וועגן די נויטן פונעם אַרבעטער־קלאַס אין הײַנטיקן מאָ־מענט פון דער רעוואָליוציע, ווען די אָפּאָנענטן פלעגן שוין הייזעריק ווערן, אָבער ניט געוואַגט צו אויסשטרעקן א האַנט איינער דעם אַנדערן, האָבן אָפּט די קעפּ זיך א קער געטאָן צו אים, ווי צו א פאַרמיטלער צווישן די צדאָדים:

— לאָמיר הערן, וואָס עס וועט זאָגן דער אַרבעטער.

און ער פלעגט רעדן. אין דער מאָס קלוג, אויסנוצנדיק אומבאַדינגט א פאָלקסווערטל, וואָדען — ער האָט דאָך אַזוי לאַנג געשוויגן. דערנאָך פלעגט ער זשעדנע כאַפּן יעדע רעפּליק — עפּשער וועט עמעצער זאָגן: „זע נאָר, אַן אַרבעטער — און אַזאַ לאָשן, אַזאַ פרישקײַט פון געדאַנקען!”

ער האָט אוועקגעשליאָפּעט אף דער קיך, א שלונג געטאָן פאַרזשאַווערט וואַסער פונעם קראַן און האָט צעעפנט דאָס פענצטער, וואָס גייט אַרויס אין הויף. דער קאַלטער שטיינערנער ברונעם איז געווען שמוציק און פוסט, און ס'איז ניט געווען, אף וואָס אָפּצו־שטעלן דעם בליק. אָבער סערגייעוו איז ניט אוועקגעגאַנגען פונעם פענצטער — ער איז געשטאַנען איבערן איפּעשדיקן פּיסק פונעם הויף, ווי ער פלעגט לאַנג שטיין אַלע אײַנ־דערפרי, צוהערנדיק זיך צו די ווײַטע פרעמדע הודאָקן פון זאַוואָדן און צו די אייגענע ניט פריילעכע געדאַנקען.

נאָך מיט א יאָר צוריק האָט זיך אים זײַן לעבנס־וועג אויסגעוויזן, ווי מע וואָלט עס אָנגעצייכנט פעסט און גלײַכמעסיק. מיט פויערישער פּינקטלעכקײַט האָט סערגייעוו באַ־שטימט זײַן אָרט אינעם ווירבל פון דעם געוואַלגער נאָך דער פעוראַל־רעוואָליוציע. ער האָט גלײַך זיך פאַנאַנדערגעקליבן, מיט וועמען עס איז די צוקונפט. ער איז אוועק פון די אַנאַרכיסטן און איז צוגעשטאַנען צו די עסערן. אים האָט צו זיי צוגעצויגן ניט ווי די סטודענטן־אינטעליגענטן, די ביכלדיקע האָנעלער, וועלכע האָבן געקוקט אף די סאָציאַ־

ליסטן-רעוואָליוציאָנערן מיט ראָמאַנטישער אנציקונג — אַזעלכע דרייסטע עקספּראָפּריאַ-טאָרס, זיי האָבן דאָך ניט מורע געהאַט אפילו דעם קייסער צו דערהאַרגענען! זיי האָבן ניט מורע געהאַט, וויסנדיק, אַז עס וואַרטן אויף זיי די פּעטראָפּאַוולאָווער און די שליסל-בורגער פעסטונגען, טליִעס וואַרטן אויף זיי... ניין, ניט דאָס האָט סערגייעוון צוגעצויגן צו די עסערן. ער איז געווען אנציקט פון זייער קויעך — די מאַסע איז נאָך די אַנאַרכיסטן ניט געגאַנגען, אָבער נאָך די סאָציאַליסטן-רעוואָליוציאָנערן — יאָ. אין וואָס פאַר אַ זײַט די רעוואָליוציע האָט ניט פאַרקערעוועט — צום ווינטער-פּאַלאַץ צי צום טאַווריִשן — אומעטום זײַנען זיי געווען, ווי בא זיך אינדערהיים, און אומעטום — באַם סאַמע רודער. און סערגייעוון האָט זיך פאַרוואָלט אויך זײַן וואָס נעענטער צו דער קאַרעטע. ער האָט זיך גענוג געמוטשעט אין די זאַוואָדישע צעכן — איצטער איז געקומען אויך זײַן צײַט. און אויב ניט אויסנוצן אַזאַ גינסטיקן מאָמענט, אויב דו וועסט פאַרשלאָפן — ביסטו ניט ווערט, אַז די ערד זאָל דיך טראָגן. ווײַל טו נאָר אַ קוק אויף דײַנע געוועזענע כאַווירים — קימאַט אַלע זײַנען שוין אַרויס אין דאַמקעס, און די ביסט נאָך אַלץ אַ געוויינלעכע פיגור.

און ער האָט זיך אַנטשלאָסן. גיי ווייס, אַז עס וועט זיך אַ דריי טאָן ניט אַזוי, ווי ער האָט אויסגערעכנט!

אין דער אינדערפּריִעדיקער אומבאַוועגלעכער שטילקייט קאָן מען הערן יעדן קלאַנג, און צו סערגייעוון האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש פון אַ מאָטאָר. גלײַך ווי אָט דער גערויש וואָלט אומיסטן אויסגעקליבן דאָס צעעפנטע פענצטער. נו יאָ, ס׳איז אַ מעכאַניזירטער וואָגן — די פּריוויליגיע פון די נײַע פירער, און ער צאַקעט איבערן ברוק פונעם דוואָר-צאָוון פּלאַץ אויך ווי בעקיוון זיך רייצנדיק מיט אים, סערגייעוון.

אַוודע וואָלט ער אויך געקאָנט אַזוי פאָרן, הוידענדיק זיך אויף דער אַמעריקאַנער גו-מי — אין אומצוטריטלעכער, אין אנטשיידענער, מיט אַ פאַרזאַרגט פּאָנעם, און יינגלעך פון דער גאַס וואָלטן אים מעקאַנע געווען, און די נעכטיקע שכיינים וואָלטן געקרימט די נעז פונעם בענזין-רייעך און זיך געשאַרט צו דער זײַט, ווי עס קרימט זיך איצט און שפּײַט מיט צאָרן ער אַליין. ער וואָלט געקאָנט... וויאַזוי זשע האָט געטראָפן, אַז ער האָט אַזאַ מיִעסן טאָעס געהאַט? ווי עס האָט גערעדט יענער באַבריליטער אַגיטאַטאָר אינעם אַרבעטער-קרײַזל: דיאַלעקטיק... ניט גענומען אין אַכט די היסטאָרישע אומגעבונג, די אַנטוויקלונגס-טענדענץ — אַזוי, דאַכט זיך, הייסט עס. אונטערגערעכנט, ווי אין אַ דאָרפישן געשלעג: ווער עס איז שווערער, יענער וועט אַרוף אויף אויבן. געמיינט, אַז אַלץ איז שוין געשען, — לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז געווען בלויז אַן אָנהייב. די מאַסן האָבן זיך דערווײַל נאָך צוגעקוקט, מיט וועמען צו גיין און וווהין.

עד האָט געמיינט, אַז ער איז קליגער פון אַלעמען, און ווי דער קליגסטער — געלאָפן פונפאַרנט פונעם האַמוין, געײַלט צו פאַרנעמען אַן אָרט, ווי אין טראַמווײַ. האָט ער טאַקע פאַרנומען, אָבער, עמעס, ניט אין יענעם וואַגאָן. ער האָט געטראַכט קומען צו די זיגער, נאָר ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן — צו דער אָפּאָזיציע. שויטע בען שויטע וואָס דו ביסט! אָבער אָפּטרעטן איז שוין שפּעטלעך, איצטער איז דאָ איין האָפענונג: אַרויסשווימען צוזאַ-מען מיט אַלעמען, און מאַכן מיט די הענט דאַרף מען מער פון אַלעמען און צוזאַמען מיט אַלעמען — דאָס וועט דיר פאַרעכנט ווערן. דעריבער האָט ער דעם פאַרשלאָג אַרײַנצוגיין אין באַשטאַנד פון דעם צענטראַלן שלאַכט-אָטריאַד, דער סאַמע געהיימער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי, אויפגענומען קימאַט מיט פרייד. אויב דאָס, וואָס עס איז פאַרטראַכט גע-וואָרן, וועט ברענגען צו אַ באַגערטן רעזולטאַט, וועט זייער גרופּע, יעדער איינער פון זיי, אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי, אַרײַנגעשריבן ווערן אין צעטל פון די העלדן — ניט יעדער האָט אַזאַ זכיִע. נו, און די ריזיקע? זאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, אַז מע גייט באַוווסטזיניק אויף אומקום, האָט קיינער פון זיי אינדערעמעסן אין טויט ניט געגלייבט. אַלע האָבן געהאָפט צו בלײַבן לעבן. זיך זעלבסט האָט סערגייעוו געהאַלטן פאַר אַ באַלמאַזל. דערפאַר טאַקע האָט ער איבערגעטראָגן אַזאַ לעבן קרעפּטיקער איידער אַנדערע — ניט געשיקערט, ניט געיאָמערט, ניט קאַניוטשעט. בלויז די מאַרעשכוירע האָט אים געטאָטשעט, דערגאַנגען די יאָרן, געריסן די נעשאָמע: אַזאַ גליקלעכן בילעט געהאַלטן קימאַט אין דער האַנט — ניט אַרויסגעצויגן. אָבער געווען איז ער אַן אַקשן און אַ מיזאַנטראָפּ — די מאַ-רעשכוירע טיף באַהאַלטן אין זיך, זאָלן בלויז אינטעליגענטן פּלאַפּלען און זיך קרימען פאַר מענטשן אין די אויגן. אַ מאַקע וועט עמעצער פון דער זײַט זען, ווי ער, סערגייעוו, מו-טשעט זיך און ווי עס טוט אים וויי!..

— עס שלאָפט זיך ניט? — האָט ער דערהערט הינטער דער פּלייצע סעמיאָנאָווס הייזעריק — נאָרוואָס פון שלאָף — קאָל און מיט אומאָנגענעמקײַט זיך אָנגעשטויסן, אַז

דער וואַזשאַק שטייט שוין, ווײַזט אויס, פֿונלאַנג אין קיך, ווי ער וואָלט זײַנע געדאַנקען אונטערגעהערט. — האָסט געהערט? עמעצער פֿון אונדזערע פֿירער איז ערשט נאָרוואַס דאָ דורכגעפֿאָרן. דו שטייסט איצטער אויף צוזאַמען מיט זיי — דו גייסט אַרײַן אין דײַן ראָל, — ער האָט שלאַבעריק אַ לאַך געטאָן און איז דאַרשטיק צוגעפֿאַלן צום קראַן — ווײַזט אויס, נאָך דער נעכטיקער שיקערס איז אים געווען טרוקן אין האַלדז. טרינקען קאָסט איצט אין פּעטראָגראַד זייער טײַער, ס'איז מאַמעש אַ לוקסוס, אָבער פֿאַר די „סמאָרטניקעס" אירע, פֿאַר יענע, וועלכע שטעלן אײַן דאָס לעבן און גייען אַף אַ מאַרטירערישן אומקום, זשאַלעוועט די פּאַרטיי גאָרניט.

סערגייעוו האָט געקוקט, מיט וואָס פֿאַרא דאַרשט עס טרינקט, בולבעט און כליאַפּטשעט צו מיט די ליפּן „דער מויער פֿון רעוואָליוציאָנערן טעראָר", און די צעבייזערטקײַט זײַנע האָט מיטאַמאָל זיך פֿאַרביטן אַף איראָניע. ער האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן און אַ זאָג געטאָן מיט כויזעק:

— קאָלזמאַן מיר שפּירן אויס די קאָמיסאַרן, כאַפּסטו אַ קוק נאָך אונדז... הא, קאָמאַנדאָר? נישקאָשע זיך אײַנגעאָרדנט. נאָך אונדז איז לײַכטער צו שפּיאָנירן, און אוועקלייגן איז אויך ניט געפֿערלעך...

סעמיאָנאָוו האָט שאַרף אַ ריס געטאָן דעם קאָפּ פֿון אונטערן קראַן, זיך אויסגעגלײַכט אין פֿולן וווּקס, און, אַרײַנקוקנדיק אין פּאָנעם דעם באַיעוויק מיט אַ גאַנץ קלאָרן און פֿעסטן בליק, אַרויסגעבראַכט לאַנגזאַם, אַז יעדעס וואָרט זאָל קלינגען וואָגיק און דײַטלעך:

— מיר איז... ניט לײַנבאַר אײַך ניט צו פֿאַרטרויען. איר פֿאַרשטייט? ניט לײַנבאַר. און צווייפֿלען... אין מיר... דאַרפֿט איר ניט. ווײַל אויב גוט... זיך אַרײַנטראַכטן, זײַנען מיר איצט... די גאַנצע האָפֿענונג פֿון דער פּאַרטיי... מיר — און מער קיינער ניט... די פֿירער האָבן שוין פֿונלאַנג זייערס... אָפּגערעדט. און אויב שוין יאָ זאָגן דעם גאַנצן עמעס, האָסטו... זיך פֿאַשעט צעשרויפֿט, סערגייעוו.

סערגייעוו האָט זיך שוין אַליין געכאַפּט, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. אַ סאַך זייעריקע האָבן אָנגעהויבן אַלץ אָפּטער אַרויסגיין פֿון די קיילים. אָבער, אופֿהערנדיק איבערטראַגן איינער דעם אַנדערן, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט אויך גיך זיך אָפּקילן.

— נו גוט, — איז שוין ווייכער געוואָרן סערגייעוו, — וואָס האָבן מיר אַף הײַנטיקן טאָג?

סעמיאָנאָוו האָט נאָך געשוויגן אַ ביסל, איבערלעבנדיק די באַליידיקונג, וואָס ער האָט ערשט נאָרוואַס באַקומען פֿון זײַן באַיעוויק, נאָר באַלד זיך גענומען אין די הענט.

— זיבן אַזייגער אָפּדערנאַכט איז אָפּן אַלעקסאַנדראָווסקער וואָקזאַל אַ גרויסער מיטינג, — האָט ער געזאָגט שוין האַרט, נאָר זאַכלעך, — אַלע וועלן זיך צונויפֿפֿאָרן, דו וועסט אָפּדעזשורען אָפּן אָבוכאָווער וועג, האַלט אַלץ אין אויג.

ער האָט זיך שוין געלאָזט אין צימער, קעדיי דערשלאָפֿן זײַנס, אָבער דער באַיעוויק, ווי וועלנדיק פֿאַרגלעטן דעם שיר ניט אויסגעבראַכענעם איבער אים אינצידענט מיטן קאָמאַנדיר, האָט אים אָפּגעשטעלט:

— כ'האָב פֿונלאַנג געוואָלט פֿרעגן, קאָמאַנדאָר... עפּשער וואָלט געווען שוין גענוג גלאַט אַזוי זיך צו שפּאַצירן? אויב עס וועט זיך מאַכן עפּעס אַ גינסטיקער מאָמענט, נו גאַנץ צופֿעליק, וואָס דאַרף מען טאָן?

סעמיאָנאָוו איז געבליבן ווי אײַנגעגראָבן אַף דער שוועל פֿון דער טיר. „נו, אָט, ניט אומזיסט האָט ער געשטעלט אַף אָט דעם פֿראָסטאַק די קאָרט!". ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם בליק אַף סערגייעוון פֿון הינטער די אַראָפּגעלאָזטע ווייִעס: שווערע הענט, אַ רויִק קנעכלדיק פּאָנעם — סעמיאָנאָוו איז שוין פֿונלאַנג געפֿעלן געווען אָט דער שטענדיק אָנגעכמורעטער אַרבעטער, וועלכער איז די גאַנצע צײַט פֿאַרנומען מיט זײַנע ערנסט-קאָנצענטרירטע געדאַנקען. ענטפֿערן אים! אָט באַלד אים געבן אַן ענטפֿער. די צײַט פֿון פּוסטע רייד איז שוין פֿונלאַנג אַוועק.

— נו, און אויב ס'וועט זיך מאַכן אַזאַ צופֿאַל, אַזאַ מעגלעכקײַט, דאַרף מען... דאָס טאָן. יאָ, — האָט ער באַשטעטיקט, איבערצײַגנדיק אויך זיך אַליין, — די פֿראַגע איז סאַנקציאָנירט מיצאַד דעם צענטראַל-קאָמיטעט. און די רעכט צו באַשטימען די צײַט און דאָס אָרט האָט, בעליסאָפּעק, די שלאַכט-אָרגאַניזאַציע, וואָדען?

ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַף זיכער וויסנדיק, אַז ווידער אַנשלאָפֿן ווערן וועט ער שוין ניט קאָנען.

סערגייעוו האָט צוגעמאַכט דאָס פענצטער, זיך געזעצט צום קיך-טיש און גענומען זיך יואָזיען מיטן רעוואָלווער. די פינגער זײַנע האָבן געציטערט, אָבער ער האָט זיך באַלד באַרויִקט.

# די פינפטע רעדע

— אין נאָמען פון דער פאַרטיי באָלשעוויקעס נעמט א וואָרט דער כאווער וואָלאָ-דארסקי! — דער פאַרזיצנדער האָט געמאַכט א טראָט אין דער זײַט, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט דעם אָרדנטלעכן אָראַטאָר.

שיטערע אַפּלאָדיסמענטן פון די ערשטע רייען האָבן קורץ א פּליעסקע געטאָן און זײַנען אויסגעלאָשן געוואָרן. דרײַ טויזנט פּאָר אויגן האָבן זיך אָנגעשטעלט אָף אים שטרענג, פאַרשנדיק. מענטשן האָבן זיך געשטופּט אָף די רעלסן, זײַנען געהאַנגען פון אַלע זײַטן אָף די לאָקאָמאָטיוון, באַלאַגערט די צעקאַרדאַשעטע פּלאַטפאָרמעס און זיך אײַנגע-מאָסטעט אָף די אַקסן און רעדער פון וואַגאָנען. הײַנט איז דאָס שוין דער דריטער מי-טינג, די פינפטע רעדע בא אים, אָבער מע טאָר ניט מיד ווערן, און די שטים דאַרף קלינ-גען, ווי פריִער, דײַטלעך און פריש.

וואָלאָדאַרסקי האָט, ווי שטענדיק, אָנגעהויבן שטיל:

— כאַוויירים! א שווערע, א שרעקלעך שווערע מינוט לעבן מיר איצט איבער. בלויז א טיפּעש קאָן זאָגן, אַז ס'איז ניט אַזוי. אין אָט דער אָפּשאַצונג גייען מיר זיך צונויף מיט אַלע אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען. מיר גייען זיך אָבער ניט צונויף און מיר וועלן זיך מיט זיי ניט צונויפגיין אין די מיטלען, וויאַזוי אַרויסצוגיין פון דער געשאַפענער לאַגע.

פון די ערשטע פראַזעס איז א סאַך געוועגדט. ס'איז אַזא צײַט — מע איז צוגעווינט צו רעדעס, ניט אַלע הערן. קעדיי מע זאָל הערן, דאַרף מען, מע זאָל גלייבן. און אַז מע זאָל גלייבן, דאַרף מען זײַן ערלעך ביזן סאָף. די אָבאָראָנצעס וואַרטן טאַקע, אַז וואָלאָדאַר-סקי זאָל פאַרטײַען דעם עמעס. אומזיסט, ער וועט זיי ניט געבן אַזא געלעגנהײַט. אַלעמאָל שטופּן זיי אַרויס די באָליאַטשקעס — הונגער, כורבן, די דײַטשישע אָקופּאַציע. זיי רעכענען אויס, אַז די באָלשעוויקעס וועלן פּרוּוון ווי-ניט-איז זיך פאַרענטפערן פאַר אָט די גאַנץ אָנשוילעכע אומגליקן. טיפּשים! וואָס פאַר א פּאָנעם וואָלט ער, דער באָלשעוויק, געהאַט, ווען ער וואָלט געפּרוּווט דערקלערן אָט די הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע אַרבעטער, אַז דאָס אַכטל פונט ברויט איז גאָר ניט קיין אומגליק און שוין גאָר ניט אַזוי קלייִן, אַז מאָרגן וועט מען זיי געבן א גאַנצן פונט, אויב אָף די וואַלן וועלן נאָכאַמאָל זיגן די באָל-שעוויקעס. ניין, ער וועט זיי זאָגן דעם גאַנצן עמעס. פון אַלכעט ווערט מען ניט פעט, ווי מע פלעגט אין אַסטראָפּאָל זאָגן...

א מאָדנע זאַך: אָפּט כאַפּט ער זיך, אַז אין די סאַמע טראַגישע מאָמענטן קומט אים פּלוצעם אין קאָפּ אַרײַן הערשעלע אַסטראָפּאָליערס וויצן. אָט איצטער אויך. ער האָט זיך דערמאָנט די מײַסע, וויאַזוי הערשעלע האָט זיך אויסגעטײַטשט מיטן באַלעבאָס, בא וועלכן ער האָט געוווינט, מיקויעך דירע-געלט. הערשעלע האָט, געוויינלעך, ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן, און דער באַלעבאָס האָט זיך איבער דעם מיט אים אָפּט געקריגט, געזידלט און געוואָלט אַרויסוואַרפן פון דער דירע. „איך וועל זיך זוכן אַן אַנדערן שאָכן", — האָט ער געוואָרנט. „ס'א נאַרישקײַט פון אײַער זײַט, — האָט אים הערשעלע געזאָגט, — איר טאָרט עס ניט טאָן!" „פאַרוואָס זשע, עס לוינט אײַך ניט?" — האָט דער באַלעבאָס געפרעגט. „איך מיין ניט זיך, — האָט אים געענטפערט הערשעלע, — אײַך וועט עס ניט לוינען: דאַרפט איר זוכן א שאָכן, וואָס איר וועט זײַן אין סאָפּעק, צי וועט ער צאָלן צי ניט? איז שוין בעסער האָבן צו טאָן מיט מיר: בא מיר ווייסט איר אָף געוויס, אַז איך צאָל ניט"...

יאָ, אויב מע וועט אויסהערן, וועט מען פאַרשטיין.

— כאַוויירים! איר זײַט אַהער געקומען לײַזן אַן אויסערסט וויכטיקע פראַגע — ווע-מען שיקן אין סאָוועט. דער רעוואָלוציאָנערער פּעטראָגראַד האָט א ריזיקע באַדײַטונג פאַרן גאַנצן לאַנד, און אויב איר, פּעטראָגראַדער אַרבעטער, וועלן אויסדריקן אומצוטרוי צו דער סאָוועטנמאַכט, אויב איר וועט זי ניט פאַרשטיין, וועט זיך עס אָפּרופן איבערן גאַנצן לאַנד...

זאָלן זיי וויסן, וואָס פאַר א קויעך זיי האָבן. א שטאַרקער האַנדלט ניט געײַלט.

— דאַרפט איר דעריבער פאַרשטיין די וויכטיקײַט פון דער זאַך, וואָס איר טוט. הערט אויס מיט איין און דער זעלבער אויפמערקזאַמקײַט די פּאַרשטייער פון אַלע פּאַרטייען און שיקט באַוווּסטזיניק אײַערע אויסגעוויילטע. דער ווילן פונעם אַרבעטער-קלאַס איז פאַר אונדז

Большевики — активные участники Октября в Петрограде:
В. А. Аванесов, В. А. Антонов-Овсеенко, Г. И. Благонравов, Г. И. Бокий,
В. Володарский, П. В. Дашкевич, П. Е. Дыбенко, Е. Н. Егорова

באָלשעוויקעס — אקטיווע אָנטיילנעמער פון אָקטיאבער אין פעטראָגראד. איליוסטראַציע פון דער „געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד”. פארלאַג „פּאָליטיזדאט”. מאָסקווע, 1967, ב. 3, ז. 326 (וו. וואָלאָדארסקי — ערשטער פון לינקס אין דער צווייטער ריי)

א געזעץ, און אויב איר וועט וועלן איבערגעבן די מאכט די אָבאָראָנצעס, וועלן מיר אָן קיין שום דערווידערונגען זיך אונטערגעבן...

בלויז איצט, ווען די געוויינלעכע אופרעגונג, וואָס קומט נאָך די ערשטע פראזעס, האָט זיך איינגעשטילט, האָט ער גענומען אונטערשיידן און פארגעדענקען פּנעמער. אין דער איינגעשטעלטער שטילקייט האָט ער זיך איינגעהערט אין דעם אומרויִקן אָטעם פונעם מיטינג, וועלכער איז נאָך מיט א מינוט פריִער געווען א גאַנץ קילער. איצט האָט ער שוין אין אייניקע פּנעמער געכאַפּט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, — פארלעגנהייט. פון וואָלאָדארסקין האָט מען ניט געוואַרט אַזא אונטערטעניקייט. גוט. הייסט עס, מע נעמט אויף. הייסט עס, אַז זיין טאַקטישער מאַנעווער האָט זיך איינגעגעבן — איצטער קאָן מען שוין איבערגיין אין אַנגריף. אָבער ניט געיילט, ניט מיט איין קלאַפּ. אין פולן גאַלאָפּ איז לייכט צו באַגיין א פעלער. בעסער טראָט נאָך טראָט, נאָר שלאָגן גלייך אין ציל. נאָך א ביסל — און געבן דעם געהעריקן קלאַפּ.

— די ארבעטער-מאַסן, אויב זיי ווילן דאָס, קאָנען אָפּגעבן זייער מאַכט, — האָט ער א שנייד געטאָן איבערן זאַל, — יענע מאַכט, וואָס זיי האָבן דעראָבערט מיט בלוט און מיט שווערע פארלוסטן.

די באַקן זיינע האָבן זיך אויף א מינוט פארוויטלט און זיך ווידער אָפּגעקילט, אויפן פּנעם איז ארויסגעטראָטן די געוויינלעכע בלייכקייט. איצט האָט ער שוין פאַרגעזעצט רויִק, שטעלנדיק דעם אַקצענט אויף יעדן וואָרט:

— אָבער גיין זאָלן זיי אויף דעם מיט אָפענע אויגן, גיין באַוווּסטזיניק אונטער דער מאַכט פון זייערע אונטערדריקער!

די קורצע פאַוזע האָט ער געמאַכט בלויז אַף אַזויפיל צײַט, קעדיי צו געבן אַ מעג-
לעכקייט דעם אוילעם אָפּצוזיפצן. איצטער האָט דער קאָמיסאַר שוין ניט געלאָזט איבער-
כאַפן דעם אָטעם, זײַן שטים האָט שוין געדונערט.

— גייט זשע, — האָט ער אַ לאַך געטאָן אָן קיין שום שמייכל אַף די ליפן. — גייט,
אויב עס האָבן זיך שוין פאַרצויגן אַף אײַערע פלייצעס די בוכענצעס, אויב עס האָט זיך
פאַרבענקט נאָך די קלעפ פון די מײַסטערס און פון די נאַטשאַלניקעס אײַער האַלדז. פאַר-
געדענקט אָבער: די בורזשואַזיע וועט פאַר אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, פאַר די
דערנידעריקונגען שינדן פון אײַך פראָצענטן פון וווכערניקעס!

מע האָט אים געהערט. אין די געציילטע ווײַלעס, ווען ער האָט געכאַפט דעם גע-
דאַנק און איבערגעכאַפט דעם אָטעם, האָט ער מיט צופרידנקייט אָפגעמערקט, ווי אָנגע-
שטרענגט עס איז די שטילקייט. וואָס אופמערקזאַמער מע וועט אים הערן, וועט ערגער
זײַן פאַר די אָבאָראָנצעס. אַרויסטרעטן דער ערשטער איז לוינבאַר און שווער. שווער —
ווײַל דו ווייסט ניט, וואָס עס וועלן זאָגן די פּאָליטישע קעגנער, וואָס פאַר אַ נײַע אַרגו-
מענטן וועלן זיי אַרויסרוקן שוין נאָך דעם, ווי דו האָסט זיך שוין אַרויסגעזאָגט. לוינבאַר —
ווײַל אויב פונדעסטוועגן טרעפן, אַף וואָס עס וועלן שפּילן די קעגנער, קאָן מען צעפלאָנ-
טערן זייערע קאָרטן. אַן אַרגומענט, וואָס מע האָט אים אָפגעפרעגט, איז שוין ניט קיין
אַרגומענט — מיסט. פּאָלעמישע שלאַכטן זײַנען ענלעך אַף מילכאָמע-טאַטן. דערפאָלג וועט
זיך דערשלאָגן יענער, ווער עס וועט קאָנען פאָרויסזען, וואָס עס האָט פאַרטראַכט דער
קעגנער, וויסן די ריכטונג פון אַ מעגלעכן קלאַפּ, און אים איבעריאָגן — אַ קלאַפּ טאָן
אַליין.

וואָס נאָך וועלן זיי אַרויסשטעלן? נו, יאָ, די דיקטאַטור פון דער מאַכט. מ'האָט שוין
פאַרגעסן דעם פאַראַיאָריקן יול — די האַרמאַטן-שאָסן אַף סאַדאָווע-גאַס, דאָס צעשמעטערן
די „פּראַוודאַ", די צעיושעטע בילעריײַ פון די צײַטונגען, וועלכע האָבן געהעצט די מאַסן
אַף די „דײַטשישע שפּיאָנען", אַרעסטן, אונטערערד, לענין דאַרף טראָגן אַ פּאַריק, און די
האַלב-ליידיקע בענק פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע אינעם סאָוועט. אַלע רייד —
וועגן אָקטיאַבער, וועגן דעם שטורעם פון די יונקערישע קאַזאַרמעס, וועגן די אַכזאָריעסן
פון דער טשעקאַ און וועגן אים, וואָלאָדאַרסקין, דעם קאָמיסאַר פון אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנ-
דע און פּרעסע, וועלכער וואַרגט די פרײַהײַט פון דער פּרעסע. אַ קורצער זיקאָרן —
וואָס איז נאָך מער היילבאַר? אַ מיידלשע קרענק האָט געפּענטעט די דעמאָקראַטישע פּי-
רער. ווי אין אַ לײַטישער מישפּאָכע — לאָמיר פאַרגעסן די אַלטע רײַסערײַען, גאָט באַהיט
זיי ווידעראַמאָל דערמאָנען...

פאַר זיי איז עפשער אַזאַ לאָגיק לוינבאַר, אָבער אים — ניט:

— דאָ גוואַלדעווען אַ סאַך, אַז מיר זײַנען אַכזאָריעסדיק, אַז מיר פאַרפאָלגן די
פּרעסע, אַז מיר זעצן אַרײַן אין טפיסע. יאָ, מיר טוען דאָס. אָבער טוט אַ קוק אַהין, ווו די
מאַכט האָט פאַרכאַפּט די בורזשואַזיע: אין טויזנט מאָל מער צערעכנט מען זיך מיט אונדז!

צוערשט האָט איבערן זאַל זיך אַ קײַקל געטאָן אַ שעפּטשערײַ, דערנאָך — אַ גערויש.
אויפן גרויסן פּלאַץ, ווו צווישן דער אָנגעוואַלגערטער פאַרשיידענער טעכניק און מעשונעדיקע
זאַכן איז דער אוילעם געשטאַנען ניט אין אַן אײַנהײַטלעכער מאַסע, נאָר גרופּעסווײַז, איז
שוין אַוועק אַ מיינונגס-אויסטויש. און דער אָראַטאָר האָט, אָנטאַפּנדיק קימאַט אומבאַוווּסט-
זיניק און אָנכאַפּנדיק דעם פּינקטלעכן ציל, אַ שמייכל געטאָן צו זײַן פאָלגנדיקן געדאַנק.

— איך אַליין האָב זיך שוין פונלאַנג פאַרבענקט נאָך יענע ביבלישע צײַטן, — האָט
ער אַ זאָג געטאָן, — ווען אַף איין פעלד וועלן זיך פרידלעך פּאַשען און שטשיפּען גראָז אַ
לייב און אַ שעפּס, אַ טיגער און אַ שעפּעלע...

דער ווינט האָט צעבלאָזן די פּאָלעס פון זײַן גרויען ציווילן מאַנטל, דיברילן האָבן
געבליצט אויפן מאָגערן געזיכט, און די דינע האַנט האָט ניט געשפּאָלטן, נאָר איז געשוווּ-
מען אינדערלופטן אין טאַקט מיט די ווערטער. „אַ שפּאַק" — אַזוי רופן די אָפיצערן אַזעל-
כע — מיט אַ פויגלשן צונאָמען. נאָר אַף דער פאָלגנדיקער פּראַזע האָט דער דאָזיקער
ציווילער מענטש, וועלכער האָט אויסגעזען קימאַט ווי אַ ייִנגל, נאָכאַמאָל זיך אַ צי געטאָן
פאָרויס, זיך אָנגעשטרענגט, און שטאָל האָט אַ קלונג געטאָן אין זײַן שטים, קײַקלענדיק
זיך איבערן ברייטן הויף:

— אָבער אַצינד, ווען אַ מענטש אַ מענטשן איז אַ וואָלף, קאָנען מיר אָפּוואַרפן די
ניט נייטיקע סענטימענטאַלקייט, מיר קאָנען זײַן אומבאַראַכמאָנעסדיק, ניט האָבנדיק קיין
ראַכמאָנעס קוידעמקאָל אַף זיך! כאַווײרים! — האָט ער פאָרגעזעצט. — אויב די אָבאָראָנ-

צעס וועלן אונדז צוזאָגן, אַז אַרײַנגייענדיק אין די סאָוועטן, וועלן זיי אונטערהאַלטן די סאָוועטנמאַכט, וועל איך דער ערשטער... דער ערשטער, — האָט געקלונגען אין דער פּאַ-רויכערטער לופט, — זיי אָפּגעבן די מאַכט... אָבער ניין! זיי וועלן דאָס ניט טאָן...

# „מיט הייסן גרוס — א. גאָץ"

דער אָנפירער פון דער פּעטראָגראַדער ביוראָ פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָליוציאָנערן אבראַם גאָץ האָט אַן אויפגערעגטער געשפּאַנט איבערן ווײַכן טעפּיך פונעם הינטערשטן צימער בא דעם ביכער-פאַרלאַג „רעוואָליוציאָנאַיאַ מיסל". פון יענער זײַט פענצטער האָט געגרוישט דער ליטיינע פּראָספּעקט, אָבער דאָ, אינעם צימער, האָט מען ניט באַמערקט דעם טומל פון דער לעבהאַפטער גאַס. שוין פונלאַנג איז געגאַנגען דער שטרײַט. א שטרײַט? מע דיסקוטירט, קעדיי זיך דערגרינטעווען צום עמעס, און זיי האָבן דעם עמעס שוין פונלאַנג געוווּסט — איצטער האָבן זיי ניט געוווּסט, וואָס זיי זאָלן טאָן מיט אים.

דמיטרי דאָנסקאָי, דער אָנפירער פון דער מיליטערישער קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי, האָט געהאַלטן אין איין איבערכאַזורן:

— וואָס נעענטער איך דערקען דיך, — האָט ער ניט אײַנגעהאַלטן זײַן אויפגערייצט-קײַט, — איבערצײַג איך זיך אַלץ מער: דאָס אָנגעזעענע אָרט, וואָס דו פאַרנעמסט אין אונדזער פּאַרטיי, האָסטו קאָשער פאַרדינט...

גאָץ האָט א קרעכץ געטאָן און צערעמאָניעל, מיט כויזעק זיך פאַרנייגט.

— אַף מײַן ערנוואָרט! — האָט זיך שוין גענומען היצן דאָנסקאָי. — איר זײַט פון איין טייג געקנאָטן — דו און די פּאַרטיי. דו ביסט, ווי די פּאַרטיי, אומדערמידלעך, קלוג און ערלעך, און — פונקט ווי די פּאַרטיי, אַזא אומאַנטשלאָסענער.

— אוודע, — האָט מיט גאַל געזאָגט גאָץ, — אכט יאָר קאַטאָרגע האָב איך באַקומען טאַקע פאַר מײַן אומאַנטשלאָסנקײַט.

— צום באַדויערן! פאַרשטיי, צום באַדויערן — האָסט געהאַט גענוג מוט צו גיין אַפּן קייסער, און אַף וואָלאָדאַרסקין — ניט.

— גיי זאָג וועגן דעם אין סמאָלני. זיי מיינען דאָך ביז איצטער, אַז גאָץ בעט אַף זיי דעם טויט, און ער, לאָזט זיך אויס, איז זייער פּאַרטיידיקער, א טאַטע זייערער. נו, גיי, באַרויִק די קאָמיסאַרן.

— קימער זיך ניט, זיי זײַנען אויך אַזוי רויִק און טוען, וואָס זיי ווילן. פאַרוואָס האָסטו נעכטן געהייסן סעמיאָנאָוון צוואַרטן מיטן אַקט?

— ווײַל ס'איז נאָך ניט די צײַט.

— אַזוי גאָר! אָט איז עס, דאָס עסערישע אייביקע „נאָך ניט די צײַט". ווען וועלן מיר סאָפּקאָלסאָף זיך אויסלערנען שטודירן די געשיכטע ניט לויט די לערנביכער? דאַכט זיך, שוין אין דעקאַבער, אַפּן צוזאַמענפאָר, איז אַלץ אָנגערופן געוואָרן מיטן עמעסן נאָמען. מע האָט געקאָנט זיך צערעכענען מיט די וואָלונטאָריסטן-באַלשעוויקעס — האָבן מיר געטײַנעט: „ניט די צײַט". אַזוי האָסטו געזאָגט, דו, דער פּאָרזיצער פון וציק. מע האָט געדאַרפט אָנהייבן, כאָטשבי מאַכן אַן אָנשטעל, פרידלעכע אונטערהאַנדלונגען — „ניט די צײַט". מע האָט געדאַרפט געבן ערד די פּויערים — „ניט די צײַט". און די באַלשעוויקעס האָבן צוגעגאַנוועט בא אונדז די דאָזיקע אידיי, ניט געוואַרט, ביז עס וועט קומען די צײַט, — און נאָך זיי זײַנען אוועק די מאַסן. זיי זײַנען געגאַנגען נאָך א צוקער-לעקעכל, זאָל זײַן אַפילע, אַז דאָס איז געווען פּאַשעט אין כאַלעם, אָבער די זאַך איז אָפּגעטאָן געוואָרן. נו, און מיר? ביז וועלכער — צו אַלדי רוכעס! — צײַט קאָן מען וואַרטן? ביז מע וועט אונדז אַלעמען צושטעלן צום ווענטל? קאָלזמאַן די פּאַרטיי פאַרמאָגט נאָך קויכעס, דאַרף מען קעמפן, און דו ווייסט, אַז אַלע אַנדערע קאַמפּס-מעטאָדן זײַנען שוין אויסגעשעפּט. פאַר-וואָס זשע טאָפּטשען מיר זיך אַפּן אָרט, ווי בלינדע?

גאָץ האָט א ציטער געטאָן, הערנדיק, ווי דאָנסקאָי דערמאָנט זײַן פאָרזיצערשאַפט אין וציק. זע נאָר, ווי קונציק מע וואָלגערט אַף אים אָרוף די זינד פאַר אַלע אומגליקן!

— איך האָב זייער ליב, ווען די אייער לערנען די הינער, — האָט ער זיך צערעדט, שפּאַנענדיק אַלץ שנעלער איבערן פאַרביקן קוואַדראַט (אָט די געוווינשאַפט — שפּאַנען פון איין ווינקל צום אַנדערן, ווען ער איז אויפגערעגט אָדער ער איז פאַרטאָן אין ערנסטע מאַכשאָוועס, — איז צו אים געקומען נאָך אין טפיסע, און ער האָט שוין פון איר ניט

געקאָנט פּאַטער ווערן). — באַשולדיק מיך נאָך אין פּאַכדאַנעס! אַ שאָד, וואָס קיינער האָט עס ניט באַמערקט אין ניַין הונדערט זעקסטן, ווען די אָכראַנקע האָט אונדז אופגעשטאָכן אַף שפּילקעלעך, ווי פּאַר אַ קאָלעקציע באַבעלעך... כ׳האָב טאַקע געהייסן סעמיאַנאָוון צוּוואַרטן אַ ביסל. דו פאַרגעסט אָבער, אַז דעם אַקט האָב איך זעלבסט סאַנקציאָנירט, און ביז איצט לייקן איך ניט אָפּ, אַז ער איז נייטיק. נאָר איצטער איז נאָך פּאַרט ניט די צײַט.

— אָ, גאָט מײַנער! — האָט ווידער דאָנסקאָי ניט אויסגעהאַלטן. — וויפל איז דער שיר? די מענטשן זײַנען גרייט, פון דער פּאַרטיי וואַרטן זיי דעם אַנטשיידענעם טראָט, און מיר, ווי אומבאַהאָלפענע זקיינים, טראָגן דאָס אַלץ איבער און שווײַגן. ס׳איז רײַף געוואָרן דער מאָמענט — וואָס זשע דאַרף מען נאָך?

— מיר איז אַ כידעש, וואָס דו ביסט ניט קיין באָלשעוויק. זיי יאָגן אויך פּײַל-אויסן-בויגן, ניט אַרומקוקנדיק זיך, ניט אַרײַנקוקנדיק אין דער צוקונפט. מע דאַרף דאָך נעמען אין אַכט דעם מאָראַלישן רעזאָנאַנס פונעם אַקט. עס גייען די וואַלן...

— אין דעם טאַקע גייט עס. ער האָט אַרום איבער מיטינגען קימאַט אָן שוץ. ס׳איז דאָך אָן אידעאַלע טעכנישע מעגלעכקײַט, ווער ווייסט, צי שפּעטער וועט אַזאַ זײַן...

— און די פּאָליטישע מעגלעכקײַט נעמען מיר ניט אין אַכט? אָט, — גאָץ האָט אַ טײַטל געטאָן מיטן פינגער אין פרישן נומער פון דער „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ“, וואָס איז געלעגן אַפן טיש. — „65 באָלשעוויקעס, 3 רעכטע עסערן און קיין איין אַבאַראָנעץ!“ — האָט געקוקט אַף זיי דאָס גרויסע קעפּל אַף דער ערשטער זײַט. — קיינער פון אונדזערע קאַנדידאַטן איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען.

— איבערגעטאַשעטע קאָרטן, — האָט אַ בורטשע געטאָן דאָנסקאָי.

— מעגלעך. אָבער אַפילע קיין איין אונדזער דעלעגאַט... דאָס איז אַ שלעכטער סימפּטאָם. דו ביסט איבערצײַגט, אַז אַ דערפאָלגרײַכער אַקט וועט אופהייבן אונדזער אַווטאָריטעט? צווישן די פעסטע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי — יאָ, מעגלעך. און צווישן די מאַסן? פּראָבלעמאַטיש. זייער אַ סאַך האָט זיך אין מעשעך פון אָט דעם יאָר געביטן. אָן שטיצע מיצאַד די מאַסן גיבן דער מאַכט אַ פאָרמעלן טערעץ אונדז צו צעשמעטערן... דו קלערסט וועגן איין אַקציע, און איך — וועגן דער גאַנצער פּאַרטיי. אָט פאַרוואָס דו ביסט דער דרייסטער, און איך — דער פּאַכדן.

— וואָלט דאָ געווען טשערנאָוו, וואָלט ער — כ׳בין איבערצײַגט — מיך אונטערגע-האַלטן.

— וואָלט דאָ געווען טשערנאָוו, וואָלט איך דיך אויך אונטערגעהאַלטן. ווײַל לייזן די פראַגע וואָלט אויסגעקומען אים. און איך קאָן ניט נעמען אַף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. מיר זײַנען נישט גרייט ניט צו אַ פּאַרטיזאַנישער מילכאָמע, ניט צו איבערגיין אין אונטער-ערד. צוליב איין דערפאָלגרײַכן שאָס ברענגען אַ קאָרבן אַלץ? דאָס איז פּאָשעט טיפּשעס.

דאָנסקאָי האָט מיט פאַרדראָס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ווי דו ווילסט, אָבער איך פּערזענלעך וועל ניט נעמען אָפּקילן די מענטשן. זאָל עס זײַן, ווי עס וויל זיך זײַן...

גאָץ האָט גאָרנישט ניט געענטפערט.

אַזאַ סאַכאַקל פונעם געשפּרעך האָט אים פּולקום אײַנגעאָרדנט. ער האָט נישט געזאָגט „יאָ“, און זײַן „ניין“ איז סײַוויסײַ ווי גאָרנישט ניט געזאָגט. פון אַ געוויסער צײַט אָן האָט דער 35-יאָריקער לידער פון די רעכטע עסערן אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס געפיל פון גערעכ-טיקײַט. ער האָט זיך געסטאַרעט דאָס צו באַהאַלטן, אָבער ווי קאָן מען אָפּנאַרן זיך אַליין? נאָכן קאָפּשווינדלערישן שווונג אין אָנהייב פונעם פאָריקן יאָר האָט ער בעשום-אויפן ניט געקאָנט זיך גלייבן, אַז די אָקטיאַבערישע איבערקערעניש וועט אַזוי אַ דריי טאָן דאָס רעדל. דערנאָך — אַ מאַפּאָלע נאָך אַ מאַפּאָלע, אַ גאַנצע קייט פאַרדריסלעכע טאָעסן און גורלדיקע קלעפּ — אַזוינס וועט יעדן איינעם אַרויסברענגען פון גלײַכגעוויכט. ער האָט טאַקע ווירקלעך ניט געוווּסט וואָס צו טאָן און וואָס פאָרצונעמען עפּעס בעסערס. און ניט ווינסדיק, פאָרגע-נומען דאָס איינציקע, וואָס ער האָט אין אַזאַ פאַל געקאָנט טאָן: זאָל זיך גיין אַזוי, ווי עס גייט זיך.

איצטער, ווען ער האָט זיך צאָרנדיק געאַמפּערט מיט דאָנסקאָיען, האָט ער געוואָלט אויסקריגן פאַר זיך בלויז איינס: ניט האָבן קיין שײַכעס. אים איז געוואָרן דערעסן צו זײַן דאָס קאָפּאָרע-הינדל. מ׳האָט זיך צוגעווינט, אַז אויב עפּעס-וואָס, איז גלײַך — גאָץ און גאָץ... און וואָס איז גאָץ? אַ פאַרגאַנגענהײַט, וואָס גייט גיך אַוועק. איצט איז אָט די פאַר-גאַנגענהײַט אַ פוסטע קיילע, און זי ווייסט איינס — אַלץ איז פאַרשפּילט, אַלץ האָט געליטן

א מאפּאָלע. און ער, דער געוועזענער פּאַרזיצער פונעם ערשטן אין דער געשיכטע פון רוסלאנד דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט, איז ארויסגעשטעלט פאר אלעמען צום נאַר. אַן אָפּגעשלאָגענע הוישײַנע, א פינפטע ראָד אין וואָגן. מיטן סייכל האָט ער באַנומען די נייטיקײַט פון טעראָר, אָבער דאָס האַרץ האָט ניט געגלייבט, אז מיט טעראָר קאָן מען עפּעס־וואָס דאָ ראַטעווען. איין זאַך איז רעדן, וואָרענען, שרעקן, און א צווייטע איז עפּעס טאָן. פאַרזוכט דעם זיסן טאַם פון פּאַרלאַמענט־געשלעגן, האָט ער איצט ווידער געוואָלט זיך אַרײַנוואַרפן אין זיי. אָבער איבערגיין אין דער ראַליע פון אַן אונטערערדלער־באָמבעוואַרפער — פאר אים איז דאָס צו קליינלעך און אפילע דערנידעריקנדיק. צוליב וואָס זשע דאַרף ער זיך צו דעם רײַסן?

גאָץ האָט אָבער אין דער זעלבער צײַט פאַרשטאַנען: ער ציט אָפּ דאָס, וואָס ער וועט טאָן אומפאַרמײַדלעך.

דער פּערטער צוזאַמענפאָר פון דער עסערישער פּאַרטיי איז געווען אינגאַנצן פאַרהילט אין טרויער. א צוזאַמענפאָר, וואָס האָט קאָנסטאַטירט מאַפּאָלעס, זיך מוידע געווען אין טאָעסן, און איינער דעם אַנדערן האָט געשטאָכן די אויגן, באַשולדיקט אין כאַטאָים. און ווען מע האָט אָנגעהויבן זוכן אַן אויסוועג, איז ווילנדיק ניט ווילנדיק געקומען צו רייד וועגן טעראָר. גאָץ אַליין איז אָף אָט דעם צוזאַמענפאָר ניט געווען. מע האָט אים דערציילט, אז ווען אָף דער אָוונט־זיצונג דעם 28־טן נאָיאַבער האָט באָלשאַקאָוו גענומען וועגן דעם רעדן אָפּנהאַרציק און אָן שום שיִעס, האָט דאָס בא קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין כידעש — מע האָט אָף אַזוינס געוואַרט.

יאָ, באָלשאַקאָוו האָט טאַקע פון דעם אָנגעהויבן: ער האָט כאַראַקטעריזירט די טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס ווי א קונצנמאַכערײַ, ווי א פאַרשײַטקײַט, וואָס קעגן איר האָט קיינער אַנטשיידן זיך ניט קעגנגעשטעלט. „אויב אין די ערשטע טעג פון דעם באָלשעוויסטישן אופשטאַנד, — האָט ער געזאָגט, — וואָלט די פּאַרטיי עסערן אָנגעווענדט טעראָר, וואָלט זי אָפּגעווישט פון דער ערד אָט די שווינדלער און אַוואַנטוריסטן. די פּאַרטיי האָט אָבער געדאַרפט זיך האַלטן בא אַן אַנטשיידענער פּאָליטיק אויך אין אַנדערע געביטן. איצטער איז א צײַט ניט פון פרידלעכע רעוואָליוציעס, ס׳איז א צײַט פון טאַט“.

גאָץ איז, פאַרשטייט זיך, צו אָט דעם אַויספיר געקומען נאָך פריִער. זײַן מיינונג האָט ער אויסגעדריקט גאַנץ אָפן און בוילעט. ווען ס׳איז געגאַנגען דער צוזאַמענפאָר פון זײַן פּאַרטיי, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אָף א יאַוואָטשנע דירע הינטער דער שטאָט. דעריבער האָט ער אָנגעשריבן א בריוו צום פּרעזידיִום פונעם צוזאַמענפאָר. אין אָט דעם בריוו האָט ער באַטאָנט, אז זיך באַטייליקן אין דער אַרבעט פונעם צוזאַמענפאָר קאָן ער ניט, ווײַל ער האָט שוין אַמאָל איבערגעלעבט די צאַרישע קאַטאָרגע, און איצטער איז ער געצוווּנגען זיך אויסבאַהאַלטן אין אונטערערד פון די באָלשעוויסטישע פאַרפאָלגונגען. און פאַרענדיקט האָט זיך זײַן בריוו, ווי עס פּאַסט פאר א לידער, אין דער מאַניר פון א קעמפער, וואָס גיט זיך ניט אונטער:

„...אָבער איך גלייב, אז דער, וואָס האָט אופגעהויבן א שווערד, וועט פון א שווערד אומקומען. דער אומגעצוימטער שטראָם פון גוואַלדטאַט, וואָס צעגיסט זיך פון סמאָלני, וועט זיך צעשמעטערן אין דעם אָרגאַניזירטן ווילן פון די פאָלקסמאַסן, וועלכע האָבן זיך באַהעפט אַרום דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. און אויב די זעלבסטהערשער פון סמאָלני וועלן אופהייבן די האַנט אויך אָף אָט דער דעראָבערונג פון דער רעוואָליוציע, וועט דעמלט, גלייב איך, די פּאַרטיי סאָציִאַליסטן־רעוואָליוציִאָנערן זיך דערמאָנען אין זייער אַלטער אויסגעפּרוּווטער טאַקטיק, וועלכע האָט זיך באַגײַסטערט מיטן לאָזונג „לויט אײַערע טאַטן וועט אײַך געגעבן ווערן“.

און אין דער שטילקײַט האָט מען געהערט, ווי מע לייענט פאָר דעם אונטערשריפט: „מיט הייסן גרוס — א. גאָץ“.

גאָץ האָט גוט פאַרשטאַנען: קיין אַנדערע ווערטער האָט מען פון אים ניט געוואַרט. מע דאַרף אַרויספירן די פּאַרטיי פון איר פאַרצווייפלטקײַט, פון דער טיפער פאַרלוירנקײַט, אין וועלכער זי איז אַרײַנגעפאַלן נאָך דער אָקטיאַבערישער איבערקערעניש. זוכנדיק אַן אויסוועג, האָט ער געפּרוּווט מאַכן אַן אַנאַליז פון די סיבעס פון די געוועזענע דערפאָלגן. ס׳האָט זיך באַקומען, אז אַנדערש האָט ניט געקאָנט זײַן. דעמלט, נאָך דער פעווראַל־רעוואָליוציע, איז דער אויטאָריטעט פון די עסערן געווען נאָך גאַנץ גרויס, ווײַל מע האָט זיי געהאַלטן פאר די פאַרזעצער פון דער זאַך פון די פאָלקיסטן — שרעקלאָזע קעמפער. הייסט עס, אז צוליב אומקערן די דערפאָלגן, דאַרף מען אופשטעלן די ראָמאַנטישע שײַן פון דער לע-

גענדע ארום דער פּאַרטיי. ס'הייסט, רווישיקע טאַטן דאַרף מען האָבן — אַ טעראַריסטישן אַקט, לעמאַשל...

אַרויסטרעטנדיק אין די עסערישע קרייַזלעך, האָט ער געזען: געוויינלעכע פּאַרטייער קומען אינסטינקטיוו צו דעם זעלבן — מע דאַרף זיי בלויז אַ שטופּ טאָן. די פּעטראָגראַדער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָפּן אַרויסגעזאָגט פאַר טעראָר. זשעניעטשקע ראַטנער און טשערנאָוו האָבן אים אויך וועגן דעם געזאָגט. הייסט עס, אַז מע דאַרף גלייַך עפּעס פאַרנעמען. אין פּעווראַל האָט מען באַהאַנדלט אָט די פראַגע צווישן די מיטגלידער פונעם צענטראַל-קאָמי-טעט. סונגין איז געווען שטאַרק אופגעבראַכט — גיין מיט אַזאַ וועג? עמעצער האָט אים אונטערגעהאַלטן. אָבער סאַפּקאָלסאַף האָט מען זיי אויך אייַנגעבראָכן.

דעמלט טאַקע איז געבוירן געוואָרן די „איניציאַטיוו פון אונטן". באָריס ראַבינאָוויטש האָט צו אים, גאַנץ, געבראַכט קאָנאָפּליאָווען.

גאַנץ האָט נאָך פריִער, עמעס עפּיזאָדיש, געקענט אָט די פרוי — אַ מיטגליד פונעם פּעטראָגראַדער קאָמיטעט, אַ איישעס-כאַיל, און אַ שטענדיקער שרעקנדיקער גלאַנץ אין די אויגן. וויפל זייַנען אַזעלכע דורכגעגאַנגען, דורכגעשווּבלט פאַר זייַנע אויגן — נישט צו פאַרגעדענקען ניט קיין נעמען, ניט קיין פּנעמער. דער רועד ווייסט, וואָס עס האָט געבראַכט אָט די אָנשטענדיקע באַרישניעס אין די קעלערס, ווו מע האָט געגרייט באָמבעס, אין די קאַמף-גרופּעס. אין לעבן וואָלט ער קיינמאָל ניט פאַרטרויט קיינעם פון זיי, אָבער דורכפירן אַקציעס האָט קיינער ניט געקענט אַזוי, ווי זיי. אין אַן אַנדערער צייַט וואָלטן זיי געקאָנט ליב האָבן — לייַדנשאַפטלעך, מעסירעסנעפּעשדיק, מיט לייַב און לעבן. ס'איז אָבער געקומען אַ נייַע עפּאָכע — און שעקספּירישע לייַדנשאַפטן האָבן אָנגעהויבן קאָכן אויף דער פּאָליטישער קיך. עפּשער טאַקע איז אַ מאָדע געוואָרן — פאַרבייַטן דאָס פּערזענלעכע גליק אויף אַ קאַמף פאַרן גליק פונעם פאָלק? מיילע, זאָל זייַן אַזוי. הייסט עס, קאָנאָפּליאָוואַ?

באָריס האָט זיך געגומען דרייען אָפּן קאָרעק, ניט ווויסנדיק, וויאַזוי דאָס דערקלערן, אַפילע זיך פאַרוויטלט:

— זי האָט... לידיאַ וואַסיליעוונאַ, מיין איך, אַן אידיי...

אָבער קאָנאָפּליאָוואַ אַליין איז געווען דרייסטער, איידער ראַבינאָוויטש. זי האָט אָנגעהויבן שאַרף, איבערצייַגעוודיק. לידיאַ וואַסיליעוונאַ האָט געצילט, ווי זי וואָלט מירע געהאַט, אַז די צייַט פונעם אופנאַם איז שטרענג באַגרענעצט — אָט-אָט וועט מען זי איבערשלאָגן אין דער סאַמע מיט און זי וועט ניט באַווייַזן אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס זי וויל. גאַנץ האָט אַ קלער געטאָן: קיין שום נייַס וועט מען פון אָט דער עקזאַלטירטער מויד ניט דערהערן — אַ פּאַפּירענער העראָיִזם. פלוצעם האָט ער אַ צאַפּל געטאָן און אַליין זיך פאַרכידעשט, פאַרוואָס דאָס האַרץ איז באַ אים ווי פאַרקילט געוואָרן. הער נאַר, וואָס פאַר אַן אידיי — דערהאַרגע-נען לענינען!

וויאַזוי? פּאַשעט און פּראָסט: קומען אָפּן מיטינג, שפּירן נאָך זייַן אווטאָמאָביל, צו-גיין — און אויסשיסן גלייַך אין אים. קיין שום סטראַכאָוועקעס, קיין שום באַהעלטענישן, קיין שום אונטערגראָבונגען און באָמבעס. אַן אינדיווידועלער אַקט, אַ בונט פון אַן איינצלנער פּערזענלעכקייַט. און די ריזיקע איז אויך אַ מינימאַלע — זי אַליין, און זי איז גרייט כאָטש די מינוט.

גאַנץ האָט מיט פאַרדראָס אָפּגעמערקט פאַר זיך, ווי ס'האָט אין קאָפּ זיך דורכגעוואָרפן אַ מיִעסלעכער געדאַנק: „זאָל מען וויסן!". ווען קאָנאָפּליאָוואַ האָט אָנגעהויבן אַרויסלייגן איר פּלאַן, האָט זיך אים פאַרוואָלט פאַרשטעקן די אויערן, ניט הערן — און איצטער איז באַ אים ווי אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן. פאַרשטייט זיך, יעדער פון זיי, זייַנע פּאַרטיי-כאַווײרים, איז אַ באַלעבאָס איבער זייַן אייגענעם לעבן און אייגענעם גוירל, אָבער ער, דער סעקרעטאַר, שטייט העכער פון זיי אַלע — אין זייַנע הענט איז דאָך דער גוירל פון דער גאַנצער פּאַרטיי, און מע האָט געדאַרפט זאָגן קלאָר און פּעסט: „יאָ" צי „ניין".

דער געשפּרעך מיט ראַבינאָוויטשן האָט געדויערט ניט לאַנג. פאַרענדיקט האָט ער זיך מיט אַ האַסקאָמע — מע טאָר דאָך זיך ניט צעשרייַבן אין דער אייגענער הילפלאָזיקייַט.

און פלוצעם אַ נייַס — דער ראַטפאָלקאָם איז אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. קאָנאָ-פּליאָווען האָט מען געמוזט אייַליק אָפּשיקן אַהין שוין אין מאַרט. מ'האָט איר אויסגעטיילט אַ באַהעלפער — דעם יונגן יעפימאָוו, אַן עסער, פאַרשטייט זיך.

קיין געלט האָט קאָנאָפּליאָוואַ ניט געהאַט, איר געהילף — אוואַדע ניט. קיין געווער האָבן זיי אויך ניט געהאַט. אין מאָסקווע האָבן די מיטגלידער פונעם צענטראַל-קאָמיטעט ריכטער, טימאָפייעוו, ווערדעניאַפּין אַפּגיך צונויפגעזאַמלט געלט, געקראָגן געווער, געהאָלפן אָרגאַניזירן די נאָכשפּירונג. גאַנץ איז געווען צופרידן, וואָס די דאָזיקע זאָרגן האָבן געגומען

אף זיך אנדערע, ער האָט אפילע, דאכט זיך, פארגעסן וועגן דעם, אז די עקזאלטירטע מויד האָט זיך גענומען פאר אזא ערנסטער זאך. אָבער ער האָט זיך אליין אָפּגענארט. קיין מאָסקווע האָט אים געצויגן. ער האָט מיט אלע אייוורים געפילט — עפּעס קלעפּט זיך דאָרט ניט. און ווען ער איז סאָפּקאָלסאָף געקומען אהין, האָט ער געטראָפן קאָנאָפּליאָווען א דערשלאָגענע און אײַנגעבראָכענע.

אין איר צימער איז געשטאנען אן איפּעש, א געמיש פון קאָלערליי רייכעס, וועלכע האָבן אים א זעץ געטאָן אין דער נאָז, ווען די טיר האָט געעפנט א יונגע זקיינע מיט האלבמעשוגענע אויגן. גאָך האָט זיך פארקרימט, קוקנדיק אף דער באלעבאָסטע פונעם צימער — אף איר שמוציק קלייד, אף דער צעוואָרפענער, ניט פארבעטער בעט, אף די בערגלעך ציגאַרן-אָפּשניצלעך, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אפן טיש, לעבן דעם בעט, אפן בײַשטידל פונעם פענצטער. זײַן בליק האָט זיך ניט געוואָלט טרעפן מיטן בליק פון קאָנאָפּליאָוועס דערשראָקענע פארלאָפענע אויגן. „נו, אָט, — האָט ער א קלער געטאָן, — פארלאָזן זיך אף אזא נעפעש — א בארישניע בלײַבט א בארישניע. זי שיקערט? און עפּשער גאָר קאָקאַין?" זי האָט זיך, אפּאָנעם, אָנגעשטויסן, וועגן וואָס ער טראכט, און געזאָגט:

— ס'איז ניט דאָס, וואָס איר מיינט. נערוון! פּאָשעט נערוון. — זי האָט פארפלעטשט מיט די דלאָניעס די שלייפן, זיך אײַנגעהויקערט, א צוגעקלעפּטע צום בענקל, — פארן טויט האָב איך ניט מוירע... ס'הייסט, פאר מײַן אייגענעם טויט... איר ווייסט דאָך, קיינער האָט מיך ניט געצווונגען, כ'האָב אליין באשלאָסן, אף מײַן אכרײַעס... דאָ אָבער האָב איך זיך איבערצײַגט: דאָס איז אומעגלעך. כ'האָב אים שוין א סאך מאָל געזען, געהערט. איך פארשטיי, אז מע דארף. נאָר איך קאָן ניט. מיט אָט די הענט... באשולדיקט מיך ניט. איך פארהאס זיך אליין. עפּשער דארף מען זיך צוגעווינען, איבערוואַרטן, עפּשער וועט דאָס אלץ איבערגיין. מיר האָבן דאָך נאָך צײַט...

גאָך האָט אומבאשטימט א קנייטש געטאָן מיט די אקסלען, איז צוגעגאנגען צום פענצטער, א ריר געטאָן די אומבאהאָלפענע נאָדלען פונעם פארוועלקטן סטאָליעטניק (הונדערט יאָר וואַרטסטו, ביז ער וועט זיך צעבליִען — און אָט נא דיר: אינגאנצן פארדאָרבן געוואָרן!). ער האָט זיך געצווונגען א קער טאָן, מאכן אפילע אן אָנשטעל, אז ער שמייכלט צו, ווי אונטערמונטערנדיק אָט די פארייִעשטע פרוי, און אופגעהויבן די אויגן:

— אָט וואָס, לידיִא וואסיליעוונא... ווארפט אוועק אָט דעם איניען... ס'הייסט, ווארפט אוועק אלץ מיטאנאנדער, די גאנצע זאך. און קערט זיך אום צו אײַער מישפּאָכע. רוט זיך אָפּ.

און פאר זיך א קלער געטאָן: „צו אלדי רוכעס!.."

ער איז ארויסגעגאנגען, קימאַט ארויסגעלאָפן. דורכן פינצטערן קאָרידאָר, איבער די סקריפּענדיקע ברעטלעך פונעם דיל, דורך די אָפּגעלופּעטע ווענט, דורך די פארליאַפּעטע מיט פארב פענצטער. „זע נאָר, — האָט ער געריטשעט אין זיך, לויפנדיק איבער די שווארצע טרעפּ, — אויך אָט די... — האָט ער געשעפּטשעט, א שטופּ טוענדיק מיטן פוס די טיר, — אויך אָט די... — איז ער געפלויגן, צעבריזגענדיק די קאָליוזשעס, דורכן הויף אף דער גאס ארויס, — אויך אָט די איז פון אים פארסאמט געוואָרן!.. ווער זשע איז ער עפּעס, אזוי צו זאָגן, — א קישעפמאכער?"

די גאס האָט א בריזגע געטאָן אף אים מיט זון פון הינטער עפּעס א קלויסטער, אים פארבלענדט נאָכן כוישעך פון דער שטוב-לאָך, ווו ער איז ערשט נאָרוואָס געוועזן, און קימאַט פארלאָשן דעם קאס, וואָס האָט שיר ניט צעריסן זײַן הארץ. ער האָט אפילע זיך פארכידעשט, פונוואנען האָט זיך בא אים גענומען אָט די לײַכטקײַט, ניין — ניט קיין לײַכטקײַט, נאָר א פארלײַכטערונג. אָבער וואָס עפּעס אינמיטנדערינען, ווען אלץ איז אזוי שלעכט? און ער האָט פלוצעם פארשטאנען: ער האָט אויסגעמיטן עפּעס זייער א מיִעסע זאך און פרייט זיך דערמיט. עמעס, ער האָט זיך גלײַך פארשעמט פאר אָט דער פארעטערישער פרייד זײַנער... וואָס זשע טוט זיך דאָס מיט אים, גאָטעניו? און ווו נעמט מען קויכעס דאָס איבערצוטראָגן?

און דעם זיבעטן מײַ האָט אין מאָסקווע זיך געעפנט דער אכטער ראַט פון דער עסערישער פארטיי. א גאנצע וואָך האָבן געדויערט די דעבאטן און זיך פארענדיקט מיטן זיג פון דער סאמע אוטאָריטעטער מערהײַט — ס'איז פּראָקלאמירט געוואָרן דער קורס אף א באוואָפנטן אופשטאנד. די פּראָגראם איז געווען א געוויינלעכע: אראָפּוואַרפן די ראטנמאכט, שאפן א דעמאָקראטישע רעגירונג, וועלכע עס וועט אויסוויילן די גרינדונגס-פארזאמלונג. און אלץ.

אָט איצט האָט זיך באוויזן סעמיאָנאָוו.

# „בא אונדז איז אַלץ גרייט...“

גריגאָרי סעמיאָנאָוו, דער דרײַסיקיאָריקער אָנפירער פון דער קאַמפּס-גרופּע, איז געשטאַנען אין שאָטן פון א צעקלאַפּטן וואַגאָן און ניט אזוי זיך צוגעהערט, ווי זיך צוגעקוקט. פונדאַנען האָט ער גוט געזען די פּלאַטפאָרמע-טריבונע, אַף וועלכער ס'האָבן איינער מיטן אַנדערן זיך פאַרמאָסטן אָראַטאָרס, און דעם ארויסגאַנג פון דער פראַכט-סטאַנציע, און דעם אײַלעם, זײַן פאָדערשטן ראַנד, ווו עס האָט געסטאַרטשעט, ווי א צוויאָק, קאָזלאָוו אין זײַן גרוי היטעלע. זיי האָבן זיך געסטאַרעט ניט ארויסלאָזן פון אויג איינער דעם אַנדערן, מע זאָל קאָנען אין א נייטיקן פאַל אָפּרעאַגירן אַפן באַדינגלעכן צייכן. סעמיאָנאָוו האָט זיך ניט צוגעהערט — ער האָט זיך צוגעקוקט. אַף דער טריבונע האָט זיך שוין אָנגעהויבן א שטופּעניש. דעם קאָמיסאַרס אָפּאָנענטן האָבן זיך באַמיט דעם מאַנגל פון אַרגומענטן קאָמפּענסירן מיט גאָרגל-אָנשטרענגונגען, זיך געסטאַרעט, ווי נאָר מע האָט געקאָנט, אָבער ס'איז, ווײַזט אויס, געווען אן אומזיסטע טירכע. סעמיאָנאָוו איז פאַר דער לעצטער צײַט אויסגעווען ווו א מיטינג, און ער האָט אַפילע פונדערווײַטנס, ניט פאַנאַנדערקלײַבנדיק די ווערטער, געקאָנט זען, ווער ס'האָט וועמען גריווער געווען. ער האָט נאָך א קלער געטאָן: ווען יינגלעך קומען זיך צונויף אין א גאַסן-געראַנגל, קאָנען זיי שוין פונעם ערשטן בליק באַשטימען דעם סאַמע שטאַרקן, ווי פון אים וואָלט עפּעס א מין גײַסט ארויסגעשטראַלט. קומט אויס, אז דאָס זעלבע איז בא די דערוואַקסענע.

צווישן דעם גרויסן האַמוין, צווישן דער האַוועניש און דעם געווימל, וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן אַף דער טריבונע, האָט וואָלאָדאַרסקי, אויסערלעך א רויִקער, קימאַט ווי א גלײַכגילטיקער צו דעם, וואָס עס קומט דאָ פאָר, אויסגעזען ווי דער סאַמע שטאַרקער, ווי ער וואָלט געקוקט אַף אָט דעם געווימל פון דער הייך און האָט שוין אַפריִער געוווּסט, וואָס עס וועט פאָרקומען ווײַטער און מיט וואָס וועט זיך דאָס סאָפקאָלסאָף פאַרענדיקן. ס'האָט זיך אַפילע אויסגעדאַכט, אז דער גאַנצער אַרום האָט אַנערקענט פאַר אים אָט דעם צושטאַנד און ווער עס האָט זיך אים קעגנגעשטעלט, האָט עס געטאָן ווי ניט ווילנדיק און אינדערעמעסן אים אונטערגעשפּילט.

ס'איז שווער געווען צו זען אין אָט דער פּרימאַ-פיגור א קאָרבן, אָבער סעמיאָנאָוו האָט גראָד אזוי איצט געקוקט אַף וואָלאָדאַרסקין. ער האָט נאָכאַמאָל זיך איבערצײַגט, ווי פּינקטלעך ס'האָט אויסגעקליבן גאָץ. דער אַלטער פּאָליטיקאַן האָט זיך ארויסגעוויזן מער דערפאַרענער, איידער ער, סעמיאָנאָוו. ווען ער האָט זיך געווענדט צו גאָצן, קעדיי באַשטימען דעם אָביעקט פונעם ערשטן אַקט, איז ער גרייט געווען צו הערן א באַליביקן נאָמען, אָט, לעמאָשל, אוריצקין, דעם קאָמיסאַר פון אינערן-איניאָנים, דעם פאָרזיצער פון טשעקאַ, — סאָפקאָלסאָף איז דער טעראָר פאַרטראַכט געוואָרן ווי א פאַרווירקלעכונג פון דער נעקאָמע, און דאָס איז געווען אין די טראַדיציעס פון דער פּאַרטיי: באַשטראָפן די באַשטראָפער, די אומיטלבאַרע שולדיקער. גאָץ האָט אָבער אָנגערופן וואָלאָדאַרסקין. און ער איז טאַקע גערעכט — די סאַמע ווײַטעקלעכע זאַנאָזע דאַרף מען ארויסרײַסן פריִער פון אַלעמען.

דער סאָד, וואָס ער האָט געוווּסט, האָט דערהויבן סעמיאָנאָוון איבער אָט דעם דרײַטויזנטיקן האַמוין. ווײַל בלויז ער און נאָך זײַן מיטהעלפער פיאָדאָראָוו-קאָזלאָוו האָבן זיך אויסגעטיילט צווישן די אַנדערע, וועלכע האָבן געזען און געהערט וואָלאָדאַרסקין. עמעס, דער קאָמיסאַר האָט, ניט געקוקט אַף זײַן מאָגערקײַט, אַף די אײַנגעפאַלענע באַקן און ניט הייכן וווּקס, איצטער איינער אַליין געהערשט אַף דער טריבונע. סעמיאָנאָוו און פיאָדאָראָוו-קאָזלאָוו האָבן אים אָבער שוין געזען דורכן שפּעלטל פונעם פריצעל: דער גײַסט איז פאַר דער שווערקײַט פונעם רעוואָלווער גאָרנישט ניט, אָבער דעם גוף קאָן מען דערהאַרגענען. אָט ווו ס'איז דער אויסוועג אינעם שווערן קאַמף מיט די באָלשעוויקעס. זיי האָבן דאָך ליב איבערצוכאַזערן, אז דאָס מאַטעריעלע איז דאָס ערשטיקע — זאָל עס טאַקע זיך א קערעווע טאָן קעגן זיי!

סעמיאָנאָוון איז געפעלן געוואָרן זײַן אייגענער געדאַנק — און ער האָט אַפילע א שמייכל געטאָן. און אופגעכאַפּט אַלס ענטפער קאָזלאָווס שמייכל — פּונקט ווי יענער וואָלט דערהערט דעם אַפאָריזם, וואָס ער, סעמיאָנאָוו, האָט צוגעטראַכט, נאָר ניט ארויסגעזאָגט אַף א קאָל. לאָזט זיך אויס, אז קאָזלאָוו האָט גאָר א שמייכל געטאָן איבער וואָלאָדאַרסקיס א רעפּליק. וואָס איז די מײַסע?

איינער א מענשעוויק אין אן אַרבעטער-בלוזע, אָבער מיט אן אוניווערסיטעטישער ווייכער אויסשפּראַך האָט געפּרוּווט כאַפּן דעם קאָמיסאַר אין א ליגן: די סאָוועטישע מאַכט איז

דאָך אַ מאַכט פון אַרבעטער און פּויערים, פאַרוואָס זשע וויל מען ניט אָנערקענען די קאָנפערענץ פון די פאָרשטייער פון די פאַבריקן און זאַוואָדן? האָט וואָלאָדאַרסקי גלייַך גענומען דערציילן וועגן דעם, ווי:אַזוי אָט די פאָרשטייער זייַנען געפאָרן קיין מאָסקווע:

— נו, יאָ, די אַרבעטער פון פּיטער האָבן זיי שוין געמאַכט גליקלעך. ברויט האָט מען זיי געגעבן, דעם שלעכטן ברעסטער שאָלעם האָט מען פאַרביטן מיט אַ גוטן שאָלעם. מע דאַרף, אַז עפּעס זאָל האָבן אויך דער מאָסקווער אַרבעטער. הייסט עס, קיין מאָסקווע, ליבע הערן? און פונדאַרטן? קיין יעלאַבוגאַ? און דערנאָך? ענדגילטיק און אויף שטענדיק אין מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע! און קיינעם וועט ניט באַנק טאָן.

„אַ האַרבער מענטש, — האָט אַ קלער געטאָן סעמיאָנאָוו, — גאָך קלייַבט אויס זייער פינקטלעך”.

דאַכט זיך, דאָס ציט זיך שוין פונלאַנג, נאָר ס׳איז דורך ניט מער ווי אַ כוידעש.

דאָס געלט פון דער דערפאָלגרייַכער עקספּראָפּרי:אַציע האָט סעמיאָנאָוו געוואָלט אָפּפירן קיין מאָסקווע אַליין. ער האָט אַליין געוואָלט דערציילן די גאַנצע געשיכטע — ווי:אַזוי זיי זייַנען מיט קאָזלאָוון אַרייַנגעשפּרונגען אויף דער סטאַנציע בוי אין וואַגאָן, שווייַגנדיק אָנגעשטעלט די רעוואָלווערן אויפן קאָנוואָי — אינצווייען קעגן פינף — און אין געציילטע מינוטן איבערגעלאָדן אין סאַקוואָיאַזש אַ מיליאָן. נו, און דער אַרטעלשטשיק פונעם דערנערונגסקאָמיסאַריאַט, באַ וועלכן מ׳האָט אָפּגערויבט דעם דאָזיקן מיליאָן? ער האָט אַזוי קונציק אָפּגעשפּילט אַן איבערגעשראָקענעם, די הענט זייַנע האָבן אַזוי אַרטיסטיש געציטערט, אַז זיי האָבן בעשום-אויפן דעם פּאָרטפעל ניט געקאָנט צעשפּיליען — מע ראַבעוועט! מע וואָלט אים פּאָשעט געדאַרפט אָפּלאָדירן. און ווייניק-וועלער האָט געוווּסט, אַז דאָס האָט ער אַליין אָרגאַניזירט דעם רויב: דער אַרטעלשטשיק איז געווען אַן עסער, דאַכט זיך, אַ לינקער, נאָר אינדערעמעסן — אַ רעכטער.

יעווגעני:אַ ראַטנער, דער קאַסיר פון צק, איז געווען מאָלע געדולע:

— איר קאָנט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי מיר דאַרפן איצטער האָבן געלט. אַזאַ גרויסע זאַך האָבן מיר דאָך פאַרטראַכט!

זי האָט אים דערציילט, וואָס עס באַהאַנדלט איצינד דער סאָוועט פון דער פּאַרטיי. סעמיאָנאָוו האָט זיך ספּעצי:על פאַרהאַלטן אין מאָסקווע, ער האָט געוואָלט דערהערן פונעם ערשטן מויל וועגן דעם ענדגילטיקן באַשלוס. קיין פּעטראָגראַד האָט ער זיך אומגעקערט אַ באַפליגלטער און שוין אָנגעהויבן גלייַך בויען פּלענער. ניין, דאָס זייַנען געווען ניט קיין פּלענער, נאָר גליקלעכע דערוואַרטונג — ער האָט זיך שוין געזען אַלס העלד פון שרעקלעכע מייַסעלעך. די לייַכטע, דרייסטע עקספּראָפּרי:אַציע האָט אין אים דערוועקט קימאַט אַ קינדערישן טרוים, און אָט די אַלע קונצן — מאַסקעס, נאָכשפּירונגען, באָמבעס, רעוואָלווערן — האָבן געפּרייט זייַן האַרץ, אַרויסגעפירט פונעם מאָרעשכוירעדיקן קרייַז פון טאָגטעגלעכקייַט.

פונקט דעמלט האָט מען געפּראַוועט טימאָפּייעווס געבוירנטאָג. עס זייַנען געקומען אַ סאַך צעקיסטן. אויסער גאָצן — יענער האָט געשפּילט אין קאָנספּיראַציע, ווי אַ קלייניקער. נו, פאָרשטייט זיך, אַ געדעקטער טיש, מ׳האָט געקראָגן אַ גראַמאָפאָן, געבראַכט אַ גיטאַרע, און טאָסטן האָט מען געהאַלטן, געוויינלעך, פּאָליטישע. ווען די אַלגעמיינע פייַערונג האָט זיך צעטיילט אויף גרופּקעלעך, ווו מע האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ אין דער קאָרידאָרישער אינטימלעכקייַט, האָט סעמיאָנאָוו זיך צוגעזעצט צו דאָנסקאָיען און גענומען אַרויסלייגן זייַן פּלאַן פון שאַפן אַ צענטראַלן קאַמפּס-אָטריאַד, וועלכער וועט אויספירן טעראָריסטישע אַקטן. דאָנסקאָי, אַ צעוואַרעמטער פונעם אויסגעטרונקענעם, האָט זיך פּלוצעם אָנגעשטרענגט, אַרופגעצויגן אויף זיך די גרעסטע ערנסטקייַט:

— כ׳האָב דאָך שוין פונלאַנג געזאָגט, אַז איך בין אַן אָנהענגער פון אָרגאַניזירטן טעראָר, אָבער, ווי איר פאַרשטייט, לייזן זיך ניט אַזעלכע זאַכן באַ אַ פּלעשל מאַשקע.

— גוט, — האָט געענטפערט סעמיאָנאָוו, — לאָמיר דאָס באַהאַנדלען אָפיצי:על. ווען?

— מאָרגן.

— מאַסקים. באַשטימט די צייַט.

דאָנסקאָי האָט אים פּאָטערלעך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— איך אַליין, גריגאָרי איוואַנאָוויטש, האָב ליב דרייסטקייַט און דראַנג. אָבער גאָט באַהיט, איר פאַרשטייט דאָך די וויכטיקייַט פון אָט דעם פאַרטראַכט. אַזעלכע איניאַנים זייַנען בלויז אין קאָמפּעטענץ פונעם צענטראַל-קאָמיטעט. כ׳וועל, נאַטירלעך, גלייַך איבערגעבן, די באַהאַנדלונג וועט זיך ניט פאַרצי:ען. נאָר אייַך וועט אויסקומען צו ריידן פּערזענלעך מיט גאָצן. דערצו נאָך פאָר איך אַוועק. זייַט אינדערהיים, מירן אייַך אַרויסרופן.

דאָנסקאָי האָט געהאַלטן וואָרט. מיט גאַנצן איז די באַגעגעניש פּאָרגעקומען שוין אַפן אַנדערן טאָג. סעמיאָנאָוו האָט ער אופגענומען אַף ליטײנע, אין דעם ביכער־פּאַרלאַג. געהערט האָט ער אופמערקזאַם. געשטעלט פראַגן, געווען זייער זאַכלעך. און קורץ רעזומירט:

— גוט, הייבט אָן. דער צענטראַל־קאָמיטעט באַציט זיך צו טעראָר פּאָזיטיוו.

סעמיאָנאָוו האָט אָבער געוואָלט, אַז אַלץ זאָל זײַן קלאָר, אַבסאָליוט קלאָר. דאָס, וואָס גאָץ האָט גלײַך געגעבן די האַסקאָמע, האָט אים ניט פאַרדרייט דעם קאָפּ. וואָס האָבן זיי פאַר אָט דעם מעסלעס געקאָנט אויסקלאָרן? אין פּעטראָגראַד זײַנען דאָך פאַראַן בלויז זעקס מיטגלידער פונעם צק. עמעס, צווישן זיי — גאָץ, אָבער ער איז אויך ניט די ערשטע פיגור.

— נעמט עס ניט אוף פאַר אַ כוצפּע, — האָט, ווי פאַרענטפערנדיק זיך, אַ שמייכל געטאָן דער באַיעוויק, — אָבער איך וואָלט געוואָלט וויסן טשערנאָווס מיינונג.

גאָץ האָט זיך פאַרקרימט, ווי פון עפּעס ביטערס:

— גריגאָרי איוואַנאָוויטש, מיר שמועסן דאָך ניט אין אַ קאָנדיטערײַ און ניט וועגן, זײַט מיר מויכל, ווײַבלעך. איך האָב קיינמאָל ניט געבראָכן די פּאַרטיי־דיסציפּלין און די פּאַרטייִשע סובאָרדינאַציע. אויב איך רעד מיט אײַך אין נאָמען פון צק, האָב איך אַ גרונט. וויקטאָר מיכײַלאָוויטש איז אַ פאַרביסענער אָנהענגער פון טעראָריסטישע טאַטן. זאָל אײַך דאָס ניט באַומרויִקן, ניט קימערן. פאַראַן נאָך פראַגעס?

וואָס־וואָס, נאָר אָפּהאַקן האָט דער געוועזענער פאָרזיצער פונעם צענטראַלן אויספירקאָמיטעט געקענט. וואָדען — אַזאַ דערפאַרונג, אַזאַ פּראַקטיק... סעמיאָנאָוו האָט געפילט, ווי דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּאָנעם, ווי מע וואָלט אים געגעבן אַ פּאַטש. ער האָט אָבער פאַרשטיקט אין זיך דעם קאַס און אַ פרעג געטאָן:

— אויב אַזוי, זאָגט, אַף וועמען, האַלט די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, דאַרף מען פאָרנעמען אַקטן אין דער ערשטער ריי?

— אויב נעמען אין אַכט די סטראַטעגישע אופגאַבע פון די אַקטן, — האָט קלוימערשט קלערנדיק געענטפערט גאָץ, מאַכנדיק אָן אָנשטעל, אַז ער איז זייער פאַרזאָרגט — ער האָט געכיטרעוועט, סעמיאָנאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז גאָץ האָט שוין אַלץ באַשלאָסן פונפריִער, — אויב האָבן אין זינען זייער פּאָליטישע באַדײַטונג, איז מער צוועקמעסיק גלײַך אַ קלאַפּ טאָן איבער דעם סאַמע קאָפּ... נו, לאָמיר זאָגן, דעם פאָרזיצער פונעם סאָוועט פון דער קאָמונע...

ער האָט אַ קוק געטאָן סעמיאָנאָוון גלײַך אין די אויגן. סעמיאָנאָוו האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ — יאָ, ער פאַרשטייט, נאָר גאָרנישט ניט געזאָגט, ווײַל ער האָט געזען: גאָץ האָט נאָך ניט פאַרענדיקט. און טאַקע אַזוי:

— ס'איז פאַראַן אָבער ניט קיין קלענערע, מיין איך, פיגור, — גאָץ האָט געמאַכט אַ פּאַוזע, זײַן שטערן האָט זיך באַדעקט מיט קנייטשן, די אויגן האָבן זיך אָנגעצילט אין דער סטעליע, און ענדלעך האָט ער קימאַט ווי אויסגעשריגן, — וואָלאָדאַרסקי!.. יאָ, קוידעמקאָל ער. אַרגומענטן? ער איז זייער פּאָפּולער צווישן די מאַסן, און דעריבער איז ער די סאַמע אָנגעזעענע פיגור, פאַרנעמט, פון זייער שטאַנדפּונקט, דאָס גרעסטע אָרט אין דער באָלשעוויסטישער רעגירונג פון דער קאָמונע. דעם שאָדן, וואָס ער טוט אונדז אָן, איז שווער צו איבערשאַצן. דערצו נאָך איז זײַן פּאָזיציע די שאַרפסטע, און ער באַהאַלט עס ניט אויס, יעדערן וואַרפט זיך עס אין די אויגן. און זײַן פּערזענלעכער אָנטייל אין דערשטיקן די דעמאָקראַטישע פרײַהײַטן! קורץ גערעדט, דאָס איז אַ פאַרקערפּערונג פון דער סאָוועטנמאַכט אין באָלשעוויסטישן וואַריִאַנט. אַזויאַרום, וועט דאָס אָפּראַמען אים פונעם וועג ווערן, אַזוי צו זאָגן, אַ מוסטער פאַר אַלעמען: אויסער דער גרויסער פּראַקטישער נוץ, וועט עס האָבן אויך ניט קיין קליינע פּראָפּאַגאַנדיסטישע באַדײַטונג. וואָס שײַך דעם טעכנישן שטאַנדפּונקט, איז וואָלאָדאַרסקי מער פון אַלעמען צוגענגלעך: שטענדיק צווישן דער מאַסע, אַף די אויגן — מיטינגען, פאַרזאַמלונגען, דאָס, יענץ...

און ס'איז אַוועק אַ גאַנג.

מענטשן פאַר זײַן אָטריאַד האָט סעמיאָנאָוו גענומען אונטערקלײַבן מיט דער גרעסטער שטרענגקײַט — איבערגעוויגן און איבערגעמאָסטן די מײַלעס און כעסרוינעס פון יעדער קאַנדידאַטור, אַנאַליזירט זייערע פּאַרטיי־אַנקעטעס, לאַנג געשמועסט מיט יעדן איינעם. ער האָט געדאַרפט האָבן איבערצײַגטע באַיעוויקעס, וועלכע זאָלן זײַן גרייט אַף אַלץ, איבערגעגעבענע מיט לײַב און לעבן. און נאָך האָט ער געוואָלט, אַז עס זאָלן זײַן מענטשן — אידייִש רײַפע.

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט גענומען פריִער פאַר אַלץ פיליע קאָזלאָוון — אים האָט סעמיאָנאָוו שוין אויסגעפּרוּווט אין קאָנקרעטע איניאָנים. גענומען האָט ער אויך קאָזלאָווס כאַווער — דעם אַרבעטער סערגייעוו: אַ רײַכע אַנאַרכיסטישע פאַרגאַנגענהײַט, פאַרשיקונג

אין ארכאַנגעלסקער גובערניע, און האַגאַם אויסגעזען האָט ער אויסערלעך גאָר ניט ווי א גוואַר, נאָר א האַרץ האָט ער געהאַט א הייס. קאַנאַפּליאַוועז האָט ער אויך גענומען — זי איז קוים געקומען צו־זיך נאָך דער מאָסקווער פּיאַסקאַ און האָט געבראַנט מיט פאַרלאַנג אויס־צוקויפן אירע „זינד" פאַר דער פּאַרטיי. ער האָט איַינגעשלאָסן אויך די צעדרייטע אינטע־ליגענטקע יעלענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איוואַנאָווא־איראַנאָווא — די דאָזיקע מאַכעשייפע האָט מען נישט געקאָנט ניט נעמען אין אַטריאַד, זי האָט פּאַשעט געלעבט מיט איין געדאַנק: האַרגענען, שיסן, צעטרעטן מיט די פּיס! דער רויך ווייסט וואָס — סעמיאַנאָוו אַליין האָט מוירע געהאַט פאַר איר שווידערלעכן בליק, א בליק פון א מעדוזע־פּוריע. דערנאָך זיַינען שוין אַריַינגערעכנט געוואָרן אוסאָוו, זעלענקאָוו — זיי האָט ער גלײַך אוועקגעשיקט קיין מאָסקווע, זיי זאָלן דאָרט צוגרייטן די וויַיטערדיקע אַקטן.

אָנגעהויבן האָט מען פון גאָרנישט. ס'איז אַפילע ניט געווען באַוווסט, ווו וואָלאָדאַרסקי וווינט. אין דעם האָט, עמעס, נאָך בייס דער ערשטער באַגעגעניש צוגעזאָגט העלפן גאַץ, אָבער אַף אים האָט מען זיך ניט געקאָנט פאַרלאָזן. גאַץ האָט געהאַפּט, אַז וואָלאָדאַרסקיס אַדרעס ווייסט איינער א זיימאַן, און האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיט יענעם אַליין זיך פאַר־בינדן. ער האָט מיט אים, דאַכט זיך, טאַקע גערעדט, נאָר ווען סעמיאַנאָוו אַליין האָט זיך באַגעגנט מיט אָט דעם זיימאַנען, האָט יענער גענומען זיך דרייען אַפן קאַרעק — ס'איז קלוימערשט א קאָמפּליצירטע זאַך און ער האָט ניט באַוויזן זיך צו דערוויסן, אָבער געבעטן נאָכאַמאָל קומען. ווען מ'איז נאָכאַמאָל צו אים געקומען, האָט ער ווידעראַמאָל גענומען פאַריידן די ציין. סעמיאַנאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז זיימאַן איז פּאַשעט א פּלאַפּלער אָדער א באַהאַלטענער קעגנער פון טעראָר. מער האָט ער זיך צו אים שוין ניט געווענדט.

די גרופּע האָט זיך פאַרזאַמלט געווינלעך אַף קאַנאַפּליאַוועס דירע — זי האָט געוווינט אַף דער עלפטער ליניע פון וואַסיליעווסקע אָסטראָוו, און אַף דער אָרדנטלעכער באַגעגעניש האָט מען גענומען טראַכטן, וואָס קאָן מען טאָן אין אָט דעם איניען. אין פּרינציפּ וואָלט מען געקאָנט אויסקלאָרן דורך נאָכשפּירן וואָלאָדאַרסקין, אָבער דאָס וועט זיך פאַרציִען און ס'איז ניט אַזוי אינטערעסאַנט. סעמיאַנאָוו האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז עפּשער וואָלט מען געקאָנט זיך דערוויסן דורך עמעצן פון די שאָפערן פונעם סמאָלנער גאַראַזש. ער האָט גענומען פאַר־לייגן איין פּלאַן נאָך אַן אַנדערן, וויִאַזוי דאָס צו פאַרווירקלעכן, און געפילט אַף זיך איוואַ־נאָוועס גיפטיקן בליק — די דאָזיקע פלעדערמויז האָט זיי אַלעמען באַטראַכט ווי נישטיקע יינגלעך. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן, זיך א קערעווע געטאָן צו איר:

— וואָס, יעלענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, איר האָט עפּשער א מער רעאַלן פאַרשלאָג?

איוואַנאָווא האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, אַרויסגעלאָזט אַף אים א קנויל פּאַפּיראָסן־רויך:

— שטענדיק שאַצט איר ניט אָפּ, גרישענקאַ, דאָס אַלטע פאַרטייִש פערדל. און איך מיין, אַז כ'וואָלט געקאָנט זיך דערוויסן דעם אַדרעס. דורך אָט יענעם טשעקיסט, נו ווי הייסט ער... באַקי... ניט דורך אים גופע — דורך זיַין וויַיב, — זי האָט מיט פאַרגעניגן פון א מענטשן, וואָס נעמט נעקאָמע, איבערגעפּירט דעם בליק אַף דער גאַנצער קאָמפּאַניע, — אָט דאָס וויַיבל איז אַן עסערקע, מיר זיַינען מיט איר באַקאַנט נאָך פון דער קאַטאָרגע.

אינגיכן אָבער האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די אַלטע פריַינטשאַפט האָט זיך ניט באַרעכ־טיקט, און סעמיאַנאָוו האָט געהאַט איִצטער א געלעגנהײַט אויך זיך נויקעם זיַין אין דער מעדוזע: אים האָט ניט געלוינט, אַז איוואַנאָווא זאָל מיט עפּעס נעמען די אויבערהאַנט איבער די אַנדערע זיַינע באַיעוויקעס. זי האָט אויך אָן דעם אַלעמאָל ליב געהאַט אונטערצושטרײַכן איר אויסשליסלעכקייט, האַלטנדיק זיך שיר ניט פאַרן ניט אָפּיציִעלן לידער פון דער גרופּע. סעמיאַנאָוו האָט אָבער ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז עמעצער זאָל אים אָפּשטופּן מיט דער פּלייצע. זיַין קינד דאַרף זיַין בלויז זיַין קינד. דעם רום וויל ער מיט קיינעם ניט טיילן. די שורעס, וועלכע וועלן זיַין געווידמעט אים אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי, האָט ער געזען אָפּגעדרוקט מיט פעטן שריפט — אַף אַנדערע וועט אַזויפיל שריפט ניט קלעקן. יעדערן — זיַינס!

איוואַנאָווא האָט אָבער אויך פון זיך זייער געהאַלטן. אויב מע האָט זי ניט אוועקגע־שטעלט אַף אָנפירן, וועט זי זיך ריַיסן צו זיַין בעראָש פון די אויספּילער. אָט דאָ וועט זי שוין באַוויַיזן, אַף וואָס זי איז פּעִיק. אין געוויסע קריַיזן האָט זי זיך טאַקע פאַרעקאָמענדירט גאַנץ פעסט: א פרוי אָן געפילן, אָן עמאָציעס. וועגן איר האָט מען גערעדט: א מאַנצבלשער כאַראַקטער. נאַרישקייטן! גראָד א פרוי איז אין אַזעלכע איניאָנים איבערגעגעבן מיטן גאַנצן וועזן. דעריקער — זיך ניט היצן, אַלץ דאַרף געטאָן ווערן מיט א קאַלטן לונג־און־לעבער. אַף א מאַנצבל מיט אַזא כאַראַקטער וועט מען זאָגן — אַן אכזער, וועגן א פרוי אָבער: א

מעשוגאַס. נו איז וואָס, אַז ס'איז אַ מעשוגאַס? דערפאַר איז עס פונעם פולן האַרצן, און קיינער קאָן זי ניט באַשולדיקן, אַז זי זוכט עפּעס דערמיט אַ לוין פאַר זיך...

איוואַנאָווא האָט געוואָלט, אַז שיסן זאָל זי אַליין, און מער קיינער ניט. אויף דער פאַרזאַמלונג, בײַ מע האָט פאַרטיילט די ראָלן, איז מיט איר שיר ניט געווען קיין היסטעריקע.

— נו ווער איז אַזוי צוגעגרייט צום אַקט, ווי איך! — האָט זי געשריִען אויף סעמיאָנאָוון, און איר מאָגער בלייך פּאָנעם איז גלײַך געוואָרן פאַרשוואָלן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פרוי. — ווער קאָן עס בעסער אויספירן? עפּשער לידאָטשקע? זי פאַרמאָגט, פאַרשטייט זיך, מער דערפאַרונג — מיר געדענקען דאָך איר וואָיאַזש קיין מאָסקווע. אָבער, לידאָטשקע, האָט ניט קיין פאַריבל, קעצעלע, איר וועט זיך דאָך גלײַך פאַרליבן אין מאָיסייטשיקן, ווי אַנומלטן אין איליטשן!

קאָנאָפּליאָווא האָט זיך צעיאָמערט. סערגייעוו — די גוטע נעשאָמע — איז אַוועקגעלאָפן נאָך וואַסער. נאָר סעמיאָנאָוו האָט דערלאַנגט פונעם בופעט אַ פלעשל, צעגאָסן אין קעלישעקלעך, אַליין אונטערגעטראָגן יעדערן:

— לאָמיר, כאַווײרים, ניט זײַן איבעריק שלעכטהאַרציק איינער צום אַנדערן. וואָס איז די נאַפקעמינע, ווער עס וועט דער ערשטער שטאַרבן, ווער עס וועט ווערן געזאַלבט מיט רום? פאַר דער געשיכטע זײַנען מיר אַלע גלײַכע, מיר טוען אַלע איין זאַך, דער גוירל איז בײַ אונדז איינער, און דער רום איז אַ געמיינזאַמער. פאַר דער געשיכטע זײַנען מיר אַלע גלײַכע, און די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר איר איז אויך אַ גלײַכע. איך צווייפל ניט, אַז יעדער פון אונדז איז גרייט אין אַ באַליביקער מינוט אויספירן דאָס, וואָס אים וועט הייסן די פּאַרטיי. נאָר דער גוירל וועט אויספאַלן אויף יענעם, וועמענס נאָמען איז גינסטיק צו פאַרעפנטלעכן אין דער געגעבענער פּאָליטישער סיטואַציע. דעריבער דאַרף איך, ליבע יעלענאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ, ווי איך זאָל ניט שעצן אײַערע פּערזענלעכע מײַלעס און די פאַרדינסטן פאַר דער פּאַרטיי, באַופטראָגן דאָס פאַרווירקלעכן דעם אַקט ניט אײַך, — ער האָט אַוועקגעלייגט זײַן דלאָניע אויף איר האַנט, וואָס האָט נערוועז געציטערט אויף דעם פּליושענעם טישטעך, קוים זיך אײַנגעהאַלטן ניט אַ שמייכל טאָן, — וואָלאָדאַרסקין האַלט מען פאַר אַ פירער פון די אַרבעטער... דאַרף אים טאַקע האַרגענען אַן אַרבעטער. מיר פירן דאָך דורך אַ פּאָליטישן אַקט, און דאָס טאָר מען ניט פאַרגעסן.

סעמיאָנאָוו האָט דערזען, ווי ס'האָט אויפגעפלאַמט מיט צופרידנקײַט סערגייעווס פּאָנעם און ווי מאָרעשכוירעדיק ס'איז געוואָרן פּיליע קאָזלאָוו. אָבער ער האָט פאַרגעזעצט, ניט אַרויסגעבנדיק זײַן ביטל:

— אַרבעטער האָבן מיר אינעם אָטריאַד צוויי — סערגייעוון און קאָזלאָוון, אַזוי אַז אויספירן דאַרף איינער פון זיי, האַגאַם, ווי איר פאַרשטייט, וועט אַרבעט און מעסירעסנעפעשדיקײַט קלעקן פאַר אַלעמען.

סעמיאָנאָוו איז אַליין געווען באַגײַסטערט פון זײַן געלונגענער אידיי. צום אָנהייב האָט ער דאָך געהאַט איין פאַרלאַנג: אָפּשטופּן איוואַנאָווען פון די ערשטע ראָלן. און ווען ס'וואָלט ניט געווען יענער סקאַנדאַל, וואָלט ער זיך עפּשער צו דעם ניט דערטראַכט — מיט איין קלאַפּ טרעפן אין צוויי ציִלן. אַ לייזונג, וואָס נאָר שלוימע האַמעלעך וואָלט זיך צו אַזאַ דערטראַכט. אַפילע דאָנסקאָי האָט זיך פאַרוווּנדערט, וויאַזוי אָט דער כיטריאַק סעמיאָנאָוו האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער שווערער לאַגע — ער איז געווען איבערצײַגט, אַז סעמיאָנאָוו וועט דעם אַקט געבן אויספירן איוואַנאָווען. שפּעטער האָט סעמיאָנאָוו אים גאַנץ אָפנהאַרציק דערקלערט:

— וואָס איוואַנאָווא? פאַר איר איז וויכטיק אַליין דאָס האַרגענען, זי איז בלוטדורשטיק. וואָלאָדאַרסקי, לענין, איך, איר — ס'איז איר אַלצייינס. שיקן אַזאַ מענטש וואָלט געהייסן דיסקרעדיטירן דעם אַקט. אויף אַזאַ איניען דאַרף גיין אַן אידײיִשער קעמפער, אַ ריינער, אַ הייליקער.

— ווער זשע איז ער, אָט דער הייליקער אײַערער?

— סערגייעוו. אַלנפאַלס, האָט ער זיך פאַרעקאָמענדירט אַלס אַזעלכער.

ביז דעמלט האָט סעמיאָנאָוו ניט זייער גוט געוווּסט סערגייעוון. אויסגעקליבן האָט ער אים, ווײַל ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן סערגייעווס מײַסים פון קאָזלאָוון — יענער האָט מיט אים אַמאָל געאַרבעט אויף איין זאַוואָד, אים רעקאָמענדירט אין פּאַרטיי, געבראַכט אין קאַמפּאַס-אָטריאַד. דאָס, וואָס סערגייעוו און קאָזלאָוו האָבן פאַרשיידן רעאַגירט אויף זײַן אומגעריכטער דערקלערונג, האָט סעמיאָנאָוו, נאַטירלעך, פאַרגעדענקט און נאָך די אימענינעס זיך אײַנגעבעטן צו פּיליען איבערנעכטיקן — אים האָט זיך געוואָלט אויסקלאָרן אַלץ ביזן סאָף.

קאָזלאָוו האָט געוווינט ערגעץ אַף דער ניעווסקער זאַסטאַווע, פון וואַסיליעווסקע אָס-טראָוו גאַנץ ווײַט. אין וועג האָט מען זיך צערעדט. פיליע איז ניט געווען קיין נאַר — ער האָט גלײַך זיך אַנגעשטויסן, אַז דער קאָמאַנדאַר האָט אים פאַרשטאַנען. איצטער האָט ער זיך געוואָלט פאַר אים פאַרענטפערן:

— איר פאַרשטייט, גריגאָרי איוואַנאָוויטש, איין זאַך איז האַרגענען א טיראַן, א סאַט-ראַפ, און א צווייטע — א רעוואָליוציאָנערן טוער.

— וואָס רעדט איר, פיליפ, — האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז אופגעבראַכט, סעמיאָנאָוו, — די באָלשעוויקעס זײַנען דען רעוואָליוציאָנערן? זיי זײַנען די באַגראַבער פון דער רעוואָליוציע. א געוויסע צײַט זײַנען מיר, ווירקלעך, געגאַנגען מיט איין וועג, אָבער איצטער...

— איך פאַרשטיי אַלץ, גריגאָרי איוואַנאָוויטש, אָבער איר פילט דאָך אַליין דעם אונ-טערשייד. יענע סאָנים און די דאָזיקע — זײַנען ניט איינס און דאָס זעלבע. ווען די פאָלקיסטן האָבן געקעמפט די צאַרישע הענקער, זײַנען זיי געווען פולקום גערעכט, מיר אָבער פאַרמיש-פּעטן זיך אַף צו פאַרשאָלטן ווערן מיצאַד יענעם קלאַס, וועמען מיר טראָגן באַפרײַונג. מיט אַזעלכס קאָן איך ניט שאָלעם מאַכן.

— די געשיכטע וועט אונדז באַרעכטיקן, — האָט אַרײַנגעוואָרפן א שיין וואָרט סע-מיאָנאָוו.

קאָזלאָוו האָט פלוצעם זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגעשעפּטשעט:

— און איר האָט זי געזען, די געשיכטע?

„זעט נאָר, וואָס פאַר א געדאַנקען עס קומען אָט דעם אַרבעטער אין קאָפּ, — האָט אין פאַרלעגנהײַט א קלער געטאָן סעמיאָנאָוו, — און א קוק טאָן אַף אים, איז דאָס א לעקיש בען לעקיש... ווער האָט געקאָנט פון אים אַזוינס דערוואַרטן?” אָבער אַף א קאָל האָט ער גענומען מאַכן אַן אָנשטעל, אַז אים אַרט זייער קאָזלאָווס רעפּליק:

— כ'האָב דיך, פיליפ, מיט גוואַלד געשלעפּט אין אַטריאַד? עפשער וואָלט געהאַט כאָטש איצטער א זין אײַך צו באַפרײַען, אויב איר גלייבט ניט אין דער גערעכטיקײַט פון אונדזער זאַך. די מײַז אַנטלויפן די ערשטע...

— ע, ניין, — קאָזלאָוו האָט אומדערוואַרט פאַר סעמיאָנאָוון זיך ניט איבערגעשראָקן.— אַרויסטרײַבן מיך פונעם אַטריאַד דאַרף מען ניט. אַלץ וועל איך דאָס, וואָס מע דאַרף, טאָן, אויספילן ערלעך, ווי שטענדיק. און זאָגן זאָג איך דאָס, קעדיי איר זאָלט פאַרשטיין: ס'איז ניט לײַכט צו גיין אַף אַזעלכס. דערפאַר בין איך ניט אַרויסגעשפּרונגען. איך האָב ניט מוירע פאַר קיין שום געפאַר — איך האָב מוירע, מע זאָל מיך ניט פאַרשעלטן. אַזוינס קאָן מען ניט איבערטראָגן, ניט אויסהאַלטן, אויב אפילע דו וועסט נאָכן אַקט אַרויסגיין א לעבעדיקער.

איין קוואַרטאַל, א צווייטן, א דריטן זײַנען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק. ענדלעך האָט סעמיאָנאָוו געפרעגט:

— וואָס זשע, און דער כאַוער דײַנער קלערט אויך אַזוי?

— ניין, סערגייעוו איז אַן אַנדערער, — האָט אופגעלעבט קאָזלאָוו, — איר קענט אים ניט. ער איז דאָך ערשט ניט לאַנג צוריק צו אונדז געקומען. ער ברענט מאַמעש עפּעס אַזוינס אופטאָן פאַר דער פּאַרטיי — אַן אויסערגעוויינלעכס. ס'זאָל פאַרבלײַבן אין געדעכע-ניש — איינמאָל פאַר אַלעמען און אַף שטענדיק. איר פאַרשטייט, מיר דאַכט זיך אפילע, — קאָזלאָוו איז אַריבערגעגאַנגען אין שעפּטשערײַ, — אַז ער האָט א פאַרלאַנג אומצוקומען, עפּעס א פּאַשעטע זאַך איז אים ווייניק... דערפאַר טאַקע האָט ער בעעמעס זיך דערפרייט.

— נו גוט, פיליפ, — האָט א זאָג געטאָן פאַרקלערט סעמיאָנאָוו, — זאָל ער שיסן... און דיך... דיך וועלן מיר האַלטן אין רעזערוו.

אַלץ איז שוין געווען קלאָר ווי דער טאָג. דעם אַטענטאַט דאַרף מען דורכפירן ערגעץ אַף א ראַנד-געביט — דעמלט איז כאָטש פאַראַן א האָפענונג זיך צו ראַטעווען. אָפּשטעלן דעם אויטאָמאָביל — צעוואַרפן צעקרישעט גלאָז, טשוועקעס, די שינעס זאָלן זיך דורכלע-כערן, מע קאָן וואַרפן א באָמבע — און באָמבעס זײַנען פאַראַן גוטע, ענגלישע. און אַזש דערנאָך — פונעם רעוואָלווער.

אַף דער ניעווסקער זאַסטאַווע, אַפן אָבוכאָווער זאַוואָד, איז געווען אומרויִק. באַנאַנד מיט אים איז געשטאַנען דער מינעז-אַטריאַד, אײַנגאַנצן אַן עסערישער. מ'האָט אײַנגעשטעלט א סעפּאַראַטע אײַניקונג פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן, אַרויסגערוקט געמיינזאַמע פאָדערונ-גען. וואָלאָדאַרסקי איז געפאָרן אַהין קימאַט אַלע טאָג. דאָס האָט מיטגעהאָלפן מער פּינקט-

לעכער צו באשטימען דאָס אויספּילן דעם אקט: בא דעם גלאָקן-טורעמל אינעם דאָרף פאַר-פאַראָוסקאָיע, ווו דער וועג פארקערעוועט אפן אַבוכאָווער זאוואָד.

קאָנאָפליאָווא האָט געבראכט סעמיאָנאָוון א פלעשעלע סאם „קורע״, וואָס עס איז בא איר פארבליבן נאָך איר „קאָמאנדירונג״ קיין מאָסקווע, און סעמיאָנאָוו האָט אליין גענומען אין דער קליינינקער, נאָר הויכער, ווי א פענאל, קיך בא קאָזלאָוון אָפּסאמען די קוילן.

— נו, א סאָף, — האָט ער אינדערפרי געזאָגט און איז אוועקגעפאָרן צו גאָצן.

ער האָט גלײַך באמערקט, אז גאָץ האָט זיך זייער געעלטערט אפילע פאר דער צײַט, ווען זיי האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געזען. עס גייען די וואלן, — האָט סעמיאָנאָוו א טראכט געטאָן, — און זיי אלע, די פּאָליטיקער, לעבן שטארק איבער... לאָמיך דערפרייען דעם לידער:

— בא אונדז איז אלץ גרייט. ווי האלט דער צק — גלײַך אָנהייבן, צי עפשער א ביסל צוווארטן?

סעמיאָנאָוו האָט אפילע ניט געדארפט פרעגן — ער האָט געוווּסט, אז דער ענטפער וועט זײַן א פּאָזיטיווער. גאָץ האָט אָבער געשוויגן. „ער כיטרעוועט, דער אלטער״, — האָט ער א קוק געטאָן מיט כשאד אָף גאָצס פארזאָרגט פּאָנעם. „דער אלטער״ איז אינגאנצן אָף פינף יאָר געווען עלטער פון אים, נאָר אויסגעזען האָט ער איצט ווירקלעך ווי א זאָקן. גאָץ האָט אָפּגעקערעוועט דעם בליק אין א זײַט:

— צוווארטן, גריגאָרי איוואנאָוויטש, מע דארף א ביסל צוווארטן... מיר וועלן אײַך מיטיילן, ווען ס׳וועט קומען די צײַט...

אָט נא דיר! סעמיאָנאָוו האָט שיר זיך ניט אויסגעזידלט: ווי וועט ער קאָנען זיך יאווען צו זײַנע באַיעווּיקעס מיט אזא יעדיִע? כאפּט אים דער רוועך, אָט דעם פּאכדאָנעסדיקן ליידער! סעמיאָנאָוו ווייסט אליין, ווען מע דארף און ווען מע דארף ניט, דאָס רעדל האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו דרייען, און מע קאָן עס שוין ניט אויסקערעווען צוריק!

ער איז אוועק פון גאָצן מיט א שווער הארץ, נאָר באלד זיך גענומען אין די הענט און באשלאָסן טאָן, וויִאזוי ער פארשטייט: די פאראנטוואָרטלעכקײַט נעמט ער אָף זיך — זיגער מישפּעט מען ניט!

די פארזאמלונג פון דער גרופּע האָט ער באשטימט אין צענטער פון דער שטאָט, אָף דער אלטער יאַווקע. אליין איז ער אהין געקומען מיט ווײַן און מיט צוביײַסנס, ווי א רײַכער טאטע.

און אָט הײַנט אפן ניכטערן מאָגן — דער צוויפשטויס מיט סערגייעוון און יענעמס פּראגע... פאר א באליביקן פּארטיי-געריכט איז ער גרייט צו דערקלערן, אז אנדערש האָט ער טאָן ניט געקאָנט — ער האָט געדארפט, געמוזט נעמען אָף זיך די אכרײַעס.

סערגייעוו, אָט דער פּראָסטער באָסערוועדאָם, האָט דאָך ניט פּאָשעט אזוי געפרעגט. און ביכלאל איז ער ניט אזוי פּראָסט, ווי עס דוכט זיך. הײַנט איז דער אנטשיידענער טאָג...

נו אָט, מע נעמט שוין אָן א רעזאָליוציע. אליין וואָלאָדארסקי לייענט זי. א שטימעלע בא אים — אָן אָדלער. זע נאָר, און אלע האלטן אים אונטער. סעמיאָנאָוו האָט א קוק געטאָן אָף פיליען — יענער איז, דאכט זיך, אויך מיט אים... איצטער איז פונקט די צײַט, דער קאָמיסאַר וועט זיך לאָזן צו זײַן מאשין. אויסגעצייכנט, דורכן גאנצן אוילעם... וואָס פאר א באָכער דרייט זיך ארום אים, טרעט ניט אָפּ אָף קיין טראָט? ניט שוין זשע איז ער צוגעשטעלט, קעדיי באשיצן דעם קאָמיסאַר? מיילע, אלציינס... הײַנט, שוין הײַנט — עפשער וועט מער אזא גינסטיקע געלעגנהײַט ניט זײַן! די נערוון זײַנען אָנגעשטרענגט, אָט-אָט וועלן זיי פּלאצן... אזא געלעגנהײַט, אזא גינסטיקע געלעגנהײַט, און אויב זי דורכלאָזן — וועט ער זיך אליין קיינמאָל ניט מויכל זײַן...

## אלץ נעענטער צו דער לעצטער רעגע...

אין סמאָלני, אינעם צימער פון דער וואל-קאָמיסיע, איז אזש אונטערגעשפּרונגען פון די אומפהערלעכע קלונגען דאָס טרײַבל אָף די הערנערלעך פונעם טעלעפאָן-אפּאראט. די שווערע טיר איז געגאנגען כאָדאָראָם, און פונעם צוגווינט האָבן געפּלאטערט אָף די טישן די פילצאָליקע פּאפירן. עמעצער האָט מיט אומגעניטע הענט געקלאפּט אפן „אונדערוווּד״, און די וואזאָנע אפן פענצטער איז שוין געווען פארוועלקט פונעם טאבאק-רויך און פון דאָרשט — באגיסן זי האָט מען פארגעסן, אָבער פארויכערן — ניט.

אַן אױלעם אַרױס און אַן אײלעם אַרײַן — מענטשן האָבן זיך געביטן, װי אין סינעמאַ-טאָגראַף. באַזונדערס פֿלעגט דאָ אױפֿגעלעבט װערן, װען עס פֿלעגט אַהער אַרײַנפֿליִען, װי אַ װיכער, דער קאָמיסאַר פֿון דער קאָמונע — ער האָט קורץ, קימאַט טעלעגראַפֿיש מיטגע-טײלט די רעזולטאַטן פֿון אַן אָרדנטלעכן מיטינג און באַלד געװאָלט װיסן, װאָס עס הערט זיך און װי גײען די אײניאַנים אין אַנדערע ערטער, װו ער האָט נאָך ניט באַװיזן צו זײַן, נאָר װו זײַן ער װעט אומבאַדינגט.

אָט דער צימער איז געװען װי אַ טומלדיקער באַראָמעטער — אַהער איז געגאַנגען די גאַנצע אינפֿאָרמאַציע, דאָ האָט מען פֿאַרפֿינקטלעכט די מאַרשרוטן, פֿאַנאַנדערגעטײלט די קױכעס. אַהער זײַנען געקומען די שעלוכים פֿון די מיליטער-טײלן, פֿאָרשטײער פֿון די ראַיקאָמען און אונטערנעמונגען — געפֿאָדערט, אונטערגעצײלט. קײן דעזשורסטװע איז פּראַקטיש ניט געװען. די מיטאַרבעטער פֿונעם אַגיטפּראָפּ פֿון דעם פּעטראָסאָװעט און פֿו-נעם פּעטראָגראַדער פּאַרטײ-קאָמיטעט האָבן געאַרבעט אַ גאַנצן מעסלעס — אָן אַן אי-בעררײַס.

װאָלאָדאַרסקי האָט זיך באַװיזן צום װיפֿלטן מאָל אַזײגער זיבן. ער האָט אַ װאָרף געטאָן דעם פּאָרטפֿעל אױפֿן נאָענטסטן טיש און זיך אַ פֿליִוכע געטאָן אין פֿאָטעל קעגן דעם פֿאָרזי-צער פֿון דער װאַל-קאָמיסיע. איװאַן נאַומאָװ האָט מיט אַ שמײכל געקוקט, װי דער קאָמי-סאַר װישט אָפּ דעם שװײס פֿונעם פֿאַראָסטעטן שטערן. נאַומאָװ האָט פֿון די ערשטע טעג פֿון זײער באַקאַנטשאַפֿט ליב געקראָגן אָט דעם הײסן קאָמיסאַר, און װאָלאָדאַרסקי איז אים מיכל געװען, װאָס ער באַגעגנט אים שטענדיק מיט אַ שפּאַסיקער רעפּליק — אין מאָמענט פֿון דער העכסטער אָנשטרענגונג אין דער מיטינג-מילכאָמע האָבן די פֿרײַנט באַמערקט, װי פֿון װאָלאָדאַרסקין שפּאַרט מאַמעש דער אַזאַרט פֿון אַ שקאָצישן יאַט. נאַומאָװ האָט בעקיװן געשװיגן, גאָרנישט ניט געפֿרעגט, פֿאַרצױגן די פּאַוזע. און װאָלאָדאַרסקי האָט דער ער-שטער ניט אױסגעהאַלטן:

— נו, דערצײל!

— װאָס דערצײל? בײַ אונדז איז אַלץ אין אָרדענונג. און בײַ די אײַזנבאַנער?

— אױסגעצײכנט! — דער קאָמיסאַר האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן ניט קײן פֿרײד און ניט קײן צאָרן. — אונדזער רעזאָליוציע איז אָנגענומען געװאָרן קימאַט אײנשטימיק.

ער האָט ניט געהאַט קײן געדולד און איז גלײַך אױפֿגעשטאַנען פֿונעם פֿאָטעל, גענומען מיט ברײטע טריט שפּאַנען איבערן צימער — פֿון טיש צו טיש, איבערגעפֿירט דעם בליק פֿון אײן פֿאַפּיר אױפֿן צװײטן. דאָס פֿענצטער איז געװען צעפּראַלט אין סאָד אַרײַן, די צװײַגן פֿון די פֿאַרשטױבטע בײמער זײַנען געקראָכן אױפֿן בײַשטידל. װאָלאָדאַרסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם פֿענצטער, װי ער װאָלט זיך אײַנגעהערט אין דער גאַס. אָבער בלױז די בלעטער האָבן געפֿליסטערט, און אַ װינטל האָט מעכײַעדיק געקילט דאָס פֿאַרפֿלאַמט פּאָנעם.

— אױב אַזױ, — האָט נאַומאָװ אים געזאָגט אין דער פּלײצע, — איז געבליבן בלױז דער אָבוכאָװער, און מע קאָן שױן אָן אַ טאָעס באַשטימען די רעזולטאַטן פֿון די װאַלן.

— דער אָבוכאָװער? — האָט זיך אַ קער געטאָן װאָלאָדאַרסקי. די פֿרײלעכע שטימונג האָט זיך בײַ אים אָפּגעהאַקט. — יאָ, דער אָבוכאָװער... איך בין שױן דאָרט געװען. אַנאַטאָלי װאַסיליעװיטש איז שױן אַרױסגעפֿאָרן? כ'האָב געקלונגען פֿונעם זאַװאָד, געבעטן, ער זאָל קומען. הײסט עס, דער אָבוכאָװער, זאָגסטו?

נאַומאָװ האָט אומבאַשטימט אַ קנײטש געטאָן מיט די אַקסלען. דער קאָמיסאַר האָט פֿאַרקלערט אַ ריר געטאָן די פּרעספּאַפּיע אױף נאַומאָװס טיש, און זי האָט זיך אַ הױדע גע-טאָן מיט איר מאַלאַכיט-גלאַטקײַט, װי אַ שיפֿעלע.

— דער מינען-באַטאַליאָן, די יאַם-ברידערלעך... הער מיך אױס, אױפֿן אַלעקסאַנדראָװ-סקע װאָקזאַל גײט איצטער אַ מיטינג, ס'װעלן זײַן אױך די אָבוכאָװער... מע דאַרף אַהין אַ פֿלי טאָן.

ער האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם פּאָרטפֿעל, אָנגעטאָן דעם הוט.

— װאָס עפּעס דו? — האָט אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט נאַומאָװ. — דאָרט איז אױך אָן דיר אַ שטאַרקע בריגאַדע, מע װעט זיך באַגײן אָן דיר.

— נײן, איך קאָן ניט. אַלץ גײט אַזױ גוט, דו פֿאַרשטײסט? און איבער עפּעס אַ צענד-ליק מיטשמאַנעס פֿאַרלירן אַזאַ זאַװאָד! איך פֿאָר! הײַנט בין איך באַזונדערס מאַזלדיק.

— אָן דיר, געװײנלעך, װעט מען דאָרט זיך ניט באַגײן, אַזאַ װאַזשנע פֿױגל, — האָט שױן געגומען שפּאַסן נאַומאָװ.

— דו װײסט ניט פּאָשעט, װי עס שפּילט מיר הײַנט צו דאָס מאַזל, — האָט זיך צע-שמײכלט װאָלאָדאַרסקי.

און מוירע האָבנדיק, אז נאומאָוו קאָן נאָך מיט עפּעס א וויץ אים פאַרהאַלטן, האָט ער א שטופּ געטאָן מיטן אקסל די שווערע טיר און איז ארויסגעפלויגן.

איוואַן האָט טאַקע עפּעס פריילעכס א זאָג געטאָן, די מענטשן אין צימער האָבן זיך צעלאַכט, נאָר וואָלאָדאַרסקי האָט שוין ניט געהערט — ער האָט זיך געטראָגן איבערן קאָרידאָר פון סמאָלני, א לאַנגן, ווי א פּראָספּעקט, און נאָר די טריט זיינע האָבן געהילכט, אויסמישנדיק זיך מיט די טריט פון די מענטשן, וועלכע זיינען געגאַנגען אים אנטקעגן, פון לינקס און פון רעכטס און פון הינטן. דאָס איז געווען א פּילשטימיקע איינהייטלעכע באַוועגונג, אין וועלכער ס'האָט זיך געפילט דער פּולס פון דער שטיינערנער אַרטעריע פונעם אופגערודערטן אָרגאַניזם פון פּעטראָגראַד.

— וואָלאָדאַרסקי, דו ווייסט, וואָס פאַר א דערפאָלג?..

— כאַווער וואָלאָדאַרסקי, איר וועט אפן פּוטילאָווער מאָרגן זיין?

— כאַווער וואָלאָדאַרסקי... — אף אָט דעם וויצלדיקן קאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. נאַדעזשדא האָט געטראָגן צו אים איר שמייכל אנטקעגן.

— וואָס הערט זיך, מאַראַט?

— דער מיטאַרבעטער פונעם אַגיטפּראָפּ דאַרף שטענדיק וויסן, וואָס עס הערט זיך בא אונדז, כאַווערטע באַגוסלאַווסקאַיאַ.

— דער מיטאַרבעטער פונעם אַגיטפּראָפּ ווייסט, וואָס עס הערט זיך. כ'האָב זיך פאַשעט פאַרבענקט, מאַראַט.

— קיין שום מאַראַט, כ'האָב דאָך געבעטן.

— דו אונטערדריקסט דעם שעפערישן געדאַנק פון די אונטערגעאָרדנטע, מאַראַט.

— ווען זיי ווייזן ארויס שעפערישקייט דאָרט, וווּ מע דאַרף ניט.

— איך לייג פאָר ארויסטראָגן אָט די פראַגע אף א דיסקוסיע.

— בלויז נאָך די וואַלן, כאַווערטע באָגוסלאַווסקאַיאַ.

— נאַטירלעך, מיר וועלן צוווארטן. איך בין מאַסקים צו וואַרטן אייביק...

די קאָרידאָר-באַוועגונג האָט זיך געוויגט ארום זיי, ניט אָנגערירט. ער האָט נאָך געשאָקלט מיטן קאָפּ, ענטפערנדיק אף די באַגריסונגען פון די פאַרבייגייער, נאָר צעשטרייט.

אָט די צופעליקע באַגעגענישן, א לייכטע פלאַפלעריי ניט מער ווי א מינוט פינף בא די טירן פון פרעמדע קאַבינעטן, פאַרבייגייענדיק, האָבן פאַרביטן פאַר זיי דאָס, וואָס עס איז געווען בא אַלעמען אין זייער לאַגע אין אַלע צייטן און וואָלט געווען בא זיי, ווען זיי וואָלטן זיך געטראָפן, לאָמיר זאָגן, מיט צוויי יאָר צוריק אָדער מיט א צוויי-דריי יאָר שפּעטער, — אַלץ, וואָס עס דאַרף זיין אין אזא סיטואַציע — אויסקלאָרן די באַציִונגען, לאַנגע שפּאַצירן פון פאַרליבטע איבער די פּוסטע גאַסן, פאַרוואָרפענע סקווערן, שטילע געשפּרעכן פון מאַן און ווייב, ווען זיי זעצן זיך צום טיש און טיילן זיך איינער מיטן אנדערן, וויאַזוי ס'איז דורכגעגאַנגען דער טאָג...

זיי האָבן געלעבט אזוי, ווי זיי זיינען געווען צוגעווינט, הגם ס'איז קיין צייט ניט געווען זיך צוגעווינען. נאָר אזא לעבן האָבן געפירט א סאך פון זייער קרייז. פון דעמלט אָן, ווי הייראַטן האָבן גענומען זיך שליסן ניט אפן הימל, נאָר אין די איבערייסן צווישן מיטינגען, פאַרזאַמלונגען, שלאַכטן און טיפוסעס, זיינען אָפטער געוואָרן די מאַן-און-ווייב-פאַרבינדונגען פון כאַווירים לויטן קאַמף און געמיינזאַמער אַרבעט. דאָס לעבן האָט געמאָנט זיינס, אפילע ווען די צייט האָט עס אַראָפּגעשלאָגן פונעם געוויינלעכן ריטם, וועלכער האָט צעטיילט די עקזיסטענץ פונעם מענטשן אף טעטיקייט און אָפּרו, אף אַרבעט און אף אַלדאָס אנדערע. די צייט האָט פאַרשמאָלערט דעם קרייז פון צונויפגיין זיך און פון צו זיין כאַווירים לויט דער פּאַרטיי אָדער אידייִשע קעגנער — מאַנצבלען און פרויען האָבן געפונען איינער דעם אנדערן אין אָט דעם קרייז, אויב קיין אנדערער קרייז איז ניט געווען. מע האָט געפונען גיך, און גיך האָט מען אָנגענומען די נייע באַדינגונגען פון דער נייער מישפּאָכע און זיך ניט געקליבן צו לעבן אייביק — קיין אייביק לעבן, אפילע קיין לאַנג לעבן איז קיינעם פון זיי ניט געווען צוגעזאָגט: דער הייַנטיקער טאָג דויערט אזוי לאַנג, ווי לאַנג ער איז דער הייַנטיקער, און דער מאָרגנדיקער טאָג קאָן ווערן דער לעצטער. קיין זילבערנע כאַסענעס צו שפּילן האָבן ניט געהאָפּט די יונגע קאָמיסאַרן — זיי האָבן ניט געקאָנט צו זיי דערלעבן. נאָר א פרוי בלייבט א פרוי, אפילע אין א לעדערנעם מאַנטל און מיט א רעוואָלווער, און זי בענקט נאָכן געליבטן.

— דו פאָרסט אפן אָבוכאָווער? איך און זאָרינא דאַרפן סיִוויסיי דאָרט זיין. וועסט אונדז נעמען מיט זיך?

— פאַרשטייט זיך. פאַרכאַפּט מיט זיך אינעם קאָמיסאַריאַט די הײַנטיקע צײַטונגען, כ׳וועל וואַרטן אינעם אווטאָמאָביל.

צו אָונט־צײַט, ווען עס זאַמלען זיך צונויף וואָס מער באַזוכער, האָט ער זיך גע־סטאַרעט זיך ניט באַווײַזן אינעם קאָמיסאַריאַט פון פּרעסע. די וואַל־קאַמפּאַניע האָט בא אים צוגענומען די גאַנצע צײַט. אַרײַנכאַפּן זיך אין קאַבינעט וואָלט געהייסן אומבאַדינגט אָנטרעפן אַף עפּעס אַ דעלעגאַציע, וועלכע פאָדערט עפענען נאָך איין צײַטונג, אָדער רוקט אַרויס נײַע פּרעטענזיעס און אָנקלאָגעס, פאַרוואָס מע „אונטערדריקט" די פרײַהײַט פון פּרעסע. געוויינלעך האָט ער זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון אַזעלכע באַגעגענישן, נאָר איצטער האָט ער אַרופגעלייגט אַף זײַן שטעלפאַרטרעטער קוזמינען די פליכטן פון אויס־האַלטן די אַטאַקעס זעלבשטענדיק — עס ברענט ניט, מע קאָן צוּוואַרטן, מירן זיך דערנאָך פאַנאַנדערקלײַבן. קוידעמקאָל — די וואַלן, און מע דאַרף זיך דערשלאָגן אַ זיג, דערבײַ אַן איבערצײַגנדיקן זיג, — דעמלט וועלן מיר זיך שוין דורכשמועסן.

פאַרבײַ די טירן, פאַרבײַ די אָנגעוואָרפענע פּעק פּאַפּיר איז ער אַראָפּגעפלויגן איבער דעם געדריי פון די מירמלנע טרעפּ צום אונטערשטן וועסטיביול. דער וועכטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער זײַט, דורכלאָזנדיק אים אין דער שטילער פרישקײַט פונעם טאָג, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן זיך אָפּקילן. וואָלאָדאַרסקי האָט מיט פאַרגעניגן אַ שלונג געטאָן די געדיכטע זומערדיקע לופט, נאָר גלײַך פאַרייכערט — אינמיטן גאַנג, זיך לאָזנדיק צו דער מאַשין.

דעם שאָפער האָט ער געטראָפן אין דער געוויינלעכער פּאָזע — אַ האַלב־פאַרשלונגע־נעם אינעם צעעפנטן קאַפּאָט. דערפילנדיק, אַז עמעצער איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט ער זיך אויסגעגלײַכט אַ ניט צופרידענער, וואָס מע האָט אים אָפּגעריסן פון אַ וויכטי־קער אַרבעט.

— באַלד וועלן מיר פאָרן, — האָט אַ וואָרף געטאָן וואָלאָדאַרסקי, נעמענדיק זיך פאַרן טירל.

ער האָט אומגעדולדיק אַ קוק געטאָן אַפן זייגער: זיבן מיט צוויי מינוט. נאָר ביידע פרויען זײַנען שוין אַראָפּגעלאָפן פונעם פּאַראַדנעם פליגל. פריילעך פּלאַפּלענדיק, האָבן זיי זיך אײַנגעאָרדנט אַפן הינטערשטן זיץ־אָרט.

— אַפן אַלעקסאַנדראָווסקער, — האָט געזאָגט וואָלאָדאַרסקי.

אַ הוסט געטאָן מיט שוואַרצן רויך, האָט דער אווטאָמאָביל זיך אַ טרייסל געגעבן און זיך גערירט פון אָרט. אַ פרישער ווינט, אַן אויפגעוועקטער פון דער אַנטקעגנדיקער שנעלקײַט, האָט אַ מאַך געטאָן אַף די פּאַסאַזשירן מיט זײַנע ברייטע און מעכטיקע פליגל. ס׳האָבן טאַראַראַכקעט די צעפּאָרענע רעדער, ס׳האָט גערעוועט דער מאָטאָר, און די ביימער און הײַזער, דער ברוסטווער בא דער זײַט פונעם וועג זײַנען געשוווּמען אַנטקעגן, אונטער־שפּרינגענדיק אַף די בערגלדיקע שטיינער צוזאַמען מיטן אווטאָמאָביל. דער וועג האָט זיך אויסגעשטרעקט אין דער ווײַט, און דער קאָמיסאַר האָט געקוקט, ווי וואָס ווײַטער, ווערט ער אַלץ שמעלער און פאַרשווינדט אינגאַנצן, אויסמישנדיק זיך מיטן האָריזאָנט.

וואָלאָדאַרסקי האָט זיך אויסגעקערעוועט צו זײַנע מיטפאָרער און אַ שמייכל געטאָן: זיי האָבן אויך, ווי ער, אַפּאָנעם, געטראַכט וועגן איינעם און דעם זעלבן — זיי אַלעמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי וועלן אַזוי פאָרן און פאָרן אָן אַן עק און אָן אַ שיר און ניט קאָנען דערפאָרן אַהין, ווו עס ענדיקט זיך דער וועג, אַהין, ווו ער וועט שוין ניט זײַן, און ס׳איז גאָרניט קיין וועג — ס׳איז אַ שטיינערנער האָריזאָנט, און ער האָט ניט קיין סאָף, ווײַל דער פּונקט, מיט וועלכן דער גרויער פאַרשטויבטער וועג שפּאַרט זיך אָן אין גרויען הימל, עקזיסטירט ניט, — אויב צו אים צופאָרן נעענטער, וועט ער זיך נאָכאַמאָל דער־ווײַטערן. זיי זײַנען נאָך געווען אין סאַמע אָנהייב — פונוואַנען זשע זאָלן זיי האָבן וויסן, אַז אָט דער וועג וועט זיך פּלוצעם איבערהאַקן, זיך איבערהאַקן אין יענעם סאַמע אָרט, ווו עס שטייט די פיבערנדיקע פיגור פון סערגייעוו, וועלכער איז שוין גאַנץ אויסגעמאַ־טערט פון לאַנגער וואַרטעניש.

סערגייעוו איז אַרויסגעגאַנגען אַפן אָבוכאָווער וועג אַ סאַך פריִער, ווײַל קיין פּערסאָ־נעלן אווטאָמאָביל האָט ער ניט געהאַט און האָט זיך געשלעפּט דורך דער גאַנצער שטאָט צופוס. דער שווערער רעוואָלווער האָט אָפּגעצויגן זײַן קעשענע און די ענגלישע באָמבע האָט אים געקלאַפּט איבער די היפטן אַף יעדן טראָט, וואָס ער האָט געמאַכט.

דער פאַרמאַטערטער באָיעוויק האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס עס וועט אָט־אָט געשען. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט צווישן די מענטשן, אַ גלײַכגילטיקער און שלאַבעריקער, שטעלנדיק שווער די פיס אין די פאַרשטויבטע, צעקלאַפּטע שטיוואַלעס, ניט קוקנדיק אַפי־

לע, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ערגעץ אינדערוויַטן האָט זיך דורכגעטראָגן אַן אויטאָ־מאָביל, ס'איז דורכגעגאַנגען אַ גרופּע אַרבעטער, היציק דיסקוטירנדיק וועגן עפּעס — אַף אַ מיטינג, אַפּאַנעם. יעדער איז געווען מיט זייערע קליינע צי גרעסערע איניאַנים פאַרנומען — בלויז ער אַליין האָט זיך געשלײַאָנדערט אָן אַ ציל, מעסטנדיק דעם טראַקט, אָט דערוויַטערנדיק זיך פון אים צו די פּוסטע ליקלעך, אָט אַרויסגייענדיק נאָכאַמאָל אַפן אַבוכאָוועה וועג. בלויז אַ ניט קלאָרע וואַרטעניש האָט געגעסן די נעשאָמע, און אין יענעם אָרט, ווו עס דאַרף זיך געפינען די נעשאָמע, ערגעץ „אונטערן לעפּעלע", אין דער סאַמע טיפעניש, איז אָט געוואָרן פּוסט, ווי זי וואָלט געפאַלן פון אַ דאַך, אָט זיך אָנגע־פילט מיט אַ פּלוצעמדיקער שווערקייַט און פאַרשטיקט דעם אָטעם. אָבער וואָס עס וועט געשען, האָט ער ניט געוווּסט.

אויך וואָלאָדאַרסקי האָט עס ניט געוווּסט. אומטערשטעלנדיק דאָס פּאָנעם קעגן דעם ווינט און פרייענדיק זיך מיטן קישעף פון דער שנעלקייַט, איז ער מיט יעדן קילאָמעטער געווען אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער לעצטער רעגע פון זייַן לעבן...

איצט, זיצנדיק אין דער מאַשין, האָט ער געהאַט אַ ביסל צייַט זיך אומקוקן אַף צו־ריק, אַ דריי טאָן דאָס רעדעלע פונעם אייגענעם לעבן, עס זאָלן זיך, ווי אין קינאָ, באַ־וויַזן אין אַ מעשוגענער האַסטיקייַט די קאַדרען פון דעם דאָזיקן לעבן, איידער מע וועט אייַנשליסן די שייַן...

## מיט דער צווייטער פּאַרטיע פּאָליט־עמיגראַנטן

סמאָלני — אַ מעגושעמדיקער און לײַכטער, ווי אַ טעאַטראַלע דעקאָראַציע, — איז פאַרשוווּנדן אַפן אויסבייג פון דער גאַס, און געבליבן זייַנען בלויז די העל־גרינע קופּאָלן, באַלויכטענע מיטן קאַנט פון דער שקיע. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַרויסגעקייַקלט אַף דער ברעג־גאַס. מיט דער צינק־שווערער צונג האָט די ניעוואַ געלעקט די ליפּן פונעם פּאַראַפּעט. ס'איז געווען אַפילע מאָדנע — אַן אַרייַנגעקוועטשטע אין גראַניט, האָט זי פאַר־היט די פּאַרשטעלונג וועגן אַ וואַסערדיקער ראַכוועס. עפּשער טאַקע אַדאַנק אָט דער גראַניטענער ראַם — אַן איידלשטיין שפּילט באַזונדערס בוילעט אין אַ טייַערער אייַנפאַסונג.

די פּראַכט פון די פּעטראָגראַדער ברעג־גאַסן האָט זיך אָנטפּלעקט פאַר וואָלאָדאַר־סקין ניט גלײַך. זיך אָנגעהערט ניט ווייניק דערציילונגען וועגן די באַרימטע פּאַלאַצן, האָט ער, קומענדיק אַהער, קוידעמקאָל געגומען זיך איַנקוקן אין זיי. קיין באַגײַסטערונג האָט עס אָבער באַ אים ניט אַרויסגערופן. גיכער פון אַלץ — אַ מין פאַרביטערונג. נו, איז וואָס, זיך קימערן דערפון? ווען מע האָט מיט שטורעם גענומען דעם ווינטער־פּאַלאַץ, האָט מען דען געקאָנט טראַכטן וועגן די שעדוורען פון אַרכיטעקטור? אָבער אָט די ברעג־גאַס האָט ער גלײַך דערזען און איז געבליבן פאַרגאַפט...

ס'האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן צעזייט דער זיסער נעפּל פון דער באַגעגעניש מיט דער הויפּטשטאָט, נאָר אינעם ווירבל פון מענטשן און געשעענישן האָט דער שעמעוודי־קער און שווײַגנדיקער „אַמעריקאַנער" שוין גענומען אונטערשיידן צווישן דעם האַמוין באַקאַנטע פּנעמער און שאַטירונגען אַף די פּאַנען און פּלאַקאַטן, כאָטש אַלע האָבן זיי געהאַט איין רויטן קאָליר. טאָג און נאַכט אינעם קשעסינסקע־פּאַלאַץ, זיצונגען, דיסקו־סיעס, לײַכטע צערעמאָניעס פון אַפּיציעלע באַגעגענישן — דאָס אַלץ, וואָס פריער איז דערפון דער קאָפּ געגאַנגען כאַדאָראָם, האָט אַצינד פאַרפּולט די געדאַנקען מיט געווינ־לעכער קלאָרקייַט.

מייַ 1917. דער עלפטער טאָג. די צווייטע וואָך, זינט ער איז געקומען קיין פּעטראָ־גראַד. און די שפּעטע נאַכטיקע טונקלקייַט גרייט זיך שוין אַריבערצוגיין אין אַ פריִען באַגינען. דער פּאַלאַץ טוקט זיך אייַן אין אַ קורצן נערוועזן שלאָף. וואָלאָדאַרסקי גייט פונדאַנען אַוועק באַגלײַך מיט די באַלעבאַטים — צווישן די לעצטע. דאָס ערשטע מאָל גייט ער אַרויס פון אָט דעם הויז ניט ווי אַ גאַסט — אין דער בוזעם־קעשענע פון זייַן פּידזשאַק איז געלעגן אַ פריש־אָפּגעדרוקטער מאַנדאַט, וועלכער האָט באַשטעטיקט, אַז ער, וואָלאָדאַרסקי, האָט די רעכט אַרויסצוטרעטן אַף מיטינגען אין נאָמען פון דער רוסלענ־דישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי באָלשעוויקעס.

דער צאַפּנדיקער פרילינג האָט ווי ניט וויסנדיק זיך געמאַכט, אַז אין רוסלאַנד איז פאַרגעקומען אַ רעוואָליוציע. פּאַמעלעך, ניט געײַלט, ווי בײַ דעם אַלטן רעזשים, האָט ער באַהאַנגען מיט גרינס די פּאַרקן, סעדער און סקווערן. בלויז די לופט האָט זיך אָנגעפילט מיט נײַער פרישקײַט, די ערד האָט געעטעמט מיט יונגן גראָז צווישן די ניט אָפּגעראַמטע גאַזאָנען. די ניעווע, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג אָפּגעשיקט אין יאַם דאָס לעצטע אײַז פון דער לאַדאָגע, האָט איצט אַרײַנגענומען אין זיך די וואַרעמקײַט פונעם נײַעם פרילינג, און געטראָגן האָבן זיך פון איר ניט דערמאָנונגען וועגן דער ווינטערדיקער קעלט, נאָר דאָס, וואָס עס האָט זיך געדאַרפט פון איר טראָגן, — זוניקײַט און פײַכטקײַט.

וואָלאָדאַרסקי האָט איבערגעשניטן דעם פּלאַץ און האָט זיך געלאָזט צו אַט דער לאַנגזאַמער שטילקײַט.

אַוואַדע איז ניטאָ קיין בעסער אָרט פאַר מאַכשאָוועס, איידער דער ברעג פונעם שטילן טײַך אין אַ וואַרעמען ליכטיקן אָוונט. לאָז נאָר אָפּ די לייצעס — און זיי וועלן דיך אַוועקטראָגן ווײַט-ווײַט, אַזש צו יענעם ברעג, וואָס איז שוין געוואָרן ווי אַ לעגענדע. און דערזען וועט ער די אַלטע שטילע מיל באַם סאַמע אַרײַנפאָר אין שטעטל, וואָס באַהאַלט זיך הינטערן באַרג, דעם שטילן סלוטש מיט די ליימענע ברעגן און אפילו אַן איינזאַמען פישער, וועלכער זעט אויס אויפן פאָן פונעם טײַך אַזוי, ווי ער וואָלט, זיצנדיק דאָ שוין ווער ווייסט וויפל צײַט, געשלאָפן. צי עפשער איז דאָס בכלל ניט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר אַן אָנגעמאָלטער מיט אַ געניטער האַנט פון אַן אַלטן קינסטלער. און אַ גאַנצע פּלאַטיליע פון פלעגמאַטישע ענטלעך, וואָס שווימט געלאַסן איבערן וואַסער, אַ פאַרשאָטענעם מיט אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. און אַ געזאַנג. יאָ, עס דאַרף זײַן אַ געזאַנג — אויך אַ ווײַטער, קוים וואָס מע הערט אים, אָט טוט ער אַ שנײַד די אויערן, און אָט ווערט ער מיטאַמאָל אינגאַנצן פאַרפאַלן...

אַזוי האָט ער זיך דאָס אַלץ פאָרגעשטעלט אויך דאָרט, ווײַט פונדאַנען, שטייענדיק לאַנג אויף די ברעגן פונעם גודזאָן, ווו עס שפּיגלען זיך אָפּ אויפן וואַסער אין די נעאָן-פײַערן דער גערויש און טומל פון דער גרויסער שטאָט, און פאַרשיידנקאָליריקע לוזשיצעס פון נאַפט פליוסקען זיך, שלאָגנדיק פון די שוואַרצע שיף-באָרטן. דערפאַר האָבן זיך אים אויך די היימישע ברעגן אַזוי געמאָלט, ווײַל קיין אַנדערע האָט ער ניט געזען. די יוגנטלעכע זיכרוינעס לעבן אויף בוילעטער דאָרט, ווו די יוגנט איז איבערגעריסן געוואָרן. אָבער מע קאָן ניט צוויי מאָל אַרײַנגיין צום ערשטן מאָל אין איין און דעם זעלבן טײַך, און אויך דער דערינערונגס-טײַך איז ניט דער זעלבער.

אָט דער היימישער ברעג איז געווען אַן אַנדערער.

די ברוינע מעכטיקײַט פון דער פעסטונג-וואַנט האָט זיך דערהויבן איבער די כוואַליעס מיט קאַלטער פאַראַכטונג. אַרויסשטעלנדיק די פּאַרקײַלעכדיקטע פּלייצע אין דער זײַט פונעם פּלאַץ, האָט די וואַנט זיך געלאָזט אין דער ווײַט, און ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך געצויגן אומענדלעך. נאָך מער, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי, די וואַנט, ציט נאָך זיך דעם טײַך און איר קראַפט, איר מאַכט באַוועגן דאָס וואַסער — גלײַכמעסיק און ריכטיק. די נאַסע פּאַנצערס פון די שטיינער האָבן געקוקט פון אונטער איר, ווי זיי וואָלטן געווען קליינינקע שטיינדעלעך, און בלויז אינדערווײַטנס זײַנען זיי אויסגעוואַקסן אין דער עמעסער מאָס, אַרויסשטעלנדיק זייער אייגענע קראַפט און מעכטיקײַט. פון מאָל צו מאָל טוען אַ שעמעריר איבער די שטיינער די סיגנאַל-פײַערן אויף די פליגלען פונעם טראַיִצקי-בריק. די גראַניט-ליניע פון דעם פּאַראַפּעט אויפן אַנדערן ברעג, וואָס אַ געניטע האַנט פון אַ מײַסטער האָט זי דורכגעפירט, באַצייכנט שטרענג, לײַכט און פּראַכטפול בײַ דעם בײַברעגפּאַס, אופהייבנדיק איבערן וואַסער אַ שנור הײַזער — אַפילו ניט קיין הײַזער, נאָר אַ פײַערלעך-יאָמטעוודיקע סטענגע פּאַלאַץ-פּאַסאַדן. און אָט די פּאַסאַדן זעען אויס אינגאַנצן זעלבשטענדיקע, פלאַכע, ווי מע וואָלט זיי ספּעציעל אָנגעמאָלט אינעם גרויען הימל איבער דעם גרויען וואַסער. די דאָזיקע אויסטערלישע שפּיל פון ראַכוועס און שטיין האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק פון עפּעס סוידעספולן, אַ מין רעטעניש, וואָס מע קאָן זען בלויז אין כאָלעם...

וואָלאָדאַרסקי איז געגאַנגען איבער אָט דעם כאָלעם און האָט געפּרוווט מיט אים אַרויסשווימען אויף דער וואָר.

און אָט די שטאָט מיט איר אומבאַגרײַפלעכער שיינקײַט, מיט איר אַריסטאָקראַטישן גלאַנץ און פּראַכט, — האָט ער געקלערט, — אָט די שטאָט, פון וועלכער דו ווערסט אופגעציטערט, צום ערשטן מאָל זיך באַגעגענענדיק מיט איר פּאָנעם-על-פּאָנעם, אָט די

ריזיקע שטאָט מיט איר אָנגעשטרענגטן און פארשנעלערטן פולס, ווו עס פלעכטן זיך צונויף און ווו עס גייען זיך צונויף, פארקישעפטע און צוגעצויגענע דורך איר מאגנעטיזם, איבערגעפולטע ארטעריעס פון דעם אויפגעוואכטן, אויפגעברויזטן לאנד, וואָס פארדעקט מיט א גרינעם וואָלקן א העלפט פון דער מאפע פון דער ציוויליזירטער וועלט, — אָט די שטאָט, וועלכע ווייסט נאָך ניט זײַן נאָמען, אָבער זי ווייסט און האָט פארקערפערט אין זיך א סאך אנדערע נעמען — גרויסע, קלוגע, שטארקע, — צי וועט זי, די דאָזיקע שטאָט, פארלאנגען הערן זײַן שטים, זײַן וואָרט?

אָט דאָס וואָרט האָט ער אהער געטראָגן צען יאָר — דורך דאָרפישע שטעגן, דורך קאָרידאָרן פון אײַזנע קאמערעס פון פאָרלויפיקן ארעסט, דורך עטאפּשליאכן צווישן וועלדער און טונדרע, דורכן קאָנטראבאנדע-שטעג צו דער אָקעאן-שיף, וואָס איז געווען איבערגעפולט מיט עמיגראנטן... ער האָט עס געטראָגן, אָט דאָס וואָרט, איבער דעם צעשמאָלצענעם אספאלט פון קאָלערליי אווענױס און סטריטן, איבער דער פויזענדיקער „טשוהונקע”, וועלכע האָט זיך געדראפּעט דורך גאנץ רוסלאנד, א פאראָרעמטס און אויסגעליידיקטס, — צו איר הארץ, וואָס איז געווען דורכויס אין פלאם און אין רויך...

וואָלאָדארסקי אין דער יוגנט

דאָס וואָרט, וואָס ער האָט אהער געטראָגן, איז געווען וועגן דעם סאמע וויכטיקסטן, וואָס רוסלאנד האָט געדארפט האָבן, — וועגן דעם וועג צו שײַן, וואָס מע דארף דורכברעכן מיט פײַער און פלאם. ער האָט גוט געוווּסט, וואָס פאר א וואָרט דאָס איז. ניט געוווּסט האָט ער אָבער, פון וועמענס נאָמען דארף ער עס זאָגן, פון וועלכער טריבונע. און דאָס האָט ער געדארפט גלײַך באשטימען.

אָבער צי זײַנען ניט צוויי לאגערן זיך צונויפגעגאנגען אין אָט דעם גרויסן גערא‌נגל? צי איז ניט קלאָר באצייכנט די ליניע פון די באריקאדעס? אָדער פאָרויס — אָדער צוריק. די אלטע וועלט און די נײַע וועלט. ווי פראָסט און פּאָשעט דארף עס זײַן!

זיי, די צעוואָרפענע איבער פארשיידענע פארטייען גרופּירונגען און ריכטונגען, האָט פארדרייט, פארוויכערט איין און דער זעלבער ווינט — די פעווראל-זאווערוכע:

„אין רוסלאנד — א רעוואָליוציע! פּעטראָגראד איז אין די הענט פונעם פאָלק. דאָס מיליטער איז אויף דער זײַט פון דער רעוואָליוציע. די דומע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאנאנדערלאָזן זיך, די מיניסטאָרן זײַנען אין טפיסע. דער צאר קלײַבט זיך אָפּצוזאָגן פונעם טראָן...”

די טעלעגראמע פון רוסלאנד, וועלכע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט גרויסע אויסיעס אויף די ערשטע זײַטן פון אלע צײַטונגען, האָט פּלוצעם דערנענטערט אלע לאנדסלײַט-עמיגראנטן אין איין אלגעמיינער פרייד. זיי האָבן פּלוצעם זיך דערמאָנט דאָס, וואָס זיי האָבן פארגעסן אין די אומענדלעכע מאכלויקעסן, — אז אלע האָבן זיי איין נאָמען — „פּאָליטישע עמיגראנטן” און אז איין אמט האָט זיי ארויסגעשלײַדערט פון דער לײַבלעכער ערד, ניט פאנאנדערקלײַבנדיק זיך זייער אין די פּראָטים, פאר איין און דעם זעלבן: „פאר פּרוּוון אראָפּוואַרפן די עקזיסטירנדיקע מעלוכע-מאכט”. און איין און דער זעלבער ווינט האָט געטריבן די געראוידעפטע איבערן אָקעאן, ווו די אויסגעפּוצטע פריילעכע אמעריקאנער דערקענען זיי לויט איין און דעם זעלבן אקצענט, לויט די אָפּגעדריפּעטע קאָסטיומען און דער נארישער אומייגנגוציקײַט. קעמפנדיק אָן אויפהער איינער מיטן אנדערן, האָבן זיי, לאָזט זיך אויס, געוואַרט אויף איין און דער זעלבער געשעעניש. און ווען זיי האָבן זיך דערוואַרט, האָט זי, אָט די געשעעניש, אויף א געוויסער צײַט זיי שאָלעם געמאכט.

מע קאָן זײַן דאַם-סאָנים און זיך קריגן אינעם אַקאַפּ, אינעם בלינדאזש, בײַס א מאַרש. אָבער ווען עס ווערט געמאָלדן א שלאַכט, ווען דער טרומייט שפּילט אַן אַטאַ-קע, — וואָס זשע פאַר א קריגערײַען און דיסקוסיעס קאָנען זײַן? צוזאַמען — אין איין רײ, אַהין, ווו עס שטייט מיט דער שווערד דער פײַנט: מיר וועלן פון אים מאַכן אַש און פּאָרעך — מיר זײַנען א סאַך, און לאַנג האָבן מיר געוואַרט אַפן סיגנאַל...

אים, דעם אַמעריקאַנער סאָציאַליסט, וועלכער האָט ניט באַוויזן צושטײַן צו קיין איין רוסישער פּאַרטיי, אים, דעם דרייסטן זשורנאַליסט פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער צײַטונג „נאָווי מיר", וועלכער האָט שוין באַקומען ניט איין נערעק סײַ פון רעכטס, סײַ פון לינקס, — אים האָט זיך געדוכט, אַז עס האָבן זיך אומגעקערט די זיסע צײַטן פון דער יוגנט, ווען ער האָט קיין שום אַנונג ניט געהאַט, אַז עס זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע פּאַר-טייען און יעדע גייט זיך מיט איר גאַנג. ער האָט דעמלט געוווּסט איינס: עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וועלכע קעמפן קעגן דעם צאַר, — הייסט עס, אַז ער דאַרף אויך זײַן מיט זיי. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס האָבן זיך אומגעקערט די צײַטן פון באַריקאַדישער קלאָרקייט, פון רעוואָליוציאָנערער זויבערקייט...

זיי זײַנען געווען צוזאַמען. מיט איין און דער זעלבער שנעלקייט האָט מען צונויפ-גענומען דאָס ביסל אָרעמקייט און צונויפגעלייגט אין די האַלב-פּוסטע טשעמאָדאַנען, קוים מיט צאָרעס צונויפגעזאַמלט געלט אַף הויצאָעס, איין און די זעלבע שיפן און צוגן האָבן זיי געפירט דורכן אָקעאַן און ווײַטער, איין און די זעלבע לאַגערן פון דער אַנטאַנטע האָבן געוואַרט אַף זיי אין וועג, און אַן איין-און-איינציקס איז געווען בא זיי דאָס פאָטער-לאַנד — רוסלאַנד.

איינס און דאָס זעלבע. אַזוי האָט זיך זיי געדוכט. אַלנפאַלס, אין יענע מאַרט-טעג פון 1917 „נאָווי מיר" האָט מיטגעטיילט:

דעם 20-טן מאַרט וועט אין האַרלעם קאַסינאָ, 116-טע גאַס און לענאָקס-אַוועניו, פּאָרקומען א מיטינג פון די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַליסטן-אינטערנאַציאָנאַליסטן...

מאָנטיק אָפּדערנאַכט, דעם 19-טן מאַרט, איז פּאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די רוסלענדישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אַרויסשײַזן הילף די רעוואָליוציאָנערן, וואָס פאָרן אַרויס קיין רוסלאַנד...

דעם 3-טן אַפּרעל האָט אין „נאָווי מיר" זיך באַוויזן א נאָטיץ:

„הײַנט געזעגנט זיך די רוסישע קאָלאָניע מיט דער צווייטער פּאַרטיע רעוואָליוציאָ-נערן, וועלכע פאָרן אַפּ קיין רוסלאַנד. הײַנט אײַנאָוונט אָרדנט אײַן די רוסישע אָפּטיילונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי א געזעגענונגס-אָוונט אין בעטהאָווען-האַל, 210 איסט, 5-טע גאַס — א געזעגענונג מיט די כאַווײרים, וועלכע פאָרן זיך צו באַטייליקן אין דעם דויערנדיקן רעוואָליוציאָנערן קאַמף פאַר דער פולקומער פרײַהײַט פון רוסלאַנד.

אָנהייב — 8 אַזייגער אָפּדערנאַכט.

רעדעס וועלן האַלטן די אָפּפאָרנדיקע — וואָלאָדאַרסקי, זאָרין און אַנד."...

און נאָך א נאָטיץ:

„די צווייטע פּאַרטיע רוסישע פּאָליט-עמיגראַנטן, וועלכע עס שיקט אַפּ דער ניו-יאָרקער קאָמיטעט פון די רוסישע רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, פאָרט אַרויס מאָנטיק דעם 23 אַפּרעל צען אַזייגער מיט דרײַסיק מינוט אינדערפרי פונעם וואָקזאַל אירי אין דזשערסי-סיטי".

קיין וולאַדיוואָסטאָק זײַנען זיי אָנגעקומען דעם ערשטן מײַ. אַזוי האָט, אַפּאָנעם, אַליין דער גורל געוואָלט — זיי זאָלן גלײַך אין א יאָמטעוו אַרײַנפאַלן, אָדער — אַנדערש גערעדט — אָט יענער יאָמטעוו, וועלכער האָט זיך בא זיי אָנגעהויבן, זינט זיי האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין דער שיף, קעדיי אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד, זאָל דויערן אויך דאָ, מיטן ערשטן טראָט, וואָס זיי וועלן מאַכן אַף דער רוסישער ערד...

אַלע 97 פּאָליטישע עמיגראַנטן, אָט די פאַרוואָגלטע רוסלאַנדס קינדער, זײַנען אַראָפּ-געגאַנגען פון דער שיף מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל". און שוין דאָס אַליין, וואָס מע קאָן פראַנק און פרײַ, ניט פאַרשטיקטערהייט, ניט אויסבאַהאַלטנדיק זיך פאַר קיינעם, זינגען דעם פּראָלעטאַרישן הימן, איז געווען ווי א כידעש און אײַנצײַטיק א באַגײַסטע-רונג, וואָס זיי גופע, די פּאָליטישע עמיגראַנטן, האָבן ניט געקאָנט באַגרײַפן: צי איז דאָס מעגלעך? צי וועלן זיך ניט באַלד, אין אָט דער רעגע, אַף זיי אַרופוואַרפן זשאַנדאַרמען מיט הוילע שווערדן און אָנגעשטעלטע שפּיזן?

יאָ, זיי זײַנען ארופגעטראָטן אף דער ערד פונעם פרײַען רוסלאנד — דאָס איז צו זען דערפון, וואָס, אשטייגער, קיין שום טאַמאָזשניע דאַרף מען ניט דורכגיין. הײַנט דער ברויזנדיק-יאָמטעוודיקער האמוין, וועלכער האָט אף זיי, אף די אָנגעקומענע, געוואַרט אין פּאָרט, קעדיי זיי אוועקשלעפּן מיט זיך צום שטאָטישן איפּאָדראָם (פרויען און קינדער האָט מען געפירט אף אווטאָמאָבילן, די מאַנצבלען זײַנען געגאנגען צופוס, טראָגנדיק רויטע פאָנען, און אפילע סאָלדאטן — יאָ, סאָלדאטן זײַנען אויך געווען א סאך צווישן דעם יובלדיקן אוילעם — אלע מיט רויטע סטענגעס, און רעוואָליוציאָנערע לידער האָבן געהילכט אפן גאנצן וועג, אף אלע גאסן, וועלכע זײַנען געווען באַצירט מיט גרינס און מיט רויטע לײַוונטן) — דאָרט וועט זײַן א יאָמטעוודיקער מיטינג לעקאָוועד טאקע דעם ערשטן מײַ און לעקאָוועד זיי, די געוועזענע פּאָליטישע עמיגראנטן און איצטער — רעוואָליוציאָנערע טוער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט קיין רוסלאנד, קעדיי זיך אײַנשליסן אין קאמף...

מענטשן, וועלכע זעען זיך צום ערשטן און עפשער צום לעצטן מאָל, נעמען זיך ארום, דריקן די הענט איינער דעם אנדערן. דערנאָך לאָזט זיך דער האמוין ווידער איבער דער שטאָט, איבער די יאָמטעוודיק אויסגעפּוצטע גאסן. די דעמאָנסטראציע דויערט א גאנצן טאָג, און בלויז אין שפּעטער נאכט קומען די געוועזענע פּאָליט-עמיגראנטן אין דער געבײַדע פון דער געוועזענער צארישער אָכראנקע אף א קורצן נאכטלעג...

אזא איז ער געווען, דער ערשטער טאָג פון זייער אָנקום אהיים. און קיינער פון זיי האָט דעמלט נאָך ניט געוווּסט, אז צום עמעסן יאָמטעוו איז נאָך גאָר-גאָר ווײַט, אז אין זיבן טויזנט וויאָרסט פונדאנען, אין פּעטראָגראד, גרייט זיך שוין א פּאראט... רוסלאנד איז דאָך א גרויס לאנד!

די זעלבע זון, וועלכע האָט, אופגייענדיק אף מיזרעך, אָפּגעגעבן איר וואַרעמקײַט דעם וולאדיוואָסטאָקער איפּאָדראָם, א פארפּוצטן אין רויטע פאָנען, האָט זיך א סאך שפּעטער דערקײַקלט צו דער צאָפנדיקער הויפּטשטאָט, קעדיי עפענען דעם יאָמטעוו אויך דאָרט. און ווען איבער וולאדיוואָסטאָק האָט זיך שוין אראָפּגעלאָזט די נאכט און ס'האָבן זיך אפילע פארענדיקט די אומענדלעכע געשפּרעכן אין די צימערן פון דער געוועזענער צארישער אָכראנקע, ווו ס'האָבן גענעכטיקט די געוועזענע פּאָליט-עמיגראנטן, פארשיקערטע פונעם רייעך פון זייער היימלאנד, האָט זיך אין פּעטראָגראד נאָך געצויגן דער צווייטער האלבער טאָג, און דער אויסערן-מיניסטער פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג מיליוקאָוו האָט פארגעלייגט די מיטגלידער פונעם קאבינעט ארויסזאָגן די ענדגילטיקע מיינונג וועגן דעם דאָקומענט, וועלכן ער האָט פאר זיי ארויסגעלייגט. אין וולאדיוואָסטאָק איז שוין אופגעגאנגען דער פרימאָרגן פונעם צווייטן טאָג מײַ, ווען אָט דער דאָקומענט, דאטירט פונעם ערשטן מײַ, לויטן אייראָפּעישן סיידער, כאָטש לויטן רוסלענדישן קאלענדאר איז נאָך געווען דער כוידעש אפּרעל, איז אָפּגעשיקט געוואָרן צו די רוסישע קאָנסולן אין די לענדער פון די פארבינדעטע, זיי זאָלן אים איבערגעבן די געהעריקע רעגירונגען. דער רוסישער טאלייראן האָט זיך געשווירן, אז דאָס נײַע רוסלאנד וועט בלײַבן געטרײַ דעם אלטן כויוו, וואָס עס האָט אף זיך גענומען — און זאָלן לאָנדאָן און פּאריזש און באזונדערס וואשינגטאָן זײַן זיכער, אז רוסלאנד וועט מיט זיי זײַן ביזן ענדגילטיקן זיג אין דער מילכאָמע...

באגעגענענדיק דעם ערשטן פרימאָרגן אף דער לײַבלעכער ערד, האָבן די גליקלעכע עמיגראנטן ניט געקאָנט וויסן, עס איז זיי אפילע אפן געדאנק ניט געקומען, אז זייער פרײַ פּאָטערלאנד קוויקט זיך מיט דער דעמאגאָגיע פונעם פּרעזידענט ווילסאָן, וועלכן זיי, די פּאָליטישע עמיגראנטן, האָבן ניט איין מאָל געשאָלטן און דעמאסקירט אלס ערשטראנגיקן פלאפלער און בלאָפער. זיי האָבן אפילע קיין כשאד ניט געהאט, אז דאָס נײַע רוסלאנד קאָן זיך שווערן אין טרײַשאפט דעם לאנד, פון וועלכן זיי האָבן זיך פון גאנצן הארצן געריסן. זיי האָבן נאָך ניט פארגעסן דעם געזעגענונגס-מיטינג אפ ניו-יאָרקער וואָקזאל אירי אין דזשערסי-סיטי — ערשט מיט א וואָך צוריק. פאר זיי האָט ווי זיסע מוזיק געקלונגען דער לעצטער הודאָק פון דער שיף, וועלכע האָט זיך אָפּגעריסן פונעם אמעריקאנער ברעג, און זיי האָט אף קיין האָר ניט באנק געטאָן, וואָס זיי פארלאָזן דאָס לאנד, ווו זיי האָבן געפונען א צײַטווײַליקן מאָקעם-מיקלעט.

דאָס איז געווען זייער מאָדנע, זייער אומבאגרײַפלעך. נו יאָ, רוסלאנד איז דאָך א גרויס לאנד...

דורך אָט דעם גאנצן גרויסן לאנד האָט זיי דורכגעשלעפּט א פארויכערטער לאָקאָמאָטיוו, וועלכער האָט אפן גאנצן וועג געהאלטן אין איין שרײַען, דורכלעכערנדיק די סאמע ברייטע ראכוועסן. פאר די מענטשן, וועלכע זײַנען שוין געווען אָפּגעווינט פון רוסלאנד,

איז דאָס געווען ווי נאָכאַמאָל זיך טיף א טוק טאָן אין אירע איינגעווייִדן ווײַל רוסלאַנד — דאָס איז לאַכלוטן ניט פריש שווארץ ברויט, ניט קיין שטוב מיט א גאַנעק און מיט א פעסל קרויט אין קעלער. רוסלאַנד — דאָס זײַנען צוגן. לאַנגע, אומענדלעכע, אייביקע — אזעלכע, וואָס אפילע אין פיל טעג ארום, ווי נאָר דו ווערסט פאַרמאַכן די אויגן, — וועלן ווידער פאַר דיר אופקומען די ענגע פּאַלקעס פון די וואַגאָנען, און אין די אויערן וועלן אָן אופהער קלינגען דער רויש און דאָס קלאַפּן פון די רעדער. און נאָך: די לופט, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט רויך און טשאַד, דער טאַם פון אש אין מויל, דער רייעך פון געקאָכטע אייער, פון וואָבלע און ציבעלעס. אזוי, מעסלעסנווײַז, האָבן זיך די טעג מיט די נעכט איבערגעפּלאָנטערט, איבערגעמישט, און הינטערן שמאָלינקן פענצטער פונעם הילצערנעם וואַגאָן איז אלץ געווען רוסלאַנד, דאָס לאַנג געגאַרטע רוסלאַנד, דאָס פאָטערלאַנד, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן און וווּהין דו האָסט זיך נאָך א לאַנגער צעשיידונג ווידער אומגעקערט.

דו קוקסט אין פענצטערל פונעם וואַגאָן און זעסט, ווי אף אומענדלעכע ווײַטן ציט זיך די טײַגע, דערנאָך טוען זיך א צעפּראַל די ראַכוועסן פון ברייטע סטעפּעס, פון צײַט צו צײַט פאַרסטו פאַרבײַ קליינינקע נעבעכדיקע הײַזקעס פון א סטאַנציע־יישעוול, אזעלכע נעבעכדיקע, אז קיין שום לעבן איז דאָ, דאַכט זיך, ניט בענימצע — גלאַט אזוי אוועקגעשטעלט, דער דורכפאָרנדיקער פּאַסאַזשיר זאָל האָבן אף וואָס אָפּצושטעלן דאָס אויג, עס זאָל אים ניט זײַן אזוי לאַנגווײַליק אין וועג. און ניט ווי א קאָנטראַסט, נאָר ווי א מין פאָרזעצונג פון אָט דער אומעטיקער ווײַט — איז די האַוועניש פון די וואָקזאַלן אף די קנופּ־סטאַנציעס. דאָ קאָן מען טרעפן אלץ, וואָס נאָר איר ווילט: פרויען מיט קאָלערלײַ קאָשעקעס און זעקלעך — אין די אויגן איז פאַרגליווערט די שרעק פאַרן פאַרשטייענדיקן וועג און די אונטערטעניקײַט דעם גוירל, וואָס פאָרן דאַרף מען; אינוואַלידן מיט שיקערע טרערן אין די אויגן און פרייִלעכע סאָלדאַטן — גליקלעכע, וואָס זיי זײַנען ארויס פונעם פײַער און דער טויט האָט זיי אויסגעמיטן; קינדער, וואָס טוליען זיך דערשראָקענע צו די מאַמעס און קוקן אף אלץ, וואָס עס קומט פאָר ארום זיי, מיט נײַגער און פאַרלוירנקײַט...

יאָ, ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן הוידען יענער אומרו פון דער צײַט, ווען גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך א לאָז געטאָן צו די צוגן, גלייבנדיק אין דער שווארצער אלמעכטיקײַט פונעם לאָקאָמאָטיוו, וועלכער נאָר ער אליין קאָן אוועקפירן אהין, ווו ס׳איז בעסער, ווו מיר זײַנען ניטאָ... און דער צוג האָט זיך געשלעפּט, זיך געהוידעט אף די שפּאַלעס, אונטערמונטערנדיק זיך מיטן געשריי פונעם לאָקאָמאָטיוו און אָפּשטעלנדיק זיך אָפּט, קעדיי כאַפּן א טרונק אָדער דורכלאָזן א מיליטערישן עשעלאָן, א הייזעריק געוואָרענעם פון געזאַנג. דער צוג האָט פאַמעלעך געפויזעט איבער דער האָרבאַטער ערד, איבער די שטאָלענע רעלסן — אלץ ווײַטער און ווײַטער אף מײַרעוו, און ס׳האָבן זיך געביטן די פּייזאַזשן הינטער די וואַגאָן־פענצטערלעך, אָבער ניט שטענדיק האָבן עס געזען די פּאַסאַזשירן פונעם וואַגאָן, די געוועזענע פּאָליט־עמיגראַנטן און „אמעריקאַנער”, וועלכע האָבן נאָך אלץ געלעבט מיט זייער ניט לאַנג דויערנדיקער ברודערשאַפט, — ניט געזען, ווײַל מע קאָן דאָך ניט האַלטן אין איין קוקן דורך די פענצטער...

עס זײַנען געווען מיטינגען און באַגעגענישן אין גרויסע שטעט, אף די סטאַנציעס, ווו מ׳האָט געדאַרפט זיך איבערזעצן און וואַרטן אף אן אָרדנטלעכן צוג. עס זײַנען געווען גוטע פרײַדלעכע שאָען פון זוכן טיי אָדער מילך פאַר די קינדערלעך. און געשפּרעכן זײַנען געווען אומענדלעכע — ווער ווייס אין וועג ניט אויסנוצן די געלעגנהײַט צו כאַפּן א שמועס! עמעס, פאַר זיי, פאַר די געוועזענע פּאָליט־עמיגראַנטן, איז דאָס געווען ניט סטאַם קיין צײַט־פאַרברענגעניש, ווען ס׳איז לאַנגווײַליק — מ׳האָט גערעדט מער פון אלץ וועגן די איניאָנים, וועלכע וואַרטן אף זיי. אף האַלב סיביר האָט געקלעקט זיכרוינעס — וועגן די היימישע ערטער, ווו מ׳איז שוין פונלאַנג ניט געווען, וועגן די נאָענטע און פרײַנט, וועגן די יאָרן, ווען מ׳איז געווען צעשיידט.

וואָס נעענטער דער צוג האָט צו דעם צענטער זיך געקײַקלט, אלץ מער האָט גענומען באַאומרויִקן די צוקונפט, און פאַמעלעך, נאָר שטאַרקער, ווי עס באַפאַלן מורעשקעס א וואַנט אָדער ווי ווערעמלעך טאָטשען אונטער א הילצערנעם פונדאַמענט, האָט זיך אונטערגעטאָטשעט די וועג־ברודערשאַפט אין די געשפּרעכן וועגן אָט דער צוקונפט. אף איינער פון די סטאַנציעס האָט מען צעעפנט די צײַטונגען מיט דער מיטיילונג וועגן מיליוקאָווס נאָטע און באַגלײַך מיט דער נאָטע — די מיטיילונג וועגן דעם, וויאַזוי עס האָט זיך פאַרלוירן, ניט קענענדיק אָנעמען דעם נייטיקן באַשלוס, דער פּעטראָגראַדער

סאָוועט: „...נאָך דער רעדע פֿונעם כ׳ טשכעיִדזע, וועלכער האָט אויסגעקלאָרט דעם ציל פֿון צונויפֿרופֿן די זיצונג, האָט די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג אָנגענומען זייַן פֿאָרשלאָג — ניט פֿאָרנעמען קיין שום באַשלוסן בענעגייע מיליוקאָווס נאָטע״...

דאָס האָט גלייַך אויסגעניכטערט, אומגעקערט פֿון די הימלען אויף דער ערד, אויף די פֿריִער פֿאַרנומענע פּאָזיציעס, ווידעראַמאָל פֿאַנאַנדערגעטיילט אויף לאַגערן. ווי פֿריִער, האָבן זיי געטרונקען טיי פֿון איין סאַמאָוואַר און ברויט געגעסן פֿון איין לאַבן, אָבער קיין האַנאָע פֿון דעם, וואָס זיי זייַנען מענטשן פֿון איין אידיי, האָבן זיי שוין ניט געהאַט: קלאָר, ער דויערט, דער געראַנגל, דער שטרייַט, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן שוין פֿונלאַנג.

פֿון אָט דעם שטרייַט האָט זיך, אייגנטלעך, אָנגעהויבן וואָלאָדאַרסקיס אַקטיווע טעטיקייַט אין אַמעריקע, פֿון אַ שטרייַט — דאָס איז אויך געוואָרן קלאָר, ווי דער טאָג, — וועט אויסקומען אָנהייבן אויך אין רוסלאַנד. ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפֿרייַען פֿונעם געפֿיל, אַז ער כאַזערט איבער אַ לימעד, וואָס איז שוין פֿונלאַנג אויסגעלערנט געוואָרן. דאָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַגמעסנעפֿעש, אָבער אין דער זעלבער צייַט האָט עס אים אַ ביסל באַרויִקט: פֿונדעסטוועגן איז לייַכטער זיך אַרייַנוואַרפֿן אין אַ נייַעם איניען, האָבנדיק אַ גוטע דערפֿאַרונג, — ער איז, ווי דער טאַטע פֿלעגט ליב האָבן צו זאָגן, ניט קיין הינקענדיקער שנייַדער אין אָט דער זאַך, ער האָט שוין געפּאָקט און געמאָזלט און איז דורכגעגאַנגען דורך פֿייַער און דורך וואַסער, דורך היץ און דורך קעלט!

## „היימלאַנד״ און „פֿאָטערלאַנד״

געלעבט האָט ער דעמלט אין פֿילאַדעלפֿיע. שוין גאַנץ קונציק זיך אויסגעלערנט צו אייַסעקן זיך מיט דער ווירע און מיט דער מעכאַנישער זעג — צוגעשניטן פֿאַרשיידענע שטאָפֿן ניט ערגער פֿון אַ געניטן קלאָוקמייקער — אַזוי פֿלעגן זיך אַליין אָנרופֿן די שנייַדער-אַרבעטער. סייַ די יִידן, סייַ די רוסן צי אוקראַיִנער האָבן ליב געהאַט אַרייַנצוּוואַרפֿן אין די רייד אַן ענגליש וואָרט — זיך געפֿוילט איבערצוזעצן אויף זייער לאָשן, צי פּאָשעט ניט געפֿונען עפּעס פּאַסיקס אין יִידיש צי אין רוסיש? צי עפּשער גאָר פּאָשעט, ניט געוואָלט? אַלנפֿאַלס, איז זייער אַרבעט טאַקע גאָר ניט געווען ענלעך אויף דעם, מיט וואָס עס האָבן זיך אין רוסלאַנד באַשעפֿטיקט די שנייַדער.

איז אָט, אייַסעקט ער זיך טאָג איין, טאָג אויס מיט דער ווירע און מיט דער זעג, אָטעמט אייַן אין די לונגען האָר-שטויב און באַקומט פֿאַר אָט דער האָרעוואַניע דאָלאַרן און צענטן — וויפֿל זייַן לוין באַטרעפֿט: מער ווי די שנייַדער אין רוסלאַנד, אָבער ווייניקער, איידער די אַמעריקאַנער אַרבעטער. ניט אומזיסט פֿלעגן די באָסן דעריקער זיך סטאַרען אָננעמען אויף זייערע פֿאַבריקן מערסטנטייל געקומענע פֿון רוסלאַנד — מע זאָל קוקן מיט קינע, מע זאָל פּרוּוון פֿאַרגלייַכן, אַלע זאָלן באַקומען איין און דאָס זעלבע קליינע געצאָלטס, און רעוועך זאָל די פֿאַבריק האָבן וואָס מער.

שוין מער פֿון אַ יאָר האָט ער אַזוי אָפּגעאַרבעט, און קימאַט שוין אַזויפֿיל צייַט — ווי נאָר עס פֿלעגט זיך דער אומבייַט פֿאַרענדיקן — טאָג נאָך טאָג זיך אָפּגעבן דער זאַך, וואָס איז געוואָרן דער איקער פֿון זייַן לעבן. ניין, די פֿאַרשיקונג האָט פֿון אים קיין „לייַט״ ניט געמאַכט. דער אַגיטאַטאָר האָט געמוזט אַנטלויפֿן פֿון אָסטראָפּאָל, ווייַל צופֿיל פּאָליצייִשע אויגן האָבן נאָך אים נאָכגעשפּירט. ווייַטער פֿאָרזעצן די רעוואָליוציִאָנערע אַרבעט איז געוואָרן אומעגלעך. די עמיגראַציע האָט אים באַפֿרייַט פֿון די צאַרישע שפּיִאָנען, אָבער זי האָט בא אים צוגענומען אויך דאָס פֿעלד, וואָס ער האָט געדאַרפֿט באַאַרבעטן. אַ מינוס אויף אַ מינוס — האָט זיך געדאַרפֿט באַקומען אַ פּליוס: ווו זשע איז ער, אָט דער געגאַרטער פּליוס? שטענדיק — ווי ס׳האָט אַלעמאָל ליב געהאַט איבערצוכאַזערן דער באַלעבאָס פֿון דער פֿאַבריק, אויך אַן עמיגראַנט, נאָר אַ מאַזלדיקער — וועט דער כאַזער געפֿינען זייַן בלאָטע. און בלאָטע איז טאַקע געווען אָן אַ שיר — אַ דאָרטיקע, אַ ביסל אַ צוגעפּודערטע, נאָר אַ גוטע קרויווע פֿון דער בלאָטע, וואָס איז געבליבן פֿון יענער זייַט אָקעאַן. ווי זאָגט זיך עס, די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. צעעפֿנט האָט אָט דאָס פֿרישאויסגעבאַקן פֿאַבריקאַנטל דאָס האַרץ פֿאַר די נייַ-אָנגעקומענע עמיגראַנטן, פֿאַרשטייט זיך, ניט גלייַך, און ניט פֿאַר אַלעמען, ווייַל כאָטש ער איז שוין געווען אַ שטיקל באָס, האָט

ער געוואָלט אַ ביסל זיך נאָך אויספּײַנען פאַר זײַנע געוועזענע לאַנדסלײַט אין רוסלאַנד — עפּשער וועט עס אַפילע דערנאָך צוניץ קומען...

אַזוי צי אַזוי, נאָר בלאָטע איז דאָ געווען גאַנץ גענוג. ווער ס׳איז געווען פון אויבן, יענער האָט געדריקט, און ווער ס׳האָט זיך געפונען פון אונטן — יענער האָט געבויגן דעם רוקן און זיך באַוואַשט מיט טרערן. די צײַטונגען האָבן, עמעס, געשריבן וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט, אָבער ווער ס׳האָט ניט געוואָלט, האָט זיי ניט געהערט, און ווער ס׳האָט געקענט, האָט ער געצוווּנגען צו שרײַען עפּעס אַנדערש. דאָס ריינע פּובליקום האָט זיך געקרימט, קוקנדיק אַפן ניט ריינעם, און הייליק אָפּגעהיט זײַן ריינקײַט, באַזונדערס ווען מע איז געקומען אין באַריר מיט די פּאַריער. דער שעריף האָט גענומען כאַבאַר, ווי דער איספּראַווניק, אָבער נאָך מער און ניט אַזוי בעפּאַרהעסיע, באַ יעדערן אין די אויגן. דער פּאָליסמען האָט געגעבן סטוסאַקעס, פּונקט ווי דער גאָראָדאָוואָי, סײַדן מער פּראָפעסיאָנעלער, באַמײַענדיק זיך דאָס צו טאָן ניט אַזוי אָפן, אַז מענטשן זאָלן דאָס זען, — אינעם באַצירק אָדער ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן געסל. ס׳איז געווען אַפילע אַן אייגענע שוואַרצע מייע — אויסגעדינטע באָקסיאָרן און אָפּגעזעסענע פאַרברעכער — גענקאָטערס אַפן היגן לאָשן. נאָר געאַרבעט האָבן זיי ניט לויט דער איבערצײַגונג, נאָר פאַר פאַרדינסט, ווײַל אַמעריקע איז דאָך אַ ציוויליזירט לאַנד! און ווער ס׳איז געווען פון אויבן, האָט געדריקט זייער ציוויליזירט, אַזוי אַז אַלע אַנדערע, וועלכע זײַנען געלעגן פון אונטן, איז אַפילע ניט אויסגעקומען צו זשאַלעווען זיך — זיי זײַנען אַליין, טראָץ דער געפאַר, שלאָגנדיק זיך קאָפּ אין וואַנט, פרווונדיק זיך אַרויסשלאָגן פון דער נויט, ניט מוירע האָבנדיק פאַר דער שוואַרצער, פינצטערער, ווי אַן אָפּגרונט, צוקונפט און פאַרלאָזנדיק די לײַבלעך-אייגענע קוואָרים און די היימען, וועלכע זיי האָבן פאַרגאָסן אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן מיט אייגענעם בלוט און שוויס, — זיי אַליין זײַנען מיט אַנטשלאָסנקײַט פון פאַרצווייפלטע געקראָכן אונטער אָט דעם פּרעס. אַפן סאַמע דעק פון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט פון כאַלעוו און דוואַש האָבן זיך דאָך איבערגעמאָלט און איבערגעקנאָטן די עמיגראַנטישע קלײַען, דער פאַרשיידנקאָליריקער שטראָם פון די נישטיקע „ראשנז“.

250 טויזנט זײַנען זיי געווען אין אַמעריקע. אין אָט דער מאַסע האָט דער צעטיילטער און פילפאַרביקער אָטריאַד פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן כאָטש זיך אויסגעטיילט, נאָר ער האָט באַטראָפן זייער אַ ווייניקע צאָל. די מערהײַט פון די „ראשנז“ זײַנען געווען אַרבעטער, אינטעליגענץ, אַפילע פּויערים: ניט געפינענדיק קיין גליק אין דער היים, האָבן זיי עס געפּרוווט זוכן דאָ. אָבער אָט דאָס גליק האָט ניט געוואַרט באַם אַרײַנגאַנג — ס׳האָט זיך, זעט איר, באַהאַלטן הינטער די קאָפּשווינדלדיקע וואָלקנקראַצערס, הינטער די רויכנדיקע זאַוואָדן, הינטער די שמוציקע קעלער-לעכער. זיי האָבן זיך הענדום-פּענדום געלאָזט זוכן, אָבער — אָן לאָשן, אָן באַקאַנטע, אָן דער געווינשאַפט צו לעבן אין אָט דער פרעמדער וועלט, — האָבן זיי געבראָכן רוק-און-לענד, זײַנען געפאַלן פון די פיס, פּלאָנטערנדיק זיך אינעם געפלעכט פון וועגן און שטעגן, ביז ס׳האָט זיי אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, און זיי זײַנען אַנשוויגן געוואָרן ערגעץ אין אַ הינטער-הויף. אויסגעמאַטערטע און אויסגעטרייבערטע אין גערענגל מיט דער קאַלטער כוואַליע, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן דעק, זיך פאַרגראָבן אין זאַמד, אין אָפּפאַל, אינעם פּוילנדיקן שליים פון געהאָרכזאַמער אונטערטעניקײַט.

עמעצן האָט זיך פאָרט אײַנגעגעבן, אָנכאַפּנדיק זיך פאַר אַ שטרויעלע, צופּאַסן זיך צום שטראָם און אַרויסשווימען צו זײַן שטיקעלע מאַזל. ס׳האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן דאָס זאַטינקע, פּעטינקע פּאַרצעפּל פונעם דריבנעם ביזנעס, און ער האָט גלײַך אָנגעהויבן צו קוקן אַף דער פרעמדער זון, אַפילע זיך ניט זשמורענדיק, ער האָט זיך אײַנגעשאַפן געקעסטלטע הויזן מיט שלייקעס, אַרויסגעשטעלט אַ וויוועסקע און פאַרדונגען אַ פּאָר צענדליק זײַנע לאַנדסלײַט, וועמען ער האָט זיך געשווירן אין הייסער ליבע, אַפילע אויך קרויווים, די סאַמע נאָענטע, און געשונדן פון זיי די זיבעטע הויט, צונויפּאָרנדיק דעם אַמעריקאַנער ראַציאָנאַליזם מיט דער אומבאַגרענעצטער אומבאַרעכמאָנעסדיקײַט פונעם שטאַרקן — דאָס האָט ער נאָך גוט באַהערשט אין רוסלאַנד, ווײַל ער אַליין האָט דערפון זיך גוט אָנגעבידעוועט.

אָבער אָרט אונטער דער זון קלעקט ניט פאַר אַלעמען, און מאַזלדיקע זײַנען געווען ווייניק. אַלע אַנדערע האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן אין די רייען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. זיך אַרײַנגעגאָסן און זיך אַרײַנגיסן ניט געקאָנט. דער ביטערער זיקאָרן וועגן דעם רוסישן יאָך, וועגן דער רוסישער דערשלאָגנקײַט, די פרעמדע שפּראַך, די אָפּגעזונדערטקײַט פון די עמיגראַנטישע קוואַרטאַלן — דאָס אַלץ האָט זיי דערווײַל אָפּגעטיילט ווי מיט אַ הויכער

וואנט פון דער מאסע אמעריקאַנער ארבעטער. די עמיגראַנטן האָבן זיך לעכאַטכילע ניט פאַנאַנדערגעקליבן אין די אַרטיקע באַדינגונגען, אין די טראַדיציעס פונעם פרעמדן לאַנד, און אַזיווי זיי האָבן נאָך ניט פאַרמאָגט ביכלאַל קיין קלאַסן-באַוווסטזיניקייט (אַ סאַך עמיגראַנטן זײַנען צום ערשטן מאָל געוואָרן אינדוסטריעלע ארבעטער ערשט דאָ), זײַנען זיי מאַסקים געווען צו ארבעטן פאַר אַ באַליביקן געצאָלטס, זיך גענומען פאַר אַ באַליביקער ארבעט, אָפט אַפילע בלינדערהייט געוואָרן שטרײַקברעכער, וואָס דאָס פלעגט אַרויסרופן צו זיי סינע מיצאַד די אַמעריקאַנער ארבעטער, וועלכע האָבן אויך אָן דעם זיך באַצויגן צו זיי אומפרײַנטלעך.

יאָ, די „פּאָליטיקער״ האָבן אין דער רוסישער קאָלאָניע געהאַט אָן אַ שיר ארבעט. און אַזיווי קנעלן האָט מען געדאַרפט אָנהייבן פון עלעמענטאַרער אַריפמעטיק פון קלאַסן-געפיל, און ווײַל צו אַ רעוואָליוציע אין אַמעריקע איז געווען גאָר-גאָר ווײַט, און ווײַל די רעאַקציע דאָרטן האָט, כאָטש ניט געדרעמלט, נאָר ניט זייער געווילדעוועט, — האָט די טאָגטעגלעכע פּראַקטיק ניט געקאָנט געבן קיין גרונט-פּראַגן, אַרום וועלכע די סאָציאַליסטן וואָלטן געקאָנט זיך צעוויפשטויסן איינע מיט די אַנדערע אין אומבעשאָלעמדיקע כלוקעדייעס. די באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, עסערן — אַלע זײַנען זיי געווען אײַנגעשלאָסן אין איין אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און אין אַלץ, וואָס עס האָט געהאַט אַ שײַכעס צו די אָרטיקע, ווירקלעך קליינע, איניאָנים, זײַנען קיין באַזונדערע מיינונגספאַרשיידנהײַטן ניט אויפגעקומען. איין צענטער איז בא זיי געווען — די צײַטונג „נאָווי מיר״ („די נײַע וועלט״), וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַף רוסיש.

זיי האָבן זי אַלציינס ליב געהאַט און ווי ווײַט מעגלעך אָפּגעהיט פון פּאָליפאָניע, וועלכע האָט אָפּגעשפּיגלט דעם פאַרשיידנפאַרביקן באַשטאַנד פון דער רעדאַקציע און פון די אויטאָרס. דאָס האָט זיך ניט זייער אײַנגעגעבן. און לאַנג אַזוי דויערן האָט ניט געקאָנט, ווי עס פלעגט זײַן שטענדיק און אומעטום, ווו איבער עפּעס אַ סיבע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אָדער פּאַשעט געוואָרן קימאַט פאַרבלאָז דער אָנגלי פונעם צווישנפּאַרטייִשן קאַמף. דער שטעקן שטעלט זיך אומבאַדינגט אין דער ברייט — און קאָנסט שוין גאָרניט טאָן: דער שטילשטאַנד האָט געפּלאַצט, ווי אַן ענגע קאַפּאָטע, מיט אַ טראַסק, פאַר אַלעמען אין די אויגן, דער אַלגעמיינער מאַלבעש איז אַראָפּגעפאַלן און זיך צעשאָטן אַף שטיקלעך. ס'איז אַזוי ווי אין אַ גרויסער, קלוימערשט לײַטיש דערצויגענער מישפּאָכע, ווען מע נעמט זיך צונויף אײַניעם אַרום דעם מיטיק-טיש: אַלע זײַנען דאָ העפלעכע און פײַנע, מע שמועסט פרײַנטלעך, מע הערט דעם פאָטער, מע שמייכלט צו די איידעמס, שנורן און פּלעמעניקעס. אויב מע לאַכט פון עמעצן — איז פאַרבאַהאַלטן, קיינער זאָל, כאָלילע, ניט באַמערקן: אויב מע איז אויפגעבראַכט, איז אויך בישטיקע, און מע סטאַרעט זיך אַפילע ניט קלינגען מיט די גאָפּלען און ניט רוקן די בענקלעך, — ביז ס'וועט זיך ניט אויפרײַסן, ביז עס וועט ניט אָנגערירט ווערן עפּעס אַזוינס, וואָס מע האַלט דאָ פאַר זייער וויכטיקס, פאַרן איקערדיקס (געוויינלעך, לויט יעדערנס שטאַנדפּונקט, כוש און געשמאַק), — און דעמלט, פאַרגעסנדיק וועגן די קלאָלים פון העפלעכקײַט און אָפּוואַרפנדיק די קרויווישקײַט, וועט מען אַרויסזאָגן איינער דעם אַנדערן אַלץ, וואָס מע מיינט וועגן אים אינדערעמעסן, און דאָס וועט דערמאָנען וועגן דעם, אַז, אייגנטלעך גערעדט, זײַנען דאָ אַלע פרעמדע מענטשן, זייער פאַרשיידענע, און קיין שום געמיינזאַמער טיש צי אַ געמיינזאַמע שטוב וועלן שוין דאָס ניט פאַרדעקן.

אין „נאָווי מיר״ איז דאָס פאָרגעקומען, ווי ביכלאַל אין דער רוסישער אָפּטיילונג פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי ביכלאַל אין איעדער פּאַרטיי, אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג, קימאַט אײַנצײַטיק. ווען אינמיטן העלן טאָג, אַף די אויגן פונעם עסקאָרט, פונעם ווײַב און פון די קינדער, איז אַנידערגעפאַלן און האָט זיך פאַרכלינעט אין אַ בלוטיקן געשריי דער פעטער און געזעצטער פּרינץ, וועלכן ס'האָט דורכגעלעכערט מיט אַ רעוואָלווער אַ נערוועזער סטודענט, ווען דער אָפּקלאַנג פונעם סאַראיעווער שאָס האָט זיך אָפּגערופן אין די קיניגלעכע פּאַלאַצן און פּאַרלאַמענט-זאַלן אין אײַנקלאַנג מיט די גלעקעלעך פון די פּאָרזיצערס, ספּיקערס און קאַנצלערס, וועלכע האָבן געמאָלדן וועגן דעם אָנהייב פון די זיצונגען, וואָס עס איז געווען שוין אַפּריִער קלאָר, וויאַזוי זיי וועלן זיך ענדיקן, — האָבן שוין מאַרשירט צו די גרענעצן מיליטערישע כאַיאָלעס, און אַלע צײַטונגען האָבן געמאָלדן וועגן דעם אָנהייב פון אַ וועלט-מילכאָמע.

אין אָנהייב פון יענעם אויגוסט האָט נאָך קיינער ניט געקאָנט וויסן, ווי ברייט זי וועט זיך אַ שפּרייט טאָן, ווי טיף זי וועט זיך אײַנגראָבן אין דער וועלטס געדערים, אָט די מילכאָמע. אַפילע אַף די סאַמע געניע, זייער געהיימע מאַפּעס פון די גענעראַל-שטאַבן

איז ניט אָנגעמערקט געוואָרן, אַז די פראָנט-ליניע פון דער ערשטער וועלט-מילכאָמע וועט איבערשנײַדן ניט בלויז קאָנטינענטן און אָקעאַנען, נאָר אויך גויראַלעס, מישפּאָכעס, פאַרטייען און אפילו דעם אומצעשטערבאַרן, ווי ס'האָט זיך געדוכט, אינטערנאַציאָנאַל. פון דער מילכאָמע — קיינער האָט זיך קיין פיגעלעך אין בוזעם ניט געלייגט — האָט מען געוואָרט אזוינס, וואָס מע קאָן ביכלאַל וואַרטן פון א מילכאָמע, — בלוט, האַריגע, העלדנמוט און יעסוימים, אָרדענס און טרערן, טריומף פון ניצכוינעס און ביטערקייט פון מאַפּאָלעס — אַף א מילכאָמע איז ווי אַף א מילכאָמע. פון איין זײַט פראָנט-ליניע — סאָציאַליסטן, און פון דער צווייטער זײַט — סאָציאַליסטן, און סאָציאַליסטן זײַנען דאָך אויך פּאַשעטע באַסערווערדאַמס. אָבער — וואָס טוט מען מיטן פּאַטריאָטיזם?

אין איינעם פון די ערשטע אויגוסט-אָוונטן האָט וואָלאָדאַרסקי געטראָפן אינעם קלוב פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער לאַנדסמאַנשאַפט א גרופּע „פּאָליטיקער“, וועלכע האָבן לעבהאַפט באַהאַנדלט די יעדיעס פונעם פראָנט. אין דער סאַמע מיט איז געשטאַנען א פליכעוואַטער יונגערמאַן, פון קאָפּ ביז די פיס אָנגעטאָן, ווי עס פלעגן זיך אָנטאָן די רוסישע אינטעליגענטן פונעם ערשטן דאָר — פראַנטעוואַטע, מיט גלאַנץ. דער יונגערמאַן האָט געפאָכעט מיט א פרישער צײַטונג, ווו אַף דער ערשטער זײַט איז געווען אויסגעזעצט מיט גרויסער קעפּל-שריפט: „800.000 רוסישע סאָלדאַטן קומען אָן קיין דײַטשלאַנד!“, און האָט זיך אזש פאַרכלינעט פון פרייד, רעדנדיק וועגן דעם, אַז די דײַטשן וועלן איצט שוין כאַפּן דעם עמעסן קלאַפּ:

— אָט וועט איר זען! אונדזערע גענעראַלן זײַנען טאַקע טויגעניכצן און דער קייסער איז פּאַשעטע א גוילעם, אָבער דעם סאַכאַקל פונעם גראַנגל לייזט דאָס פאָלק... דערמאָנט זיך, ווי לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי זאָגט וועגן דעם... דער רוסישער מוזשיק מיט זײַן לאַנגדולדיקײַט, מיט זײַן פאַרהאַרטעוועטקײַט, מיט דער געוווינשאַפט צו קאָל-האַמינים ניסיוינעס, מיט זײַן פאַטאַליזם, אויב איר ווילט, — אָט דער מוזשיק איז דער בעסטער אַף דער וועלט זעלנער. און דאָס היימלאַנד וועט ער פאַרטיידיקן מעסירעסנעפעשדיק, אָן קיין שום ראַכמאָנעס ניט צו זיך און ניט צום סוינע.

— ניט דאָס היימלאַנד, נאָר דאָס פאָטערלאַנד, — האָט איידל אים פאַריכט, אַרײַנמישנדיק זיך אינעם געשפרעך, וואָלאָדאַרסקי, — וואָס זשע, איר ווייסט ניט — „זאַ באָגאַ, צאַריאַ אי אָטיעטשעסטוואָ“ — פאַר גאָט, פאַרן צאַר, פאַרן פאָטערלאַנד... דאַכט זיך, אזוי?

— א מאָשל, — האָט אַף אים א קוק געטאָן דער אָראַטאָר, — ניט אין דעם גייט עס. איבערן האַס צו דעם קייסער, צו דער רעגירונג, צו זשאַנדאַרמען איז דען בא אונדז אָפּגענומען די רעכט צו ליב האָבן דאָס פאָטערלאַנד? פאַר מיר איז דאָס פאָטערלאַנד ניט זיי, נאָר מײַן קיעוו, מײַן שטוב, מײַנע אַלטע טאַטע-מאַמע, מײַנע פרײַנט. און איך וויל ניט, אַז זיי זאָלן איצטער אַרונטערפאַלן אונטערן יאָך פון די פרוסאַקעס. יאָ, יאָ, איך וויל ניט! אײַך וואָלט עפשער אָנגענעמער געווען דאָ איבערצולייענען „800 000 דײַטשישע סאָלדאַטן קומען אָן קיין רוסלאַנד“? מע טאָר דאָך ניט אזוי בלינד, קינדעריש האַסן: וואָס עס איז שלעכט פאַר ראָמאַנאָוון, איז גוט פאַר מיר. מע דאַרף דאָך נעמען אין אכט די רעאַלע באַדינגונגען: עס גייט א מילכאָמע, און ווער עס איז אין איר ניט קיין זיגער, מוז זײַן א באַזיגטער, דער גוירל פונעם באַזיגטן איז אַז אַך-און-ווי. און אַלע ניסיוינעס פון אָט דעם גוירל וועלן פאַלן אַפן רוסישן פאָלק — איר הערט? אַפן רוסישן פאָלק, און ניט אַפן רוסישן קייסער!

— ריכטיק, — איז גערן מאַסקים געווען וואָלאָדאַרסקי, — ענדלעך זײַנען די אינטערעסן פונעם פאָלק, פונעם קייסער און פון דער רעגירונג אײַנגאַנצן זיך צונויפגעפאַלן.

— יאָ, זיך צונויפגעפאַלן! — האָט א צעהיצטער אויסגעשריִען דער פּאַטריאָט. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז קיינער קאָן ניט אָפּלייקענען זײַן אײַזערנע לאָגיק.

— אוודע, — האָט ווידער מיט א באַהאַלטענער איראָניע געזאָגט וואָלאָדאַרסקי, — ס'גייט דאָך א מילכאָמע, און אין אָנבליק פונעם געמיינזאַמען סוינע דאַרפן מיר פאַרגעסן וועגן די אינערלעכע שטרײַטן, ריכטיק?

— ווי איר ווילט, — האָט זיך שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלן דער אָראַטאָר, ניט באַמערקנדיק די איראָניע פון זײַן אָפּאָנענט, — אָבער ווען איינער וועט ציִען אין קראָקע און דער אַנדערער אין לעמבעריק, בייס עס איז אין געפאַר די אומאָפּהענגיקײַט פונעם היימלאַנד, איז דאָס א פאַרברעכן.

— אָ! — וואָלאָדאַרסקי האָט שוין ניט אויסבאַהאַלטן דעם סאַרקאַזם. — ענדלעך זײַנען מיר געקומען צום סאַמע איקער. פּריִער גאָרנישט, און אַצינד — א פאַרברעכן... איר האָט דאָך אַליין געזאָגט און דאָס אָנגערופן מיטן עמעסן נאָמען — א פאַרברעכן איז דאָס,

מיט וואָס איר גופא האָט זיך פארנומען דאָרט, אינעם היימלאַנד. רעוואָליוציאָנערע טעטיקייט איז א פארברעכן, אומדערלאָזבאַר. דאָס דאַרף איצטער זיין קלאָר יעדן איינעם, אויב דאָס איז קלאָר פאַר אונדז, רעוואָליוציאָנערן אין דער פארגאַנגענהייט, — אזוי, דאַכט זיך, האָב איך אייך פאַרשטאַנען? און פאָדערן פאַרקירצן דעם ארבעטסטאָג, העכערן דעם געהאַלט — דאָס איז אויך א פאַרברעכן? צוליב פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד דאַרף מען האָבן געלט, א סאַך געלט, א סאַך מער, איידער פריִער, ווען אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען, בא אַן אומענדלעכן לאַנגן ארבעטסטאָג, באַקומענדיק פאַר זיין קאַטאָרזשנע ארבעט א צעבראָכענעם גראָשן, האָט אויסגעאַרבעט דער רוסישער פּראָלעטאַריער... דאָס זעלבע — פרייהייט פון וואָרט. ווּעמען איז זי נייטיק? עס גייט א מילכאָמע, עמעצער קאָן נאָך עפּעס אויספּלאַפּלען אָדער זאָגן ניט דאָס, וואָס מע דאַרף... און אַצינד זאָגט זשע מיר — איר, דער פאַרטיידיקער פון רוסלאַנדס אומאָפּהענגיקייט, — וואָס נאָך בעסערס, איידער אַזעלכע רייד, וואָלטן געקאָנט צוטראַכטן אונדזערע סאָנים, די עמעסע סאָנים, צוליב דערשטיקן איר פרייהייט?

דער געשפּרעך איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז אָפּקומען מיט א שווייג האָט מען שוין ניט געקאָנט. ס'האָט זיך צונויפגעזאַמלט א היפּשער עולם, און ס'האָט זיך געפילט, אַז באַלד וועט זיך אַרויספליִעסקען דאָס, וואָס מע האָט פאַר אַט די טעג געהאַלטן אין זיך. נאָך מיט עטלעכע מינוט פריִער איז דער אָראַטאָר געווען אין היספּיילעס פון זיך אַליין און פון דעם, וואָס מע הערט אים מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט. איצטער אָבער איז ער שיר ניט אַרויס פון די קיילים איבער די גיפטיקע רעפּליקעס פון אָט דעם יונגנמאַן, וועלכער האָט די כוצפּע אַלעמאָל אים שטעלן אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע. אָבער עפּעס דאַרף מען דאָך אים זאָגן, אָט דעם אַזוספּאָנעמניק.

— פאַרנעמט זיך ניט מיט דעמאַגאָגיע! — האָט ער אויסגעשריִען, באַמיִענדיק זיך איבערצושרייען דעם געטומל פונעם צערודערטן בינשטאָק, אָבער ער האָט ניט אויסגערעכנט ווי עס באַדאַרף צו זיין דאָס קאָל, און ס'האָט זיך באַקומען צו הויך. — די מילכאָמע גייט שוין, און אַלע אייערע פּילפּולים מיקויעך דעם, אַז מע דאַרף זי ניט האָבן — אין דעם שטייען מיר מיט אייך אויף איין פּאָזיציע, — אָט די אַלע ריידערייען קאָן מען שוין ניט נעמען אין באַטראַכט אַלס א מיטל עפּעס צו פאַרנעמען. דאָס זיינען פּאָשעט אומבאַהאָלפענע אינטעליגענטישע שטיק, ווייבערשע טרערן אין שייכעס מיט דעם, וואָס דער מאַן איז א שיקער... יאָ, ס'איז טאַקע שלעכט, נאָר וואָס קאָנסטו טאָן — אַנדערש קאָן ניט זיין. עס גיסט זיך שוין בלוט, עס גייט שוין א מילכאָמע, און די לאָגיק „זיגער—באַזיגטער" איז שוין טעטיק. לאָזט זיך, יונגערמאַן, אַראָפּ אויף דער ערד!

— לאָמיר זיך ביידע אַראָפּלאָזן, — בלויז זיינע אויגן האָבן אַרויסגעגעבן, ווי אויפגעבראַכט ער איז געוואָרן, אויפן בלייכן פּאָנעם האָבן זיי געפלאַקערט מיט פלאַמיקן פייער — ניט מיט פייער, וואָס שיינט, נאָר מיט פייער, וואָס ברענט אַזוי, אַז עס ווילט זיך פון אים דאָס פּאָנעם מיט די הענט פאַרדעקן. — פונוואַנען האָט זי זיך גענומען, אָט די מילכאָמע? א וואָלקנדל איז אויף א וואָלקנדל אַרופגעשווומען? דער ווינט האָט עס געבראַכט? אָדער טאַקע בעעמעס דערפאַר, וואָס אין סערביע האָט מען אונטערגעשאָסן דעם עסטרייכישן פּרינץ? ניין, מע האָט זי געשאַפן, אַרויסגערופן, אָרגאַניזירט. דאָס איז ניט קיין פּראָסטע, ניט קיין לייכטע, ניט קיין וואָלוועלע זאַך. קעדיי דאָס אָפּטאָן, דאַרף מען זיין אין דעם שטאַרק פאַרינטערעסירט. און ווער זשע איז אין דעם געווען אַזוי שטאַרק פאַרינטערעסירט? רוסלאַנד? דאָס היימלאַנד? דאָס פאָלק? זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר דאַרפט זייער האָבן די דאַרדאַנעלן? און עפּשער דאַרף זיי האָבן אייער באַליבטער קיִעוו? אייערע אַלטע טאַטע-מאַמע? אייערע פריינט?

— הערט שוין אויף צו לעצעווען! — דער אָראַטאָר האָט זיך בעפּירעש באַליידיקט, אָבער זיין אָפּאָנענט האָט ניט געלייגט אויף דעם קיין אַכט.

— ניין, איר און זיי דאַרפן עס האָבן אויף קאַפּאָרעס, אָבער דער רוסישער מאַכטהאָבערישער קלאַס דאַרף עס האָבן. און די אַנעקסירטע דאַרדאַנעלן? און אייערע פריינט זיינען איצט ניט אין סטודענטישע קרייזלעך, נאָר אין מאַרש-ראָטעס, און מע דאַרף האָבן א מעגלעכקייט, אַז ווען זיי וועלן אַריינפאַלן אין די הענט פון דער אָכראַנקע נאָך איידער געראָפּן ווערן צום פּריזיוו, זאָל מען זיי ניט אָפּשיקן ערגעץ קיין סיביר, נאָר גלייך אויף קאַטאָרגע, און אַפילע ניט אויף קאַטאָרגע, נאָר אויפן עשאַפאָט — לויט די געזעצן פון קריגסצייט... און אויך איר זייט זיי נייטיק — אָט אַזאַ, וועלכער זאָל — צוליב דער פאַרטיידיקונג פונעם היימלאַנד — פאַרגעסן אָנצופאַלן אויף זיי. און באַשטענדיקע מילכאָמע-באַשטעלונגען דאַרפן זיי האָבן, און וואָלוועלע ארבעטס-הענט, און א רעכטלאָזן פּראָלעטאַריער.

זיי — און אויך די רעגירנדיקע קלאַסן פון דײַטשלאַנד, פון עסטרײַך-אונגאַרן, פון פראַנקרײַך, פון ענגלאַנד. ניט איינער מיטן אנדערן שלאָגן זיי זיך — זיי שלאָגן זיך צוזאמען קעגן זייערע פעלקער, און זיי האָבן צוזאמען טאַקע צוגעטראַכט אָט דעם ספּעקטאַקל. דערפאַר — טוט א קוק — זײַנען אויך די קויכעס אזוי גלײַכמעסיק פאַנאַנדערגעטיילט, ווי אין אן ערלעכן געשלעג אף פּאַסכע, גלײַך אף גלײַך, לויטן וווקס, אז קיינער זאָל ניט האָבן קיין איבערגעוויכט, און די מילכאָמע זאָל זיך ניט אזוי גיך פאַרענדיקן, נאָר דויערן וואָס לענגער.

— נו גוט, נאָווי מוישע ראַביינו, — מע רופט אײַך, דאַכט זיך, אויך מוישע? — האָט געזאָגט מיט א כויזעק-שמייכל דער פּאַטריאָט. — אויב איר האָט שוין גענומען אף זיך ניט נאָר דערקלערן, וואָס עס קומט פאַר הײַנט, נאָר אויך זאָגן נעוויִעס אף דער צוקונפט, וועל איך אײַך פרעגן דאָס זעלבע: וואָס זשע פאַר אן אויספיר דאַרפן מיר דערפון מאַכן? אין וואָס באַשטייט אײַער פּראָגראַם — זיך אונטערגעבן?

— דאָס האָט איר זיך אונטערגעגעבן. קעמפן דאַרף מען. מיט יענע, וועלכע האָבן דאָס פײַער צעצונדן. מיט די הערשנדיקע קלאַסן. יעדער מיט זײַנעם. ווער עס האָט באַשטעלט די מוזיק, דאַרף פאַר איר צאָלן, מיט יוישער, ווי עס פּירט זיך. זאָל מען אפילע מיט א מאַפּאָלע באַצאָלן, און מיט א רעוואָליוציע — דער מעהאַלער צווישן זיי איז א קורצער...

אינעם צימער, שוין א היפּש איבערגעפולטן, האָט זיך אײַנגעשטעלט א שווערע, קאַלטע שטילקײַט. וואָלאָדאַרסקי האָט זיך געצווונגען אויסקערעווען, קעדיי א קוק טאָן זיי אין די אויגן. יעדער פון זיי, אן אַרויסגעריסענער פון רוסלאַנד, האָט פאַרגעזעצט זי צו האַלטן פאַר זײַן היימלאַנד, אין יעדערן האָט זי געוויטעקט מיט אירע צאַרעס און ליידן, און קיינער האָט איר קיין שלעכטס ניט געוווּנטשן — בלויז גוטס. און אָט דאָס גוטס האָט נאָך קיינמאָל ניט אָנגענומען אזא מאָדנע פאָרם. וואָלאָדאַרסקי האָט געקוקט אין די שווײַגנדיקע פּנעמער אָן כידעש און אָן שרעק. די זעלבע שטומע פראַגע האָט ער איבערגעלייענט אין די פאַרוויטלטע פון טראַכטאָמע אויגן באַ זײַן טאַטן.

— ווי זשע קאָן מען דאָס פאַרשטיין, זונעניו? — האָט געפרעגט דער טאַטע. — דאָרטן זײַנען דאָך די מאַמע, דײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך... זיי האָבן דען ווייניק זיך אָנגעליטן — ווילסטו נאָך פאַר זיי אן אָקופּאַציע?

א גאַנצע נאַכט האָבן זיי געשמועסט, די וואָלינער בונטאָווּשטשיקעס פון דער פילאַדעלפיער פאַרשטאָט, — איבער פעלקער צײַטונגען, רוסישע, יידישע, ענגלישע, פראַנצויִזישע, איבער א סטאַפּקעלע ביכער פון פּאָליט-עקאָנאָמיע, פון געשיכטע, פון פילאָסאָפיע (דאָס איינציקע, אף וואָס זיי האָבן זיך דערלויבט אויסצוברענגען), און אין אָט דער היימישער פּאָליטישער דיסקוסיע האָט ער ניט נאָר אליין זיך פאַרפעסטיקט אין זײַן פּאָזיציע, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, נאָר אויך איבערצײַגט אין דעם דעם פאָטער. אויב אזוי — אויב אפילע דער טאַטע, א מענטש פון זעקס און פערציק יאָר, ניט זייער קיין גראַמאַטנער אין פראַגן פון טעאָריע און וועלכער האָט אופגעהערט זיך צו פאַרנעמען מיט אקטיווער רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט, האָט אים פאַרשטאַנען, וועלן אים אוודע פאַרשטיין אויך אנדערע...

אהיים איז מען זיך צעגאַנגען שפּעט אין דער נאַכט. מ'איז גיכער פון אלץ געווען דערשלאָגן, איידער צעפלאַמט. און דער, וואָס האָט אַרײַנגעוואָרפן דאָס שוועבעלע, האָט זיך געסטאַרעט ביכלאַל צו האַלטן זיך אין א זײַט — איצטער האָט ער זיך אײַנגעהערט. באַם אַרויסגאַנג איז צו אים צוגעגאַנגען דער סעקרעטאַר פון דער לאַנדסמאַנשאַפט און אײַנגעלאַדן איבערצולייענען א לעקציע וועגן דער שטעלונג צו דער מילכאָמע.

— נו יאָ, אוודע, — האָט וואָלאָדאַרסקי גלײַך געגעבן די האַסקאָמע. ער האָט פאַרשטאַנען, אז ער וועט איצטער אַרויסטרעטן אָפטער און א סאַך מאָל. און מע דאַרף עס טאַקע טאָן וואָס גיכער, קאָלזמאַן דער שאָוויניסטישער גיפט מיטן פּאַטריאָטישן סיראָפּ האָט ניט פאַרסאַמט די מאַסן.

ער, דער אָנפירער פון דער רוסישער אָפּטיילונג פונעם שנײַדער-פאַריין אין פילאַדעלפיע, האָט אויך אָן דעם געהאַט גענוג איניאַנים, און קלאָגן זיך, אז ער גייט אַרום אָן אַרבעט, איז אים ניט אויסגעקומען. ערשט נאַרוואָס האָט זיך פאַרענדיקט — מע קאָן אפילע זאָגן, מיט דערפּאָלג, האַגאַם ניט אָן קאָרבאָנעס, — די אַרדנטלעכע שלאַכט מיט די באַלעבאַטים, אָט-אָט וועלן פאָרקומען נײַע גרויסע געשעענישן — אזעלכע, ווי פאַראַיאָרן, ווען דער אַלגעמיינער שטרײַק פון די קלאָוקמייקערס אין פילאַדעלפיע, ניו-יאָרק, ראָטשעסטער האָט אופגעטרייסלט גאַנץ אמעריקע. אָבער ווי זיי זאָלן ניט זײַן וויכטיק, קאָמפּלי-

צירט און באַדײַטנדיק, אָט די איניאַנים, זײַנען זיי איצטער פֿון זיך אַליין אָפּגעטראָטן אויפֿן הינטערשטן פּלאַן. דער קאַמף פֿאַר אַ גאַראַנטירט שטיקל עמיגראַנטיש ברויט איז ניט קיין פּוסטע זאַך, מע טאָר זי ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, זי נעמט צו, און מיט רעכט, אַלע אינדערוואַכנס, און זיי זײַנען טאַקע עמעסע אינדערוואַכנס — עס דאַרפֿן ניט זײַן קיין שטומע, דערשלאָגענע רוסישע האָרעפּאַשניקעס, אונטערטעניקע אַרבעטער אַפֿילע אין אַ פֿרעמד לאַנד. סאָפּקאָלסאָף גרייט זיך די וועלט-רעוואָליוציע אומעטום, הייסט עס, אַז אויך דאָ גרייט זי זיך. דעריבער מוז מען אויפֿהייבן דעם קלאַסן-זעלבסטבאַוווסטזײַן פֿון די אַרבעטער, און מע דאַרף צוליב דעם ניט זשאַלעווען קיין קויכעס.

די פּאָליטישע עמיגראַנטן האָבן, אין אונטערשייד פֿון אַלע אַנדערע, געדענקט, אַז די אַלע זייערע זאָרגן זײַנען זאָרגן אויפֿן הײַנט-צו-טאָג. מאָרגן — ווי נאָר אָט דער מאָרגן וועט קומען — וועלן זיי זיך אומקערן צו זייער איקערדיקן איניען, צו יענעם איניען, איבער וועלכן זיי זײַנען איצטער מעגולגל געוואָרן לעיווער האַיאַם, ווײַט פֿונעם היימלאַנד, — צו דער רוסישער רעוואָליוציע. און ווי נאָר עס פֿלעגט פֿון יענער זײַט אָקעאַן זיך צעצינדן כאָטש אַ קלייניניק שוואַכינק פֿלעמעלע האָפֿענונג, האָט עס צו זיך צוגעצויגן דעם בליק, געריפֿן, געוווּנקען, פֿאַרשטעלנדיק די נאָענטע שײַן פֿון די אַמעריקאַנער אינדערוואַכנס. וואָס אָבער האָבן זיי, דאָס הײַפֿעלע פּאָליטישע נאַווענאַדניקעס, געקאָנט טאָן אין זייער אָפּגעשיידטער ווײַטקייט — מיטפֿילן? ס'איז דאָך שפּאָט ווייניק!

יול האָט געבראַכט אַ נײַע האָפֿענונג. די צײַט איז שוין געווען מעוברעס מיט אַ מילכאָמע. זי האָט גערײַפֿט מיט אומבעראַכמאָנעסדיקער צײַטמעסיקייט, און די קלייניקע שטיינדעלעך פֿון טעלעגראַפֿישע יעדיִעס האָבן זיך געשאָטן פֿון פֿאַרשיידענע אייראָפּעיִשע היוכעמישן ווי אַן אָנזאָג פֿון אַ גראַנדיִעזן אָנוואַלגער. דורך אָט דעם געהילך פֿונעם פּאָליטישן שטיינער-פֿאַל, וועלכער איז שוין געוואָרן אַ טאָגטעגלעכע זאַך, האָט זיך דורכגעריסן — קוים זי צו הערן צווישן קאָלערליי געשעענישן — די יעדיִע וועגן דעם, אַז אין פּעטערבורג האָט מען צעשאָסן דעם פּוטילאָווער מיטינג, וועלכער האָט זיך סאָלידאַריזירט מיטן שטרײַק פֿון די באַקוער נאַפֿטלער. גלײַך נאָך דעם איז דערגאַנגען, אַז אין דער רוסלענדישער הויפּטשטאָט איז געמאָלדן געוואָרן אַן אַלגעמיינער שטרײַק, וועלכער האָט זיך איבערגעוואָרפֿן קיין ריגע, רעוועל, אָדעס...

עפּשער האָט זיך שוין אָנגעהויבן? און אָנשטאָט דער מילכאָמע, אויף וועלכער אַלע האָבן געוואַרט, וועט אין רוסלאַנד פֿאָרקומען אַ רעוואָליוציע, צעפֿלאָנטערנדיק די שוין צעטיילטע קאָרטן פֿאַר די רעגירונגען פֿון גאַנץ אייראָפּע?

אין יענעם טאָג, ווען עס האָט זיך צעטראָגן אָט די יעדיִע, דעם 22 יול, האָבן די אַקטיוויסטן פֿון דער רוסישער אָפּטיילונג פֿון דער אַמעריקאַנער סאָציִאַליסטישער פּאַרטיי קימאַט אָן קיין שום צונויפֿגערעדטקייט זיך פֿאַרזאַמלט אויף דער דירע פֿונעם אַרבעטער בראַגינסקי אויף מײַמעזשיט-אַוועניו.

— ווי עס זאָלן זיך ניט ווײַטער פֿאַנאַנדערוויקלען די געשעענישן, — האָט, איבערשלאָגנדיק די לעבהאַפֿטע דעבאַטן, געזאָגט וואָלאָדאַרסקי, — האָבן מיר ניט קיין רעכט צו שטיין אין דער זײַט.

— נאָר וואָס זשע האָבן מיר יאָ? — האָט אַ שמייכל געטאָן דער כויזעקמאַכער לייטער. — איר ווילט שיקן אַ באַגריסונגס-טעלעגראַם די שטרײַקנדיקע? זיי וועלן אוודאי זיך קאָנען צודעקן מיט איר פֿון דער פּאָליציי. אָדער עפּשער שיפֿסקאַרטעס — זאָלן זיי אויך קומען אַהער צו פּאָרן, וועלן מיר שוין צוזאַמען וואַרטן דאָ אויף יעדיִעס וועגן דער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד.

— וואָס האָבן מיר? — האָט אָנגעהויבן וואָלאָדאַרסקי. — געלט האָבן מיר, — און האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין — זייער מאָדנע האָט אויסגעזען די פֿראַזע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעריסן פֿון זײַן צונג.

לייטער האָט גענומען שפּאַנען לעציש איבערן צימער, פֿאָכענדיק, ווי מיט אַ פֿעכער, זײַן טײַסטער, וואָס איז, ווי מע האָט געקאָנט פֿאַרשטיין, געווען פּוסט.

— איך בין דען קעגן? — האָט ער געזאָגט מיט אַ קרומען שמייכל. — איך בין אַפֿילע גרייט צו זײַן אַ קאַסיר. אָבער דאָרט בויט מען, מעגלעך, באַריקאַדעס, און מיר...

— און מיר קעמפֿן מעסירעסנעפֿעשדיק פֿאַר אַן איבעריקן צענט מיט אייבי קאָלערן. קריכט ניט אין דער נעשאָמע, כאַווער. נאָר מיר וועלן אַרויסשלאָגן אָט דעם איבעריקן צענט און וועלן אים אָפּשיקן די שטרײַקנדיקע, און מיר וועלן פֿאַנאַנדערוויקלען אַן אַגיטאַציע פֿאַר פּראָפּאַגאַנדירן זייער זאַך. מיר וועלן דערווײַל טאָן אַלץ, וואָס מיר קאָנען טאָן פֿאַר דער רוסישער רעוואָליוציע דאָ, ווי ווייניק דאָס זאָל ניט זײַן. און אָרט אויף דער

רוסישער באריקאַדע וועט פאַר אונדז נאָך קלעקן. איך, לעמאָשל, רעכן טאַקע אויס אַף אַזאַ אַרט. און ביז וואָס-וועט דאַרף מען צונויפזאַמלען אַלע רוסישע עסדעקן פון פילאַדעלפיע, נו, לאָמיר זאָגן, דעם 25-טן, און לייזן די פראַגע אָרגאַניזאַציאָנעל...

אין א וואָך אַרום האָט זיך אין דער צײַטונג „נאָווי מיר" באַוויזן א מיטיילונג, אַז אין פילאַדעלפיע איז אָרגאַניזירט געוואָרן א גרופּע פון רסדאַפּ, אין קאָמיטעט זײַנען אַרײַן בלאַט (ליטעראַרישער אַגענט), בראַגינסקי (סעקרעטאַר), וואָלאָדאַרסקי, לייטער (קאַסיר) און רוטאָוו. די קאָפּיטעס פון קאַזאַקישע פערד האָבן שוין צעטראָטן דעם שטרײַק, אָבער די פילאַדעלפיער סאָציאַליסטן האָבן פונדעסטוועגן פאַרבונדן זייער טראָט מיט אָט דער גראַנ-דיעזער אַרויסטרעטונג פונעם פּראָלעטאַריאַט, קוואַליפיצירנדיק זי — עפּשער מיט צופיל אײַלעניש — אַלס רעפּעטיציע פון דער רעוואָלוציע, וועלכע איז שוין גאַנץ נאָענט.

— די גרופּע, — האָט געזאָגט וואָלאָדאַרסקי אַף דער אָרגאַניזיר-פאַרזאַמלונג, — דאַרף נעמען אַף זיך די אָנפירונג מיט יענער באַוועגונג לעטוויוועס דער רוסישער רעוואָ-לוציע, וועלכע איז שוין אַנטשטאַנען און וועט זיך פאַרברייטערן אין דער מאָס, ווי עס וועלן זיך אַנטוויקלען די געשעענישן אין רוסלאַנד.

און די געשעענישן אין רוסלאַנד האָבן זיך אַנטוויקלט צו א מילכאָמע. די רעוואָ-לוציע אַלס אַלטערנאַטיוו צו דער וועלט-שכיטע איז שוין ניט באַהאַנדלט געוואָרן. דעם 11 אַווגוסט, ווען וואָלאָדאַרסקי איז געקומען אַף ריִעד-סטריט, ווו צו אַכט אַזייגער אָפּדער-נאַכט איז צונויפגערופן געוואָרן די פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע רסדאַפּ, איז שוין אין פולן גאַנג געווען די באַהאַנדלונג פון פּראָנט-יעדיעס. אומזיסט האָט בראַגינסקי געפּרוווט אײַנשטעלן אָן אָרדענונג און אָנהייבן די פאַרזאַמלונג — סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך אַליין אויך אָנגעשלאָסן אינעם געשפּרעך און זיך פאַרכאַפּט מיט אים. און רעדן איז געווען וועגן וואָס: אַכט פּראָנטן, א קלייניקייט! ער האָט א שמייכל געטאָן צו וואָלאָדאַרסקין, זיך באַ-גריסט מיט אים און אײַנגעלאַדן זיך אַרויסזאָגן. וואָלאָדאַרסקי אָבער האָט געשוויגן, ווי ער וואָלט מיט עפּעס ניט געווען צופרידן.

— דו ביסט געוואָרן אַן עכטער אַמעריקאַנער, — האָט דער סעקרעטאַר זיך צע-לאַכט, — יאָ, איך ווייס, ס'איז שוין אַכט... באַלד וועלן מיר אָנהייבן.

— ניט אין דעם גייט עס, — האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען וואָלאָדאַר-סקי. — פּאַשעט דער אײַנדרוק איז, אַז כ'בין אין א סאַלון אַרײַנגעפאַלן און ניט אַף א פאַרזאַמלונג פון סאָציאַל-דעמאָקראַטן. די זעלבע געשפּרעכן — ווער, ווען, מיט וואָס פאַר א קרעפטן... מילכאָמע איז דאָך ניט פּראַנצויזישער קאָמף.

— אוואדע ניט קיין פראַנצויזישער, — האָט געפּרוווט זיך אָפּוויצלען בראַגינסקי, האָ-גאַם ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז ניט צו קיין וויצן. — דער קאַמף איז איצט א רוסיש-דײַטשיש-עסטרײַכיש-בולגאַריש-סערביש-איטאַליעניש-פראַנצויזישער! אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן.

— דעריבער טאַקע קאָנען מיר זיך ניט איבערבויען, און דענקען דענקען מיר, ווי פריִער. פאַרנעמען זיך מיט טרעפן, ווער עס וועט אויסשפּילן און ווער עס וועט פאַר-שפּילן, איז א פּוסטע זאַך. די הויפּט-מאַפּאָלע האָבן מיר שוין באַקומען, און ניט אַפן פּראָנט, נאָר אינעם רייכסטאַג, ווען 111 דעפּוטאַטן פון דער שטאַרקסטער פּאַרטיי פונעם אינטער-נאַציאָנאַל האָבן געשטימט פאַר מיליטערישע קרעדיטן...

די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן שפּעט.

אָט אַזוי אַלעמאָל. וואָלאָדאַרסקין איז שוין דערעסן געוואָרן צו ריידן מוסער. ער האָט באַמערקט, אַז ער צינדט זיך אָן זייער גיך, ווערט גאַליק-סאַרקאַסטיש, אַפילע בייז — וואָס, דער כאַראַקטער ווערט קאַליע? און עפּשער איז געקומען פאַר דער צײַט די עלטער? ס'איז אוואדע אַפילע לעכערלעך וועגן דעם צו טראַכטן, ווען מע איז אַלט אײַנגאַנצן צוויי און צוואַנציק יאָר, נאָר צו יענע, ווער עס איז פרי אויסגעוואַקסן, קומט זי פריִער. ער איז צוגעוווינט צו אָפּגעבן קאָוועד יענע מענטשן, וואָס אַף זייערע ביכער האָט ער זיך גע-לערנט. ער האָט געקוקט אַף זיי פון אונטן אַרויף, ווי עס דאַרף קוקן א שילער. דער קאָ-וועד פאַר די וועטעראַנען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז געווען פאַר אים הייליק. דער שטעמפּל פון מאַרקסיסטישן געדאַנק אַפן שטערן פון א טעאָרעטיקער, ווי אויך דער סימען פון א פּאָליט-קאַטאָרזשאַנער, זײַנען געווען פאַר וואָלאָדאַרסקין די בעסטע כאַראַק-טעריסטיק. פון זײַן אַגיטאַטאָרישער פריִער יוגנט, וועלכע האָט זיך געפורעמט אָן אַן עכטער מאַרקסיסטישער שול, האָט ער אויפגענומען פאַר א פּעסטן געזעץ, אַז די מענטשן, וועלכע זײַנען געשטאַנען בא דעם רודער פון רעוואָליוציאָנערע אידייען און זײַנען באַרײַכערט מיט דער דערפאַרונג פון אַרבעטן אין די פּראָלעטאַרישע צענטערס, ווייסן דעם עמעס בעסער

פון אים, און דעם וועג זעען זיי קלאָרער. אין דער פאַרשיקונג, אין אַט דעם הויפּט־אוניווערסיטעט זײַנעם, האָט ער זיך אין דעם ענדגילטיק איבערצײַגט. זשעדנע, ווי א פּריזינג־פעלד בײַסן פאַרזיי, האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך די שײַן פון וויסן און געפילט, ווי לאַנגזאַם, נאָר טיף, און פונדעסטוועגן נאָך לאַנגזאַם ווערט פאַרזייט זײַן טעאָרעטישע צעלינע, וועלכע ס׳האָט בלויז עטוואָס אַנגערירט דער פלוג פון דער סומבורנער פּראַקטיק.

יאָ, ער האָט געקוקט פון אונטן אַרויף אויף יענע, וועלכע האָבן געוווּסט און האָבן געטאָן מער פון אים, אָבער געקוקט האָט ער אַזוי זיכטבאַר און מיט קאָפּ, אַז ער האָט גענומען זען מער, איידער עס דאַרף זען א פעיִקער שילער. די אידייען פון סאָציאַליזם האָט ער אײַנגעזאַפּט אויף אַזויפיל טיף און גרינטלעך, אַז זיי האָבן שוין ניט עקזיסטירט באַזונדערס פון אים — זיי זײַנען אַרײַן אין זײַן בלוט, אין זײַן מאַרך, אין זײַן שטאָף און געוואָרן ער אַליין. און ס׳איז געשען דאָס, וואָס עס טרעפט אָפט אין דער וויסנשאַפט און אין ליבע: די אידייען, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אַמאָל און זײַנען אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן איצט אין די מאַסן דורך אָט די קלוגע און טעטיקע מענטשן, האָבן איצטער גענומען אין אים לעבן זעלבשטענדיק — אָן פאַרופן זיך אויף דעם, ווער עס האָט זיי געבוירן, און גענומען לעבן אפילע בעסער, רײַכער, אָרגאַנישער. ער האָט מיט זיי אָפּערירט, זיי האָבן אים געפירט, אָט די אידייען, אָבער ניט דער בײַשפּיל פון די אויטאָריטעטן, נאָך מער: ער האָט געמאָסטן די טאַטן פון די אויטאָריטעטן לויט די אידייען, וואָס זיי האָבן אַמאָל אַרויסגעזאָגט. און אָט דאָ איז ער געקומען אין פאַרלעגנהײַט. לעכאַטכילע האָט אים א שטאָך געטאָן די דאָזיקע פאַרלעגנהײַט — ער האָט דאָך נאָך פאַרט געקוקט פון אונטן אַרויף. פאַרוואָס האַנדלען יענע, וועלכע וויסן מער און קענען מער און וועלכע די פּאָעטע סאָלדאַטן פון דער רעוואָלוציע זײַנען צוגעוווינט זיך צו גלײַכן, טראָץ דער לאָגיק פון סאָציאַליזם, טראָץ די פּרינציפּן פונעם אינטערנאַציאָנאַל? מיט פעדאַנטישער אַקשאָנעס פון א פּראָווינציעלן אַוטאָדידאַקט האָט ער ווידעראַמאָל איבערגעמאָסטן די פאַקטאָרן און איבערגעוווגן די אויספירן. אַז די מילכאָמע איז א צאָרע — דאָס איז קלאָר, ווי דער טאָג, דאָס איז אומשטרײַטבאַר. אַז זי האָט אויסגעבראָכן ניט פון זיך אַליין — איז אויך אַן אַקסיאָמע. אָט ווי אין דעם רוימישן פּאָסטולאַט: א פאַרברעכער איז דער, וועמען עס האָט געלוינט, אַז עס זאָל באַגאַנגען ווערן אָט דער פאַרברעכן. די מילכאָמע האָט ניט אויסגעגלײַכט די קלאַסן־ווידערשפּרוכן, זי האָט ניט געביטן די קויכעס־פאַרהעלטענישן — אויך דאָס איז קלאָר. אויב זי האָט געהאַט עפּעס אַן אָביעקטיווע סיבע, דאַרף מען, אויב אַזוי, אָפּזוכן טאַקע אין איר די אָביעקטיווע סיטואַציע פאַר א רעוואָלוציע, און ניט אָפּלייגן דעם הויפּט־ציל פון די סאָציאַליסטן אויף שפּעטער.

אָבער דאָ איז גאָרנישט זיך ניט צונויפגעגאַנגען. אַלץ האָט זיך אומגעקערט צום סאַמע אָנהייב, ווי אין א פאַרקישעפטן קרײַז: אָדער מע דאַרף זיך אָפּזאָגן פון די צילן פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָדער מע דאַרף אָפּשאַצן די איצטיקע אויפירונג פון זײַנע פירער ווי א פאַראַט. קיין דריטס האָט זיך ניט באַקומען, וויפל דו זאָלסט ניט דרייען. וואָלאָדאַרסקי האָט אויסגערעכנט, אַרויסגעצויגן אָט דעם ביטערן אויספיר און האָט זיך אין אים אומגעוואַקלט איבערצײַגט, ווײַל שטענדיק גלייבסטו אין דעם, צו וועלכן דו ביסט שווער, אָן פרייד געקומען אַליין, אין וועלכן דאָס האַרץ האָט גלייבן ניט געוואָלט, נאָר דער פאַרשטאַנד, אָט דער קאַלטער זאַכן, האָט געברײַעט זײַנס.

און ווי שווער עס איז געווען זיך אַליין איבערצײַגן, איז נאָך שווערער געווען צו איבערצײַגן אַנדערע. אויף דער פאַלגנדער פאַרזאַמלונג פון דער פילאַדעלפיער גרופּע רסדאַפּ, דעם 9 סעפּטעמבער, וועלכע איז פאָרגעקומען דאָרטן זשע, אויף ריִעד־סטריט, 505, האָט ער אַרויסגעטראָגן אויף א דיסקוסיע זײַן באַריכט „די הײַנטיקע פּאָליטישע לאַגע און דער אינטערנאַציאָנאַל".

געהערט האָט מען אויפמערקזאַם, אויפגענומען גוט, נאָר אויך הייס דערווידערט. און ס׳האָבן זיך דאָרט, קאָן מען האַלטן, צונויפגעזאַמלט מענטשן פון איין גלויבן. נאָך זײַן לעקציע אין דער רוסישער פּראָגרעסיווער לאַנדסמאַנשאַפט „די מילכאָמע און די אויפגאַבן פונעם אַרבעטער־קלאַס" האָט מען אים הייס אַפּלאָדירט, אָפּנהאַרציק באַדאַנקט, געדריקט די האַנט, נאָר מאַסקים געווען מיט אים בלויז טיילווײַז. איינער פון די אָנפירער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, דער אימפּולסיווער טיכטיקער סאָציאַליסט פּיאָטער ריאַבטשענקאָ האָט זיך צו אים דורכגעשטופּט, אַרומגענומען און, פינקלענדיק מיט די אויפגערעגט־שײַנענדיקע אויגן, אויסגערופן:

— מערקווירדיק! אויסגעצייכנט! ווונדערלעך! שוין לאַנג געדענק איך ניט אַזא מין דערפאָלג. אָבער צו שאַרף. אַך, יוגנט, יוגנט! איך האָב, פאַרשטייט זיך, ליב, ווען ס׳איז

הייס, אָבער דאָס איז, אויב איר ווילט וויסן, יוגנטלעכער מאַקסימאַליזם, און באַליידיקט זיך ניט אויף מײַנע רייד. איר זײַט דאָך אויך אַ ראָמאַנטיקער, האַ? גוט, גוט, מע דאַרף זײַ אַ ביסל צערודערן. די אויספּירן זײַנען, ווי איר פאַרשטייט אַליין, צו אײַלנדיקע, טוט אַ קלער. דער עקסטער שטאַנדפּונקט איז ניט שטענדיק דער סאַמע ריכטיקער — עמעס? און פונדעסטוועגן — אַ גרויסן דאַנק אײַך, זייער טאַלאַנטפול...

דאָס האָבן געריידט זײַנע פרײַנט. און די צײַטונג פון די אַנאַרכיסטן „גאָלאָס טרודאַ" האָט אָפּגעדרוקט אַן אַנאָנימע פּאַראָדיע אויף זײַן לעקציע. אין סאַמע פּונעם פּאַסקוויל האָט איינער אַן אומבאַוווּסטער „ד" געצייצעט וואָלאָדאַרסקין מער זיך ניט פאַרנעמען מיט אַזאַ שווערער פאַר אים אַרבעט און מער אַזעלכע לעקציעס ניט לייענען...

ער האָט אַליין געפילט, ווי די אידייִשע איינזאַמקייט טאַטשעט אונטער דעם עמעס, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל ווייטעק אויסגעבויט. אויף דעם סאַמע ראַנד איז זייער שווער לאַנג זיך צו האַלטן אָן אַן אָנשפּאַר. און קיין אָנשפּאַר איז אַלץ נאָך ניט געווען. די ידיעות פון די אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט האָבן ניט פאַרשאַפט קיין נאַכעס, די מיטיילונגען פון רוסלאַנד זײַנען אָנגעקומען נאָך אַ גוטן פילטער — דורך אַ דרײַענדיקער גרענעץ, אין פאַרקריפּלטע איבערזעצונגען, אין „שעפּערישע" איבערדערציילונגען פון קאָרעספּאָנדענטן, גוויִס-איידעס און מיטשפּרעכער פון אַט די גוויִס-איידעס, און ס'איז שווער געווען זיך פּאַנאַנדערקלײַבן אין זיי, שוין אָפּגערעדט פון דעם, מע זאָל זיך אויף זיי פאַרלאָזן. די רוסישע פרײַע פּרעסע איז קיין פילאַדעלפיע אָנגעקומען זייער זעלטן. און לויט דעם, וואָס פלעגט יאָ אָנקומען, האָט זיך קיין גאַנץ בילד ניט אויסגעמאָלט. דער איין-און-איינציקער באַשטענדיקער קוואַל — דער „נאָווי מיר" האָט אויסגעדרוקט אין זײַנע מיטיילונגען פונעם פראָנט, ווי אויך אין די אַנטימילכאָמע-אַרטיקלען, אַ מישמאַש און פאַרלוירנקייט.

„מיט וואָס וועט זיך עס ענדיקן?" — האָט מיט פּאַניק אויסגערופן אַן אָרדנטלעך לייטאַרטיקל.

„טוט אויף אַ סעקונדע אַ קוק, וואָס עס טוט זיך אין אייראָפּע, — האָט קאַניוטשעט דער פּובליציסט. — פּאַשעט דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ פון שוידער. אַלע פעלקער האָבן זיך אײַנגעביסן איינער דעם אַנדערן אין האַלדז און ווילן פאַרניכטן איינער דעם אַנדערן. די פעלדער זײַנען אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט באַדעקט מיט מייסים, די טײַכן זײַנען באַפאַרבט מיט בלוט, וואָס עס פאַרגיסט זיך אויף זייערע ברעגן..." — און אַזוי ווײַטער. דרײַ הונדערט שורעס עקזאַלטירטע קרעכצענישן.

וואָלאָדאַרסקי פלעגט אַן אויפגעבראַכטער צונויפקנייטשן די צײַטונג, אַרײַנשטופּן אין קעשענע, קעדיי איבער אַ טאָג ווידעראַמאָל מיט האָפענונג צעעפענען אַ נײַעם נומער און נאָכאַמאָל זיך אָפּנאַרן אין זײַנע האָפענונגען.

ער האָט אָבער געוווּסט, אַז אַט די איינזאַמקייט זײַנע איז אַ קלוימערשטע. בלויז די אָפּגעווײַטערטקייט פון די באַגרענעצטע פאַרבינדונגען אין דער סאָציאַליסטישער סוויווע זײַנען די סיבעס, וואָס ער באַקומט ניט קיין שטיצע, און זי איז דאָך דאָ, זי עקזיסטירט און איז עפּשער אַפילע טעטיק. מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אויף אַ כוידעש האָט זיך אין „נאָווי מיר" דורכגעשלײַכט אַ מיטיילונג, אַז אויף דער זיצונג פון דער גאָסודאַרסטווענע דומע דעם 8 אויגוסט איז דער דעפּוטאַט כאַוסטאָוו פון אופאַ אין נאָמען פון אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטן אַרויסגעטראָטן קעגן דער מילכאָמע. נאָך דעם, ווי מע האָט פאַרעפנטלעכט די דעקלאַראַציע, האָבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן זיך אָפּגעזאָגט צו שטימען פאַר פינאַנסירן די מיליטערישע הויצאָעס און האָבן פאַרלאָזט די זיצונג. „הייסט עס, — האָט מיט צופרידנקײַט אָפּגעמערקט פאַר זיך וואָלאָדאַרסקי, — אַז די פּאַטריאָטישע איינשטימיקײַט פונעם רייכסטאַג האָט ניט אַלעמען אָנגעשטעקט — ס'וועט זײַן אַ געראַנגל, אַ געראַנגל פירט זיך שוין, מיר וויסן נאָך ניט פּאַשעט וועגן אים".

און דאָ האָט דער גוירל אים צוגעשיקט נאָך איין נײַע באַקאַנטשאַפט.

## די ווערט פון פּאַציפיסטישע טרערן

דעם 25 אויגוסט האָבן זיך אינעם ריזיקן זאַל פון דער פילאַדעלפיער אַקאַדעמיע אויף מוזיק זיך צונויפגעזאַמלט אויף אַ מיטינג די קלאָוקמייקערס. ניט אײַנגעבראָכענע דורך דער פאַראַיאַריקער מאַפּאָלע, האָבן זיי איצטער נאָכאַמאָל דערקלערט, אַז זיי זײַנען גרייט אָנהייבן אַ שטרײַק. אַ גאַנצע וואָך נאָך דעם האָט וואָלאָדאַרסקי

געיאָגט פֿון גאַנצפֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט איבער די פֿאַבריקן — אויסגעקלאָרט די שטימונגען, געהאָלפֿן אויסאַרבעטן די פֿאָדערונגען, און אין די אָוונטן איז ער אַרויסגעטראָטן אָף גאַסן-מיטינגען, וועלכע ס'האָט אָרגאַניזירט די רוסישע אָפּטיילונג פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — צווישן די שטאָטישע שנײַדער איז צו יענער צײַט שוין געווען אַ היפּשע צאָל עמיגראַנטן פֿון רוסלאַנד.

דינסטיק, דעם 8 סעפּטעמבער, צום סאָף פֿונעם אַרבעטסטאָג, האָט זיך געדאַרפֿט באַווײַזן דער „רויטער צירקוליאַר" — דער רוף פֿונעם יוניאָן צום שטרײַק. וואָלאָדאַרסקי האָט זיך באַטייליקט אין זײַן אויסאַרבעטונג, און אַצינד האָט ער צוזאַמען מיט אַלעמען געוואַרט אָפֿן סיגנאַל. אָבער אין סאַמע לעצטן מאָמענט האָט זיך אַרײַנגעמישט דער דירעקטאָר פֿון דער פֿאַליצײַ, פּאָרטער.

— איר ווילט, הייסט עס, אונטערוואַרפֿן מײַנע יונגען אַ ביסל אַרבעט, כעוורע? — האָט ער קימאַט היימיש כיכיקעט אין טרײַבל. — מע דאַרף ניט, אָף מײַן ערנוואָרט, אָן אַרבעט זיצן זיי ניט. איך ווייס, אַז אײַערע באָסן זײַנען ניט קיין פֿילאַנטראָפּן, אָבער ציילן, מיין איך, קאָנען זיי, און ניט נאָר האַכנאָסעס, — העזויק אויך... איז עפּשער וואָלטן מיר געפּרוּווט זיך צונויפֿריידן פֿרידלעך, האַ? נעמט מיך פֿאַר אײַערן פֿאַרלאַמענטיאָר. מילכאָמע — איז מילכאָמע, קינדערלעך, מיר זײַנען דאָך קליגער פֿון די אייראָפּעיער — מירן זיך ווי-ניט-איז צונויפֿריידן.

דער פּאָליצײַישער רוידעפֿשאָלעמניק האָט אויך די אונטערנעמער אײַנגערעדט אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען. אונטער זײַן פֿאָרזיצערשאַפֿט האָט דרײַ טעג געדויערט די קאָנפֿערענץ פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די באַלעבאַטים פֿון דער ניי-אינדוסטריע און דעם יוניאָן אינטערנײַשנל ליידעס גאַרמענט וואָרקעס. אונטער דער דראָונג פֿון אַ גרויסן שטרײַק האָבן די באַלעבאַטים אָנגענומען די באַדינגען פֿונעם יוניאָן. אָבער זיך ניט אונטערגעגעבן, בלויז אויסגעמיטן — ווײַזט אויס, לויט דער אייצע פֿונעם גוטן באָכער, דעם פּאָליצײַ-דירעקטאָר — אַן אָפֿענע שלאַכט, באַשליסנדיק איבערצוּוואַרגן זייערע באָסיאַקעס אײנצלווײַז, גיין אָף אַן אָפֿענעם לאָקאַוט האָבן זיי דערווײַל ניט געוואַגט.

און אָט אײנמאָל האָבן זיך ניט אומגעקערט אַהיים פֿונעם אומבײַט צוויי אַרבעטער — אַקטיוויסטן פֿונעם יוניאָן, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אַרויסגערוקט בײַס די לעצטע געשעענישן: דער שטענדיקער שווײַגער, מאָרעשכוירעדיקער ליטווינער וואָליבאַס און דער באַגײַסטערטער טרוימער אַלעקסאַנדער סטאָקליצקי (ער איז באַזונדערס פֿרײַנטלעך געווען מיט וואָלאָדאַרסקין — אָפֿט לאַנג געשמועסט מיט אים וועגן ליטעראַטור, אים געבראַכט זײַנע לידער). ניט געיאָוועט האָבן זיי זיך אויך אָפֿן אַנדערן טאָג אינדערפֿרי. די פּאָליצײַ האָט צעפּירט מיט די הענט, דער באַלעבאָס האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק — ניט זײַן, אַזוי צו זאָגן, דײַגע. וואָלאָדאַרסקי האָט אָפּגעקליבן עטלעכע זיכערע יאַטן, אויסגעפּרוּווטע פּיקעטלער, זיי אָוועקגעשיקט זוכן — אומזיסט. ער איז צוגעפֿאָרן אָף איין טאָג קיין ניי-יאָרק צו אַן אַדוואָקאַט (די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס האָבן פֿאַרטרויט זייערע איניאָנים ניט יעדן יוריסט, און ניט יעדער יוריסט האָט, אַגעוו, זיך גענומען פֿאַר אַזעלכע אײדעלע זאַכן).

אָף צוריקוועגס איז אינעם וואַגאָן פֿון דער עלעקטרישקע אַנטקעגן אים געזעסן אַ גוואַר מיט געלע האָר — וואָלאָדאַרסקי האָט גלײַך דערקענט אין אים אַן עמיגראַנט. און ווי ער זאָל געווען באַשטעטיקן וואָלאָדאַרסקיס האַשאָרע, האָט זײַן מיטפֿאָרער אַרויסגענומען פֿון דער קעשענע אַ רוסישע צײַטונג. צעעפֿנט האָט ער זי אומגעדולדיק, האַגאַם ניט אָן שטאָלץ. און ס'איז געווען מיט וואָס שטאָלצירן: וואָלאָדאַרסקי האָט גלײַך דערזען דאָס באַקאַנטע קעפּל פֿון זשענעווער „סאָציאַל-דעמאָקראַט". ניט יעדערן און ניט אָפֿט פֿלעגט זיך אײַנגעבן צו באַקומען דאָ, אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, אַ פֿרישן נומער פֿון דער צײַטונג פֿונעם אויסלענדישן צענטער פֿון די באָלשעוויקעס. נאָר לייענען זי אָט אַזוי אָפֿן אינעם וואַגאָן פֿון דעם צוג, וועלכער גייט אין דער שטאָט, וועלכע איז אָנגעגליט פֿונעם ערעוושטרײַקנדיקן פֿײַער, וואָלט מען פֿונדעסטוועגן ניט געדאַרפֿט — אַרום און אַרום האָבן געטשאַטשעוועט שפּיקעס. וואָלאָדאַרסקי האָט זיך אָנגעבויגן צום לאַנדסמאַן און אים געזאָגט וועגן דעם. ביידע האָבן זיי זיך אָנגעלאַכט דערנאָך, אָפּמערקנדיק, אַז מע אײַלט זיך צו פֿאַרגעסן די עלעמענטאַרע רוסישע געוווינהײַטן אין אָט דעם פֿרײַען לאַנד, ווו די דאָזיקע געוווינהײַטן קאָנען נאָך גוט צוניץ קומען.

וואָלאָדאַרסקי האָט זיך דערפֿרייט מיט אָט דער באַגעגעניש — ער האָט נאָך פֿריִער אַ סאַך זיך אָנגעהערט וועגן דעם סטאָליער סעמיאָן וואָסקאָוו, דעם איניציאַטאָר פֿון שאַפֿן רוסישע אָפּטיילונגען אין די אַמעריקאַנער טרעד-יוניאָנען. זיי האָבן גלײַך דערפֿילט אַ

סימפּאטיע איינער צום אנדערן, און שוין בייַם ערשטער באגעגעניש האָט זיך געמאכט א געלעגנהייַט צו פארפעסטיקן די פרייַנטשאפט אין געמיינזאמען קאמף. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אינעם צוג האָבן נאָך וואָלאָדארסקין געטשאטעוועט קוילער-יונגען פונעם באָס. אין דער אויסגעארבעטער מאניר פון פּראָפעסיאָנעלע כוליגאנעס — מיט באדייַטנדיקע פּאוזעס, שפּילנדיק מיט די קאסטעטן, האָבן זיי אָנגעהויבן אָן אָפּענעם שמועס, ארויסלייגנדיק זייער גאנץ פּאָשעטן אולטימאטום:

— בעסער מאך א שווייַג און פארשטאָפּ דאָס מויל דייַן גאנצער קאָדלע, אניט וועסטו סייַ אָט די צוויי ניט דערזען און סייַ אליין וועסטו נעלעם ווערן.

פארכאפּט מיט די אויסערלעכע עפעקטן, האָבן די גענקאָטערס פארגעסן וועגן אָנעמען מיטלען פון זעלבסטשוץ. זיי האָבן אינגאנצן ניט גענומען אין אכט, אז מיט וואָלאָדארסקין זיצט נאָך איין רוסישער, און אָן איידעס פונעם געשפּרעך איז אויך פארן געריכט אָן איידעס. וואָלאָדארסקי האָט בעקיוון פארצויגן דעם געשפּרעך, קעדיי ארויסשלעפּן פון די פרעכע קוילער-יונגען ניט בלויז עמאָציעס, נאָר אויך פאקטן, וועלכע וואָלטן אים געקאָנט צוניץ קומען. סאָפּקאָלסאָף האָבן זיי גאנץ בוילעט געגעבן צו וויסן, אז זיי האָבן א דירעקטע שייַכעס צו דער אנטרינונג פון וואָלינאסן און סטאָקליצקין און זיי ווייסן, וווּ עס געפינען זיך איצט די ארויסגעגאנוועטע שטרייַקלער. ספּעציאַליסטן פון דערלאנגען קלעפּ, זייַנען זיי ניט זייער געווען באהאוונט אין הילכעס דיפּלאָמאטיע און האָבן דאָס, אגעוו, געדארפט אף טישטשע קאָפּאָרעס. דערפאר אָבער האָבן וואָלאָדארסקי און וואָסקאָוו שוין געקאָנט צונויפשטעלן, אומקערנדיק זיך קיין פילאדעלפיע, א גאנץ גענויע און איבערצייַגעוודיקע מעלדונג אין דער פּאָליציי, וואָס מע האָט זי ניט געקאָנט אזוי לייַכט אוועקמאכן מיט דער האנט. אין עטלעכע טעג ארום האָבן די היטער פון דער אָרדענונג געפונען די אנטרונענע ארבעטער אין א האָטעל הינטער דער שטאָט — צעגעריקטע און פארמאָרדעוועטע. אינעם האָטעל-נומער איז אלץ געווען איבערגעקערט מיטן קאָפּ אראָפּ — דאָס האָט געדארפט באטייַטן, אז וואָלינאס און סטאָקליצקי האָבן דאָ קלוימערשט זיך אָנגעשיקערט און זיך געלאָזט פריילעך מאכן, פארלירנדיק דעם קאָנטראָל איבער זיך.

— א גאנץ שיינע אינסצענירונג, — האָט וואָלאָדארסקי דערקלערט אין דער פּאָליציי-פארוואלטונג. — אָט נאט אייַך צייַגענישן: ביידע לייַדן פון מאָגן-געשוויר אין אָן אָפּענער פאָרם. די איידעס וועלן באשטעטיקן — ביידע האָבן אפילע קיין טראָפּן ניט גענומען אין מויל אריַין. מיר וועלן פאָדערן, מע זאָל באשטראָפן די שולדיקע און באצאָלן קאָמפּענסאציע די געליטענע.

אָט די אלע טעג האָבן די נייַע פרייַנט געארבעט צוזאמען. וואָסקאָוו, וועלכער האָט שוין צו יענער צייַט דעראָבערט גרויסע דערפארונג אין האָבן צו טאָן מיט דער פּאָליציי און אין געראנגל מיט די סקעבן, האָט זיך געפילט מייַסע ספּעציאַליסט אין אָט די איניאָנים — געהאָלפן סייַ מיט אייצעס, סייַ מיט קאָנקרעטע מייַסים. אָבער ווי זייערע געדאנקען זייַנען ניט געווען פארנומען מיט אָט דער קאָמפּליצירטער אָפּעראציע, האָבן זייערע געשפּרעכן באנאכט זיך געדרייט ארום איין און דעם זעלבן — ארום דער שטעלונג צו דער מילכאָמע. שוין אין דעם ערשטן אָוונט, ווען וואָלאָדארסקי האָט געפירט דעם ניו-יאָרקער פרייַנט איבער דעם יאם-ברעג פון דער פילאדעלפיער ארבעטער-געטאָ, וועלכע מע האָט דאָ גערופן איראָניש און צארט מיטן פרויען-נאָמען — נעליע, איבער די ברודיקע דושנע הינטערגעסלעך, צווישן וועלכע ס'איז געשטאנען א גאנצע אָזערע מיט איפּעשדיקער וואסער (קיינער האָט די דאָזיקע אָזערע ניט אויסגעגראָבן — זי איז אליין סטיכייִש אנטשטאנען, אייַנזאפּנדיק אין זיך די אייביקע נאסקייַט, וואָס ווערט ניט אויסגעטריקנט אפילע בייַ די גרעסטע היצן), — ווען ער האָט געפירט וואָסקאָוון איבער אָט די מאָרעשכוירעדיקע, ווי דער עמיגראנטישער שטייגער, ליקלעך צו זיך אהיים, און מעכאבעד געווען מיט טיי, האָט וואָסקאָוו ארויסגענומען די צייַטונג, וואָס ער האָט נאָך געהאלטן אין צוג, פאָרנדיק פון ניו-יאָרק קיין פילאדעלפיע.

— א האלבע שטאָט בין איך אויסגעפאָרן, זוכנדיק אָט דעם נומער, — האָט ער א שמייכל געטאָן, בארימענדיק זיך פאר וואָלאָדארסקין, — און געפונען אים — איר ווייסט ווו? אין דער רוסישער געזאנדשאפט! און איצט לאָמיר א קוק טאָן, וויאזוי ניט אָן דער הילף פון די דיפּלאָמאטן פון זייַן הויכגעבורט פארסאמט מען די נעשאָמעס פון די פרידלעכע סאָציאַליסטן...

וואָלאָדארסקי האָט געוואָרפן דעם בליק אף דער צעעפנטער צייַטונג און אים אָפּגעשטעלט אפן קעפּל מיט ארשין-אויסיעס: „די מילכאָמע און די סאָציאַל-דעמאָקראטיע“.

וואָסקאָוון האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגן, וואָס וואָלאָדאַרסקי האָט זיך פאַרינטערעסירט גראָד מיט אָט דעם קעפּל:

— אָט דער מאַניפעסט פון די באָלשעוויקעס שטעלט, ענדלעך, אַוועק אַלץ אױפן אָרט. איר האָט געזאָגט, אַז נאָך אײַערע לעקציעס וועגן דער שטעלונג צו דער מילכאָמע האָט איר באַקומען אַ שעם פון אַ „לינקן" אפילו אין דער סאָציאַליסטישער סוויווע פון די עמיגראַנטן? מעגט איר זיך באַרויִקן — בײַ לענינען און בײַ די לענינצעס איז אויך אַזאַ רעפּוטאַציע, און ניט בלויז אין אײַן פאַרפעסטעטער פילאַדעלפיע, נאָר אין דער גאַנצער באַוועגונג. די מילכאָמע האָט דאָך ניט בלויז דעם אינטערנאַציאָנאַל צעשפּאָלטן, דער אײַנרײַס איז געוואָרן אַלץ טיפער און ברייטער. די אָנגעהעריקײַט צו סאָציאַליסטישע אידייען דינט שוין ניט הײַנט אַלס אַן אויסשעפּלעכע כאַראַקטעריסטיק. קעדײַ מיר זאָלן איצט אויסקלײַבן, מיט וועמען צו גיין, דאַרף מען זיך פאַנאַנדערקלײַבן אַ סאַך טיפער — אין די צווישנבאַציִונגען פון פּאַרטייען, אפילו צווישן פּאַרטיי־גרופּירונגען, ווי אויך אינווייניק אין זיי, קומט איצט פאָר עפּעס אַ יווירונג. אָט איז דער רעדאַקטאָר פון אונדזער „נאָווי מיר" אַ באָלשעוויק. איז, דאַכט זיך, גוט? וועלן מיר נאָך אַ קוק טאָן, וויִאַזוי ער וועט זיך באַציִען צום מאַניפעסט פון זײַן פּאַרטיי.

לענינס מאַניפעסט האָט זיך ווירקלעך באַוויזן אין „נאָווי מיר" ניט גיך און ניט אָן אַ ווידערשטאַנד פון דער מערהײַט רעדאַקציע־מיטאַרבעטער. דערזעענדיק אינעם נומער — שוין פאַרן 22 דעקאַבער, מער פון אַ כוידעש איז דורכגעגאַנגען — דאָס באַקאַנטע קעפּל, האָט וואָלאָדאַרסקי גלײַך זיך אָנגעשטויסן וועגן דעם, ווײַל באַנאַנד מיטן קעפּל איז געשטאַנען אַ שטערנדל, מיט וועלכן ס'איז באַצייכנט געוואָרן, אַז די רעדאַקציע גיט פון אונטן עפּעס אַ דערקלערונג. נו יאָ, אָט איז זי, די דערקלערונג:

„מיר דרוקן איבער דעם דאָזיקן אויפרוף פונעם „צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי" (וואָס עס באַטײַטן די געגנזנפּיסלעך, איז אויך געוואָרן קלאָר) פונעם נומ. 33 פון „סאָציאַל־דעמאָקראַט". דרוקנדיק אים, דאַרף מען זאָגן, אַז דער געגעבענער „צענטראַל־קאָמיטעט" (אָך, אָט די פּראָווינציעלע טעווע אויסצודריקן איראָניע דורך געגנזנפּיסלעך!) שטעלט מיט זיך ניט פאָר די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, ער שטעלט מיט זיך ניט פאָר אפילו אַלע באָלשעוויקעס (נו, געוויינלעך, אויב נאַקאָריאַקאָוו איז אַ באָלשעוויק, נאָר מיטן מאַניפעסט איז ער ניט מאַסקים, קאָן מען דען ריידן אין נאָמען פון אַלעמען?), נאָר בלויז אַ טייל פון זיי. אויסער דעם, האַלט די רעדאַקציע פאַר איר כויוו אָפּצומערקן, אַז, באַציִענדיק זיך אויך נעגאַטיוו צו דער מילכאָמע, וואָס קומט פאָר, גייט זי זיך פאַנאַנדער מיטן געגעבענעם אויפרוף אין אײניקע פּונקטן, וועלכע ער רוקט אַרויס.

ערשטנס, דוכט זיך אונדז, אַז אינעם אויפרוף ווערט געגעבן אַ צופיל אויטאָריטעטע און שאַרפע אויסטײַטשונג וועגן דעם „פּאַראַט" פון דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. צווייטנס, רוקט דער אויפרוף אַרויס דעם לאָזונג „אַ בירגערקריג קעגן דער מילכאָמע", וואָס עס איז אינגאַנצן ניט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שטעלונג. אָט דעם אַלעמען קלערט די רעדאַקציע ווידמענען עטלעכע אַרטיקלען, אָבער איצטער באַגרענעצט זי זיך בלויז מיט דער אָנווײַזונג אָף די פּונקטן, וועלכע מע דאַרף כאַוועריש באַהאַנדלען".

וואָלאָדאַרסקי האָט ניט געוווסט, וואָס פאַר אַ טומל ס'האָט אויפגעהויבן וואָסקאָוו אין שײַכעס מיט אָט דער באַמערקונג. דער ווערטערלעכער שטרײַט מיטן רעדאַקטאָר האָט גאָרנישט ניט געגעבן, אין די רעדאַקציעס איז מען שוין צוגעוווינט צו סקאַנדאַלן — אַזאַ איז זייער אַרבעט. אָבער ווען ס'האָט זיך ווידעראַמאָל צעפלאַקערט דער שטרײַט — אָף דער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון „נאָווי מיר", — האָט נאַקאָריאַקאָוו באַשלאָסן באַגרינדן זײַנע פּאָזיציעס מיט ענדגילטיקער קלאָרקײַט.

— אַ סאַך כאַווירים, וועלכע האַלטן זיך בײַ עקסטרעמע מיינונגען, פאָדערן, אַז אין דער פראַגע וועגן דער מילכאָמע און וועגן דער שטעלונג צו איר זאָל דער „נאָווי מיר" פאַרנעמען אַן אַנטשיידענע, שאַרפע פּאָזיציע. איך מיין, אַז כ'וועל דאָ אויסדריקן די אַלגעמיינע מיינונג פון דער רעדאַקציע: מיר וועלן דאָס ניט טאָן. מײַן ערשטער אַרגומענט באַשטייט אין דעם, אַז „נאָווי מיר" איז די איינציקע דאָ, אין אַמעריקע, רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויסגאַבע. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס צווינגט אונדז זי מאַכן אַלס אַ ניט פראַקציאָנעלע צײַטונג. פון טראַדיציאָנעלן שטאַנדפּונקט וועט עפּשער דאָס, וואָס די צײַטונג גיט אָפּ אירע זײַטלעך פאַר אויסדריקן פאַרשיידענע, ניט זעלטן אפילו קעמפנדיקע ריכטונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אויסזען, מעגלעך, ווי זי וואָלט ניט געהאַט

קיין מאַגיסטראַל-ליניע. אינדערעמעסן איז דאָס טאַקע אונדזער ליניע, וועלכע גייט אַרויס פֿון דער ספּעציפֿישער אָביעקטיווער סיטואַציע. אָפּגעבנדיק די צײַטונג פֿאַר די פֿאָרשטייער פֿון איין ריכטונג און פֿאַרמאַכנדיק דעם וועג פֿאַר אַן אַנדערער, וואָלטן מיר זיך באַגאַנגען ניט כאַוועריש, פּאָשעט אומיושערדיק, ווײַל מיר וואָלטן אויף זיך גענומען די פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַרן אויסוואַל, וועלכן ס'האָט נאָך אַליין דאָס לעבן ניט געמאַכט.

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, אָפּגעווישט דעם שווייס פֿונעם שטערן און, ניט אָפּרײַסנדיק דעם בליק פֿון דעם גרינעם פֿאַרשטויבטן טישטעך, פֿאָרגעזעצט:

— דער צווייטער אַרגומענט מײַנער איז ניט ווייניקער וועזנטלעך, און ער גייט אַרויס פֿונעם ערשטן. אין שײַכעס מיט דער מילכאָמע און מיקויעך דער שטעלונג צו איר האָבן מיר ניט איין מאָל אויסגעדריקט אונדזער מיינונג גאַנץ קלאָר. מיר האָבן קריטיקירט די איראָפּעיִשע כאַווײרים, וועלכע פֿאַרנעמען, לויט אונדזער מיינונג, אַ פֿעלערהאַפֿטע פּאָזיציע. אָבער קיינער האָט אונדז ניט געגעבן די רעכט, ווי אייניקע טוען דאָס שוין, אויסצושליסן וועמען-ניט-איז פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל.

אָן קיין שום האָפֿענונג אויף דערפֿאָלג האָט וואָסקאָוו (ער האָט ניט געקליבן זיך אונטערגעבן, פֿאַרשטייענדיק, אַז די איבערוואָג איז ניט לעטויוועס אים), פֿאַרלאָזנדיק זיך בלויז אויף זײַן אַזאַרט, אויסגעשריִען, אויסציִענדיק די האַנט, ווי בײַ אַ מיטינג:

— די אָפּוועזנהײַט פֿון אײַער פּאָזיציע איז טאַקע אַ פּאָזיציע. דאָס איז אַ פּשאָרעמאַכערישע פּאָזיציע — ניט פֿאַרורטיילנדיק די סאָציאַל-פּאַטריאָטן, נעמט איר אָן דערמיט זייער צאַד און שטעלט זיך קעגן דער קלאָרער ליניע פֿונעם „סאָציאַל-דעמאָקראַט", פֿון לענינען.

נאַקאָריאַקאָוו איז אַרײַן אין קאַס:

— ניט איר, וואָסקאָוו, וועט מיך לערנען באָלשעוויזם. מײַן באָלשעוויזם האָב איך דערוויזן ניט דאָ, רײַזנדיק אין סאָבווי, נאָר אין רוסלאַנד — אין אונטערערד, אין טפֿיסע, אין סיביר! און מיט לענינען, וועלכן איר פֿאַרטיידיקט פֿון מיר, בין איך מער פֿאַרבונדן, איידער מיט אײַך. מיר שרײַבן זיך שוין עטלעכע יאָר איבער און מיר פֿילן ניט קיין אומצופֿרידנקײַט איינער מיטן אַנדערן. פֿאַר אײַך איז דאָס אומבאַוווּסט ווער, און פֿאַר מיר איז דאָס אַ מענטש, וועלכער איז מיר גוט באַקאַנט און וועלכן, דערעכאַגעוו, איך שאַץ. אָבער אַ מענטש קאָן האָבן אַ טאָעס. אויך לענין, פּונקט ווי פּלעכאַנאָוו, געד, אַקסעלראָד אָדער דער פֿאַרהאַסטער מיצאַד אײַך וואַנדערוועלדע — יעדער איינער. מיר געפֿעלט אײַער אומיטלבאַרקײַט, אָבער פֿאַרהיט זי פֿאַר אַ מיטינג, וואָס וועט באַהאַנדלען, לעמאָשל, די פּראַגע וועגן אַרבעטסלוין. מע קאָן דאָך ניט מיט אַזאַ פּרימיטיווקײַט צוגיין צו דער לייזונג פֿון צווישנפּאַרטייִשע שטרײַטן פֿון די סאָציאַליסטן און צו די גורלאָלעס פֿון די פֿעלקער.

— אַהאַ, — האָט אַ בורטשע געטאָן וואָסקאָוו, וועלכער האָט לויט דער געווינשאַפֿט ניט געקאָנט דערלאָזן, אַז דאָס לעצטע וואָרט זאָל האָבן זײַן אָפּאָנענט, — ס'הייסט, אַזוי צו זאָגן, זיץ און וויים דײַן אָרט...

אפֿילע אַ בלינדער וואָלט געזען, אַז אָט דער ראַונד איז ניט זײַנער. דער גאַנצער קאָזיר איז אין דעם רעדאַקטאָרס הענט — זײַן גאַנצע רומפֿולע פֿאַרגאַנגענהײַט האָט אים נאָך צוגעגעבן אווטאָריטעט, און וואָסקאָוו האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיך ראַנגלען מיט אים איינער אַליין וועט ניט געבן קיין שום נוץ. דערווײַל, קאָלזמאַן ער איז אין דער מינדערהײַט.

ניו-יאָרק, די עמיגראַנטישע הויפּטשטאָט, האָט, אין אונטערשייד פֿון די אָפֿיציִעלע הויפּטשטעט, ניט אַזוי שטרענג קאַטעגאָריש באַשטימט דעם פּאָליטישן קלימאַט אין אַנדערע שטעט פֿון דער „מעלוכע" — פֿון דער גאַנצער רוסישער קאָלאָניע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. די אינטעליגענץ האָט זיך באַזעצט דעריקער אין ניו-יאָרק — אינזשעניערן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און פּאָליטיש אַקטיווע מאָנאַרכיסטן, אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן האָבן זיך אויסגעבויט זייערע נעסטן אויף די פּילצאָליקע צווײַגן פֿונעם נײַעם באָוול. פֿילאַדעלפֿיע אָבער, וווּהין ס'האָט זיך אַ צי געטאָן דער אומבאַהאָלפֿענער עמיגראַנט, איבערהויפּט די האָרעפּאַשניקעס, סעקטאַנטן און אוקראַיִנישע פּויערים, איז מיט אינטעליגענץ רײַך ניט געווען. בעמיילע איז דאָ אויך געווען ניט פֿויגלדיק מיט אידייִשע פֿירער, וואָס אין דער „הויפּטשטאָט" זײַנען זיי געווען אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ. ס'איז אויך ניט געווען קיין זייער גרויסע מײַלע — די פּינצטערע מאַסע איז אויף לאַנג געווען אַן אומרירעוודיקע און אַ טויבע. דער פֿאָרשטייער פֿון „נאָווי מיר", האָט, אָנקלאַפּנדיק אין אַן אַרבעטער-הײַזקע, געקאָנט דערהערן:

— Ану, жінко, потримай дитину — зараз я цьому сіцілісту зроблю... Щоб він вмер...[1]

דער ייִדישער װאַריאַנט פֿון אַן ענלעכן ענטפֿער האָט געקלונגען אויך ניט ווי מוזיק:

— טוט נאָר אַ קוק אַף אָט דעם בונטאָוושטשיק... וואָס זשע, סיביר האָט דיך ווייניק אָנגעלערנט דאָרט, באַ ניקאָלקען?..

אָבער אינעם פּעריאָד. פֿון שטורעמדיקע דיסקוסיעס וועגן דער שטעלונג צו דער מילכאָמע האָט דער מאַנגל אין אַגיטאַטאָרן זיך אַ קער געטאָן מיט אַן אומגעריכטער מײַלע. מער פֿון אַלעמען האָבן זיך צווישן דער רוסישער סאָציאַליסטישער סוויווע אויסגעטיילט וואָלאָדאַרסקי און אַגאַריאָוו, און דאָס איז געווען אַ גרויס גליק — גראָד זיי האָבן פֿאַרנומען פֿעסטע אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס. (דער פֿאָרהאַנג פֿון דער נעפּלדיקער צוקונפֿט האָט דערווײַל נאָך באַהאַלטן הינטער זיך דעם גילגל פֿונעם „סאָציאַליסטישן שרײַבער" אַ. אַגאַריאָוו אין אַ פֿאַרברענטן „אָבאָראָנעץ", דעם שטאָט-גאָלאָוואַ פֿון וולאַדיוואָסטאָק... אָבער ניט איין גילגל האָט דערנאָך געגעבן די גרויסע איבערקערעניש — דערווײַל איז אַגאַריאָוו געווען אַ באָלשעוויק.)

אַף די לעקציעס פֿון דער לאַנדסמאַנשאַפֿט און אַף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער רוסישער אָפּטיילונג פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט מען וואָלאָדאַרסקין און אַגאַריאָוון געהערט בעסער, איידער אַנדערע אָראַטאָרן. אָבער „נאָווי מיר" האָט זיך דערווײַל געטאָן זײַנס — געדרוקט אַלץ, וואָס עס האָבן געשריבן די אָנהענגער פֿון פֿאַרשיידענע מיינונגען. דער מענשעוויסטישער אידעאָלאָג פּ. ב. אַקסעלראָד האָט שיין און גענייט געדאַרשנט וועגן דעם, ווי אָביעקטיוו עס איז נייטיק צו פֿאַרטיידיקן דאָס פֿאָטערלאַנד. געד האָט קימאַט אַף אַ האַלבער זײַט פֿון דער צײַטונג זיך געשווירן אין טרײַהײַט דער אַרבעטער-באַוועגונג און מיט שוים אַף די ליפּן געפּרוּווט דערווײַזן, אַז די פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן זײַנען גערעכט, פֿאַרנעמענדיק אַ פֿאַרטיידיקונגס-פּאָזיציע. „נאָווי מיר" האָט דעם דאָזיקן מישמאַש דערקלערט אַלס „פֿרײַהײַט פֿון פּרעסע".

— איר האָט געלייענט, וואָס עס שרײַבן אָט די אָנביינערדיקע? — האָט אַן אויפֿגעבראַכטער געשריִען אַגאַריאָוו, פֿאָכענדיק מיטן נומער פֿון דער צײַטונג, וווּ ס'איז געווען אָפּגעדרוקט דאָס לייטאַרטיקל „דאָגמע און וואָר".

— ניט גוט זיך אָפּרופֿן אַזוי וועגן כאַוויירים פֿונעם צענטער, — האָט אַ שמייכל געטאָן וואָלאָדאַרסקי.

פֿון אַ געוויסער צײַט אָן האָט אַגאַריאָוו גענומען פֿירן אין „נאָווי מיר" דעם ספּעציעלן „פֿילאַדעלפֿיִער אָפּטייל" און, באַשטעלנדיק באַ וואָלאָדאַרסקין פֿון צײַט צו צײַט קורצע קאָרעספּאָנדענציעס, אים לאַנג דערקלערט, וויִאַזוי מע דאַרף שרײַבן, קעדיי די כאַוויירים פֿונעם צענטער זאָל עס זײַן געפֿעלן. דער „סאָציאַליסטישער שרײַבער" האָט ביכלאַל ליב געהאַט צו אַרבעטן מיט די יונגע — זיי לערנען, אייצענען, פּראַווען.

— אומזיסט איראָניזירט איר, — האָט זיך אַפּילע קימאַט אָנגעברויגעזט אַגאַריאָוו, — כ'האָב דאָך אײַך געלערנט ניט שפּילן לויט פֿרעמדע נאָטן, נאָר אויסשפּילן די פֿאָדערונגען פֿון דער רעדאַקציע. דאָס איז קלאָר, ווי דער טאָג! און נאַקאָריאַקאָוו איז דאָך אַ דערפֿאַרענער רעדאַקטאָר, וויִאַזוי זשע קאָן מען פֿאַרוואַנדלען די צײַטונג אין אַן אָקראָשקע!

ער האָט אַן אויפֿגעבראַכטער גענומען שפּאַנען איבערן צימער, אַלעמאָל זיך אָנגעשטויסן אַף אַ בענקל, אַפֿן טיש, באַ וועלכן ס'איז געזעסן זײַן ייִנגערער כאַווער און געלייענט די צײַטונג, ער האָט שוין ניט געשמייכלט. וואָלאָדאַרסקי האָט פֿאַרזיכטיק אָפּגערוקט די צײַטונג און, ניט קוקנדיק אַף אַגאַריאָוון, געזאָגט:

— איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס איר כידעשט זיך.

אַגאַריאָוו האָט זיך שאַרף אויסגעקערעוועט צו אים, אַ קוק געטאָן אַף וואָלאָדאַרסקין אין פֿאַרלעגנהײַט, שוין געוואָלט זיך נעמען אים מוסער זאָגן, נאָר פּלוצעם זיך אָפּגעהאַקט, ווײַל יענער האָט קאַלטבלוטיק פֿאָרגעזעצט:

— נאָך דעם, ווי דעם לייענער איז אויסגעקומען פֿאַר אָט דעם האַלב יאָר איבערצוקאָכן, דאַרף שוין גאָרנישט ניט אַרויסרופֿן קיין כידעש. אַף איר פּלאַטפֿאָרם, וואָס איז אינגאַנצן צעווייקט דורך די פּאַציפֿיסטישע טרערן, גליטשט זיך „נאָווי מיר" אומבאַהאָלפֿן אין דער בלאָטע פֿון אָבאָראָנטשעסטווע. דאָס איז קלאָר, און וואָס ווײַטער, ווערט אַלץ קלאָרער.

[1] — אנו, ווײַבל, נעם דאָס קינד — באַלד וועל איך דעם דאָזיקן סיציליסט באַווײַזן... אַ מאַגייפֿע אַף אים! (אוקר.).

די צײַט פון אויסוואַל, פון זוכן אַ לײַזונג איז שוין פונלאַנג פאַריבער. איר ווייסט, אַז פון זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, בין איך אַרויסגעטראָטן פאַר דער פאַרייניקונג פון אַלע סאָציאַליסטן קעגן איר און פאַר אויסנוצן די אימפּעריאַליסטישע ווידערשפּרוכן אין אונדזערע צילן. דעמלט האָב איך אויסגעדריקט מײַן פּערזענלעכע מיינונג, און אויב עמעצער האָט געהאַט אַן אַנדערע, האָט ער געהאַט רעכט זי צו פּראָפּאַגאַנדירן אַזוי, ווי איך האָב עס געטאָן. איצטער אָבער איז די סיטואַציע גאָר אַן אַנדערע. אַלע גרופּירונגען פון דער רסדאַפּ האָבן אויסגעקלאָרט זייערע פּאָזיציעס. איך האַלט, אַז די פּאָזיציע פון „סאָציאַל-דעמאָקראַט" איז די סאַמע קלאָרע, די סאַמע ניכטערע, אַ קאָנסעקווענטע און אָן קיין שום פּשאָרעמאַכערישע שטיק. איך בין מיט איר לאַכלוטן מאַסקים. גוט, זאָל עס זײַן מײַן פּערזענלעכע זאַך, אָבער קיינער פון די גרופּירונגען, וועלכע שטרײַטן, האָט ניט געקאָנט אַרויסרוקן קיין אַלטערנאַטיוו, וואָס זאָל ניט פאַראַטן די הויפּט-צילן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. „נאָווי מיר" איז ניט מאַסקים מיט דער שטעלונג פונעם „סאָציאַל-דעמאָקראַט"? גוט, אָבער זי וואַגט ניט אָפן צו אָנערקענען אויך אַ וועלכע-ניט-איז אַנדערע שטעלונג...

— און איר וואָלט געוואָלט?

— צי וויל איך יאָ, צי וויל איך ניט, אָבער דאָס קומט שוין פאָר. די סאָציאַל-פּאַטריאָטן האָבן אין דער צײַטונג מער ברייטע מעגלעכקײַטן צוליב פּראָפּאַגאַנדירן זייערע מיינונגען, ניט געקוקט אַף די באַמערקונגען פון דער רעדאַקציע, אַז אין דער געגעבענער פּובליקאַציע ווערט אַרויסגעזאָגט דער שטאַנדפּונקט פונעם געגעבענעם סאָציאַליסטישן טוער — בלויז זײַן פּערזענלעכער. פאַר עמעצע סאָציאַליסטן איז אַזאַ מעגלעכקײַט ניט געגעבן געוואָרן. די שעדלעכקײַט פון אַזאַ סיטואַציע איז גאַנץ קלאָר, ווײַל די ראָליע פון דער פּרעסע אינעם אַרסענאַל פון די אַגיטאַציאָנס-מיטלען איז אַן אַנטשיידענע. אַ צײַטונג איז ניט קיין מיטינג. איך, לעמאָשל, בין גרייט צו צעשמעטערן אַקסעלראָדס, לאָמיר זאָגן, האַשאָרעס אין אַ באַליביקער עפנטלעכער דיסקוסיע מיט אים.

„אַהאָ, אַ דרייסטער באָכער!" — האָט קוים באַמערקבאַר אַ שמייכל געטאָן אַגאַריאָוו. וואָלאָדאַרסקי האָט עס אָבער באַמערקט. און האָט נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט:

— יאָ, איך בין גרייט און בין אַפילע איבערצײַגט אין אַ דערפאָלג. נאָר דאָס וועט ווירקן ווייניקער, איידער דער אינטערוויו מיט אים אין „נאָווי מיר". אָט דער אַלץ פאַרדײַענדיקער מאָגן מאַכט צונישט אונדזער גאַנצע אַרבעט דאָ. מיר מיט אײַך טרעטן זייער אָפט אַרויס, אָבער „נאָווי מיר" גייט אַרויס אַלע טאָג, אַף אונדזערע אַרויסטרעטונגען קומט אַ היפּשער אוילעם, נאָר „נאָווי מיר" פאַרמאָגט אַ סאַך מער לייענער. לאָמיר מיט אָפענע אויגן קוקן אַף די דאָזיקע פאַקטן: קעדיי די אַגיטאַציע פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן זאָל זײַן אַ דערפאָלגרײַכע, מוזן מיר האָבן אַ צײַטונג, וועלכע וואָלט געשטאַנען אַף אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס. און אַף וויפל די צײַטונג איז בא אונדז אַן איין-און-איינציקע, דאַרף מען זי, אָט די איין-און-איינציקע, אַריבערפירן אַף אונדזער פּלאַטפאָרם. אַנדערש וועלן מיר זיך ניט רירן פון אָרט אַף קיין שפּאַן.

— וויאַזוי זאָל איך אָפנעמען אָט די רייד — ווי וואָלאָדאַרסקיס מאַניפעסט?

— איך האָב אַן אַנדער פאָרשלאָג: נעמט זיי אויף ווי אַ רוף צו אַקטיווע טאַטן. איך וועל טאָן אונדזער זאַך דאָ, אין פילאַדעלפיע, און איר — אין דער רעדאַקציע פון „נאָווי מיר". וואָסקאָוו האָט עפּעס גערעדט וועגן פאַרברייטערן דעם באַשטאַנד פון דער רעדאַקציע. אײַער ליטעראַרישער נאָמען איז באַוווּסט, איר פאַרמאָגט אַ נישקאָשעדיקן אויטאָריטעט אין די זשורנאַליסטישע קרײַזן — וועט אײַער וואָרט דאָרט האָבן אַ וואָג. ווי מיינט איר?

— איר רעדט מיט אַזויפיל שוואָכים, יונגערמאַן! אָבער אַלנפאַלס דאַרף מען אַ פּרווו טאָן. אַלס אָנהייב וועל איך אָנשרײַבן אַן אַרטיקל קעגן אָט דעם לייטאַרטיקל. אויב אונדזער ניט פּראַקציאָנעלע צײַטונג איז אַף אַזויפיל דעמאָקראַטיש, אַז זי דרוקט בוכשטעבלעך אַלע מיינונגען, דאַרף זי אָפּדרוקן אויך מײַנע, וואָס לייקנט אָפּ די פּאָזיציע פון דער רעדאַקציע...

דאָס אַרטיקל האָט מען אָפּגעדרוקט. אַגאַריאָוו איז אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער רעדאַקציע „נאָווי מיר" און האָט אַף זיך גענומען פאָרשטעלן די אינטערעסן פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן.

די ריכטונג אָבער פון דער צײַטונג האָט זיך ניט געענדערט.

# „פון אונדזער פילאַדעלפיער קאָרעספּאָנדענט"

גאַנצענע נעכט האָט דער צושניידער וואָלאַדאַרסקי געזעסן איבערן פּאַפּיר. מע האָט אים באַופטראָגט צו פירן אין „נאָווי מיר" דעם „פילאַדעלפיער אָפּטייל".

אָנגעהויבן האָט ער, ווי אַלע אָנפאַנגער. די קורצינקע פּאָשעטע קאָרעספּאָנדענציעס זײַנען אים אָבער גיך דערעסן געוואָרן. אַ געוויינלעכע זאַך, יונגע ליטעראַטאָרן, וועלכע מע האַלט לאַנג אין די רעדאַקציאָנעלע קאָרידאָרן, ווי נאָר עס עפענען זיך פאַר זיי די פּאַראַדנע טירן פון דער צײַטונג, שרײַבן זייערע ערשטע אַרטיקלען, ווי דאָס וואָלטן געווען זייערע לעצטע: זיי סטאַרען זיך אַרויסזאָגן אין זיי אַלץ, וועגן וואָס זיי האָבן אַזוי לאַנג געשוויגן. איצטער אײַלן זיי זיך וואָס גיכער זיך טיילן מיטן לייענער וועגן דעם אַלעמען, און אין גרויס אײַלעניש טוען זיי דאָס ניט זייער געשיקט. פּונקט אַזוי שווער אָן די פרילינגזאַפטן די קנאָספּן און, איבערגעלאָדענע מיט פאַרבאָרגענער קראַפט, פּלאַצן זיי אַנטקעגן דער זון, אָבער — פאַרן טערמין, אומצײַטיק. ניט קענענדיק צעלאָזן די גרינע בלעטער, פאַרבלײַבן זיי נאָך אַלץ קנאָספּן, אָבער קלעפּיקע, פּלאַטערנדיקע, און גרינס גיבן זיי ניט צו.

אָן אויסגעשפּראָכענער אַגיטאַטאָר, אָבער דערווײַל נאָך ניט קיין דערפאַרענער זשורנאַליסט, האָט ער זיך צערעדט זייער שיין, נאָר לויטן געשריבענעם אָדער, ריכטיקער געזאָגט, לויטן געלייענטן — די רוסישע ליטעראַטור פון אָנהייב יאָרהונדערט האָט אים אָנגעשטעקט מיטן שלעכטן בײַשפּיל פון מעליצעדיקן נעפּלדיקן סטיל.

„...עפּעס אַ ריזיקס, אַ גרויס איז באַ מיר אָנגעוואַקסן אין דער נעשאָמע, — האָט ער געשריבן אין זײַן ערשטן פעליעטאָן, — ווײַט, ווײַט זײַנען אָפּגעטראָטן די ספּייקעס: אַ ווילדע פרייד האָט ווידער אָנגעפילט די נעשאָמע. פון די אויגן אָבער האָבן זיך געגאָסן טרערן: טרערן פון ביזאָיען פאַר מײַן ניט גלייבן. און אין די אויערן האָבן, ווי וווּנדערלעכע מוזיק, געקלונגען ווערטער: „דער קליינינקער מיקראָב-אַגיטאַטאָר טוט זײַן זאַך".

אין לעבן האָט ער ניט געזוכט קיין פּאָשעטע וועגן — האָט זיך אים געוואָלט אויך אין דער ליטעראַטור ניט גיין מיט קיין פּראָסטן וועג. באַגרײַפנדיק, אַז ער באַהערשט אַ נײַע זאַך, איז ער געווען אומבעראַכמאָנעסדיק צו זיך און האָט אָפּגעוואָרפן די אַלטע דערפאַרונג. וואָס צו זאָגן האָט ער שטענדיק געוווּסט, און דערפאַר האָט ער געטראַכט בלויז איבער דעם, וויאַזוי דאָס צו זאָגן. ער האָט געזוכט בילדערישקײַט און ניט געוויינלעכע ווערטער — דאָס האָט זיך אים געדוכט אַלס דאָס וויכטיקסטע. דער גאָלדזוכער האָט איבערגעזיפּט אַ מאַסע זאַמד.

איינמאָל, זײַענדיק אין ניו-יאָרק, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין דער רעדאַקציע און האָט אָנגעטראָפן אַף נאַקאָריאַקאָוון. דער רעדאַקטאָר האָט אים אַרײַנגעפירט צו זיך אין קאַבינעט, אים געבעטן דערציילן, וואָס עס הערט זיך אין פילאַדעלפיע, אָבער געהערט צעשטרייט. ניקאָלײַ ניקאַנדראָוויטש האָט זיך פאַר דער לעצטער צײַט שטאַרק געעלטערט. וואָלאַדאַרסקי האָט זיך באַמיט אָפּצופירן דעם בליק פון דעם רעדאַקטאָרס אָפּגעבליאַקעוועטן העמד, פונעם צעקנייטשטן שניפּס. נאַקאָריאַקאָוו פלעג באַקומען געהאַלט באַגלײַך מיט אַלע מיטאַרבעטער, אַזויפיל, וויפל אַ געוויינלעכער זעצער, אָבער אויסזען האָט ער געדאַרפט, ווי דאָס פּאַסט פאַר אַ רעדאַקטאָר, ווי אַ דזשענטלמען. ס'האָט זיך געפילט עפּעס אַן אײַנגעבראָכנקײַט. די אינערלעך רעדאַקציאָנעלע שטרײַטן האָבן אים פאַרמוטשעט. ער איז שוין ניט געווען, ווי פריער, אַן איבערצײַגטער אין זײַנע געדאַנקען און טאַטן.

וואָלאַדאַרסקי האָט געוווּסט נאַקאָריאַקאָווס ביאָגראַפיע. ניקאָלײַ ניקאַנדראָוויטש האָט אַרויסגערופן גרויס אָפּשײַ צו זיך און ס'איז געווען פאַר וואָס. קעגן דעם ווילן פון די עלטערן איז ער פרי אַוועק אין אַ וועלט, וואָס פאַר זיי, גאָטספּאָרכטיקע מעשטשאַנעס, האָט זי אויסגעזען גאָר ניט אָנשטענדיק. ער איז געוואָרן אַ שילער באַ אַ באָגאָמאַז, דערנאָך אַ מאַטראָס אין אָדעס, פאַרשפּרייט אַפּן אָדעסער פּריוואָז אומלעגאַלע ליטעראַטור, מע האָט אים, פאַרשטייט זיך, געכאַפּט, פאַרשיקט אַף קאַטאָרגע, פונוואַנען ער האָט געמאַכט די פליטע, געקומען אַף אוראַל, אָנגעפירט מיט שלאַכט-דרוזשינעס, אָרגאַניזירט עקספּראָפּריאַציעס און עקסצעסן אַף פּאָליצײַ-באַצירקן, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע אַפּן פערטן צוזאַמענפאָר פון רסדאפּ... האקלאל, ער איז געווען געניג אויסגעפּרוּווט אין דער זאַך, וועלכער ער האָט געווידמעט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס. און לעסאָף ווידעראַמאָל אויסגעהאַלטן דעם אויספּרוּוו שוין אין אַ נײַער קוואַליטעט, ווען ער איז, אַנטלויפנדיק פון סיביר, מעגולגל געוואָרן אין אַמעריקע און האָט פאַרביטן אַף אָט דעם פּאָסטן פון רעדאַקטאָר פון „נאָווי מיר" דעם פאַרדינסטפולן לייב — דייטשן.

איצטער אָבער וואַקלט זיך דער באָדן אונטער זײַנע פֿיס. ער איז אַלט דרײַסיק, און אין די אויגן פֿון די יאַטן איז ער שוין ניט קיין קעמפֿער, נאָר אַן אַלטער רעטראָגראַד, וועלכער איז ניט בעקויעך צו בײַטן די טאַקטיק און זיך צופּאַסן צו די נײַע באַדינגונגען. זאָל זײַן אַזוי, ווײַל בלויז דער, וואָס האָט פֿאַרזוכט דעם ביטערן טעם פֿון זײַן אַ רעדאַקטאָר, קאָן פֿאַרשטיין, ווי שווער עס איז די פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט צו זײַן אַ רעדאַקטאָר, ביפֿראַט נאָך פֿון אַזאַ צײַטונג, וווּ דער געוויינלעכער פּאַר אַ רעדאַקטאָר דרוק פֿון אויבן און פֿון אונטן איז פֿאַרצענפֿאַכט, קאָמפּליצירט, שטיקט. זאָל זײַן אַזוי, אָבער ער איז שוין געוווינט צו שלעפּן דעם וואָגן ערלעך, ביזן סאָף. די פּאָליטישע מיינונגס-פֿאַרשידנהײַטן צווישן די גרופּירונגען קאָן ער ניט אײַנהאַלטן. אויב זיי וואַרפֿן אָפּ זײַן פּאָליטישע דערפֿאַרונג, קאָנען זיי אָבער זײַן פּראָפֿעסיאָנעלע דערפֿאַרונג ניט אָפּלייקענען. וועט זי כאָטש ברענגען אַ נוץ אין דעם. ס'וועט קומען אַ צײַט — וועט מען אים פֿאַרשטיין...

וואָלאָדאַרסקי האָט געזען, אַז נאָקאָריאַקאָווס פֿראַגע וועגן דעם, וואָס עס הערט זיך אין פֿילאַדעלפֿיע, איז בלויז אַ טערעץ פֿאַר אַ געשפּרעך. האָבנדיק גענומען מיט היסלײַוועס דערציילן וועגן די פּעריפּעטיעס פֿון דעם לעצטן שטרײַק פֿון די שנײַדער, האָט ער גלײַך אָפּגעקילט זײַן היץ. ווי מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, האָט דער רעדאַקטאָר אויף דעם ניט געלייגט קיין אַכט, פֿאַרקערט, נאָקאָריאַקאָוו האָט ביסלעכווײַז גענומען אַריבערפֿירן דעם געשפּרעך אויף וואָלאָדאַרסקין זעלבסט, אויסגעפֿרעגט, וויאַזוי האָט ער געלעבט אין רוסלאַנד, וווּ האָט ער זיך געלערנט, און ענדלעך אַריבערגעגאַנגען צום סאַמע איקער:

— איך זע, אַז איר האָט דערפֿילט דעם טאַם פֿון זשורנאַליסטיק, — האָט ער ווי זיך פֿאַרענטפֿערט, וואָס ער קריכט אַרײַן אין דער נעשאָמע פֿון דעם, אין טאָך גענומען, אומבאַקאַנטן מענטשן, — און מעגלעך, אַז מיט דעם איז פֿאַרבונדן אײַער צוקונפֿט. אָבער, ווי יעדער זאַך, איז ליטעראַטור אַן איניען, וואָס מע דאַרף אים זיך לערנען. גימנאַזיסטישער עקסטערנאַט איז דאָ, פֿאַרשטייט זיך, שפּאָט ווייניק. קלוגע ביכער קאָנען אויך ניט געבן, וואָס איר דאַרפֿט. דאָס צײַטונגס-וועזן באַהערשט מען אויף דער פּראַקטיק.

— נאָר אין קאָלעדזש לערן איך זיך דאָך ניט, — האָט אַ שמייכל געטאָן וואָלאָדאַרסקי, שוין גוט פֿאַרשטייענדיק, וועגן וואָס עס גייט אַ רייד.

— טאַקע אַזוי, — האָט זיך מילד אָפּגערופֿן נאָקאָריאַקאָוו, — אָבער פֿאַר דער פּראַקטיק דאַרף מען אויסקלײַבן ווירדיקע פּראַקטישע בײַשפּילן. אַ צײַטונג איז, ווי איר ווייסט, ניט קיין נאָווי, זי איז אַ מיטשפּרעכער, אין לעצטן פֿאַל — אַן אָראַטאָר. מע דאַרף, אַזויאַרום, ניט פֿרײַדיקן פֿאַרן לייענער, מע דאַרף מיט אים שמועסן. לאָמיר איבערלאָזן פֿאַר די שרײַבער די אומענדלעכע פֿאַררופֿונגען אויף געפֿילן, אָט די אַלע קרעכצן און טרערן — אַ זשורנאַליסט איבערצײַגט מיטן געדאַנק. מע האָט מיר דערציילט, ווי פֿלינק און קונציק איר צערעכנט זיך אויף דיספּוטן מיט די קעגנער, דערונטער אויך מיט די „נאָוואָמירצעס“, — ער האָט זיך פֿאַרבאַהאַלטן מיט די דלאָניעס, ווי וואָלאָדאַרסקי וואָלט זיך געוואָלט פֿאַר אים אַנטשולדיקן. — דאָס זעלבע דאַרף מען טאָן אויף פּאַפּיר, שעמט זיך ניט פֿאַר דעם, פֿאַרהייליקט עס ניט. אין אײַערע פֿעליעטאָנען זע איך אײַער ראָמאַנטישע נאַטור, אַנטשולדיקט מיך, די באַגײַסטערונג פֿון געפֿילן, אָבער עס פֿעלט אין זיי די קראַפֿט פֿון קאַלטן געדאַנק.

— אַ פּובליציסט אַפּעלירט דען ניט צום געפֿיל?

— צום געפֿיל, צום געפֿיל, — האָט לײַכט זיך אונטערגעגעבן נאָקאָריאַקאָוו, — אונדזער אויפֿגאַבע איז, ווי עס זאָגן די אָרטיקע טעאָרעטיקער, פֿאָרמירן די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג. דאָס איז, ווײַזט אויס, אַ געביט אַן עמאָציאָנעלער, אָבער וויאַזוי אים אָנרירן? ניט אומבאַדינגט מיט באַשרײַבונגען פֿון די אייגענע געפֿילן, גיכער פֿון אַלץ — מיט איבערגעבן די אייגענע געדאַנקען. און דאָ איז נייטיק אַן אײַזערנע לאָגיק, נאָך מער — אַמעריקאַנער ראַציאָנאַליזם. יאָ, יאָ, אין אָט דעם לאַנד איז די פּרעסע אַן אויסערגעוויינלעך מעכטיקע מעלוכע, מע קאָן זיך בײַ איר לערנען. טוט אַ קוק: אָנהייבנדיק פֿון די קאָלומס און פֿאַרענדיקנדיק מיט די מודיאָעס, — די סאַמע פּראָסטע, דײַטלעך קלאָרע לאָגישע סכעמעס. און דאָס איבערצײַגט. די יאַנקיס ווייסן, וואָס זיי טוען, און מע דאַרף נעמען אין אַכט זייער דערפֿאַרונג. אָבער וואָס רעד איך — איר אַליין טוט עס דען ניט, אַרויסטרעטנדיק אויף די מיטינגען?

מוסער-רייד זײַנען ניט קיין גלעט איבערן קעפּל. מיט די פּאָטערלעכע אײַצעס פֿון נאָקאָריאַקאָוון איז וואָלאָדאַרסקי ניט גלײַך מאַסקים געווען. אָבער ער האָט ניט דערווידערט, און פֿאַרוואָס, האָט ער פֿאַרשטאַנען ערשט שפּעטער. ס'איז געגאַנגען ניט אין דעם, וואָס נאָקאָריאַקאָוו האָט אָנגערירט זײַן, וואָלאָדאַרסקיס, זעלבסטווירדע. נאָקאָריאַקאָווס מיינונג וועגן דעם באַרוף פֿון זשורנאַליסטישער מי איז זיך צונויפֿגעפֿאַלן מיט זײַן, וואָלאָדאַרסקיס,

מיינונג. ס'איז ווי א פאַרזעצונג פון דער אגיטאַטאָרישער זאַך, און טאַקע אַזוי. דער רע־דאַקטאָר פון „נאָווי מיר" (א נאַפּקעמינע, וואָס די מילכאָמע האָט זיי צעטיילט אַף פאַרשיי־דענע לאַגערן, די שול איז בא זיי איינע) איז א דערפאַרענער זשורנאַליסט, ער האָט פּאַשעט פריִער פון אַלעמען באמערקט אין די מאַטעריאַלן פונעם נייעם קאָרעספּאָנדענט, אַז דער טאָך אַנטשפּרעכט ניט דער פאָרם. דער טאָך איז געווען דער זעלבער — אגיטאַציע, אָבער די פאָרם א פרעמדע — ליטעראַטורשטשינע. ריכטיק! אויב דו שרײַבסט צוליב דעם זעלבן, וועגן וואָס דו רעדסט, שרײַב זשע אַזוי, ווי דו רעדסט.

און ער האָט גענומען פעסטער פירן די פען איבערן פּאַפּיר, ער איז עלטער געוואָרן — שוין דאָס וויפלסטע מאָל אין זײַן לעבן. זײַנע קורצע פעליעטאָנען זײַנען געגאַנגען אָן א פּראַווקע, גענומען פאַרנעמען א מער באַדײַטנדיק אָרט אין „נאָווי מיר". אין אים האָט זיך אופגעכאַפּט א רעפּאָרטיאָר, וועלכער האָט שוין פונלאַנג אין אים געדרעמלט, אָן עמעסער פּראָפעסיאָנאַל, וועלכער קאָן אַף איין פאַקט אויסבויען סײַ א סוזשעט, סײַ אַן אינטריגע, סײַ א טעאָריע. אגיטאַציע לעבט מיטן הײַנטיקן טאָג, און דאָס איז איר שפּײַז — דער הײַנ־טיקער טאָג. ווער עס קען, וועט פון אים אַרויסכאַפּן א טערעץ צוליב דערווײַזן דעם עמעס, וואָס ער דאַרף האָבן, און דעמלט וועט מען זיך צו אים צוהערן, מע וועט אים פאַרשטיין, מע וועט גיין נאָך אים.

אין מאַרט און אין אַפּרעל האָבן וואָלאָדאַרסקיס פעליעטאָנען און קאָרעספּאָנדענציעס זיך באַוויזן אין „נאָווי מיר" זייער אָפט, ניט זעלטן אַפילע צו צוויי פּובליקאַציעס אין איין נומער. אַזאַ איז ער געווען, יענער פרילינג.

דער יונגער זשורנאַליסט וואָלט עפּשער אויך ווײַטער פאַרגעזעצט איבערצוזיפּן דורך דער זיפּ פון סאָציִאַליסטישע אידייען די שטאָטישע נײַס, אָבער די הויפּט־טעמע האָט אים אָפּגעגרענעצט פון דער טאָגטעגלעכקײַט, וועלכע איז פאַר אים שוין געוואָרן ווי א געוויינ־שאַפט.

די מילכאָמע איז, ווי פריִער, ניט אַראָפּגעגאַנגען פון די ערשטע צײַטונגס־זײַטן. אָבער צו איר איז מען שוין ניט אַזוי ווי צוגעוווינט געוואָרן, ווי צו איר זיך צוגעפּאַסט. די נער־וועזע שפּיל פון דער קעפּל־שריפט האָט שוין ניט געמאַכט יענעם אײַנדרוק, ווי נאָך מיט א האַלב יאָר צוריק, ווען זי האָט אַרויסגערופן היציקע דיסקוסיעס. א גאָלדענער רעגן האָט גענומען קאַפּען אַף דער גאָטגעבענטשטער אמעריקאַנער ערד. פון די פאַרגאָסענע מיט בלוט אייראָפּעיִשע פעלדער האָט זיך אַף די אָקעאַנישע כוואַליעס א טראָג געטאָן צו די פאַראייניקטע שטאַטן אַן אומגעהערטער רעוועך פון מיליטערישע באַשטעלונגען. אָט די גליק־לעכע פאַרוואַנדלונג פון א פרעמדן אומגליק אין זײַן גליק האָט אָפּגעווענדט דעם בליק פון דעם אונטערנעמערישן אמעריקאַנער פון דער שרעקלעכער מעגעטשן־בויניע. נאָך מער, ער־געץ אין די טיפענישן פון זײַן נעשאָמע האָט געצאַפּלט א באַגער, אַז זי זאָל דויערן וואָס מער. ווי דאָס רוסישע שפּריכוואָרט זאָגט: וואָס ווײַטער אין וואַלד — אַלץ מער האָלץ, און דאָס איז באַזונדערס אָנגענעם, ווען אין וואַלד גייט אַוועק אַן אַנדערער און דאָס האָלץ ווערט דײַנס. ס'איז ניט הומאַניש? אָבער דער רעווער? עמעס, ער ווערט ניט צעטיילט צווישן אַלע פאַרשטייער פון דער נאַציע. אַזאַ איז דאָס לעבן. אָבער וואָס פאַראייניקט מער די נאַציע, איידער פאַטריאָטיזם? און וואָס הייבט מער אויף דעם פּאַטריאָטיזם, איידער דער האַס צום סוינע? דער גליקלעכער צופאַל, ווי עס דאַרף זײַן אין אַזאַ סיטואַציע, איז געקו־מען אין דער געשטאַלט פון א טראַגעדיע.

דער וווּנדער פון הײַנטצײַטיקן פּלאָט און סערוויס, די טראַנסאַטלאַנטישע שיף „לוזי־טאַניע", איז דעם 7 מײַ 1915 צעשפּאָלטן געוואָרן בא די ברעגן פון אירלאַנד דורך א טאָר־פּעדע פון א דײַטשישער סובמאַרינע. דער זידנדיקער וויכער האָט אײַנגעשלונגען די רעשט־לעך פון מאַטשטעס, פּאַלובעס, טריומען, דאַנסינגען און באַרן פון דעם לײַנער, וועלכער איז געווען דער בעסטער אין דער וועלט. 1198 פּאַסאַזשירן, און צווישן זיי 128 פון דער נייטראַלער אמעריקע, האָבן געפונען זייער קייווער אין אָט דעם קאָשמאַר. דער קאָמאַנדיר פון דער דײַטשישער אונטערוואַסערשיף האָט געקוקט אַף אָט דעם קאָשמאַר דורכן קאַלטן אויג פונעם פּעריסקאָפּ, נאָך אַפילע ניט באַגרײַפנדיק, וואָס אַזוינס האָט ער אָפּגעטאָן, — די מאַסשטאַבן פון זײַן אופטו זײַנען ווירקלעך געווען קאָפּשווינדלדיקע, און ער האָט אוואַדע געדאַרפט זיך גרויסן: מיט איין קלאַפּ אַזויפיל סאָנים אָוועקגעלייגט! אינדערעמעסן האָט ער זיך איבערנעמען ניט געדאַרפט — מע האָט ניט געדאַרפט זײַן קיין גרויסער כאָכעם, קעדיי ניט צו טרעפן אין אַזאַ ריזיקן לויטן פאַרנעם ציל. און ער וואָלט אוואַדע ניט שטאָל־צירט, ווען ער וואָלט דעמלט געוווסט, אַז מיט זײַן דערפאָלגרײַכן נאַרישן שאַס האָט ער

פּאַשעט געגעבן די ערשטע רעפּליק אינעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן ספּעקטאַקל, אַף וועלכן מע האָט שוין פֿונלאַנג געוואַרט.

קאַלזמאַן די געזעלשאַפֿט איז ניט געקומען צו־זיך פֿון דעם פּיראַטישן אַקט פֿון די דײַטשן, האָבן די פּאָליטיקער, זשורנאַליסטן, מיליטערלײַט זיך אַ וואָרף געטאָן אויסצוקוק־רעווען די אופגעבראַכטקײַט אין דער נײַטיקער ריכטונג, קעדיי דיער גראַבער פּערמער, דער פּאַטריאָטישער קלערק, דער היציקער יונג און די צאַרטע מוטער, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, וואָס עס האָט געטראָפֿן, זאָלן בריענען מיט צאָרן ניט קעגן דעם אַבסטראַקטן אומ־גליק — דער מילכאָמע, נאָר קאָנקרעט — קעגן דעם דײַטשישן מיליטאַריזם. דער אַגרע־סאָר, — טוט אַ קוק, לעדי ענד דזשענטלמען, — איז פֿאַרבליבן אַן אַגרעסאָר. מיר זײַנען פֿרידלעכע מענטשן, אָבער מע לאָזט אונדז ניט לעבן רויִק. איר טרינקט קאָקטייל, זיצנדיק זיך אינעם שעזלאָנג, איר טאַנצט טו־סטעפּ, איר שפּילט אין ברידזש און קוקט זיך מיטן שיינעם זון־פֿאַרגאַנג, און ער וואַרט אין דער זעלבער צײַט אַף אַ באַקוועמען מאָמענט, קעדיי אַ וואָרף טאָן אַ טאָרפּעדע אײַך אונטערן בויך. באַרויִקט זיך ניט, בירגער, דערמיט, וואָס די מילכאָמע איז פֿון אײַך ווײַט — דער אַגרעסאָר ווייסט ניט פֿון קיין שום מעהאַלעכן, גאָרנישט איז פֿאַר אים הייליק. ער פֿאַרײַסט זיך אַלײן, און מע קאָן ניט זײַן רויִק, ביז מירן אים ניט צעקוועטשן.

דער מילכאָמע־געשפּענסט האָט גענומען פֿלאַטערן אַף דעם שטערנדיק־געשטרייפֿטן פֿלאַג. די נײַ־געבוירענע אַפּן געלט פֿון די פֿינאַנסיסטן ליגע פֿון נאַציאָנאַלער זיכערהײַט האָט דערקלערט אַ מאַרש פֿאַר צוגרייטן זיך. מע דאַרף זײַן גרייט צו דער מילכאָמע, מע דאַרף זײַן גרייט צו געבן אַ ווידערשטאַנד דער דײַטשישער אַגרעסיע, וועלכע קאָן זיך צעשפּילן אַפּילע מאָרגן, און אַלע קױכעס פֿון אַמעריקע, אַלע געדאַנקען פֿון די אַמעריקאַ־נער דאַרפֿן זײַן צו דעם געריכטעט. דעריבער איז יעדער קעגנער פֿון צוגעגרייטקײַט — צי עס איז אַ פּאַכדאַנישער פּאַציפֿיסט, וואָס קוויקט זיך מיט בלימעלעך און פֿאַרקרימט די נאָז פֿון פּולווער, אָדער אַ סקאַנדאַליעזער סאָציאַליסט, וועלכער רײַסט אַרונטער מיט זײַן רוף צו שטרײַקן די עקאָנאָמישע מעכטיקײַט פֿונעם פֿאָטערלאַנד אין מאָמענט פֿון דער העכסטער אָנשטרענגונג, — דער זעלבער סוינע, ווי דער פּרײַסישער סאָלדאַפֿאָן, וועלכער דראָעט שוין מיט זײַן געפּאַנצערטער פֿויסט פֿון דער פֿאַרזייטער מיט מייסים אַטלאַנטיק.

פּאַציפֿיסטן האָט מען אַרויסגעשלײַדערט פֿון דער אַרבעט, זיי פֿאַרשטעקט די מײַלער אַף מיטינגען און פֿאַרזאַמלונגען, מיט פּאַטריאָטיש־פֿאַרשלייערטע פּראַזעס האָבן די אונ־טערנעמער אָפּגעוואָרפֿן די פֿאָדערונגען פֿון די שטרײַקנדיקע אַרבעטער. אָנווענדן קוילן און דובינקעס, וועלכע מע האָט שוין ניט איין מאָל געלאָזט אין גאַנג, האָט מען אָפּגעלייגט אַף שפּעטער, ווען מע וועט דאָס קאָנען דערקלערן מיט דער אויסערגעוויינלעכקײַט פֿון דער מיליטערישער סיטואַציע.

דער רוסישער פּאַטריאָט, וועלכער האָט געלעבט אין אַמעריקע, איז שוין געווען מאָלע געדולע: די שטיפֿמוטער — זײַן היימלאַנד און די שטיפֿמוטער — דאָס לאַנד, ווו ער וווינט, האָבן איצט איין סוינע אין אָט דער מילכאָמע. און גאָר אינגיכן, בוכשטעבלעך אָט־אָט, וועט די רײַכע און שטאַרקע שטיפֿמוטער צעטיילן די פֿײַנען פֿון דער אָרעמער מוטער, און ס׳וועט איר ווערן לײַכטער. דער רוסישער פּאַטריאָט איז געווען זייער צופֿרידן, וואָס ער קאָן, גע־פֿינענדיק זיך דאָ, אין אַ פֿרעמד לאַנד, פֿילן זײַן איינהײַטלעכקײַט מיט רוסלאַנד אין דעם געראַנגל מיטן געמיינזאַמען סוינע און וואָס דער פֿראָנט האָט אים נאָך דערצו ניט אָפּגע־טיילט פֿון דער מערהײַט סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך צעשפּאָלטן מיט דעם זעלבן טראַסק, ווי די אייראָפּעיִשע, און מיט דעם זעלבן רעזולטאַט — די אינטערנאַציאָנאַליסטן, דער לינ־קער פֿליגל, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס מינדערהײַט. וואָלאָדאַרסקי איז געווען מיט זיי. אין דער גאַנצער באַוועגונג האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געפֿילט זייער אייניקײַט בלויז דורך די לינקע פֿליגלען. מע האָט זיי געטאַדלט פֿון אַלע זײַטן, געהאַלטן פֿאַר ברוכ־שטיקער פֿון דער באַוועגונג, נאָר זיי זײַנען געווען פֿעסט און זיכער אין זייערע טאַטן. דער אַמעריקאַנער פֿון וואָלין האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז די אָנגעהעריקײַט זײַנע צו דער לעניִנישער פּאָזיציע הייסט ניט בלויז פֿאַלגן נאָך איינער פֿון די שטרעמונגען פֿון דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער שטעלונג צו דער מילכאָמע, נאָר אַ סאַך מער — דער איבער־גאַנג אַף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון די באָלשעוויקעס.

אין זײַן סוויוע, צווישן די כאַווייריִם פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין רעוואָ־ליוציאָנערן קאַמף, האָט ער שוין פֿאַנאַנדערגעשיידט „אייגענע" און „פֿרעמדע". ווי מאָדנע דאָס וואָלט ניט געווען, האָט די דאָזיקע אָפּגעשיידטקײַט ניט אַראָפּגעשלאָגן פֿונעם וועג,

פאַרקערט, דאָס האָט אָנגעלאָדן מיטן געפיל, אז ער איז גערעכט. אין יעדער נײַער דיסקוסיע איז ער געוואָרן אַלץ שארפער, און די דיסקוסיעס זײַנען פאָרגעקומען אַלץ אָפטער — אין יוניאָן, אינעם אָפּטייל פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי און אין דער גרופּע רסדאפּ. מיטן „נאָווי מיר" האָט געוואָרפן, ווי אין פיבער, און ער האָט זיך געטראָגן, ווי א זעגל אפן ווינט, — אָט אין איין זײַט, אָט אין א צווייטער האָט זיך אָנגעבלאָזן די צײַטונגס-בלאט.

וואָלאָדארסקי האָט נאָך ניט געוואגט זיך ארײַנמישן אין דעם הויפּט-שטרײַט. דער פאָרזיכטיקער רעדאקטאָר האָט פאָרגעזעצט צו באשטעלן בא אים פעליעטאָנען פונעם פילאדעלפיער לעבן, מיט שפּאלטנדיקע אידייען האָט אים באזאָרגט אגאריאָוו. וואָלאָדארסקי האָט זיך געהאלטן בא אן אנדער מיינונג, אָבער דער „סאָציאַליסטישער שרײַבער" האָט אויך ניט געבעטן קיין הילף בא קיינעם. דערצו נאָך האָט דער פילאדעלפיער קאָרעספּאָנדענט ביכלאל אופגעהערט צו שרײַבן — זיך אָפּגעגעבן אינגאנצן דער מינדלעכער אגיטאציע, ארויסטרעטנדיק אַלץ אָפטער אף מיטינגען.

די לאגע האָט זיך אָנגעגליט. לאנג האָט עס אזוי ניט געקאָנט דויערן. אלע האָבן געווארט אף אן אנטשיידענעם טראָט. מע האָט געדארפט אויסקלאָרן די באציִונגען — אָפנהארציק און ענדגילטיק. דער מאכאָוויק פון דעם צווישנפראקציִאָנעלן קאמף, וועלכער איז שוין פונלאנג געלאָזט געוואָרן אין פולן גאנג און אף דער העכסטער מעכטיקײַט, האָט זיך געדרייט אומזיסט — אָט-אָט וועט ער צעטראָגן אף פּיץ-פּיצלעך די גאנצע מאשין. און אויב דאָס איז צײַטיק געוואָרן אפילע אף דער פעריפעריע — אין אמעריקע, האָט אין איירָאפּע דער בלאָטער געדארפט אָט-אָט פּלאצן.

(סאָף קומט)

# פונעם ציקל „רינג נאָך רינג"

## שערענגעס

עס איז דער גורל און די צײַט
צונויפגעשמאָלצן אין א איין-גוס.
דאן ווערט דער מענטש פון שרעק
באפרײַט
און ס'איז די גאַרע וועלט זײַן אייגנס.

עס טרעפט: צוויי מענטשן זײַנען אויך
צונויפגעשמאָלצן אין א איין-גוס
אין בונד פון טאָפּלדיקן קויך,
ווי קארל מארקס און פרידריך ענגעלס.

איך טראכט פון דעם אין דער מינוט,
ווען כ'זע, ווי ס'גייען די שערענגעס.
ווי שיין און קלוג איז זייער מוט
צונויפגעשמאָלצן אין א איין-גוס!

## א שמועס מיטן אייניקל

איך וועל אײַך דערציילן, וואָס הײַנט איז געשען.
באנאכט צוויי אזייגער. אין צימער.
א ייִנגעלע כ'האָב אין א ווינקל דערזען,
איבער אים האָט אן אָפּשײַן געשימערט...

אָפּט אין סאמע שלאָף איך נעם ארום דעם צימער מיט א בליק:
בא דעם בעט מײַן קינדהײַט שטייט מיט זעכציק יאָר צוריק!
ס'גענגלע ייִנגעלע, דאָס ארעלע-דאָס-בארעלע, ווי הײַנט געקליידט.
אָ, מײַן קינדהײַט! דאָרטן גייט זי אויף, ווו מ'האָט זי ניט פארזייט...
ריר איך אָן זי בא אן ארבל און ניט זיכער כ'פרעג:
האָסט זיך אומגעקערט, מײַן קינדהײַט, מיט א וועלכן וועג?
אינעם שלאָף, צי אין דעם דימיען, צי אזוי זיך אין א שפּאַס?
זאָג — דערפאר, ווײַל דו האָסט ליב מיך, צי ווײַל ביסט אָף מיר אין כּעס?
האָסט פארבענקט זיך? האָסט פארפלאָגט זיך? צי ס'איז דײַן קאפּריז?
איך און דו — אזא מעלאָדיע, וואָס צוויי מאָל קלינגט דורך „אָף ביס"...
פרעג ניט, צי כ'געדענק דײַן אויסזען, צי דײַן קעלעכל כ'געדענק.
ווי א וואסער א צעגאָסנס נאָך זײַן קווהלעכל, —
איך בענק
נאָך דײַן צניִעסדיק ניט-וויסן, נאָך דײַן רעדן ניט-באטראכט,
נאָך דײַן וויינען, ווען עס וויינט זיך, נאָך דײַן לאכן, ווען מע לאכט.
דײַנע מײַסעדיקע שפּילן, די ניצכוינעס אין דער שפּיל,
דאָס באצווינגען אָן באצווינגער, דאָס זיך צילן אָן א ציל —
אָט דאָס אַלץ געוואָרן שפּעטער אפאנעמעסדיק עס איז,
די ניצכוינעס, דאָס באצווינגען איז א ציל איצטער געוויס.
אָך, מײַן קינדהײַט! ווען זאָלסט וויסן, וואָס געשען עס וועט נאָך דיר...
יאָרן, יאָרן, יאָרן, יאָרן, יאָרן, יאָרן אָן א שיר.
אָבער יאָרן — דאָס איז צייכנס פון א וועג, וואָס שטייט דיר פאָר,
זאָג ניט יאָרן, זאָג געפאָרן אפן וועג פון טרוים צו וואָר.

האָסט געוווּסט דען אין דײַן אָנהייב, ווו דאָס שטעטעלע איז קליין,
אַז די קינדהײַט וועט צו סאָפּקעס אַזיאַטישע דערגיין?
אַז אַף דײַנע מאַנדל-אויגן פאַלן וועט פון צעדער-ניס
א געדיכטע אוסוריער העלע אָפּשײַן, ווי א בליץ?
אַז פון דײַנע גאָרגל-ריישן וועסטו פלעכטן שווער, אין שווייס,
קרענץ פון לאָשן, דורכגענומען מיט א קײַלעכיקן רייש?
אַז מע וועט דיך זען אין טײַגע מיט א זעג און מיט א האַק,
און דײַן קאָרעוו איז באַר-קאָכבא, און דײַן כאַווער איז יערמאַק?
אָ, מײַן קינדהײַט! קליינער מוישע מיטן קאָפּ פון א איינשטיין!
שטעל אַוועק זיך פאַר גאָטס וועלטל און פאַרגיי זיך אין געוויין,
האַלט פאַרפּויסטלט דײַנע הענטלעך, שרײַ אַרויס פאַר גאָט און לײַט,
אַז עס האָט דיך די מילכאָמע אויסגעלאָשן פאַר דער צײַט.
שוין פונלאַנג איז דער בייזוווּנדער אײַנגעפאַלן ווי א קנויט,
נאָר איך זוך דיך ביז אַצינדער. כ'וועל דיך זוכן ביזן טויט.
זאָג זשע, קינדהײַט, זאָג דעם עמעס — וואָס ביסטו געקומען איצט,
און צי ביסטו פון אַן אומגליק ווי ס'געהער צו זײַן באַשיצט?
זאָג — ווער ביסטו? זאָג — פונוואַנען קומסט צו מיר אינמיטן נאַכט?

— כ'בין דײַן אייניקל, — דערהער איך, און מײַן קינדהײַט וויינט און לאַכט.

## צוריקגערעדט...

וואָס רעדט איר? וואָס רעדט איר?
וואָס רעדט איר?
וואָס זאָגט איר? וואָס זאָגט איר?
וואָס זאָגט איר?
איך גיי הײַנט אַרום א פאַרזאָרגטער
פון דעם, וואָס עס שרײַבן די בלעטער.

איר טראַכט זיך נאָר אײַן אין די נײַסן,
איר נעמט קאָרשט א ביסל אין זינען!
פאַראַנען נאָך צײַט צו באַווײַזן
באַפרײַען די וועלט פון דערינען!

צוריקגערעדט, אויב זיך באַקלערן
און אויב זיך א נעם טאָן צום איקער,
איז מאַלע וואָס אַנדערע ווערן
פון אייגענער טיפּשעס פאַרשיקערט.

אויב דאָס, וואָס מע שרײַבט, איז אַן עמעס,
דאַן בין איך די גראָבקײַט זיי מויכל,
און זאָל פאַר אונדז בלײַבן א רעמעז,
אַז צײַט שוין זיך נעמען צום סייכל.

מײַן טײַערער שאָכן, וואָס קרעכצט איר?
איר זײַט ניט דער ערשטער יאָלד, כ'לעבן,
און גלייבט מיר, איך בין ניט דער לעצטער,
וואָס טײַטשט לויט די בלעטער דאָס לעבן.

## לאָמיר אַף אונדזערע פעלדער פאַרבלײַבן

לאָמיר זיך מערן און לאָמיר זיך ווידערן,
לאָמיר זיך ברידערן,
בינדן-און-גלידערן.

לאָמיר זיך אויסמאָלן, אַז צווישן אוילעמעס
מיר — ניט קיין גוילעמס
און אָפּגעטער קלוימערשט.

לאָמיר אַף אונדזערע פעלדער פאַרבלײַבן,
קערנדלעך קלײַבן,
מיט דערנערלעך שרײַבן.

לאָמיר אין אונדזערע גלויבנס זיך שווערן,
לאָמיר זיך מערן
פון הי ביז די שטערן.

## א מיטיק אין זאָאָלאָגישן גאָרטן

ניטאָ זײַנען קעכנס און סאַרווערנס דאָרט,
ווו בעריכעס קעכלען די בערלעך מיט פאַרטיקס,
ווו א קענגורו ברענגט צו טראָגן צום אָרט
פון זאַטער אכילע דאָס קינד אין איר פאַרטעך.

פונפריִער דער מיטיק איז דורכגעטראכט גוט.
די ביינער פון ניט קיין פארצוקטע באל'כאים —
זיי ליגן שוין גרייט, און עס רינט ניט קיין בלוט,
און פריידלעך און פויל הייבט דער לייב אָן צו קייַען.

איך איינער בין דאָ ניט בא זיך אינעם וואלד,
ווי זאָגן עס וואָלט א געשווירענער יעגער.
ווען ס'קומט אָן דער מיטיק, פארקלייַב איך זיך באלד
אהין, ווו עס שפרייט די נאטור איר געלעגער.

אף זיך די נאטור נעמט דעם מענטשלעכן אַל
און טוט עס בעשעפע פון מייַנטוועגן —
זי גיסט מיר ארייַן אין דער שיסל פון טאַל
דאָס ייַכל פון זון מיט א צומיש פון רעגן.

און דאָרט, אין די שטייַגן, עס גייט שוין צו ענד
דאָס לעקן א ביינדל. און ס'טראכט זיך, מיסטאמע,
דער שטיפערקע מאלפע: אָט דער מיט די הענט —
אוואדע ער מיינט, אז איך בין אים מעקאנע...

## מייַנע פרייַנט זייַנען שוין טויט

אזוי עס טרעפט—זאָל גאָט ניט שטראָפן—
אין שלאָף כ'צערעד זיך אף א קאָל:
מיט מיר אליין איז עס פארלאָפן,
געווען אמאָל... געווען אמאָל...

ס'האָט יידיש זיך אליין געקייפלט,
געמערט די יאָרן זיך מיט רעכט,
און דאן איך האָב מיט מוישע טייפן
געסוידעט זיך איבער די נעכט.

ס'האָט פאָשעט ניט געקאָנט פארוויאנען
די יידישע די שיינע ליד,
קאַלזמאן מיט מאָטל גרוביאנען
כ'האָב די מעטאפאָרע געהיט.

די דיכטונג יִדישע באוויזן
האָט אופשטעלן איר צויבער-ווערק,
און דאן איך האָב מיט שיקע דריזן
באם טרונק איר העמשעך אָנגעמערקט.

צי דען עס האָט געקאָנט פארדארן
די צארטע ליד, דאָס צווייַגל בעז,
קאַלזמאן כ'האָב מיט אוורעם גאַנטארן
געהיט דעם פלאנץ פון בייזע פרעסט?

די יאָרן גייען, גייען, גייען,
דאָס לעבן איז מיר נאָך פארטרויט,
און צייַטן נייַע אונדז דערפרייען.
אך, מייַנע פרייַנט זייַנען שוין טויט.

## א בריוועלע, וואָס דער סאָלדאט האָט אָנגעשריבן פאר דער שלאכט

„דאָס וועלדל איז גאנציידנדיק,
איך ווייס ניט, ווי זיך אָנלויבן.
אף דעם באגינען כ'ווארט,
ווען זייַן עס וועט די שלאכט,
און כ'ווייס ניט, וואָס עס וועט זיך פריִער אָנהויבן.

איך ווייס ניט, וואָס דיר צוזאָגן,
איך ווייס ניט, וואָס דיר ענטפערן.
די מילכאָמע גייט,
און דאָס לעבן גייט,
און כ'ווייס ניט, וואָס וועט פריִער זיך פארענדיקן"...

## דער קינסטלער רעדט צום פּראָטאָטיפּ פונעם פּאָרטרעט

כ'וועל גאָרניט אויסמעקן בא דיר,
ניט דײַנע פּאָקן, ניט די קלײַען,
איך קלײַב זיך ניט אפן פּאפּיר
פון עפּעס-וואָס דײַן בילד באפרײַען.

כ'וועל גאָרניט אָפּשוואכן בא דיר,
ניט דײַן געשריי, ניט דײַן רעציכע,
פון אויגן גרינע דעם קאָליר
וועל איך נאָך גרינער מאכן, גיכער.

און דאָס, וואָס דו פארבאָרגן האָסט,
וועל איך ארויספירן פון אויבן,
ניט שענקען שלעכטס איבער דער מאָס
און פון דײַן גוטס דיך ניט בארויבן.

ווי אין דעם לעבן, אף פּאפּיר
איך וועל די שולד דיר ניט פארצײַען,
קיין קאָפּעקע ניט לײַען דיר,
בא דיר קיין גראָשן ניט אנטלײַען.

און אויב דאָס פּענדזל וועט — אוי, וויי! —
דעם עמעס אײַנהיטן ניט קענען,
דער מוזע זאָגן כ'וועל: פארגיי!
און דעם פּאָרטרעט דײַנעם פארברענען.

## ארוף און ארונטער

אונדזער אונטערשטע וועלט און די אייבערשטע וועלט
געוועז זײַנען פּונקט ווי א שטוב מיט א בוידעם.
ווען אין הימל האָט גאָט זײַנע טריט געשטעלט,
האָט ווי א פּאָדלאָגע די ערד זיך געהוידעט.

צוביסלעך האָט אָבער זיך איבערגעדרייט
דאָס גאנצענע לעבן — ארוף און ארונטער:
דער הימל זיך אופירן איז שוין גרייט
אזוי, ווי די זאכלעכע ערד זאָגט אים אונטער.

דעם אומבײַט צו פירן עס איז מיר באשערט —
אליין כ'בין דער הימל, אליין כ'בין די ערד.

## אַן אָפּשטעל אין וועג

די אָזערע — אַן אויג, דער רעגנבויגן איבער איר — א ברעם,
די זון האָט זיך פון הינטער וואָלקנס אין דעם אויג ארײַנגעוויזן.
פּונקט ווי א בעזעמל, דעם דריבנעם רעגן אין די הענט איך נעם,
און אָט — איך ליג שוין אפן בארג, אליין מיט ריטעלעך זיך אויסגעשמיסן.

עס דאכט זיך מיר, אז אפן בארג די קערפּערלעכע וואָג כ'פארליר,
איך ליג ווי גאָט אין אֵדעס אף אָט דער באנק דער אויבערשטער.
א פארע גייט פון טאָל, נעמט דורך מעכײַעדיק די ביינער מיר.
מײַן פערדל וואָרט, איך זאָל די פריִענדיקע פעל אים אויסבערשטלען.

ווען שפּעטער כ'זעץ אין זאָטל ווידער זיך ארײַן,
איז קיל דער טאָג און אָוונטיק די שײַן.

## געוויינלעכקײַט

ניט מיינט, אז כ'זאָג עס אײַך מיט א קאַוואָנע,
אז עפּעס אויסשפּילן מיט אָט די רייד איך גאר.
אצינד שוין מערער ווייס איך ווענן דער לעוואָנע,
איידער ווענן דעם בוים באם טראָטואר.

איך גיי דעם הויף אדורך אין שאָ אין פריִער
און צו דער סטאַרט-פּלאַשטשאַדקע זיך פאַרנעם,
קעדיי פון דאָרט אין וויַיטן הימל פליִען,
ווו ס'איז מיר גוט און היימלעך און באקוועם.

אין דער ראַקעטע כ'פיר זיך ווי אף אַן עקזאַמען —
אַ ביסל שטרענג, אַ קאַפּעלע געהיים.
איך וועל זיך נאָך דער אַרבעט ניט פאַרזאַמען
און מיט דעם טראָטואַרל גיין אהיים.

## פון דאָרטן — אַהער און פונדאַנען — אַהין

אף דער טראַסע פונעם „באַם" האָט מען געפונען אַ מעטעאָריט,
וועלכער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער לעוואָנע.

די לעוואָנע האָט פאַרלוירן אַ שטיקל פון זיך אַליין.
ס'איז געוואָרן די מאַמע לעוואָנע וויַיניקער אף אַ שטיין,
אף אַזאַ מין-אָ שטיינדל פון עטלעכע און צוואַנציק גראַם,
וואָס אַליין האָט עס זיך אַ וואָרף געטאָן — פון דער לעוואָנע צום „באַם".

באַ-אַ-ם, באַם! און געבליבן איז ליגן באַם רעלס דער מעטעאָריט,
פון לעוואָניקן אײַזן און לעוואָניקן מאַרגאַנעץ אַ גרין-ברוינער קנויל.
און איידער איך שטעל אים אַריַין אינעם פערז פון מיַין ליד,
כ'טו אים אַ שמעק מיט דער נאָז, אַ גלעט מיט דער האַנט און אַ זויג מיטן מויל.

און עס כאַפּט מיך דאַן אָן אַ פאַרדראָס, וואָס עס איז אַזוי שווער
אַ לעוואָנעדיק-ערדישן „באַם" — אַ מין „לעם" — דורכלייגן פון דאָרטן אַהער,
אַז דער נוצלעכער שטיין זאָל ניט דאַרפן זיך וואַרפן אין טהאָם,
קעדיי ווערן באַ מענטשן אַ רעלס און אַ האַק און אַ לאָם.

און אויב ס'איז ניט מעגלעך פון דאָרטן אַהער, איז — פונדאַנען אַהין
צו ציִען אַ רעלס און צו מאַכן אַ וועג האָט אויכעט אַ זין...

## באַזונדער פון מיר איז מיַין לעבן ניט מעגלעך

איך זוך און איך זוך, און איך קאָן ניט געפינען
באַזונדער פון זיך מיַין געדאַנק און מיַין זינען,
מיַין זעל, מיַין נעשאָמע, מיַין האַרץ און מיַין גלויבן,
דאָס אַלץ, וואָס צום מענטשן עס האָט מיך דערהויבן:
מיַין צווייפל אין עפּעס,
מיַין זוכן דעם עמעס,
מיַין אײַנטײַנען: גיב עס,
מיַין טײַנען: נאַ, נעם עס,
מיַין זוכן: ווו איז עס,
מיַין גונסט אַלץ באַהאַלטן,
מיַין בלאָזן אף הייסן, מיַין הוכקען אף קאַלטן.

איך זוך און איך זוך, און איך קאָן ניט געפינען
מיַין אײַוועך מיַין מינדסטן, אַפילע אַ פינגער,
אַפילע דאָס פּינטל אין אויג, צי אַ נאָגל,
וואָס אויב עס איז מײַנס, כ'זאָל אף זיך עס ניט טראָגן.
באַזונדער פון מיר איז מיַין לעבן ניט מעגלעך,

אַז מיר מײַנע פּיס זײַנען מער ניט באַוועגלעך,
די הענט — אַז אַ ווילן פֿאַר עפּעס זיך נעמען,
דאָס האַרץ — ניט באַשאַנקען, ס׳זאָל ווײ טאָן און קלעמען.
עס טרעפֿט, איך דערזע אין אַ זײַט, שוין פֿאַרגעסן,
אַ קינד פֿון אַ נאָמענלאָז שטעטלדיק געסל.
אַן אַנדערס מאָל כ׳זע אין אַ זײַט, אָפּגעווײַטערט,
אַ ייִנגל אין טײַגע באַם היימלעכן שײַטער.
קאָן זײַן, דאָס בין איך יענער טוישעוו דער היגער,
וואָס גרויזאַם אַמאָל האָט פֿאַרצוקט אים אַ טיגער.
און עפּשער כ׳בין דער, וואָס איך ווייס ניט זײַן נאָמען —
ניט אומגעקערט האָט ער זיך פֿון דער מילכאָמע.
איך זע מײַן געשטאַלט, נאָר איך קאָן ניט געפֿינען
באַזונדער פֿון זיך מײַן געדאַנק און מײַן זינען.
אַפֿילע דאָס פֿינטל פֿון אויג, צי אַ נאָגל,
וואָס אויב עס איז מײַנס, כ׳זאָל אַף זיך עס ניט טראָגן.

## ליבע ביזן הימל!

איך שאַף זיך אײַן אַ הימן,
כ׳פֿאַרקויף דאָס לעצטע העמד.
די ליבע — ביזן הימל,
דער הימל — אָן אָן ענד.

אין דעם נעשאָמע-גאָרטן
איין אויבסט אַף יעדער בייט.
עס וואַקסט די ליבע דאָרטן,
וווּ מ׳האָט זי ניט פֿאַרזייט.

כ׳פֿאַרשטיי אין הימל-זאַכן
און האַלט זיך בא דער ערד,
און וואָס איך זאָל ניט מאַכן,
איז עס מיר אַלץ נאָך שלעכט.

דער זײַען — נאָכן גימל,
דער טעס — צום סאָף געווענדט.
די ליבע — העט אין הימל,
דער הימל — אָן אָן ענד.

מאַרק ראַזומני

## נאָוועלעטן

# די זעקס און דרײַסיק גוטע און גערעכטע

אַלע מײַנע קינדער-יאָרן האָב איך געהאַלטן אין איין אַרומזוכן יענע זעקס און דרײַסיק גוטע און גערעכטע, אין וועמענס זכות די וועלט שטייט און ווערט ניט כאָרעוו. זיי, די לאַמעדוואָווניקעס פון מײַן מאַמעס ווונדער-מײַסעלעך, האָבן גערייצט מײַן פאַנטאַזיע און צעצונדן אין מײַן קינדעריש געמיט דעם כיישעק צו באַגעגענען כאָטש איינעם פון די רעטענישפולע גוטע און גערעכטע, זאָל זיך אָנקוקן אָף אים, און איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך דערוויסן, וויאַזוי זיי מאַכן דאָס, אַז די וועלט זאָל שטיין... געווען איז דאָס אָבער ניט פון די לײַכטע זאַכן, און אָף אַלע מײַנע אויספרעגענישן האָט די מאַמע, געהיימניספול, זיך אַרומקוקנדיק, מיט אַ סוידעספולער שטים געזאָגט:

— זײַ וויסן, מײַן קינד, אַז לאַמעדוואָווניקעס לאָזן זיך קיינמאָל ניט זען און דערקענען... זיי לעבן פאַרשטעלט, די דאָזיקע הייליקע לײַט, פאַרשטעלט פאַר פּאָשעטע מענטשן — באַלמעלאָכעס, האָלצהעקער, טרעגער — און זייערע גוטע און גערעכטע מײַסים טוען זיי אין געהיים...

— אָבער וווּ זײַנען זיי, וווּ? — האָב איך געברענט פאַר אומגעדולד זיך צו דערוויסן די אונטערשטע שורע.

— וווּ, פרעגסטו? — און דער מאַמעס פּאָנעם האָט אופגעלויכטן מיט אַלע כיינען. — ווער אָבער קאָן דאָס וויסן?.. מעגלעך, אַז איינער פון זיי איז גאָר נאָענט און אַז דו באַגעגנסט אים אַפילע יעדן טאָג און דו ווייסט ניט, אַז דאָס איז אַ לאַמעדוואָווניק... און דו דאַרפסט דאָס גאָרניט וויסן, מײַן קינד, דו דאַרפסט נאָר גלייבן, אַז זיי זײַנען פאַראַן און אַז אָף זייער גוטסקײַט שפּאַרט זיך אָן די וועלט, און מיט דעם גלויבן וועט דיר לײַכטער זײַן צו לעבן.

— און אַז איכ׳ל גלייבן אין זיי, — האָב איך ווײַטער געוואָלט וויסן, — וועלן זיי אַלעמאָל זײַן מיט מיר?

— יאָ, מײַן קינד, אַלעמאָל וועלן זיי אונטערשפּאַרן די וועלט... אַלע זעקס און דרײַסיק... נאָר דעמלט, ווען איינער פון זיי ווערט, כאָלילע, אָפּגעשיידט פון לעבן, טוט די ערד אַ ציטער, און זי ציטערט אַזוי לאַנג, ביז אָפן אָרט פון דעם אַוועקגעגאַנגענעם קומט אָן אַ נײַער גוטער און גערעכטער... ווײַל שטענדיק מוז די צאָל זעקס און דרײַסיק זײַן פאַרפולט, און שטענדיק איז זי טאַקע פול, ווײַל אַלעמאָל מוזן אָף דער וועלט זײַן גוטע און גערעכטע...

די רייד האָבן מיר צוגעגעבן נאָך מער היץ. און ווי האָט דאָס געקאָנט זײַן אַנדערש, ווײַבאַלד די מאַמע אַליין, מײַן טאַטע, אין וועמענס יעדן וואָרט איך גלייב הייליק, זאָגט דאָך, אַז עפשער איז ער גאָר נאָענט, איינער פון די זעקס און דרײַסיק, און מעגלעך אַז איך באַגעגן אים אַפילע יעדן טאָג... און אויב אַזוי — מוז איך דאָך אים אומבאַדינגט געפינען!

האָב איך מיט ברענענדיקן נײַגער זיך גענומען צוקוקן צו אַלע לאַטוטניקעס, צו אַלע קאַלטע שוסטערס און צו אַלע אָרעמעלײַט פון אונדזער געדיכט-באַפעלקערטן הויף און פון אַלע שכיינעסדיקע געהעפטן, און יעדעס מאָל, ווען מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך בין שוין געפאַלן אָף דעם שפּור פון איינעם פון די, וועמען איך זוך, האָב איך פאַרבויגן מײַן אײַנגעבוירענע שעמעוודיקײַט, זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און אײַן אָטעם אַרויסגעשאָסן:

— פעטער, זייַט איר ניט אמאָל א לאמעדוואָוניק?

מ'האָט מיך אָנגעקוקט ווילד. א טייל האָט געהאלטן, אז איך מאך כויזעק פון זיי און מיך מיט קאס אָפגעטריבן: אנדערע, ווידער, האָבן מיך אָנגעקוקט, ווי עפעס א ניט-דערבאקענעם, און געהאט ראכמאָנעס אף מיר... און אזוי האָב איך מייַן געגארטן לאמעדוואָוניק אלץ ניט געקאָנט אופטרעפן. און די טעג האָבן זיך מיר פארבייַגעגליטשט אזעלכע וואָכעדיקע און גרויע, און דער יאָמטעוו פון א פריידיקער באגעגעניש איז מיר אלץ ניט באשערט געווען, ביז... ביז יענעם פאר מיר גליקלעכן טאָג, ווען איך האָב אף אונדזער גאס אומדערווארט דערזען גאָר א נייַעם, ביז איצט ניט באגעגנטן פארשוין — א הויכוווקסיקן, א ברייטפלייציקן, מיט צעשמייכלטע אויגן און מיטן אויסדרוק פון הוילער גוטסקייַט אפן פארוואקסענעם פאָנעם — טאקע אן עמעסער לאמעדוואָוניק, אזוי ווי איך האָב זיך אים שטענדיק אויסגעמאָלט אין מייַן צעהיצטער פאנטאזיע! דערצו האָט ער נאָך געהאלטן אין זייַן קרעפטיקער האנט א לאנגן אויסגעבויגענעם שטעקן און זיך אף אים אָנגעשפארט, אזוי ווי יאנקעוו אָווינו אף זייַן פאסטעך-שטעקן. דאָס האָט מיך שוין אינגאנצן איבערצייַגט, אז ס'איז געקומען זיך באווייַזן פאר מיר א לאמעדוואָוניק! בין איך צוגעלאָפן צו אים און מיט גרויס זיכערקייַט אויסגערופן:

— פעטער! איך זע, אז איר זייַט א לאמעדוואָוניק!

ער האָט מיך ניט אָפגעטריבן מיט קאס, אויך ניט אויסגעלאכט, ווי אנדערע. ער האָט נאָר א שמייכל געטאָן, מיך ליב אָנגעקוקט און מיט א מילדער שטים געפרעגט:

— און פארוואָס, יינגעלע, מיינסטו, אז איך בין א לאמעדוואָוניק?

— איר זעט מיר דאָך אויס צו זייַן אזא גוטער... — האָב איך מיט א פארטייַעטן אָטעם געזאָגט. — און לאמעדוואָוניקעס זייַנען דאָך אלע גוטע...

— פונוואנען ווייסטו דאָס, יינגעלע?

— די מאמע האָט מיר דערציילט וועגן זיי... זי זאָגט, אז זיי שפארן אונטער די וועלט... און מיר ווילט זיך אזוי זען א לאמעדוואָוניק! איך ווילן וויסן, ווי זיי מאכן דאָס, אז די וועלט זאָל שטיין... אָבער, — האָב איך אומעטיק צוגעגעבן, — זיי לאָזן זיך ניט דערקענען, זאָגט די מאמע... זי זאָגט, אז מע דארף נאָר גלייבן אין זיי... גלייבן, אז זיי זייַנען גאָר נאָענט, אָט דאָ, דערבייַ... און אָט האָב איך אייַך באגעגנט! באגעגנט אן עמעסן לאמעדוואָוניק! און איר וועט מיר אויסזאָגן, וויאזוי איר שפארט אונטער די וועלט! יאָ, פעטערל?

— קיין לאמעדוואָוניק בין איך ניט, יינגעלע, — האָט ער שטיל און הארציק געזאָגט, מיך א גלעט טוענדיק איבערן קעפל. — אָבער איך וועל דיר אויסזאָגן, וויאזוי די לאמעדוואָוניקעס מאכן, אז די וועלט זאָל שטיין... זיי מאכן דאָס מיט זייער גוטסקייַט! ווייַל די וועלט, זאָלסטו וויסן, שטייט נאָר אף גוטסקייַט, און דייַן מאמע איז גערעכט: מ'דארף נאָר גלייבן אין זיי, אין זייער גוטסקייַט און גערעכטיקייַט.. און ווען דו וועסט גלייבן אין זיי, וועסטו זיי אויך דערזען! און אזויווי דו ביסט א ווויל יינגעלע, וועל איך דיר נאָך זאָגן, אז דו דארפסט זיך נאָר ארומקוקן, גוט צוקוקן, און דו וועסט דערזען, ווי בא דייַן זייַט שטייט שטענדיק אזא לאמעדוואָוניק און שפרייט גוטסקייַט אף דייַן יונג לעבן... און דער לאמעדוואָוניק — דאָס איז דייַן מאמע!

און ער איז אוועק, זיך אָנשפארנדיק אף זייַן הויכן פאסטעך-שטעקן. און איך האָב די באגעגעניש מיט אים פארגעדענקט און, ווי ער האָט מיר אָנגעזאָגט, זיך אָנגעהויבן זינט דעמלט גוט צוקוקן און כ'האָב דערזען, ווי יעדן טאָג, יעדע רעגע שטייט בא מייַן זייַט און באשטראלט מייַן לעבן מיט גוטסקייַט, מילדקייַט און גערעכטיקייַט א נאָענטער, א לייַבלעכער לאמעדוואָוניק, איינער פון די זעקס און דרייַסיק... און אין יענעם וויסטן טאָג, ווען אָט דער לאמעדוואָוניק מייַנער איז דורך די ראָצכים אומגעבראכט געוואָרן, האָט די ערד אופגעציטערט, ווייַל פון לעבן איז אָפגעשיידט געוואָרן איינער פון די, אין וועמענס זכוס די וועלט שטייט. אָט אזוי, ווי די מאמע גופע האָט ווי אין פאָרויסזאָגונג פון איר אייגענעם גוירל, מיר אין מייַנע קינדער-יאָרן דערציילט...

„אָבער — מיט אָט די טרייסט-ווערטער האָט זי אלעמאָל פארענדיקט — ווען אפן אָרט פון דעם אָפגעשיידטן קומט א נייַער לאמעדוואָוניק און די צאָל זעקס און דרייַסיק ווערט ווייַטער פארפולט, הערט די ערד אוף ציטערן און עס שטעלט זיך ווייַטער איין גוטס און גערעכטיקייַט..."

און געוויס איז ער געקומען, דער נייַער לאמעדוואָוניק, ווייַל די צאָל מוז דאָך שטענדיק זייַן פארפולט... און האגאם די ערד ציטערט אָפט אוף פון שלעכטס און אומגערעכטיקייַט, טרייסט מיך אָבער אלץ יענער גלויבן, וואָס מייַן מאמע האָט אין מייַנע קינדער-יאָרן אייַנגעפלאנצט אין מיר, אז קאָלזמאן זיי זייַנען פאראן, די גוטע און גערעכטע, וועט די וועלט ניט אונטערגיין.

# א וועלט מיט וווּנדער

מײַן גוטער, ערלעכער פֿאָטער האָט מיר קיין ערדישע רײַכטימער ניט איבערגעלאָזט. ער האָט מיר אָבער איבערגעלאָזט אַן אַנדער רײַכטום — דעם אויצער פֿון היספּײַלעס און באַגײַסטערונג פֿאַר די וווּנדער, וואָס רינגלען אונדז אַרום. און אַזוי ווי אין זײַן גאָטספֿאַרכטיקײַט האָט ער געהאַלטן, אַז אַלע וווּנדערן ווערן באַשאַפֿן דורך דעם אייבערשטן, וואָס זיצט אין הימל, האָט ער מיך געלערנט באַם צוזען זיי זאָגן די געהעריקע בראָכעס, וואָס זײַנען פֿאַרגעשריבן יעדן גלויביקן, די בראָכעס, אין וועלכע עס ווערט אַרויסגעזאָגט אַ דאַנק דעם אַלמעכטיקן...

— באַגעגנסטו אַ מענטשן, וועלכער האָט מיט זײַן סייכל און זײַנע אויפֿטוען דערגרייכט אַ הויכע מאַדרייגע, זאָלסטו ניט פֿאַרגעסן באַדאַנקען דעם באַשעפֿער פֿאַרן אַרײַנגעבן אין מענטשן אַ טייל פֿון זײַן אייגענער גרויסקײַט!

— עסטו ברויט, טרינקסטו וואַסער, פֿאַרזוכסטו אַ פּיירע — דאַנק דעם אַלמעכטיקן פֿאַר די וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס ער האָט באַשאַפֿן פֿאַרן מענטשנס נוצן און ווויליגיין... זײַ וויסן, אַז מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס איז פֿול מיט וווּנדער, דעריבער דאַרפֿסטו זיך שטענדיק וווּנדערן און שטענדיק דאַנקען פֿאַר אַלץ, אַפֿילע פֿאַר זאַכן, וואָס קומען פֿאַר פּאַשעט, ווײַל אויך זיי זײַנען וווּנדער!

האָב איך אין מײַנע קינדער-יאָרן געדאַנקט דעם באַשעפֿער פֿאַר די אַלע וווּנדער, סײַ די ווײַטע און סײַ אויך נאָענטע, און האָב קיינמאָל ניט פֿאַרפֿעלט צו זאָגן מיט קאַוואָנע די געהעריקע בראָכעס. שפּעטער אָבער, ווען כ'האָב שוין געכאַפּט אַן אויגנבליק אין די סוידעס פֿון וועלט און נאַטור, האָב איך (זאָל דאָס נאָר בלײַבן צווישן אונדז...) אויפֿגעהערט דאַנקען יענעם באַשעפֿער, וועגן וועלכן מײַן פֿאָטער האָט מיט אַזאַ פֿרומקײַט און טמימעס גערעדט. דאָס האָט אָבער אָף אַ האָר ניט פֿאַרמינערט מײַן פֿאַרוווּנדערונג און באַגײַסטערונג, און ווי אין דער קינדהײַט בין איך אויך אַצינד פֿול מיט היספּײַלעס און בין דאַנקבאַר באַם צוזען די וווּנדערן, וואָס רינגלען אונדז אַרום. נאָר איצט גילט שוין מײַן דאַנק ניט דעם קלימערשטן הימלשן באַשעפֿער, נאָר דעם גוטן פֿאָטער מײַנעם, וועלכער האָט אָף זײַן גאָטספֿאַרכטיקן שטייגער געעפֿנט מײַנע אויגן און מײַן האַרץ אָף צו דערזען און דערשפּירן די וווּנדער פֿון דער נאַטור, צו באַגײַסטערן זיך מיט זיי. און מיט צאַר קוק איך זיך צו, ווי גלײַכגילטיק און קאַלטבלוטיק מענטשן נעמען אָפּטמאָל אוף די וווּנדער פֿון דער וועלט... מיט צאַר און מיט באַדויער, און אויך מיט ראַכמאָנעס אָף זיי, ווײַל זיי מערקן אַליין ניט, ווי מיטן אויפֿהערן זיך וווּנדערן און באַגײַסטערן פֿאַראָרעמען זיי און פֿאַרוואָכעדיקן זייער לעבן.

# דער באַרימטער נאָמען

ער איז געווען אַ פּאַשעטער מענטש, מאַניע קאַנט. אַ ייִד אַ סטאָליער, אַ מײַסטער אין זײַן פֿאַך, האָט ער זײַן גאַנץ לעבן אויסגעפֿאַרטיקט און פּאָלירט מעבל, און אַכוץ דעם האָט ער גאָרניט געוווּסט און — דעם עמעס גערעדט — אויך ניט געוואָלט וויסן. קיין ביכער האָט ער ניט געלייענט, מיט פֿילאָסאָפֿיע זיך שוין געוויס ניט אינטערעסירט, און דעריבער איז אים ניט באַוווּסט געווען, אַז מיט בעערעך צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט אין דער דײַטשישער שטאָט קעניגסבערג געלעבט אַ באַרימטער פֿילאָסאָף, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען, וואָס ער — עמאַנועל קאַנט. אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט געוווּסט, האָט אים דאָס אויך ניט געשאַט.

אָבער ניט געשאַט נאָר ביז אַ געוויסער צײַט. ווײַל ס'איז געקומען אַ צײַט, ווען דער פֿילאָסאָף קאַנט האָט, אַליין ניט האָבנדיק קיין אַנונג וועגן דעם, שטאַרק געשעדיקט דעם סטאָליער קאַנט.

געווען איז דאָס דעמלט, ווען די היטלערישע כאַיאָלעס האָבן פֿאַרכאַפּט ריגע און, ווי שוין זייער טײַוואָלאַנישער שטייגער, באַלד גענומען רודפֿן ייִדן. דערבײַ האָבן זיי אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז צווישן די צום אומקום פֿאַרמישפּטעטע זײַנען פֿאַראַן אויך פֿיל פֿאַכלײַט-ספּעציאַליסטן, און האָבן גענומען אָפּקלײַבן יענע נוצלעכע ייִדן, וואָס וועלן קאָנען ביז וואָס-ווען אַרבעטן לעטוויוועס דעם „רײַך".

צווישן אַט די צײַטווײַליק באַם לעבן איבערגעלאָזענע איז אויך געווען מאַניע קאַנט, וועמען מ'האָט געשטעלט אַרבעטן אין אַ מעבל-

פאַבריק, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט איי-
נער אַן עסעס-מאַן דרעל.

הער דרעל האָט אין פרידן-צײַטן געהאַט אין קעניגסבערג א מעבל-ווארשטאט און, אין אונטערשייד פון מאַניע קאַנט, איז אים באַוווּסט געווען דער נאָמען פון עמאַנועל קאַנט. עמעס, ער האָט געוווּסט ניט קיין סאַך — אין קאַנטס „קריטיק פון דעם ריינעם פארנונפט" און אין זײַן „אַלגעמיינער נאַטור-געשיכטע און הימל-טעאָריע" האָט ער זיך ניט פאַרטיפט, און די לערעס וועגן „טראַנסצעדענטאַלן אידעאַליזם" דעם „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו" זײַנען אויך ניט דערגאַנגען צו זײַן הויך-אַנטוויקלטן אינטעלעקט — אָבער אַזוי ווי ער האָט יעדן זונטיקן אַפּן וועג פון זײַן באַליבט ביר-שענקל פאַרבײַמאַרשירט קאַנטס מאָנומענט און מיט א פלאָנטערנדיקער צונג דעקלאַמירט די אויפשריפט אַפן דענקמאָל פון זײַן בארימטן לאַנדסמאַן, האָט ער זיך שוין געהאַלטן פאַר א נאָענטן קאָרעוו פון דעם פילאָסאָף...

און שטעלט זיך פאָר, אַז, קומענדיק קיין ריגע, האָט ער גאָר אומגעריכט געפונען צווישן זײַנע יידישע שקלאַפן איינעם, וואָס האָט געהאַט די העזע אויך צו טראָגן דעם נאָמען פון זײַן פילאָסאָף! דאָ איז ער געוואָרן אויסער-זיך און באַשלאָסן מאַכן א סאָף צו דער יידישער כוצפּע!

נאָר ניט געקוקט אַף זײַן גאַנצן גרימצאָרן, האָט ער דאָך ניט געלאָזן אויסער אַכט, אַז דאָס מעבל, וואָס דער דאָזיקער יידישער סטאָליער פאַרטיקט אויס, האָט גרויס דערפאָלג און זײַן פאַבריק ווערט אַדאַנק דעם פאַרשאָטן מיט באַשטעלונגען... דאַרף מען, הייסט עס, דעם כוצפּעניק לאָזן וואָס לענגער לעבן און וואָס לענגער אים אויסנוצן... אָנלערנען אָבער דאַרף מען אים!

האָט דער הער דרעל זיך דערטראַכט יעדן פרימאָרגן פאַר דער אַרבעט און איינאָוונט נאָכן פאַרענדיקן צו שלאָגן דעם יידן מיט א ברעט איבערן קאָפּ און באַגלייטן די קלעפּ מיט די ווערטער:

— אָט האָסטו דיר, ייד, פאַר דײַן כוצפּע צו טראָגן דעם נאָמען פון אונדזער גרויסן פילאָסאָף!

לאַנג אָבער האָבן אָט די לעקציעס ניט אָנגעהאַלטן: בא מאַניע קאַנט איז אויפגעקומען אין מאַרך א בייזער אָנוווּקס, און אינגיכן איז ער געשטאָרבן. אָבער פאַרן טויט האָט ער זיך דערוווּסט דאָס, וואָס ער האָט א גאַנצן לעבן ניט געוווּסט: אַז ער טראָגט דעם נאָמען פון א באַרימטן פילאָסאָף.

# א דאַנק

אין איינעם א מילדן זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען מיר, קינדער, האָבן זיך געשפּילט אין הויף, האָט פּלוצעם דורכן טויער זיך אַרײַנגעגליטשט א מוירעדיק-גרויסער קאַרב, און באַלד נאָך אָט דעם רעטעניש-פולן קויש האָט זיך אין הויף באַוויזן א קליינטשינקע, רירעוודיקע יידענעטשקע, וועלכע האָט געטראָגן אַף איר דאַרינקן, שוואַכן אָרעם אָט די שווערע מאַסע, וואָס איז, דאַכט זיך, גרעסער געווען פון איר אַליין, און מיט א פאַרסאָפּעט, אָבער קוויטשיק שטימעלע, האָט זי אויסגעזונגען:

— יינגעלעך, מיידעלעך! איך האָב געבראַכט פאַר אײַך נאַשערײַען! לויפט גיכער אַהיים און זאָגט טאַטע-מאַמע, אַז איר ווילט פאַרזוכן פון די גוטע זאַכן!

מיר האָבן זיך ניט לאַנג געלאָזט בעטן. יעדערער פון אונדז איז גיך, ווי א בליץ, אַרײַנגעלאָפן צו זיך אין שטוב און גענומען רײַסן די עלטערן בא די פּאָלעס:

— מאַמינקע, מ'האָט געבראַכט גוטע זאַכן... טאַטע, קויף!

האָבן טאַטע-מאַמע אין די אָרעמע היימען זיך גענומען שלאָגן מיט דער דייע, צי מעג מען זײַן אַזעלכע אויסברענגער און אַרויסוואַרפן געלט אַף נאַשערײַען. סאַפּקאָלסאָף האָט אָבער דער כיישעק צו פאַרשאַפן די קינדער פאַרגעניגן בײַגעקומען, מ'האָט צוזאַמענגעשאַרט די פּאָר גראָשן און א לאָז געטאָן זיך קויפן מעציִעס בא דער יידענע מיטן קויש.

מײַן פּאָטער האָט אויך ניט געקאָנט אָפּזאָגן זײַן בעניאָכיד, איז ער אַרויס צוזאַמען מיט מיר אין הויף, און צו מײַן גרויסער פרייד עפּעס אויסגעזוכט אין קויש און אָפּגעצאָלט א גאַנצע קאָפּעקע פאַר אַן אויסטערלישער גאָלדפאַרביקער פּיירע.

— זעסט? — האָט ער געזאָגט פילבאַדײַטנדיק. — אָט האָב איך געקויפט פאַר דיר אַזא מין פּרוכט, וואָס דו האָסט ביז אַצינד נאָך קיינמאָל ניט געגעסן, און הייסן הייסט עס „פערשקע"!

פערשקע? אַוודע האָב איך דאָס ניט געגעסן, ניט געזען אַפילע. און איך האָב מיט ברענענדיקן אומגעדולד אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך דער פּיירע, א גלעט געטאָן איר סאַמעטענע צאַרטקײַט, פון וועלכער דאָס

האַרץ איז פּאַשעט פאַרגאַנגען, און זי שוין געוואָלט מיט ציטערדיקע פינגער אַ נעם טאָן און פאַרזוכן, אָבער דער טאַטע האָט ניט געגעבן.

— דו עסט דאָך צום ערשטן מאָל, — האָט ער ערנסט געזאָגט, — איז דאַרפסטו פריִער מאַכן אַ שהחיינו![1]

— ווי זאָגסטו? אַ שעכעשע... אַ כעשעכע... — האָב איך נאָכגעפּרעפּלט מיט האַרצקלאַפּעניש, שרעקנדיק זיך, אַז מאַכמעס דעם זאָל מיר ניט פאַרשטערט ווערן די גאַנצע סימכע. — וואָס איז דאָס אַזוינס, אַט די שעכעשע?

— דאָס איז אַ דאַנק דעם אייבערשטן דערפאַר, וואָס דו האָסט דערלעבט צו דער צײַט. — האָט דער טאַטע דערקלערט און מיר געשטעלט אַ באַדינג: — ווען דו וועסט מיר נאָכזאָגן וואָרט אין וואָרט, וועסטו דערפאַר באַקומען די פּערשקע!

דאַ איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. זאָגן?.. נו, מיילע. אַ ייִדיש ייִנגל איז דאָך שוין געוווינט צו זאָגן... אַבי די האַנאַע וועט ניט פאַרשטערט ווערן!

און איך האָב מיט פריידיקער אומגעדולד גענומען נאָכזאָגן די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, כ'האָב זיי פאַרדרייט און פאַרקריפּלט אַף וואָס די וועלט שטייט, און אין באַלוינונג דערפאַר האָב איך באַקומען די וווּנדערבאַרע פּירע, וואָס אירע זאַפטן האָבן זיך מעכײַעדיק פאַנאַנדערגעגאָסן איבער מײַנע גלידער און מיר געבראַכט דעם טאַם פון די געשמאַקע גאַניידן-מײַכאָלים, וועגן וועלכע די מאַמע האָט מיר שטענדיק דערציילט.

דער טאַטע האָט געזען, ווי איך באַלעק זיך פון דעם געשמאַקן ביסן, און ער האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— די פּערשקע איז דיר אַזוי וווילבאַקומען דערפאַר, ווײַל דו האָסט געזאָגט די בראָכע און באַדאַנקט, וואָס דו האָסט דערלעבט צו דער צײַט, ווען דו קאָנסט פאַרזוכן אַ נײַע, נאָך ביז איצט ניט קיין פאַרזוכטע פּירע...

— „וואָס איך האָב דערלעבט“? — האָב איך פאַרוווּנדערט איבערגעפרעגט. — האָט דען געקאָנט זײַן, אַז איך זאָל ניט דערלעבן? און וואָס הייסט דאָס „דערלעבן“?

— ס'וועט קומען אַ צײַט, מײַן קינד, — האָט דער טאַטע מיר דערקלערט, — און דו וועסט דאָס פאַרשטיין...

יאָ, די צײַט איז געקומען, און איצט פאַרשטיי איך שוין, וואָס עס הייסט „דערלעבן“ און פאַרוואָס מ'דאַרף דערפאַר דאַנקען. איך בין שוין אין דעם עלטער, אַז ווען איך גיי פאַרבײַ אַ הויז, וואָס האַלט זיך אין בויען, קומט מיר אויף אַ געדאַנק, צי איך וועל דאָס הויז זען אויך פאַרטיקערהייט... און ווען עס גייט אַוועק אַ געוויסע צײַט און איך זע טאַקע, ווי מ'האָט אַוועקגענומען די רישטעוואַניעס און דער בנין איז שוין פאַרטיק, כאַזער איך אין האַרצן איבער יענעם שפּרוך, וועלכן מײַן פאָטער האָט אין דער קינדהײַט מיך געלערנט. און אַזוי ווי דעמלט, ווען די פּערשקע האָט פאַנאַנדערגעגאָסן אירע זאַפטן איבער מײַנע גלידער, גיסט זיך אויך איצט, אַף דער עלטער, פאַנאַנדער איבער אַלע מײַנע גלידער די פרייד פון לעבן און פון דערלעבן.

# א פרידלעך צוזאמענלעבן

איך וויל זינגען אַ ליבגעזאַנג צו דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן פון מײַן פרײַנט, צו דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן — גיכער גערטעלע, — וועלכן אַט דער ליבהאָבער פון דער נאַטור און פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס ווידמענען זיך אַף דער ערד און פליִען אין די הימלען, האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין זײַן געראַמער היים. אָפטמאָל, אין טעג פון מידקײַט און דערשלאָגנקײַט, פאָר איך אַרויס צו אים אויסער דער שטאָט, און דאָרטן, אין זײַן זאָאָלאָגישן גערטעלע, רו איך זיך אָפּ פיזיש און גײַסטיק באַם צוזען דעם רירנדיקן שאָלעם-באַיִס, וואָס הערשט צווישן די באַלעכאַיִם, וועלכע אונטערשיידן זיך דאָך אַזוי איינער פונעם אַנדערן דורך זייערע אינסטינקטן, זייער טעמפּעראַמענט, זייער לעבנסשטייגער... מיט גרויס שטוינונג קוק איך זיך צו, ווי דער רויבערישער אַנגאָראַר קאָטער לעקט אַרום מיט ליבשאַפט די באַפעדערונג פונעם צאַרטן קאַנאַריקל, ווי דער בייזער בולדאָג שיקלט פרײַנטלעך מיט אַן אייגל אין זײַט פון דער קאָקעטישער קוואַטשקעלע, ווי דער אָנגעבלאָזענער ענדיק קראַצט מיטן שנאָבל געטרײַ דאָס פעלכעלע פונעם ציטערדיקן קראָליקל...

— ווי?אַזוי האָט זיך דיר אײַנגעגעבן צו דערגרייכן אַזעלכע וווּנדער? — פרעג איך מײַן פרײַנט.

[1] שהחיינו (העבר.) — אַ בראָכע, וואָס גלויביקע ייִדן מאַכן באַם געניסן אַ פּירע צום ערשטן מאָל.

— קיין וווּנדער זײַנען דאָ ניט געשען, — ענטפערט ער, — אין דעם ליגט בלויז ארבעט. אָט דער זעלביקער קאָטער, וואָס דו זעסט, האָט דאָך פארצוקט ניט איין קאנאריקל, און דער בולדאָג האָט צעריסן ניט איין הינדעלע, ביז ס'איז דערגאנגען צו דעם אידילישן צוזאמענלעבן, וועלכן דו באוווּנדערסט אזוי! ערשט נאָך גרויסער האָרעוואניע איז מיר, אמאָל מיט גוטן און אמאָל אויך מיט בייזן, געלונגען דערפירן, אז אָט די באשעפענישן זאָלן פארגעסן די אײַנגעבאָרענע גרויזאמקײַט און זיי אויסצולערנען פרידלעך צוזאמענלעבן... יאָ, מײַן פרײַנט, — גיט ער צו ערנסט, — ניט לײַכט גיט זיך אײַן אויסצוּוואָרצלען דאָס אכזאָריעס. מ'דארף דערפאר קעמפן, קעמפן אלעמאָל און אומעטום. קעמפן פארן שאָלעם צווישן אונדזערע ייִנגערע ברידער און קעמפן פאר שאָלעם און פרידלעכן צוזאמענלעבן צווישן זייערע עלטערע ברידער — די מענטשן פון דער גאָרער וועלט!

---

# כראָניק

## א פיעסע — א טאָגבוך

די ליטווישע דראמאטורגן אי׳אקובאס סקליוטאוסקאס און מיקאָלאס יאצקיאוויטשוס האָבן געשאפן א פיעסע אונטערן נאָמען „איך הער די מוזיק". אין יעסאָד פון דער דראמע ליגט די לעבנס־געשיכטע פונעם דײַטשישן קאָמפּאָזיטאָר עדווין גײַסט, וועלכער האָט זיך פארליבט אין א ייִדישער פרוי פון דער קליינער ליטווישער שטאָט פרענײַ און איז אריבערגעפאָרן פונעם פאשיסטישן דײַטשלאנד קיין ליטע. דאָרט איז ער געוואָרן באוווּסט מיט זײַנע באארבעטונגען פון ליטווישע פאָלקסלידער. עדווין גײַסט האָט אויך אָנגעשריבן די ערשטע פונדאמענטאלע מאָנאָגראפיע וועגן ליטווישער פאָלקס־מוזיק און פאָלקס־אינסטרומענטן.

ווען די היטלעריסטן האָבן אָקופּירט ליטע, איז די פרוי פונעם קאָמפּאָזיטאָר פארשפארט געוואָרן אין קאָוונער געטאָ. גײַסט האָט זיך דערשלאָגן, מע זאָל זי באפרײַען. שפּעטער האָט ער אָנגעשריבן אן אנטיפאשיסטישע אָפּערע. די היטלעריסטן האָבן אים דערפאר אומגעבראכט אינעם נײַנטן פאָרט.

בייס דער היטלערישער אָקופּאציע ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן, האָט דער קאָמפּאָזיטאָר געפירט א טאָגבוך, וועלכן ס׳האָבן אויסגענוצט סקליוטאוסקאס און יאצקיאוויטשוס פאר זייער פיעסע. די מעכאברים האָבן ארײַנגעפירט אין דער פיעסע אויך ע. גײַסטס מוזיק.

דער פאָלקס־ארטיסט פון פססר ג. וואנציאוויטשוס האָט אופגעפירט די דאָזיקע פיעסע אינעם ליטווישן אקאדעמישן דראמאטישן טעאטער. דער זשורנאל „טעאטער" האָט די רוסישע איבערזעצונג פונעם ליטעראַרישן וואריאַנט פארעפנטלעכט אין 1979, נום. 5.

דער הענקער אין קאָוונער געסטאפּאָ אלבערט העלמוט ראוק, וועלכער איז שולדיק אינעם מאָרד פון צענדליקער טויזנטער ייִדן און אויך פון עדווין גײַסטן, איז איינער פון די הויפּט־פּערסאָנאזשן פונעם טאָגבוך און פון דער דראמע.

ניט לאנג צוריק איז ראוק אָפּגעזוכט געוואָרן אין קאנאדע. די סאָוועטישע רעגירונג פאָדערט ארויסצוגעבן דעם דאָזיקן פארברעכער, אָבער, צום באדויערן, ציט זיך דער איניען שוין א סאך כאָדאָשים.

די פיעסע פון די ליטווישע דראמאטורגן „איך הער די מוזיק" איז א שארפע באשולדיקונג קעגן פאשיזם.

ו. אראָנאָוו

# איבערזעצונגען

## אבראם קאצנעלסאָן

### פילאטעלי:ע

קליינערהייט כ׳פלעג קלײַבן יענע צייכנס,
וואָס יאָמטויזווים בלויז האָבן באַצייכנט.
שווער געזאמלט, אופריכטיק גערעדט.
און די פרעמדע קריגנדיק קאָנווערטן,
זיך געפלײַסט, אז מארקעס, ניט צעשטערטע,
שיין איך זאָל ארײַנקלעפּן אין העפט.
מארקעס זײַנען איצט פאראן אין קלייטן
רויטע, גרינע, בלויע — בונט, ווי קווייטן,
קויפן אן אלבאָם האָט קיין באטרעף.

סארא וווּנדער די פילאטעלי:ע!
א פאסירונג וועט זיך גלײַך באמי:ען,
ס׳זאָל דערגיין איר עצעם טאָך און זין.
פון דער פּאָטשט-מארקע מע זאָל דערקאָנען
ניט, לעמאָשל, קנעכט פון דער קאָלאָניע,
נאָר דעם קלוגן פאָלקס-העלד כאָ שי מין.

און ווען ניט די מארקעס — ס׳קאָן געשען,—
כ׳וואָלט דעם הערב פון זאמביע ניט זען גאָר,
ווו פון קנעכט די שלאכטלײַט-ריי זיך מערט.
אף א מארקע — א גאניידן-פויגל...
ס׳קוקט א פאפּואס-הערב אין די אויגן,
קנעכט ווערט ווייניקער, און הערבן — מער!

סארא וווּנדער די פילאטעלי:ע!

די רעדאקציע און רעדקאָלעגיע „סאָוועטיש היימלאנד״ באגריסן הארציק דעם באַוווּסטן אוקראַ:נישן דיכטער, אוטאָר פון אונדזער זשורנאל אבראם קאצנעלסאָנען מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

### דער לעצטער טראמווײַ

אהיים כ׳האָב זיך אומגעקערט שפּעט אין דער נאכט.
א ליד שטילערהייט כ׳האָב געזונגען פארטראכט.
עס שיטן זיך בלעטער פארגעלטע אָן צאָל,
לאמטערנס באפארבן די ביימער אין גאָלד,
נאָר ס׳דאכט זיך מיר אויס: ס׳איז ניט הארבסט איצט, ס׳איז מײַ,
עס קלינגט אפן ראָג שוין דער לעצטער טראמווײַ.
א פוסטער ער פאָרט, אף די רעלסן שפּרינגט אונטער,
א לידעלע זינג איך סײַ פריילעך, סײַ מונטער.
ארײַן אין וואגאָן, די קאָנדוקטאָרשע שטיל
א שמייכל געטאָן האָט — זי שפּירט מײַן געפיל.
כ׳בין פול מיט מײַן ליבע געווען ביזן ברעג, —
געציטערט, ניט אויסכליופּען זי מיטן וועג.

איך האָב ניט באמערקט, ווי עס זײַנען געפלויגן
פיל גאסן פארבײַ די וואגאָנישע שויבן.
דעם אָטעם פארהאלט איך, ווען כ׳שליס אוף די טיר.
ארײַן. און א וועטשערע ווארט שוין אף מיר.
מײַן מאמע. ס׳איז דו האָסט זי אָנגעגרייט, דו!
זײַ מויכל, וואָס היטן איך פלעג ניט דײַן רו,
וואָס וועקן איך פלעג דיך אמאָל אין דער נאכט,
כאָטש ס׳זײַנען געווען דײַנע אויגן פארמאכט.
כ׳האָב סײַווי געוווּסט: האָסט געקוקט שטילערהייט,
אינײנעם מיט מיר מיט מײַן גליק זיך געפרייט,
און אופוועקן דיך כ׳וואָלט איצט וועלן, מײַן ליבע,
נאָר ס׳האָט א מאציייווע, א שווערע, א טריבע,
דיך צוגעדעקט, מאמע, אין פינצטערן קייווער,
און איצט וועט דײַן רו ניט צעשטערן שוין קיינער.

כ׳וועל בלײַבן דײַן הייליקן אָנדענק געטרײַ.
ניין, ס׳איז ניט אדורך נאָך מײַן לעצטער טראמווײַ.

ײדיש — דאָרע כײַקינע

* * *

ניט דאָרט אף יענער הימלדיקער שיף,
וואָס שנעל דעם פליִער אין די הייכן טראָגט,
ווען איין־אליין איז ער אין קאָסמאָס טיף, —
ניט דאָרט איז זי, די איינזאמקײַט, ניט דאָרט.

נאָר אָט אינעם געטומל דו דערפילסט,
ווען מיט א פאלשער פריילעכקײַט זיך יאווען
די שרײַער, ווען מע טרינקט א גלעזל יאַין, —
באם טיש מיט אָט די מענטשן איינזאם ביסט.

ײדיש — מ. מאָגילעוויטש

## באלאדע וועגן סטרונעס

דער פידל האָט דאָס גאנצע לעבן
באגלייט דעם פידלער ביז אצינד —
געלעגן אין פוטליאר דערנעבן
ער איז, פונקט ווי אין וויג א קינד.

ווען ס׳איז זײַן לעצטע שאָ געקומען,
ער האָט אין וועג צום הענקערס האק
דעם פידל אויך מיט זיך גענומען,
באוויזן אָנטאָן נאָך דעם פראק.

געטאָן א שפאָן... און אָט — דער יאר איז...
ער שטייט שוין אפן סאמע ראנד.
ארויסגעפאלן פון פוטליאר איז
דער פידל מיט א קלאנג אין זאמד.

נאָר ביז די האק האָט זיך פארהויבן,
ער האָט קיין רעגע ניט געוואַרט:
מיט בלאסע פינגער יעדעס שטויבל
פון סטרונעס אָפּגעטרייסלט צארט...

ײדיש — פּ. קיריטשאנסקי

## פליגל

ווען כ׳האָב געקוקט אף לופט־שיפן אין הימל,
געמיינט: זיי זײַנען, ווי די פויגלען קליין.
בלויז נעבן זיך, אין קריג, געקאָנט באשטימען,
דערזעענדיק אין פעלד זיי, אף א פליין.

עס האָט די לופט־שיף אָדלעריש צענומען
מיט רויטע שטערן אירע פליגל צוויי.
דערפילט, ס׳איז ערשט א קראפט מיר
צוגעקומען,
ווען איך בין דאָ געשטאנען אונטער זיי.

געזען א „יונקערס"... נידעריק געשטיגן,
דערשאָסן פרויען, קינדער האָט דער קאט.
כ׳וועל אים ניט אָנרופן: ער איז באפליגלט,
כאָטש פליגל האָט די לופט־שיף אויך געהאט.

עס האָט די דיִאלעקטיק מיך געלערנט
פון שטרענגן עמעס אף מילכאָמע־וועג:
דערוויס זיך פריִער, וועמען זיי געהערן,
די פליגל, און דערנאָך זיך פרייען מעגסט.

ײדיש — פּ. קיריטשאנסקי

◇ ◇ ◇

## אונדזערע מיטצײַטלער

כאַיִם טאַמאַרקין

# דער גוירל פֿון אַ מענטשן

קאַפּיטאַן פֿון ערשטן ראַנג מאַרק רייטמאַן

בא דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט מיט אַט דעם דאָזיקן מענטשן, פֿון זײַן ערשטן שאָלעם-אַלייכעם, דערפֿילט מען זיך היימיש מיט אים, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן.

איך האָב שוין געהאַט געהערט וועגן דעם געוואַגטן קאָמאַנדיר מאַרק איסײַעוויטש רייטמאַן. אין די צענטראַלע צײַטונגען, ווי אויך אין דער פּרעסע פֿון מורמאַנסק און פֿונעם צאָפּנדיקן פֿלאָט, זײַנען פֿאַר די לעצטע יאָרן ניט איין מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן זײַנע נאָטיצן, אַרטיקלען און אויך לידער צום זינגען, וואָס האָבן אים געמאַכט זייער פּאָפּולער. נאָר וועגן דעם שפּעטער.

ווּ איז דער אָנהייב פֿון זײַן לעבנסוועג? די בּיאָגראַפֿיע פֿון איינעם פֿונעם דאָר קאָמיוגיסטן פֿון די דרײַסיקער יאָרן? נאַטירלעך, אַז זײַן בּיאָגראַפֿיע איז קימאַט אַזאַ, ווי בא דער מערהײַט יוגנטלעכע פֿון די ערשטע פּינפּיאָרן.

מאַרק רייטמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1916 אַף דער וואָלגע אין אַסטראַכאַן. שפּעטער פֿאָרן זײַנע עלטערן אַריבער קיין וולאַדיוואָסטאָק, ווּ זײַן פֿאָטער אַרבעט אין דער פֿישפֿאַנג-אינדוסטריע. מאַרק פֿאַרענדיקט די זיבניאָריקע שול, פֿאַרלאָזט וולאַדיוואָסטאָק, קומט קיין מאָסקווע און לערנט זיך אין אַ פֿאַבזאַוושול. נאָכן פֿאַרענדיקן די שול אַרבעט ער אַלס טאָקער אַף אַ זאַוואָד הינטער מאָסקווע. איינצײַטיק לערנט ער זיך אין אַרבפֿאַק און קומט שפּעטער אָן אין אַ מאָסקווער אינסטיטוט. פֿונעם דריטן קורס ווערט ער לויט אַ ספּעציעלן אָפּקלײַב פֿונעם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון קאָמיוג געשיקט קיין לענינגראַד אין דער מיליטערישער יאַם-שול אַף פֿרונזעס נאָמען. אָט די קאָמיוגיסטן פֿונעם ספּעציעלן אָפּקלײַב, וואָס זײַנען זיך צונױפֿגעקומען פֿונעם גאַנצן לאַנד, זײַנען אין איין-און-פֿערציקסטן יאָר אָפּגעשיקט געוואָרן קיין מורמאַנסק, ווּ זיי האָבן אַף די ראַכוועסן פֿונעם צאָפּנדיקן יאַם, אין די ערשטע שלאַכטן, באַוויזן מוסטערן פֿון העלדנמוט. דער קאָמאַנדיר פֿון פֿלאָט, באַגעגענענדיק די יונגע לייטענאַנטן, האָט געזאָגט: „איך האָב געוואַרט אַף אײַך, עס איז איצט אומרויִק אַף די יאַמען. אײַער דינסט הייבט זיך אָן אַף די טראַלשטשיקעס און וואַך-שיפֿן, אַף די קאַטיערס, עסמינצעס, אונטערוואַסערשיפֿלעך...“

רייטמאַן איז אָנגעקומען אַף אַ טראַלשטשיק אַלס שטורמאַן. אָט איז ער אַפֿן באָרט פֿון דער שיף. זײַן טרוים איז פֿאַרווירקלעכט. די דעמערונג פֿאַרוויקלט די פּאָליאַרע נאַכט... דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט ער זיך מיט דער

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק אונדזער לאַנגיאָריקן אַוטאָר כאַיִם טאַמאַרקין אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 90-טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אַריכאַס-יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

---

פּאָליאַרער נאַכט. צי וועט ער זיך קאָנען ספּראַווען? צי איז ער גרייט קאָמאַנדעווען אויף דער שיף? דעם באַרענצעווער יאַם קאָן ער ניט, בלויז געהערט וועגן זײַנע האַרבע קאַפּריזן...

ער האָט זיך אָבער שנעל צונויפגעלעבט מיטן יאַם און מיט דעם עקיפּאַזש. געגאַנגען אַלץ הײמישער איבער די וואַסערן, ווײַטער: אין טיפן יאַם, אין ווײַטן יאַם! געפירט מיטן טראַולער די קאָנוואָיען באַ די קאַראַוואַנען שיפן — אונדזערע און פון די פאַרבינדעטע מעלוכעס, געזוכט מינעס, כיטרע זיך אויסגעדרייט פון טויט און ווידער געשטאַנען אין דער שלאַכט-ריי פון די טראַלשטשיקעס.

וועגן א טראַלשטשיק פלעגט מען זיך ווערטלען: א געוויינלעכע מיליטערישע אַרבעט, „מע אַקערט דעם יאַם". האָט מען געאַקערט...

אונדזער יונגער פלאָט האָט אויף דעם סאַמע ראַנד פונעם צאָפן-קאַנט, אויפן קאַרעלער פראָנט, געפירט פאַרביטערטע שלאַכטן און זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף מיטן סוינע.

דער ערשטער ווינטער אין מילכאָמע-יאָר האָט זיך אָנגעהויבן מיט שטאַרקע פרעסט, ווינטן און שטאָרמען אויפן יאַם. רייטמאַן דערציילט וועגן יענער צײַט: „מיר שווימען, טאַפּן אָן די מינעס. נאָך אונדז ציִען זיך די שיפן, זיי פאַרלאָזן זיך אויף אונדז.

אַריבער דער ווינטער אין שלאַכטן. געקומען דער אַרקטישער ליטערער מײַ. אַנטקעגן טרעפט זיך א קאַראַוואַן שיפן פון די פאַרבינדעטע — א שווימענדיקע שטאָט, וועלכע איז אָנגעלאָדן מיט אַלץ, וואָס איז אונדז נייטיק פאַרן פראָנט. דער קאַראַוואַן איז געגאַנגען מיט זײַן אייגענעם קאָנוואָי, וועלכער האָט פּלוצעם געביטן דעם קורס, און די שיפן זײַנען געבליבן ניט פאַרהיט פונעם דײַטשישן אָנפאַל. עטלעכע פון זיי זײַנען דערטרונקען געוואָרן. מיר האָבן באַקומען א באַפעל זיך אָנשליסן אין דער רעטונגס-אָפּעראַציע. מיר האָבן געפונען מענטשן אין יאַם, צונויפגעקליבן שווימענדיקע געפעק מיט געווער. די געשעדיקטע שיפן פונעם קאַראַוואַן האָבן מיר געבראַכט אין פּאָרט, איין טראַנספּאָרט אַראָפּגענומען פון א זאַמדיק אָרט און אָפּגעפירט צו אונדזער ברעג. מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט פון די טיפענישן דאָס דערנעענטערן זיך פון א דײַטשיש אונטערוואַסערשיפל, טאָרפּעדירטעס און דערטרונקען. שוין גאָר נאָענט צו דער באַזע איז אויפגענומען געוואָרן א סיגנאַל פון א באַאָבאַכטונגס-פּונקט: „זעקס דײַטשישע יונקערס באַם רעכטן באָרט". עס האָט זיך אויפגעהויבן א צאָרנדיקער פײַער-פאָרהאַנג, וועלכער האָט פאַרוויקלט דעם גאַנצן הימל און בליץ-שנעל זיך אַראָפּגעלאָזט „אָפּצוקילן זיך" אין יאַם-גרונט. איין יונקערס האָבן מיר אַראָפּגעשלאָגן, די איבעריקע האָבן געאײַלט אַראָפּוואַרפן ווי-עס-איז זייערע באָמבעס און זיך אָפּגעטראָגן. און ווי מאָדנע עס איז, נאָר פּונקט אין אָט דעם מאָמענט האָט זיך מיר דערמאָנט דער ווײַטער צער, די קלינגענדיקע דעטאַלן. צי האָב איך, א פּאָשעט אַרבעטער-יינגל, געקאָנט וויסן, אז פון מײַן טאָקער-געשטעל וועט אַרויס די דעטאַל, מיט וועלכער מיר וועלן אַראָפּשלאָגן דעם סוינעס אַעראָפּלאַנען?.."

אַזוי איז אַריבער א ווינטער מיט א זומער פון מאַרק רייטמאַנס שווימען אויף די טראַולערס פונעם צאָפן-פלאָט. ער איז שוין געוואָרן געהילף פונעם אָטריאַד-קאָמאַנדיר,

דערנאָך קאָמאַנדיר, שפּעטער — דער שעף פונעם שטאַב פון די טראַלשטשיקעס.

אין דער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" איז אין די זעכציקער יאָרן געווען אָפּגעדרוקט א מיטיילונג פון א הידראָגראַפישער עקספּעדיציע, וועלכע האָט מיט א צײַט צוריק געפונען אין מידענדאָרפישן אויסגוס צוויי מענטשלעכע סקעלעטן און לויט די געפונענע זאַכן, דעם אַנטועכץ, דעם מעסער און די כּפּייצים, פעסטגעשטעלט, אַז דאָס זײַנען געווען מאַטראָסן. נאָכדעם האָבן זיך אין דער צײַטונג געדרוקט בריוו און נאָטיצן אונטערן קעפּל „דער אָקעאַן אנטפּלעקט דעם סאָד", ווי אויך אַן אַרטיקל פונעם קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן מ. בעלאָוו, וועלכער האָט געשריבן, אַז די מענטשן געהערן געוויס צו דער מאַנשאַפט פון די אומגעקומענע שיפן 29-CKP („ברילּיאַנט") און 120-AM („סאַטורן"). אין א ווײַטערדיקן נומער פון דער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מאַרק רייטמאַנס אַן אַרטיקל. ער האָט מיטגעטיילט: „אָט דער טרויעריקער עפּיזאָד, וועלכן ס'באַשרײַבט מ. בעלאָוו, איז פאַרגעקומען פאַר מײַנע אויגן, און דער אײַנדרוק איז פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן אויפן גאַנצן לעבן. איך בין געווען דער שעף פון דעם שווימענדיקן שטאַב פונעם קאָנוואָי, וועלכער האָט געפירט א קאַראַוואַן שיפן צום אינדזל דיקסאָן. די שיפן האָבן אנטהאַלטן שפּײַז־פּראָדוקטן און געווער פון אַמעריקע, און צווישן זיי זײַנען געווען אונדזערע מיליטערישע שיפן 29-CKP („ברילּיאַנט") און 120-AM („סאַטורן"). זיי זײַנען געגאַנגען אין קאָנוואָי, פאַרטיידיקנדיק דעם קאַראַוואַן פון דער פײַנטלעכער סטײַע אונטערוואַסערשיפלעך".

די טראַגעדיע איז פאָרגעקומען דעם 23 סעפּטעמבער 1944 אין א שטאָק־פינצטערער, כמאַרנע נאַכט. אײנס אזייגער מיט 15 מינוט איז דער קאָרפּוס פון דער שיף „רעוואָליוציאָנער", אויף וועלכער עס איז געווען דער שטאַב פון קאָנוואָי, אויפגעטרייסלט געוואָרן פון א שטאַרקן שטויס. אין אָט דעם מאָמענט בין איך געווען אין דער בודקע באַם שטורוואַל. ווען איך בין אַרויס אויפן אייבערשטן בריקל, האָב איך דערזען אינעם צאַנקענדיקן פלאַם דעם סילועט פון א קאָנוואָי־שיפל, וואָס האָט זיך שנעל אַראָפּגעלאָזט אין די אָפּגרונטן פונעם ים. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַלץ פאַרוויקלט געוואָרן אין געדיכטער פינצטערניש. עס איז געווען אָן יעדן צווייפל, אַז די פאַשיסטישע טאָרפּעדע איז געצילט געוואָרן אין אונדזער שיף „רעוואָליוציאָנער" (די סאַמע גרעסטע צווישן די קאָנוואָי־שיפן). אין דער דאָזיקער מינוט, אָבער, האָט זיך פונקט אויף דעם אָרט געפונען די שיף 29-CKP („ברילּיאַנט"). דער הערויִשער אומקום פון אָט דער שיף מיט זײַן קאָמאַנדיר, דעם עלטסטן לייטענאַנט מאַכענקאָוו האָט אויסגעמיטן פון אונדז דעם טראַנספּאָרט. צום אָרט, וווּ ס'איז דערטרונקען געוואָרן „ברילּיאַנט", האָט געאײַלט דער טראַולער 120-AM („סאַטורן"), וועלכער האָט געדאַרפט נאָכיאָגן און פאַרניכטן דעם סוינעס אונטערוואַסערשיפל. ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אין פּאָרט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז 120-AM איז אויך אומגעקומען.

דער אַנאַליז פון די באַדינגונגען פונעם אומקום פון די צוויי שיפן האָט פעסטגעשטעלט, אַז פון זיי האָבן זיך געקאָנט ראַטעווען אייניקע מיטגלידער פונעם עקיפּאַזש, שווימענדיק אויף פּליטן, געטריבענע פון דעם שטראָם ביזן אויסגוס מידענדאָרף — אַזוי פינף מעסלעס צײַט, ביז די ברעגן פונעם אויסגוס אין ראַיאָן פון דעם קאַרסקער ים. דאָרט, אין דעם אויסגוס, באַווײַזן זיך זעלטן עקספּעדיציעס...

אין סוף פון 1944 יאָר זײַנען די פאַשיסטישע פּיראַטן פאַרטריבן געוואָרן, מיט גרויסע פאַרלוסטן, פון די צאָפנדיקע וואַסערן.

נאָך דער מילכאָמע פאַרענדיקט מאַרק רייטמאַן די העכסטע אָפיצערישע קורסן, ער ווערט באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פון דעם עסקאַדראָן־מינענטרעגער „קאַרל ליבקנעכט", דערנאָך אַלס קאָמאַנדיר פונעם באַרימטן גוואַרדייִשן מינענטרעגער „גרעמיאַטשי". אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרנעמט דער קאַפּיטאַן פון ערשטן ראַנג מאַרק רייטמאַן פאַרשיידענע קאָמאַנדיר־פּאָסטנס אויפן רויטפאָניקן צאָפן־פלאָט.

רייטמאַן איז א מיטגליד פון דער פּאַרטיי פון 1942 יאָר. ער פירט א פאַרצווײַגטע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין דער פּרעסע פונעם צאָפנדיקן ים־פלאָט און אין אַנדערע צײַטונגען — אַלס זשורנאַליסט, מיטגליד פונעם זשורנאַליסטן־פאַריין פון פּסס"ר. שעפערישטעטיק איז ער אויך אַלס דיכטער, אַוטאָר פון א היפּשער צאָל לידער וועגן דעם ים, וועגן זײַנע כאַווײרים־פלאָטלער, וועגן די לעגענדאַרע שיפן פונעם צאָפן־פלאָט.

אין א רעפּאָרטאַזש וועגן דעם יאַם־יאָמטעוו, וועלכער איז דורכגעגאַן אין פּאָליאַרישן קרײַז, שרײַבט די צענטראַלע מיליטערישע צײַטונג „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ": „שוין דעם דרײַסיקסטן פּאָליאַרישן זומער באַגעגנט דער קאַפּיטאַן פון ערשטן ראַנג מ. רייטמאַן. דאָ האָט ער אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן, דאָ האָט ער ווײַטער געדינט נאָך דער מילכאָמע".

דער באַוווּסטער רוסישער שרײַבער ניקאָלײַ פּאַנאָוו פֿלעגט אָפֿט באַזוכן מורמאַנסק. אין זײַנעם אַן אַרטיקל אין „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" דערציילט ער וועגן דעם „האַרבן, שטרענגן „סלוזשביסט", אויטאָר פֿון לירישע לידער מאַרק רייטמאַן, מיט וועלכן מיר איז אויסגעקומען צו דורכמאַכן שטורעמס אויף דער שיף „גרעמיאַטשי" אין באַרענצעווער ים".

אָפּגעדינט עטלעכע און דרײַסיק יאָר אויפֿן פֿלאָט, איז מאַרק רייטמאַן אַרויס אין זאַפּאַס. ער איז אָבער ניט, ווי צווישן די יאַמלײַט דריקט מען זיך אויס, „אָפּגעשריבן אויפֿן ברעג" (списан на берег). ביז איצט איז ער טעטיק אויפֿן צאָפּן־פֿלאָט, ער ווערט אָפֿט אײַנגעלאַדן אַהין ווי אַ פֿאַרדינסטפֿולער וועטעראַן.

אין 1973 איז אין מורמאַנסקער ביכער־פֿאַרלאַג דערשינען מאַרק רייטמאַנס אַ ביכעלע לידער. אין די לעצטע יאָרן האָבן די צײַטונגען „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", „סאָוועטסקאַיאַ קולטוראַ" אאַ. געדרוקט זײַנע לידער מיט נאָטן.

מיר זיצן אין רייטמאַנס באַקוועמער דירע, דאָ, הינטער מאַסקווע. אַהערצו ציִען זיך פֿעדעם פֿון פֿאַרשיידענע שטעט, דערפֿער, אַנשטאַלטן, שולן און קלובן, וווּ מאַרק רייטמאַן טרעט אַרויס אויף אָוונטן, פֿירט געשפּרעכן מיט דער יוגנט וועגן דערציִונג, דערציילט וועגן דעם העראָישן וועג פֿונעם לענינישן קאָמסאָמאָל. ער לייענט נײַע לידער, טרעט אָפֿט אַרויס צוזאַמען מיט די קאָמפּאָזיטאָרן יעווגעני זשאַרקאָווסקי, ליודמילע ליאַדאָוואַ און וולאַדימיר שאַינסקי, מיט וועלכע עס האָט זיך פֿאַרקניפּט אַ נאָענטע פֿרײַנטשאַפֿט.

מיר שמועסן. ער קלײַבט איבער זײַן היימישן אַרכיוו און די ווערק, איבער וועלכע ער אַרבעט. אָט האַלט ער אין די הענט אַ פּאָעמע, אָנגעשריבן פֿאַר דער לעצטער צײַט. איך בעט אים פֿאָרלייענען זי. עס הערט זיך מיט אינטערעס. ער באַשרײַבט די געשיכטע פֿונעם רוסישן פֿלאָט, אָנהייבנדיק פֿון פּיאָטער דעם גרויסן, ווײַטער — פֿונעם סאָוועטישן פֿלאָט.

אין די לעצטע קאַפּיטלען דערציילט ער, וויאַזוי די גרופּע לייטענאַנטן, וועגן וועלכער כ'האָב אויבן געשריבן, קומט אָן אויפֿן צאָפּן־פֿלאָט. „איך האָב אַ טראַכט געטאָן: וויפֿל וועלן זיך אומקערן פֿון אונדז, צוואַנציק לייטענאַנטן? מײַן געדאַנק האָט איבערגעכאַפּט איינער פֿון די צוואַנציק, דער רעכטפֿלאַנגיקער גלאַדקאָוו. ער זאָגט: ווער ווייסט, וואָס עס קאָן מיט אונדז טרעפֿן אויף דער מלחמה. יעדערער האָט אַ מאַמע. מע דאַרף זיך בײַטן מיט די אַדרעסן. ווער סע וועט בלײַבן לעבן, זאָל קאָנען דערציילן. און איך בין דער, וואָס איז געבליבן לעבן..."

יאָ, אַזאַ גורל איז אויסגעפֿאַלן מאַרק רייטמאַנען, דעם קאָמסאָמאָלעץ פֿון די דרײַסיקער יאָרן, דעם פּאַרטייער פֿון די שטורמישע מלחמה־יאָרן, דעם באַגאַבטן דיכטער, וועלכער איז שטענדיק גרייט דינען די אינטערעסן פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט, פֿון אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד.

מאַרק רייטמאַן (לינקס) מיטן שרײַבער נ. פּאַנאָוו בײַסן צאָפּן־יאַמישן רעיד אויפֿן פּאַראַד אין 1963

50 יאָר יידישע אויטאָנאָמע געגנט

מ ו י ש ע   ג אָ ל ד ש ט י י ן

# א מארש אף וואָלאָטשײַעווקע

דער זומער איז געווען א רעגנדיקער. גאנצע טעג זײַנען איבער דער טײַגע געגאנגען גרויסע וואָלקנס. פון די רעגנס האָבן זיך די טײַכן אָנגעפילט און אזויפיל אָנגעטרונקען, אז עס האָט איבערגעשפּארט איבער זייערע ברעגן, און זיי האָבן פארגאָסן אַלע פעלדער און וועגן. אין אזוינע טעג זײַנען די טײַגע-אײַנוווינער ארומגעגאנגען כמורנע און האָבן אויסגעקוקט א שיינעם טאָג. און קוים האָט דער רעגן אַף א טאָג אָדער צוויי אָפּגעלאָזט, האָט מען אײַנגעשפּאנט די הענט, און יעדער איינער האָט געארבעט פאר צען.

אין איינעם אזא כמורנעם טאָג, ווען דער רעגן האָט זיך פארהאַלטן, נאָר איז געהאנגען אָט-אָט אַף אראָפּצופאַלן, האָבן זיך אין קאָלווירט פארשפּרייט קלאַנגען, אז עס וועט אויספעלן ברויט פאר די מענטשן און פיטער פארן פי. מע האָט אין די טעג שטארקער ווי שטענדיק גערעדט וועגן דער שלעכטער אָנפירונג פון דער פארוואַלטונג, וועגן דעם פאָרזיצער, וואָס איז פארנומען מיט „גיגאנטישע בויונגען" און פארזעט די טאָגטעגלעכע באַזאָרגונג, וועגן דעם, אז מע האָט שוין לאַנג געדארפט אריבערפירן די מעל פונעם וואָלאָטשײַעווקער שפּײַכלער נאָך איידער די רעגנס האָבן זיך אָנגעהויבן...

— כאַוועד פאָרזיצער, מאָרגן איז ניטאָ וואָס צו לייגן אין קעסל, — איז כאַסיע די קעכן מעכאַבעד מיט א גוטמאָרגן דעם פאָרזיצער, ווען ער באַווײַזט זיך אין קיך. — נאַט, זעט, וואָס ס'איז געבליבן. — און זי באַווײַזט אים א האַלב זעקל שווארצע מעל.

זי קוקט אים אָן, כאַסיע, איר פארפלאַמט פּאָנעם צעגליט זיך מיט א זשאַר, און אירע אָנגעשפּיצטע, עסנדיקע אויגן רײַסן פון אים שטיקער. ער שווײַגט, לייבמאַן, גיט עפּעס אַן אומצופרידענעם ברום אין זיך און טראָגט זיך ארויס פון קיך. כאַסיע פארוואַרפט אירע נאַקעטע הענט אַף ביידע זײַטן און גיט א פרעג די קיך-ארבעטערנס: „ווי געפעלט ער אײַך, דער באַלעבאָס?" — זי קוקט אים נאָך דורכן פענצטער, ווי ער לויפט אראָפּ צו די שטאַלן, ווי ער שפּרײַזט פון דער סאָפּקע מיט א גיכן, צעטראָגענעם, ניט זיכערן גאַנג, און א געדאַנק גייט איר דורך זייער ניט קיין פריילעכער: „עפּעס א צעטראָגענער אזא, וואָס פלאָנטערט אָן א פלאָנטער".

זי גיט אומצופרידן א הייב מיט די אַקסלען און גייט אָפּ פון פענצטער. צוגעקומען צו דער זײַט פון דער סאָפּקע, וואָס פירט צו די שטאַלן, האָט זיך לייבמאַן געגעבן ראַפּטאָם א שטעל אָפּ. „נאָך וואָס צו די שטאַלן? — לויפט גיך דורך א פראַגע דורך זײַן צעטראָגענעם מויעך. — צי וועלן אים די מענטשן אין די שטאַלן ניט אָפּשפּילן אזא שטיק, ווי כאַסיע האָט אים אָפּגעשפּילט אין קיך?" ער האָט שוין געוואָלט שפּרײַזן אַף צוריק, נאָר

עפעס האָט אים א צי געטאָן פאַרויס צו די פערד: „עפשער וועט מען פאַרט קאָנען שפּאַ-נען?"

געלאָסן, נאָר ניט ווי זײַן געוווינהײַט איז, האָט לייבמאַן אופגעמאַכט די טיר פון דער פערד-שטאַל און פאַרזיכטיק אַרײַנגעשטעקט אַהין דעם קאָפּ. די פערד, דערפילנדיק א מענטשן, האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו דער טיר, און פון זייערע אויגן האָט אף לייבמאַנען א שלאָג געטאָן א וועלט מיט אומהיימלעכקײַט. ער איז אַרײַן אין שטאַל. די פערד האָבן אים שטום נאָכגעקוקט און געבלאָזן מיט די נאָזלעכער. פאַר זייערע מאָרדעס זײַנען גע-האנגען ליידיקע קאַסטנס, זיי האָבן שוין פון דאָרטן ווו א שטויבעלע אויסגעלעקט. ער איז אַרײַן צווישן די פערד, געטאַפּט זייערע אײַנגעפאַלענע זײַטן און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. ער האָט עפּעס מאָדנע געקנייטשט מיט די אויגן, געדרייט דאָס היטל אפן קאָפּ און גערעדט צו זיך אליין: „אָט א מײַסע, כאָטש שפּאַן זיך אײַן אליין אין וואָגן".

אפן שוועל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן מאָטען, דעם קאָניוך, מיט א זאַק אף דער פּלייצע. לייבמאַן האָט זיך א כאַפּ געטאָן און האָט זיך צוריקגעצויגן אין שטאַל אַרײַן. און מאָטע, א ביסל א פּאַרלאָרענער, מיט אויסגעקוילערטע בייזלעכע אויגן, האָט זיך אף הינ-טערוויַלעכס א דריי אַרײַן געטאָן צווישן די פערד און אפגיך אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק פון דער פּלייצע. דערקענט אין מאָטעס צעטראָגנקײַט, אז עפּעס קומט דאָ פאָר ניט גלאַטיקס, האָט לייבמאַן א גיי געטאָן נאָך אים און זיך צעשריִען:

— שטיי, מאָטע! וואָס טוסטו, וואָס האָסטו אין זאַק? — ער האָט אים אָנגעכאַפּט באַם אַרבל. מאָטע האָט זיך אָבער א ריס געטאָן מיט א געשריי:

— לאָזט! די פערד! — אופגעהויבן ווידער דעם זאַק און, שווער עטעמענדיק, האָט ער אײַליק גענומען שיטן צוביסלעך פון זאַק אין די קאַסטנס אַרײַן.

די פערד האָבן זיך פריילעך צעהירזשעט, זיי האָבן א יאָג געטאָן די מאָרדעס אין די קאַסטנס אַרײַן, און אין שטאַל איז געוואָרן פריילעך.

ווען מאָטע האָט אויסגעליידיקט דעם זאַק און איז אַרויס פון צווישן די פערד-קאַסטנס, האָט ער שוין געטראָפן לייבמאַנען אײַנמיטן שטאַל מיטן נאָטיץ-ביכל אין דער האַנט. ער האָט אים א וואָרף געטאָן דעם ליידיקן זאַק פאַר די פיס און אויסגעשריִען:

— נאַט! א מאַקע אף זיי, זאָרגן ניט פאַר די פערד! פאַרזען אזא זאַך, ווי די ביראָ-בידזשאַנער רעגנס! — ער האָט שווער געאָטעמט און מיטן אַרבל געווישט דאָס פּאָנעם.

— אָבער ווו האָסטו די מעל גענומען, מאָטע? — פרעגט לייבמאַן און דאָס קאָל צי-טערט באַ אים.

— גענומען... גענומען... א דײַגע אײַך, ווו גענומען... געגאַנוועט, און פאַרטיק! — ער האָט א שפּײַ געטאָן און מיט פאַראַכטונג א קוק געטאָן אף לייבמאַנען.

— אָבער מאָטע! אזא זאַך?

— וואָסער זאַך?

— די מעל... — אָט איז שוין פאַר אים אלץ געווען קלאָר. ער האָט שוין איצט גוט געדענקט, אז ווען כאַסיע האָט אים אין קיך געוויזן אפן איבערגעבליבענעם האַלבן זעקל מעל, איז דאָרט באַ דער טיר געשטאַנען מאָטע און פאַרדרייט א מאַכאָרקע-ציגײַער... ער געדענקט עס איצט גוט. איצט שטייט מאָטע אַנטקעגן אים, און צווישן זיי ליגט א ליידי-קער זאַק...

לייבמאַן שטייט ווי געליימט, און דורכן קאָפּ פליִען שרעקלעכע געדאַנקען: וואָס וועט זיך עס מאָרגן פאַרטאָג טאָן, ווען כאַסיע וועט דערזען, אז די מעל איז ניטאָ... נאָר ער גיט א רוק דאָס היטל און פרעגט מיט א האַלב מויל:

— ווי מיינסטו, מאָטע, ווען מע זאָל אזוי א שפּאַן טאָן דעם גניאַדן מיט דער קאַרער קליאַטשע?

— איז וואָס וואָלט געווען? — מאַכט זיך מאָטע טאַמעוואַטע.

— וואָלטן זיי אַריבערגעשלעפּט א פּאָר זעקלעך מעל פון וואָלאָטשײַעווקע.

— אין אזא וועג?..

מאָטע שטעלט אף אים אָן די אויגן, רוקט אַרוף דעם דאַשעק, ווי ער וואָלט זיך בע-סער געוואָלט אײַנקוקן אין לייבמאַנס פּאָנעם, און בלײַבט אזוי שטיין מיטן אָנגעהאַנגענעם בליק אף אים.

— איז ווי מיינסטו, מאָטע?

— מעשוגע, — גיט מאָטע א וואָרף אין דער טיף פון שטאַל און לאָזט זיך מיט א געשריי צו די פערד: — ער, לאָשעקעס, באַלעבאַטים האָט איר — אזא יאָר אף זיי! וויפל

מע האָט ניט גערעדט וועגן אויסבויען א שפּײַכלער דאָ אַפן אָרט, איז מען געבליבן בא די רייד.

לייבמאַן, שוין אינגאַנצן א צעטומלטער, איז ארויס פון שטאַל.

מאַטע קריכט ארום צווישן די פערד און קוקט אין די קאַסטנס אַרײַן, וואָס הענגען שוין ווידער ליידיקע. די פערד האַלטן נאָך די מאָרדעס אינווייניק און לעקן דאָס לעצטע ביסל מעל, וואָס האָט זיך פאַרשאָטן אין די ווינקלען, און מאַטע טראַכט שוין ווידער, ווי מע נעמט פאַר די פערד א ביסל שפּײַז, ביז מע וועט עפּעס ברענגען פון וואַלאַטשײַעווקע. ער נעמט ארויס פון קעשענע א שטיק צײַטונגס-פּאַפּיר, רײַסט אָפּ א שטיקל, שיט אָן א ביסל מאַכאָרקע און פאַרדרייט. לעקנדיק מיטן צונג דאָס פּאַפּירל, וואַרפט ער א בליק אַף די הײַזער פון דעם שכײנישן קאָלווירט. בלײַבט ער א מינוט שטעקן מיט דער צונג אַפן שטיקל פּאַפּיר, טראַכט א ווײַלע, פאַרריכערט, גיט א טיפן ציִ מאַכאָרקע און בלאָזט ארויס צוזאַמען מיט א וואָלקן רויך: „נישקאָשע, קאַלזמאַן מאַטע איז קאָניוך, וועלן די פערדלעך פון הונגער ניט שטאַרבן".

ער כאַפּט דעם זאַק און לאָזט זיך א פרײלעכער צום שכײנישן קאָלווירט: „זיי וועלן אויסלײַען א זעקל האָבער — נישקאָשע!" פון זײַנע נאָזלעכער זעצן געדיכטע וואָלקנס רויך. פרײלעך זינגט ער זיך אונטער און יאָגט זיך מיטן זעקל אונטערן אָרעם. דער דרויסן איז א כמורנער. וואָלקנס הענגען איבער דער טײַגע און זײַנען גרייט יעטווידע מינוט ווידער אַראָפּלאָזן א שלאַקסרעגן.

פאַרנאַכט האָט מען צונויפגערופן אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג. דער קלוב איז געווען פול געפּאַקט. ס'האָבן זיך געמישט אָפּגעברענטע, פאַרהאַרטעוועטע פּנעמער פון אַלטע בירָאָבידזשאַנער מיט ווײַסע פּנעמער פון נאָרוואָס געקומענע איבערוואַנדערער. דער קלוב האָט געקאָכט און גערוישט.

די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט דער סעקרעטאַר פונעם פּאַרטיי-קאָמיטעט כאַווער ליאָווע:

— אין טאָג-אָרדענונג שטייט איין פראַגע...

— עסן! — כאַפּט עמעצער אונטער פון די הינטערשטע רייען.

אַף ליאָוועס ברייטן פּאָנעם צעגיסט זיך א שמייכל און ער פאַרענדיקט קורץ:

— יאָ, וועגן עסן... א וואָרט באַקומט כאַווער לייבמאַן.

ס'איז געוואָרן שטיל, אַז לייבמאַן איז אַזש בלאַס געוואָרן. ווי זײַן טעווע איז, איז ער צוגעגאַנגען צום טישל מיטן נאָטיץ-ביכל אין דער האַנט. מיט דעם זעלבן ביכעלע, ווו עס זײַנען בא אים פאַרשריבן אַלע פּלענער פון די „גיגאַנטן", וואָס ער גרייט זיך אויסצובויען אַף דער סאָפּקע... דאָרט איז בא אים אַלצדינג פאַרשריבן. אָט שטעלט ער אָן איין אויג אַף א פאַרשריבן בלעטל, און מיטן צווייטן אויג וואַנדט ער זיך צו דער פאַרזאַמלונג:

— אָט, א מאָדנע לאַגע האָט זיך באַקומען, — זאָגט ער און ציט אַרויף אַף זײַן פּאָנעם א געצוווּנגענעם שמייכל, — אין וואַלאַטשײַעווקער שפּײַכלער ליגן פּראָדוקטן, וואָס וואָלטן געסטײַעט ביז איבערן ווינטער, און דאָ האַלט שוין גאַנץ שמאָל. אָט, אַשטייגער, ליגן דאָרט 150 זעקלעך מעל, און אַף מאָרגן איז שוין ניטאָ קיין ברויט.

— אַף מאָרגן? — גיט א פאַרוווּנדערטע שטים א שלאָג אין דער שטילקייט אַרײַן.

— וואָס זשע האָט מען געוואַרט? — האַלט אונטער א צווייטער.

— מע האָט געוואַרט?.. מע האָט ניט געוואַרט... מע האָט זיך אָנגעטראָפן מיט שווע-ריקײַטן... בירָאָבידזשאַנער שוועריקײַטן... — האָט לייבמאַן געוואָלט אָפּטערן די זאַך מיט א כאַכמע, נאָר פונעם אוילעם האָבן זיך א שאָט געטאָן אָן א שיר בײַסנדיקע פראַגן:

— וואָס האָט די פאַרוואַלטונג געטאָן קאָנקרעט?!

— פאַרוואָס האָט מען נאָך ביז איצט ניט אויסגעבויט קיין אייגענע באַזע!

— וואָסערע מיטלען זײַנען אָנגענומען געוואָרן אַריבערצוברענגען די פּראָדוקטן?

— די פאַרוואַלטונג איז פאַרנומען...

— ...מיט גיגאַנטן, — כאַפּט אונטער איינער דעם אַנדערן.

— מע דאַרף שרײַבן אין ראַיאָן!

— קיין מאָסקווע!

לייבמאַן איז געשטאַנען א בלאַסער, ער האָט געוווּסט, אַז עס איז קעגן אים אָנגע-זאַמלט פּולווער, נאָר אַז עס זאָל הײַנט אָנהייבן אופרײַסן, האָט ער זיך ניט גערעכט.

דאָס גלעקל אין ליאָוועס האַנט האָט זיך געריסן און מעשונעדיק געוואָרפן:

— לאָזט ענדיקן! איר וועט יעדערער באַקומען א וואָרט.

ליאָווען איז אויסגעקומען שווער איינצושטילן די צעוואָרעמטע געמיטער. עס איז שטיל געוואָרן, ווען נאָך לייבמאַנס אייניקע ווערטער, וואָס זײַנען צו קײנעמס אויער ניט דערגאַנגען, האָט געגומען א וואָרט דער אַלטער בירעבידזשאַנער, דער קאָניוך מאַטע.

— שאַ!

— שטיל!

— לאָזט ריידן! — האָט איינער צום אַנדערן געשריִען. מאַטען האָבן אַלע ליב, יעדע־רער ווייסט, ווי איבערגעגעבן ער איז צו דער אַרבעט, פּראָסט, אָן קונצן, — אַן עמעסער בירעבידזשאַנער...

מאַטע איז איצט אָנגעטאָן אין א ווײַס העמדל מיט א דין פּאַסיקל אַרומגעבונדן, אָפּגעוואַשן, און די גלאַטע האָר ליגן צוגעקעמט אויף ביידע זײַטן קאָפּ. די מיידלער קוקן איצט אויף אים מיט גרויס האַנאָע און מיט שלאָגנדיקע הערצער רײַסן זיי שטיקער איינע פון דער צווייטער.

מאַטע האָט אײַנגעצויגן דאָס פּאַסיקל און א זעץ געטאָן:

— עס איז א גרויסע בעזאַבראַזיע, אָט וואָס! — ער האָט א שלאָג געטאָן מיט א פויסט אין דער לופט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן עמעצן שלאָגן. — שוין דאָס פערטע יאָר, ווי איך בין אין בירעבידזשאַן און ס'האָט קיין איין מאָל ניט געטראָפן, אַז עס זאָל אויספעלן קאָרם. אַז מע קאָן ניט פירן מיט פערד, פירט מען מיטן וואַסער... ניט געקאָנט ביז אַהער אויסבויען אַן אייגענעם שפּײַכלער? אַז אונדזער פּאַרזיצער ליגן נאָר אין קאָפּ גיגאַנטן. אָט, נאַט אײַך — גיגאַנטן!.. די פערד שטייען הונגעריקע.

— וואָס איז דײַן מיינונג? — שלאָגט אים ליאָווע איבער מיט א פראַגע. — זאָג, וואָס זאָל מען טייקעף טאָן.

— טאַקע גלײַך אָפּן אָרט?

— יאָ, מאָרגן איז ניטאָ ניט קיין ברויט, ניט קיין פּיטער.

— מאָרגן? — האָט ער א פּיר געטאָן מיט די אויגן איבער דער פאַרזאַמלונג און געזאָגט: — מאָרגן איז א רו־טאָג. זאָל מען א גיי טאָן אויף וואָלאָטשײַעווקע און אַריבער־טראָגן דאָס ביסל פּראָדוקטן.

די בענק זײַנען מיט רויש זיך צעפּאָרן. ס'האָט זיך אופגעהויבן א טומל:

— א שיין ביסל!

— א שפּײַכלער מיט פּראָדוקטן!

— מע וועט דאָך פאַרזונקען ווערן אין בלאָטע!

— וואָס הייסט, אויף די פּלייצעס אַריבערטראָגן? — האָט א נאַרוואָס געקומענע איבער־וואַנדערן א פראַג געטאָן, און פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט שרעק און פאַרוווּנדערונג.

— זאָל גיין די פאַרוואַלטונג!

— זאָלן זיי זיך אַליין אײַנשפּאַנען און שלעפּן!

— זאָלן אַלע גיין, די פאַרוואַלטונג אויכעט!

לאַנג האָט זיך געטומלט אין קלוב. לאַנג איז מען געשטאַנען צווישן די בענק און אַרומגערעדט די קלאָגעדיקע אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג און דעם מאָרגעדיקן מאַרש אויף וואָלאָטשײַעווקע.

די עלמאַנס, אַן אַלט, שוואַך פּאַרפאָלק, האָבן זיך די לעצטע אַראָפּגעלאָזט פון דער סאָפּקע צום טײַך. איינער פון די קאַלוויִרטניקעס, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אַריבערשיפ־לען דעם אוילעם, האָט צו זיי געשריִען מיט כּאַס:

— גיכער א ביסל, קום זיך אויסגעפּאָרעט!

— קום, מייער, קום גיכער, זעסט, מיר זײַנען פון די לעצטע, — האָט ביילע גע־שלעפּט דעם מאַן באַם אַרבל, צוגייענדיק צום שיפל.

— גיכער אַרײַנגעזעצט זיך! איר זעט ניט, אַז עס האַלט פאַר א רעגן? — דער איבערשיפלער האָט א כאַפּ געטאָן די ווּעסלעס, א שפּאַן אײַן געטאָן די פאַרברוינטע אָדער־דיקע הענט און דורכגעשניטן דעם טײַך. גיך האָט ער צוגעבונדן דאָס שיפל צו די אַנ־דערע צוויי, וואָס זײַנען שוין געשטאַנען צוגעפּעסטיקט צום ברעג, און א פרייליכן גע־שריי געטאָן: — גערודעוועט זאָל ווערן! — און ער האָט זיך אוועקגעלאָזט שפּרײַזן איבערן זומפּיקן וועג.

די עלמאַנס זײַנען אין אײַלעניש אוועק נאָך אים.

ס'איז געווען א שטילער, כמורנער פרימאָרגן. די טײַגע האָט זיך געררייכערט, פרי־מאָרגן־ווינטלעך האָבן געבלאָזן איבער דער ברייטער, פרײַער ראַכוועס, געגלעט די ווילדע גראָזן און געמישט די בלעטער פון אורביימער.

שווער איז די עלמאַנס אָנגעקומען, ביז זיי האָבן דערזיאַגט דעם אוילעם.

— גיכער, מייער, לאָמיר גיין צוזאַמען, דאָרט גייען דאָך אַלע, — בעט זיך באַם אַלטן ביילע. זיי האָבן אונטערגעהונקען איבער די בערגלעך, וואָס שטאַרצן ארויס פון די זומפּן, און זיך ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס.

— אַז וואָס דאַרף מען אזוי לויפן, וואָס איז דאָס געיעג? — אָטעמט מייער קוים ארויס, צוקומענדיק צו די הינטערשטע רייען.

— א, רעב מייער!

— א, ביילע! איר זײַט אויך דאָ?

— קומט, קומט זשע, לאָמיר גיין צוזאַמען. — מע נעמט זיי אַרײַן אין דער ריי און מע ווײַזט זיי, וויאזוי צו שפּרײַזן איבער די בערגלעך.

זיי שפּרינגען איבער די בערגלעך און זײַנען אופגעלייגט פון דעם מאָדנעם מאַרש איבערן זומפּיקן וועג אונטערן כמורנעם הימל, וואָס איז גרייט יעדע ווײַלע אראָפּצולאָזן א רעגן. עס ציט זיך א לאַנגע ריי, וואָס מאַרשירט, שפּרינגענדיק אף די בערגלעך. בא א סאך איז נאָך ניט אָפּגעווישט דער שלאָף פון די פּנעמער. עס איז נאָך פרי, נאָר מע אײַלט — דער הימל איז כמורנע, און עס קאָן יעדע מינוט א ליאַפּע טאָן א רעגן, וואָס זאָל פאַרפּלייצן די וועלט.

גייען אין די הינטערשטע רייען מייער מיט ביילען. אין שפּיץ גייען די אַלטע ביראָ־בידזשאַנער. פאַר א סאך פון די נײַע איבערוואַנדערער האָט די גאַנצע זאַך אויסגעוויזן מאָדנע און גאָר אומפאַרשטענדלעך: א גאַנצער יישעוו נעמט און פאַרשליסט די טירן און גייט אריבערטראָגן א שפּײַכלער מיט פּראָדוקטן איבער א זומפּיקן בערגלדיקן וועג, און דאָס — ניט קיין איין ווייאָרסט, נאָר גאַנצע זיבן. גייען טאַקע א סאך און הייבן מיט די אַקסלען.

— הערסט, מייער, ס'איז ניט צו באַנעמען, וואָס דאָ טוט זיך.

— יאָ, ביילעשי, שווער צו פאַרשטיין, ס'איז דאָך גאָר ניט צו דערטראַכטן.

— איך האָב זיך עפּעס אַנדערש פאָרגעשטעלט דאָס ביראָבידזשאַן, — גיט ביילע א רוים אײַן אפן אויער א שכיינע, וואָס גייט לעבן איר, נאָר מייער כאַפּט עס אוף און האַקט אָפּ:

— ניט קעדײַ צו ריידן.

ס'האָט א שפּריץ געטאָן א דין רעגנדל, וואָס האָט באַלד אופגעהערט, האָט זיך ווי פאַרהאַלטן און געבליבן הענגען אין דער לופט.

— אוי, עס רעגנט.

— עפּשער זאָל מען גיין צוריק?

— אויך מיר א רעגן.

— ס'אַף א מינוט.

— ס'עט באַלד ארויס דער עמעסער!

די ערשטע רייען האָבן פאַרגיכערט דעם טראָט. דאָרט גייען מענטשן מיט פעסטע טריט, מיט פיס, וואָס זײַנען שוין געוווינט צו אַלערליי וועגן. די הינטערשטע קומט אויס נאָכצוטאַנצן, קעדיי ניט אָפּצושטיין. מייער מיט ביילען הייבן אָן נאָכצולויפן מיט דריבנע טריטעלעך, נאָר באַלד בלאָזן זיי ביידע גלײַך ארויס:

— ניטאָ קיין קויעך!

זיי זײַנען שוואַכע מענטשן, די עלמאַנס, גאָר שוואַכע. די אַלטע איבערוואַנדערער קוקן אף זייערע פּנעמער, וואָס זײַנען פאַרצויגן מיט א קרענקלעכער רויטקײַט און דרייען מיט די קעפּ.

— איז וואָס, מיינט איר, וואָלט געווען, ווען איר גייט ניט, מע וואָלט אײַך קיין ביילעק ניט געגעבן?

— וו־אַ־אַ־ס? — גיבן זיך ביידע א כאַפּ און ווערן אָנגעצונדן.

— א שיינע מײַסע, זעסטו, ניט גיין! געהערט אזוינס?!..

— די גאַנצע סאָפּקע גייט, זאָלן מיר בלײַבן?!..

זיי קאָנען עס גאָר ניט שענקען, די עלמאַנס, זיי גייען, און עס ברענט אין זיי. א גאַנצן אָפּדערנאַכט האָבן זיי זיך געגרייט צו דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן מאַרש, און פּלוצעם גאָר: „איר האָט ניט געדאַרפט גיין!" א גאַנצן צענדליק בלאַנק־נײַע זעקלעך האָט ביילע

אַרויסגענומען פון איר קאַסטן און צוגעטראָגן לייבמאַנען: „נאָט! ס׳פּעלט דאָך אויס, אַף צוקער וועלן זיי גוט זײַן, נײַנקע". זי האָט אונטערגעטראָגן די זעקלעך מיט אַ פּאַר-פּלאַמט, שײַנענדיק פּנים, ווי אַ צושטײַער צו דער גרויסער זאַך. און פּלוצעם — אַזאַ באַליידיקונג...

זייער פּאַרדראָס איז צעדרונגען געוואָרן באַם געזאַנג, וואָס האָט זיך אַ הייב געטאָן פון די עדשטע רייען. פאַר זייערע אויגן איז שוין געשטאַנען אין זײַן גאַנצער פּראַכט דער העלדישער זון — דער רויטאַרמייער אַפן שפּיץ פון דער פּאַרטיזאַנישער סאַפּקע. אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט, מיט אַ הויך-אופגעהויבענער ביקס, שטייט דער רויטאַרמייער, און איבער זײַן קאָפּ הילכט אוף אַ פרײַ געזאַנג, אַן אײַנגעשפּאַרטס און אַ זיכערס, ווי זיכער עס איז די ביקס אין זײַן האַנט.

— „דאַלניעוואָסטאָטשנאַיא, דאַיאָש אַטפּאָר!.."

וואַלאַטשײַעווקע, וואָס איז שוין געווען פונלאַנג אופגעוועקט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר די טירן און פאַרכידעשט געקוקט:

— וואָס איז עפּעס פאַר אַ מאַרש?

— אַזוי פרײַ?

— וואָס איז דען הײַנט פאַר אַ יאָמטעוו?

— ניט שוין זשע פאַרן אוועק די ייִדן פון דער סאַפּקע?

— ניין, עפּעס גייען דאָך אַלע מיט ליידיקע זעקלעך.

— איז וווּהין זשע קאָנען זיי דאָס אַלע גיין?

פאַר וואַלאַטשײַעווקע, וואָס געדענקט גוט אַ סאַך ווונדערלעכע מאַרשן, האָט דער דאָזיקער מאַרש אויסגעזען מאָדנע. די גאַנצע גאַס, וואָס פירט אין דאָרף אַרײַן, איז געשטאַנען און געהויבן מיט די אַקסלען, און די מאַרשירנדיקע האָבן אַלץ געזונגען זייער ליד.

מייער מיטביילען זײַנען געגאַנגען די לעצטע און האָבן מיטגעזונגען די פּאַר זיי אַ ביסל שווערלעכע ליד. זייערע פּלייצעס האָבן זיך אַ קאַפּעלע אויסגעגלײַכט, און די פּיס האָבן זיך געהויבן אַ ביסעלע גרינגער...

מענטשן זײַנען געשטאַנען און געקוקט, ווי ווונדערלעך שנעל עס אַרבעטן די הענט באַם איבערשיטן און איבערבינדן די זעקלעך. דער סטאַנציע-שעף האָט דורכגעלאָזט דעם צוג און איז צוגעקומען מיטן פּאַרוויקלטן פּענדל אונטערן אָרעם און געשאָקלט מיטן קאָפּ צו לייבמאַנען מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט מיט דעם געמיינט צו זאָגן: „אײַ זײַט איר באַלעבאַטים".

— שוין טאַקע צײַט אויסצובויען אַן אייגענע באַזע, — זאָגט ער, — און אַרײַנפירן דאָס ברויט פון פעלד גלײַך צו זיך. און די פּראָדוקטן, וואָס קומען אָן מיט דער באַן, וואָלט איר אויך געמעגט גלײַך אַרײַנפירן צו זיך. שוין צײַט צו ווערן באַלעבאַטים.

לייבמאַן פאַרשווײַגט. ער שרײַבט אין נאָטיץ-ביכל, מעקט און שרײַבט. עס קאָכט באַם שפּײַכלער, ער געדענקט איצט גאָר ניט, וואָס מע האָט נעכטן אַף דער פאַרזאַמלונג וועגן אים גערעדט. איצט איז ער פאַרנומען מיט צונעמען די מעל און די פּראָדוקטן, און מיט יעדן זעקל, וואָס מע טראָגט אַרויס פון שפּײַכלער, ווערט אים עפּעס גרינגער אַף די פּלייצעס, ער באַפרײַט זיך פון זייער אַ שווערער לאַסט... און זײַן קאָפּ איז שוין ווידער פאַרנומען מיט כעזשבוינעס, מיט ווײַטגייענדיקע פּלענער, און ער באַמערקט שוין קימאַט ניט, וואָס אַרום אים טוט זיך.

מאָטע דער קאָניוך האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ זעקל האָבער און האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן אַהיים:

— וואָס איז דאָ צו וואַרטן! — האָט ער אויסגעשריִען, נאָר מע האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— שטיי, מאָטע, דו וועסט צונעמען אַ שיפל, און ווער וועט עס ברענגען צוריק צום ברעג?

האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק און אונטערגעצײַלט דעם אוילעם:

— גיכער, גיכער, באַלד וועט אַרויס אַ רעגן! — און ער האָט געכאַפּט העלפן.

דער רעגן איז געהאַנגען נאָר אַף אַראָפּצופאַלן. מע האָט געאַרבעט גיך. ווער ס׳איז פאַרטיק געוואָרן מיט זײַן זאַק, האָט זיך גענומען העלפן אַ צווייטן. מייער מיט ביילען האָבן אונטערגעשטעלט זייערע צוויי נײַע זעקלעך און געבעטן, מע זאָל אין זיי שיטן צוקער:

— נײַע זעקלעך, פּונקט אַף צוקער, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

ווען מע האָט אויסגעלײדיקט דעם שפּײַכלער, האָט מען אָף זיך אָנגעלאָדן די זעק און מע האָט זיך געלאָזט צוריק אין וועג אַרײַן. וואָלאָטשײַעווקע האָט שוין איצט מיט די אַקסלען ניט געהויבן. אַלטע פּאַרטיזאַנער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, ווי זיי וואָלטן דערמיט געמיינט צו באַגריסן די זעק, וואָס רוקן זיך אָף זיי. ווײַבער האָבן פאַרכי-דעשטע אָנגעוויזן אָף די אַלטע לײַט:

— זע, אַלע גייען.

— ס'איז א סובאָטניק, מאַמע, פאַרשטייסט? — האָט א מיידל מיט א רויט טיכל אָפן קאָפּ געגעבן צו פאַרשטיין דער מאַמען.

— אַך, א ביסל מענטשן! — שרײַט אויס א יאַטל.

די ערשטע רייען האָבן געפּרוווט א זינג טאָן באַם פאַרלאָזן דאָס דאָרף, נאָר באַלד האָט זיך דאָס געזאַנג אָפּגעהאַקט. די העלדזער זײַנען געווען אײַנגעצויגן, און דאָס קאָל האָט זיך פאַרהאַלטן.

מע האָט פאַרגיכערט דעם טראָט. דער כמורנער דרויסן האָט געטריבן. די בערגן באַם האָריזאָנט זײַנען געשטאַנען אײַנגעהילט אין גרויע וואָלקנס. די סאָפּקעס זײַנען אויך געשטאַנען מיט טונקעלע קעפּ, ווי מע וואָלט אָף זיי אָנגערוקט גרויסע, שווערע היטלען.

— כאַוויירים, לאָמיר זיך צוײַלן, — האָט זיך געהערט א געשריי פון די ערשטע רייען.

א שרעק האָט אַלעמען ארומגעכאַפּט פונעם געדאַנק, טאָמער וועט באַלד אַראָפּ דער רעגן, און מע האָט גענומען שפּאַנען גיכער. איצט איז מען ניט געשפּרונגען איבער די בערגלעך, מע האָט שוין געגוואַדזשעט אין דער בלאָטע און געזעצט די פיס, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

ליבמאַן, מיט א שפּאַרן זאַק אָף די אַקסלען, איז געגאַנגען דעם קאָפּ אָף א זײַט א ביסל אָנגעבויגן און געקוקט מיט האַנאַע אָף די זעק, וואָס האָבן זיך גערוקט אַלץ נע-ענטער און נעענטער צו דער סאָפּקע. דאָרט, פון יענער זײַט סאָפּקע, שטייען שטאַלן, און אין די שטאַלן שטייען פערד, בעהיימעס, כאַזירים און וואַרטן... ער זוכט אָפּ מאָטען. יענער שפּאַנט מיטן זאַק האָבער, וואָס ליגט אָף זײַנע פּלייצעס ווי צוגעוואַקסן: ער איז נידערי-קער, מאָטע, און צווישן די בערגלעך אָפן וועג זעט ער אויס נאָך קלענער. ער איז אויס-געווייקט און אויסגעשמירט אין בלאָטע.

— הא, מאָטע, האָסט ניט געוואָלט געבן קיין צוויי פערד, דער וועג איז א שלעכ-טער, האָסטו געזאָגט! — פּרוּווט אים ליבמאַן א שטאָך טאָן.

— וואָס זשע — דער וועג איז א גוטער?

— אָט זעסטו דאָך.

— וואָס זעט מען?

— מע גייט... — לאַכט ליבמאַן פון זײַן ניט-געלונגענער כאָכמע.

— מע גייט, אַוודע גייט מען, — זאָגט מאָטע און ציט אויס צו ליבמאַנען דעם האַלדז, וואָס איז געשפּאַנט אין בלויע אָדערן, — ווען אָף אײַער אַרט וואָלט געשטאַנען א רעכטער אָנפירער, וואָלט שוין דער וועג לאַנג געווען א וועג.

— אַזוי גאָר? — קרימט זיך ליבמאַן.

— אַזוי, אַזוי, מע וועט שטעלן וועגן דעם די פראַגע. — ער האָט אונטערגעהויבן דעם זאַק אָף די פּלייצעס און זיך אָפּגעקערט פון אים.

ליבמאַן בלײַבט אָף א מינוט שטיין, לייגט איבער דעם זאַק אָפן צווייטן אַקסל, וואַרט אָפּ א ביסל און קומט אויס גלײַך מיט די הינטערשטע רייען. אין די הינטערשטע רייען זײַנען געבליבן די ווײַבער.

— וואָס גייט איר עפּעס באַזונדער פון די מאַנצבלען?..

— קעדיי איר זאָלט ניט הערן, וואָס מיר ריידן וועגן אײַך, — שנײַדט אים אָפּ כאַסיע די קעכן.

— קריטיק און זעלבסטקריטיק, — זאָגט ליבמאַן מיט א שמייכל, — אַדעראַבע, רעדט, רעדט, האָט קיין מוירע ניט. אָבער אין קעסל, כאַסיע, — גייט ער צו איר צו נעענטער, — זעט שוין איצט זײַן וואָס צו לייגן, אַ?

— א דאַנק אײַך אין היטל, געראָטענער באַלעבאָס, א צווייט מאָל, אַז מירן בלײַבן אָן פּראָדוקטן, וועלן מיר אײַך אַרײַנוואַרפן אין קעסל.

די ווײַבער קוקן אָף ליבמאַנען מיט בייזע אויגן, זיי לייגן איבער די זעק פון איין אַקסל אָפן אַנדערן און פאַרלאַנגזאַמערן דעם גאַנג.

— שוין ניטאָ קיין קויעך צו שלעפּן די פיס.

— דאכט זיך — מעל, און ליגט אפן אקסל, ווי א שטיין.
— פונקט אריינגעטראָפן, — קלאָגט זיך א נאָרוואָס געקומענע איבערוואַנדערן.
— כ׳האָב מוירע, אז עס וועט שוין דאָ זײַן דאָס עמעסע לעבן, — זאָגט א ייִדענע סטאם אין דער וועלט אריין.
כאסיע קאָן עס ניט פארלײַדן.
— אין וואָס זעט איר שוין, אז סע וועט זײַן א שלעכט לעבן?
— וואָס זשע, דאָס איז א לעבן? די פיס ווערן דאָך געשוואָלן, שלעפנדיק זיך אין דער בלאָטע.
— ניט אַלע טאָג שלעפט מען זיך דאָך אין בלאָטע. ס׳וועט זײַן א וועג, וועט מען זיך ניט שלעפן אין בלאָטע.
— ס׳וועט זײַן — ווען וועט דאָס זײַן?
— ווען מיר וועלן אוועקשטעלן רעכטע אָנפירער, — ענטפערט כאסיע און קוקט ארויסרופעריש צו לייבמאנען.
די ייִדענע פארשלינגט א זיפצל און שווײַגט. דאָס זיפצל פארדריסט שוין כאסיען גאָר שטארק — דאָס קאָן זי שוין אוודע ניט פארשווײַגן:
— זיפצן איז ניטאָ וואָס, מע האָט קיינעם ניט געצוווּנגען. א סובאָטניק איז א פרײַע זאך, ווער עס וויל — גייט. נויטן האָט מען קיינעם ניט גענויט.
— אזוי גאָר?
— יאָ, און וואָס האָט איר געמיינט?
— כ׳ווייס...
כאסיע קוקט אף איר, ווי זי וואָלט ווארטן אף א סאך פון א ניט-פארענדיקטער פראזע און זאָגט ארויס מיט הארץ:
— אזא יאָר שוין אף מיר, וואָס פאר א לעבן דאָ וועט זײַן. און גאָר אינגיכן. איך ווייס ניט, וויאזוי איר האָט געלעבט דאָרט, בא אײַך, פונוואנען איר זײַט געקומען, נאָר דאָ, בא אונדז, וועט זײַן זייער גוט דאָס לעבן.
כאסיעס ווערטער, ארויסגעזאָגטע מיט אזויפיל הארץ און גלויבן, האָבן עפּעס ווי גרינגער געמאכט דעם זייער שווערן גאנג.
ווען די ערשטע רייען זײַנען אָנגעקומען צום טײַך, האָט אָנגעהויבן טריפן א דין רעגנדל. דער הימל, אינגאנצן א באצויגענער מיט געדיכטע וואָלקנס, האָט אָנגעזאָגט אף לאנגע, גרויסע רעגנס. די הינטערשטע רייען האָבן אָנגעהויבן לויפן נאָך די פאָדערשטע, וואָס זײַנען שוין געווען ניט ווײַט פון טײַך. מע האָט אראָפּגענומען פון זיך די אייבערשטע מאלבושים און מע האָט אײַנגעדעקט די זעק. נאָר דער רעגן האָט זיך פארשטארקט, אוז מיטאמאָל האָט ער א זעץ געטאָן מיט אזא מין רישעס, ווי ער וואָלט אלץ מיטאמאָל גע-וואָלט פארשווענקען.
באם טײַך האָט זיך אופגעהויבן א גרויס געשריי. די הינטערשטע רייען, וואָס זײַנען צום טײַך געלאָפן, האָבן ניט געוווּסט, וואָס שרײַט מען.
— פארוואָס זעצט מען זיך ניט אין די שיפלעך? — שרײַט כאסיע, לויפנדיק א גע-בויגענע אינדרײַען. — וואָס שטייען זיי דאָרט אונטערן רעגן?
— ס׳וועט דאָך טיל-טעל פון די פּראָדוקטן!
— מע מאכט דאָך אש פונעם גוטס!
צוקומענדיק צום טײַך, האָבן זיי דערהערט:
— ניטאָ די שיפלעך!
— א, ניטאָ די שיפלעך?
— ס׳איז עמעצנס א שטיקל ארבעט!
— וואָס הייסט?
— דאָ שטעקט א פרעמדע האנט!
— אוי, מאמעלעך מײַנע!
— זיי זײַנען געווען פעסט צוגעבונדן!
— אָט אָ-דאָ זײַנען זיי דאָך געשטאנען!..
א שרעק איז אלעמען באפאלן און א טשמעל געטאָן איבער די קעפּ.
— וואָס זשע וועט מען טאָן?
— ייִדן, וואָס שטייט איר?!
— עפּשער אראָפּלייגן און לויפן זוכן די שיפלעך?!
— וווּ לויפן, ווען לויפן. זע, ווי ס׳ליאפּעט.

מאַטע קאָניוך האָט זיך געגעבן א רוק ארויס פון טומל, איז צו צום ברעג, — א פיר געטאָן מיט זײַן בליק איבער זײַן אייגענעם קערפּער, פון די פיס צום אקסל, ווי ער וואָלט דערמיט געמיינט זײַן אייגענע גרייס אָפּצומעסטן, און, אפגיך אָפּגעבונדן דעם זאק האָבער פון די פּלייצעס און אופגעהויבן אים אריבערן קאָפּ, האָט ער אויסגעשריִען:

— ס'איז דאָ ניט טיף, נישקאָשע; נאָך מיר — שאַגאָם א־ר־ר־ש!..

ער איז אויסגעוואקסן איבער אלע קעפּ מיטן אופגעהויבענעם זאק אין דער הייך.

אף איין וויַלע איז באַם ברעג געוואָרן שטיל. די מענטשן האָבן זיך א צי געטאָן אף צוריק, דערנאָך א צי פאָרויס. און דער ברעג האָט זיך א זעץ אראָפּ געטאָן אין טײַך ארײַן. איינער נאָכן אנדערן זײַנען די מענטשן ארײַן אין וואסער.

דאָס וואסער האָט געקאָכט און זיך געכוואליעט. אופגעהויבענע הענט און אופגעהויבענע זעק האָבן זיך געטראָגן איבער דעם צעבויטעטן, צעכוואליעטן טײַכל און זײַנען פארשוווּנדן צווישן די ביימער, וואָס אפּן צווייטן ברעג, אף דער סאָפּקע.

גלײַך נאָך די ערשטע האָבן זיך שוין אלע א לאָז געטאָן אין וואסער מיט די פאר־הויבענע זעק און קלומעקעס, נאָכשפּירנדיק נאָכן אומזיכטבארן שטעגל, וואָס מאַטע האָט דאָ דורכגעלייגט אינעם אופגעשוימטן טײַכל. עפּעס א מין פײַערלעכקײַט האָט געהערשט אין די רייען. מע איז געגאנגען ביזן ברוסט אין וואסער שווײַגנדיק און אפילע ניט בא־מערקט דעם ליאַפּענדיקן רעגן, וואָס האָט, ווי מיט א פאָרהאנג, פארהילט די מאָדנע פּראָ־צעסיע פון ייִדן און ייִדענעס.

לאנג האָט זיך נאָך דאָס מוטנע צעבויטעטע וואסער געוואָרפן צו די ברעגן. ס'האָט געכוואליעט און געקאָכט. פון אויבן האָט געגאָסן א שלאקסרעגן.

מייער מיט ביילען האָבן זיך שוין איבערגעטאָן אין טרוקענע מאַלבושים, זײַנען גע־בליבן זיצן איינער אנטקעגן אנדערן, זיך געווישט מיט טרוקענע האנטעכער און געצי־טערט. איצט ערשט האָבן זיי דערפילט א קעלט אין די ביינער. פאר זייערע פיס איז גע־בליבן ליגן א נאס פּעקל אָנטאָן.

— הערסט, מייער, ס'איז ניט צו באנעמען, וואָס דאָ טוט זיך, — האָט א וואָרף גע־טאָן די אלטע, טוליענדיק זיך אין א וואָלענעם טוך.

— יאָ, ביילעשי, שווער צו פארשטיין, — זיפצט מייער, קוקנדיק א פארטראכטער דורכן פענצטער.

פונעם אייבערשטן שטאָק הערט זיך א געזונט־קלינגענדיק פרויען־געלעכטער און א טופּען פון פעסטע פיס...

◇ ◇ ◇

# ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

## פייסי יאַנאָווסקי

(1972 — 1914)

### אין וועג

דער וועג איז מיט ווינטן,
מיט ווילדע בוראַנען,
מיט פראָסט און מיט שנייען פאַרהילט.
אָפּגעמאָלט וויַיס זיַינען צוויַיגן און שטאַמען,
דער ווינט, ווי א שטיפער,
ער לויפט און ער שפּילט.
נאָר שנעלער פון אים אין די שליטנס
געשפּאַנטע
טראָגן זיך הירשן מיט האַרטינקע פאַנטן.
און כעוורע אף שליטנס אין פעלצן זיך
ניורען —
דער אייגענער אָטעם אף פּאָנעם זיך פּילט.

רעדט מען, מע לאַכט,
וויַיל די פרייד האָט קיין ברעגן
אין הערצער, אין יונגע,
וואָס האָבן געלאָזט זיך אף בערישע שטעגן.
נאָר איינער פאַרטראַכט איז
און זאָגט:
„איך פאַרשטיי,
מיַין מאמע געבעטן:
אז אָך און אַז ווי,
וווּהין וועסטו פאָרן,
די טיַיגע — אין שניי!..״
באַם צווייטן די אויגן
שמייכלען געהיים:
„אויב האָסט שוין כאַראַטע —
קער אום זיך אהיים...״
דער וועג איז נאָך וויַיט,
און די הירשן אַלץ לויפן.
עס טרעפן זיך דערפער,
קאָלווירטישע הויפן.

און ס׳קומען צו לויפן
א קוק טאָן די הינט,
ווי ס׳פליִען די רוכעס
אין פראָסט און אין ווינט.

רעדט מען, מע שפּאַסט,
און פאַרשנייט זיַינען וועגן.
פון גרוי־האָריזאָנט
קומט די טיַיגע אנטקעגן.
די כעוורע אין וואַלד —
מיט די העק, מיט די זעגן!

1961

### דער לעצטער שאַמאַן

ער בעט א טאָג,
ער בעט א נאַכט,
ער רופט דעם בייזן גיַיסט.
„ס׳איז שווער די ציַיט און וואָס וועט זיַין?..״
די האָר פון קאָפּ ער ריַיסט.

ער זיפצט,
ער קלערט,
ער איז פאַרשעמט...
„ס׳געווען אמאָל א פעסטע פריַיז:
א הירש,

א הונט,
א בערן-פעל
פאר קונצן, וואָס איך ווײַז..."

ער שטרעקט צום הימל אויס די הענט
און שרײַט:
„אָ, בייזער גײַסט!
מאך קראנק די הירשן און די הינט,
פארדארב די פיש אין טײַך..."
אין יורטע בלאָזט א קאלטער ווינט
טראָגט אָפּ דעם עכאָ גלײַך...

„דו בייזער גײַסט!
דײַן מאכט פארלירסט,
כ'בין עלנט, ווי א שטיין.
דו זעטיקסט זיך מיט אלטן בלוט,
דער קאָרבן — כ'בין אליין".

אף בובנעס שפרינגען ביידע הענט,
די האָר פון קאָפּ ער רײַסט.

דער טויט אין אויגן זײַנע בלענדט,
ער גייט א לעצטן קרײַז.
ער בייגט זיך,
נייגט זיך צו דער ערד
און נאָך א טאנץ האָט ער פארקלערט:
עס שטארבט אן אלטער בער.

ער קושט,
ער לעקט די נאסע ערד.
ס'איז הייזעריק זײַן קאָל.
אין אויג עס פרירט א קאלטע טרער —
ער טאנצט דאָס לעצטע מאָל.

דאָס פּאָנעם פראָסטיק,
דאר און ווײַס,
די אויגן — רויט.
„אָ, בייזער גײַסט?!.."
. . . . . . . . .
א פאל געטאָן אין מיט פון קרײַז
. . . . . . . . טויט.

1935

## א שטורעם בא דער בידע

1

אף דעם שוים פון ווײַסע כוואליעס
שווימען, שלענגלען זיך די פליטן.
דארף מען נעמען פונעם וואסער
און זיי טריקענען און היטן.
קומען כעוורע מיט קאנאטן,
צו אכט מענטשן אין א ריי...
שלעפן זינגענדיקע יאטן
נאָך...
נאָך...
איינס...
צוויי...

2

זײַנען קלעצער דיקע, שווערע,
ווילן זיי אף כוואליעס שווימען.
לויפן גיכער בלויע שטראָמען,
כוואליעס פליעסקען, כוואליעס ברומען,
זײַנען כעוורע נאָך געקומען,
צו אכט מענטשן אין א ריי...
אָנגעשטרענגט זיך און גענומען
נאָך...
נאָך...
איינס...
צוויי...

3

קלינגט אן עכאָ איבער טײַגע,
הייסע שטימען זינגען, שרײַען.
נעמט מען קלעצער, גרויסע פליטן
פאר די הײַזער און געבײַען.
ווײַסע כוואליעס, פליטן קומען,
צו אכט מענטשן אין א ריי...
פעסטער, פעסטער און גענומען
נאָך...
נאָך...
איינס...
צוויי...

4

איז דער ברעג א הויכער, גרויער,
לאנג און דיק זײַנען די שטריק.
נעמט מען קלעצער פאר די מויערס,
איבער בירע נאָך א בריק.
ווײַסע כוואליעס, פליטן שווימען,
צו אכט מענטשן אין א ריי...
אָנגעשטרענגט זיך און גענומען
נאָך...
נאָך...
איינס...
צוויי...

# קונסט, וואָס דערוואַרעמט הערצער

א שטענדיקע טראַדיציע איז אין ריגע געוואָרן דער יערלעכער קאָנצערט פון ייִדישע פאָלקס־לידער, וועמענס באַגײַסטערטער קאָמפּאָזיטאָר ס׳איז דער פּראָפעסאָר מאַקס גאָלדין. אויך דאָס מאָל זײַנען געווען פאר די ריגער טוישווים און פאר פּילצאָליקע געסט פונעם קוראָרט־ראַיאָן יורמאַלאַ א גרויסער יאָמטעוו די צוויי קאָנצערטן פון דער ייִדישער פאָלקסליד.

די צושויער האָבן הייס באַגריסט דעם קאָמפּאָזיטאָר און די אויספילער — די אַרטיסטן פון דער לעטישער מעלוכישער פילהאַרמאָניע אדע סוועטלאָווא (מעצאָסאָפּראַנאָ), גענאַדי ראָזענבערג (טענאָר), נאַטאַליע שרעדער (פּאָרטעפּיאַנע) און באָריס אווראַמעץ (פידל).

דער קאָמפּאָזיטאָר און די אויספילער האָבן געגעבן א נײַע פּראָגראַם. ווי שטענדיק, זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן כאַראַקטעריסטישע לידער, וועלכע זײַנען אַרײַן אין גאָלדענעם פאָנד פון דער ייִדישער מוזיקאַלער קלאַסיק. מיט די נײַע לידער האָבן אופגעלעבט נײַע געשטאַלטן — סאַמע פאַרשיידענע, אָבער קעסיידער עמעסדיקע און טיף לירישע.

מיט דערמאָנונגען וועגן דער ווײַטער קינדהײַט, וועגן די אף אייביק פאַרשווונדענע אייגן־נאָענטע געשטאַלטן זײַנען דורכגעדרונגען די לידער־זיכרוינעס „קינדער־יאָרן" און „מוישעלע מײַן פרײַנט", וועגן צאַרטער, רירנדיקער ליבע — „רייזעלע" און „מאַרגאַריטקעלעך". טיף טראַגיש איז די וויגליד „זיאַמעלע": דער טרוים וועגן קינפטיקן גליק ווערט פאַרוואַנדלט אין פינצטערן דאַלעס. מיט א דערשיטערנדיקער עמאָציאָנעלער קראַפט קלינגט דער הימן דער מוטער („א ייִדישע מאַמע"), די ליד וועגן דער פרוי („איישעס־כאַיל"), די בילדלעך פונעם שטעטלדיקן קינדער־לעבן („און אין כיידער גייענדיק", „דרײַ ייִנגעלעך").

א הײַנטצײַטיקן אָטעם, א געפיל פון באַזונדערער פרישקײַט האָבן אַרײַנגעטראָגן די לעבנסבאַשטעטיקנדיקע עסטראַדע־לידער.

איידל און מײַסטעריש גייט צו מ. גאָלדין צום פאָלקס־קוואַל, פאַרטיפערנדיק און אַנטוויקלענדיק די געשטאַלטן פון דער מעלאָדיע. דערבײַ באַזירט זיך קעסיידער דער קאָמפּאָזיטאָר אף די ספּעציפישקײַטן פון דער עצעם ליד, אין רעזולטאַט פון וואָס עס אַנטשטייט א נײַ קינסטלעריש ווערק, זייער א נאַטירלעכס און אָרגאַנישס. אזוי, לעמאָשל, ווערט די ליד „א דודעלע" פאַרוואַנדלט אין א פאַנאַנדערגעוויקלטער פּאָעמע. ווי א מוסטער פון פּאָעטישער ליריק קלינגען די לידער „מאַרגאַריטקעלעך" און „טויבן שטייען בא מײַן פענצטער".

א געפינס פונעם קאָמפּאָזיטאָר איז דאָס, וואָס ער האָט אַרײַנגעפירט א נײַעם אָנטיילנעמער אינעם אַנסאַמבל — דאָס פידעלע. דער קלאַנג פונעם פידל טראָגט אַרײַן צוגאָב־פאַרבן, באַרײַכערט באַדײַטנדיק די עמאָציאָנעלע ספער פון די לידער. אַדאַנק דעם שפּאַנענדיק־עמאָציאָנעלן טעמבער פונעם פידל האָט אף א נײַעם אויפן אָנגעהויבן קלינגען די באַוווּסטע ליד „א ייִדישע מאַמע". זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א וואָקאַליש־אינסטרומענטאַלן דיאַלאָג, ווו די שטים פונעם פידל האָט „דערעדט" דאָס, וואָס ס׳איז אומעגלעך אויסצודריקן מיט ווערטער.

א היפּשע צאָל פאָלקסלידער האָבן געקלונגען פון דער קאָנצערט־עסטראַדע צום ערשטן מאָל, אָבער אויך צו די שוין גוט באַוווּסטע לידער האָט מ. גאָלדין געפונען זײַן אייגענעם אָריגינעלן צוגאַנג. אזוי, לעמאָשל, האָט דער קאָמפּאָזיטאָר אונטערגעשטראָכן אין דער פּאָפּולערער ליד „פּאַפּיראָסן" די פאַרצווייפלונג און אויסזיכטלאָזיקײַט. באַם דועט פון די סאָליסטן האָט די ליד באַקומען א נײַעם קלאַנג — א שאַרף טרויעריקן.

דער אויספילערישער קאָלעקטיוו האָט אין א קורצן טערמין צוגעגרייט א קאָמפּליצירטע פּראָגראַם. דערבײַ האָבן די אויספילער — באָריס אווראַמעץ, נאַטאַליע סוועטלאָווא, גענאַדי ראָזענבערג — אַרײַנגעטראָגן ניט ווייניק אינטערעסאַנטע אידייען און ניואַנסן. איצט קאָן מען ריידן וועגן דעם, אז אין ריגע האָט זיך געשאַפן א ייִדישער קאָנצערט־אַנסאַמבל, וועלכער קאָן ווירדיק אַרויסטרעטן אף די בינעס פון אונדזער לאַנד.

די באַגײַסטערונג פון די אַרטיסטן, זייער שטרעבונג איבערצוגעבן די שיינקײַט פון די מוזיקאַלישע און פּאָעטישע געשטאַלטן, דער הויכער פּראָפעסיאָנאַליזם און דער קינסטלערישער געשמאַק האָבן גאַראַנטירט א דערפאָלג פונעם קאָנצערט. די אָוונטן פון דער ייִדישער ליד האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עמעסן יאָמטעוו.

ל. בערעזאָווסקאַיאַ

# מאטעריאלן פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן"





צום 50־טן יובילײ פון אונדזער צוויימאל ארדענטרעגערישער יידישער אוטאנאמער געגנט וועלן די ביראביד־זשאנער בויער שענקען די איינוווינער פון שטאט א גלענצנדיקע מאטאנע — די געביידע פון דער געגנטלעכער פילהארמאניע.

— דאס וועט זיין, אן ספק, איינער פון די שענסטע מויערן אין געגנט־לעכן צענטער, — זאגט דער הויפּטאַר־כיטעקטאר פון שטאט ב. נ. פאסטער־נאק. — די געביידע, וואס איר פּראיעקט האט פאנאנדערגעארבעט די שפּעציעלע גרופּע פון אינסטיטוט „גיפּראטעא־טער", וועט זיין פון גלאז, בעטאן און שטאל. 550 צושויער וועט איינעמען דער צושויער־זאל מיט א זיך־באוועגנ־דיקער בינע. פאר די רעפּעטיציעס וועלן דא זיין ספּעציעלע צימערן, פאר די באזוכער — געמיטלעכע לאקאלן, בי־פעטן, פאיע.

# אכטונג, כאוויירים לייענער!

די שול פון יונגע זשורנאַליסטן בא דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „בירעבידזשאַנער שטערן" מעלדעט אַן אופנאַם פון צוהערער אַפּ דער באַטאַגיקער און הינטערויגיקער אָפּטיילונגען. די לימודים אין דער שול און די קאָנסולטאַצ עס פאַר די צוהערער וועלן פירן די ליטעראַטן פון געגנט, די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", ווי אויך זשורנאַליסטן פון די געגנטלעכע צײַטונגען.

די, וואָס פאַרלאַנגען זיך לערנען אין דער שול, דאַרפן צושיקן אַ מעלדונג און אַן אויטאָביאָגראַפיע.

עס ווערן אָנגענומען פּערזאָנען ניט עלטער פון פערציק יאָר, וועלכע קענען ייִדיש און האָבן אַ נייגונג צו ליטעראַרישער אַרבעט.

די דאָקומענטן ווערן אָנגענומען ביזן 30סטן סעפּטעמבער. די פאַרנעמונגען הייבן זיך אָן פונעם 1 אָקטיאַבער האַיאָר.

דעם בעטאָנירער פונעם בירעבידזשאַנער זאַוואָד פון אײַזנבעטאָנאַרטיקלען קאָמיוגיסט וולאַדימיר שליפּער קען מען גוט אַפּ דער אונטערנעמונג. דאָ מידט ער זיך שוין פינף יאָר, האָט זיך פאַרעקאָמענדירט אַלס גוטער געזעל־שאַפטלער, איז אויסגעוויילט אַלס דעפּוטאַט פונעם שטאָטישן סאָוועט פון פאָלקס־דעפּוטאַטן.

◆

אַפּן בילד: וו. שליפּער.

מירע שימענקאָ

# אין מײַן זיקאָרן

## א קורצע דערמאָנונג פון דער מילכאָמע־צײַט

אין מײַן זיקאָרן זײַנען פאַרבליבן אומדערוואַרטע באַגעגענישן מיט נאָענטע מענטשן אין קאַלטן גרויזאַמען 1942 יאָר, ווען כ׳האָב געלעבט אין דער באַשקירער שטאָט אופא, אין עוואַקואַציע.

עס דערמאָנט זיך מיר איינער א ווינטערדיקער טאָג, דער פראָסט האָט דערגרייכט 40 גראַדוס, ס׳האָט געבלאָזן א שטורעמדיקער ווינט. כ׳האָב זיך אומגעקערט פונעם מאַרק, וווּ עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אויסבײַטן א פּאָר וועש אף א באַנקעלע האָניק. פלוצעם האָט דאָרט צוגעצויגן מײַן אויפמערקזאַמקײַט א מענטש, וועלכער איז געגאַנגען אנטקעגן מיט אן אנטבלויזטן קאָפּ. זײַן גרויסע קוטשמע האָר איז געווען באַשאָטן מיט שניי. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א פאַרלאַטעטער פופײַקע, ארום האַלדז ארומגעוויקלט מיט א פאַטשיילע אָדער האַנטעך, אין אָפּגעריבענע וואַליקעס, מיט א טאָרבע אף דער פּלייצע. זײַן פּאָנעם האָט מיר אויסגעוויזן צו זײַן באַקאַנט.

אָפּגייענדיק עטלעכע טריט, האָב איך זיך אומגעקוקט. דער מענטש האָט אויך געקוקט אף מיר אָנגעשטרענגט — ווײַזט אויס, איך האָב אים עמעצן דערמאָנט. אזוי זײַנען מיר געשטאַנען עטלעכע מינוט און ביסלעכווײַז זיך דערנענטערט איינער צום אנדערן. דאָס איז געווען בענדעס, דער געוועזענער דירעקטאָר פונעם קיִעווער יִידישן מעלוכע־טעאַטער, וועלכן איך האָב ניט געזען פון 1931 יאָר. ער האָט אויך אין מיר דערקענט די סטודענטקע פונעם קיִעווער טעאַטראַלן אינסטיטוט. ביידע זײַנען מיר געווען דערשיטערט פון דער פלוצעמדיקער באַגעגעניש. ס׳איז שווער געווען אין דעם פאַרלוירענעם, גראָווען מענטשן דערקענען דעם סימפּאַטישן, ווייכהאַרציקן, שטענדיק שמייכלענדיקן כאַווער בענדעס. א קנויל טרערן האָט מיך געשטיקט אין האַלדז.

— איך זוך מײַן ווײַב. איר געדענקט זי?

— פאַרשטייט זיך, געדענק איך. אן אויסגעצייכנטע אַקטריסע פונעם קיִעווער מעלוכע־טעאַטער. איר פאַמיליע איז ראַטענבערג.

— דאָס צווייטע יאָר, ווי איך זוך זי...

דער צעטומלטער בליק, דאָס פאַרוואַקסן פּאָנעם און די צעפּאַטלטע גראָווע האָר אפן קאָפּ האָבן געשאַפן אן אײַנדרוק פון א ניט נאָרמאַלן מענטשן. ס׳האָט זיך מיר אזוי געוואָלט מיט עפּעס־וואָס אים העלפן. איך האָב אים פאַרגעלייגט דאָס באַנקעלע האָניק, נאָר ער האָט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט:

— א דאַנק אײַך, איך בין זאַט. איך לעב צוזאַמען מיט א גרופּע כאַווירים פון קיִעוו. היינט פאָר איך אָפּ קיין טאַשקענט...

מיר האָבן זיך געזעגנט, איך האָב אים פאַרוויקלט דעם האַלדז, פאַרשפּיליעט דאָס וואַטאָווע רעקל, געווונטשן אים א גליקלעכן וועג און אפגיך אנטלאָפן, פילנדיק, ווי איבער מײַנע באַקן רינען שווער געוואָרענע פונעם פראָסט טרערן...

אין עוואַקואַציע האָב איך אַף קיין איין טאָג ניט פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיט מײַנע פאַרמילכאָמעדיקע פרײַנט און כאַווײרים פונעם ביראָבידזשאַנער טעאַטער. כ׳האָב נאָך אַלץ געטרוימט זיך אומקערן צו שעפערישער אַקטיאָרישער און רעזשיסערישער טעטיקײַט, צו וועלכער איך האָב זיך געגרייט אין מעשעך פון אַ סאַך יאָרן.

מײַנע כאַווײרים האָבן מיך גערופן קומען קיין ביראָבידזשאַן, ווו איך וועל האָבן אַ מעגלעכקײַט ניט נאָר צו פאַרגרינגערן די מאַטעריעלע לאַגע, נאָר אַרבעטן לויט מײַן באַרוף. און אין אָקטיאַבער 1942 האָב איך דאָס צווייטע מאָל באַטראָטן די ביראָבידזשאַנער ערד.

פאַר די אַכט יאָר, זינט איך האָב פאַרלאָזט ביראָבידזשאַן, איז די שטאָט געווען ניט צו דערקענען. עס זײַנען אויסגעוואַקסן פילשטאָקיקע מויערן, ברייטע פּראָספּעקטן און נײַע גאַסן. ס׳האָבן זיך באַוויזן אַ סאַך פאַבריקן און זאַוואָדן, נײַע לערן-אַנשטאַלטן. באַזונדערס האָט מיך דערפרייט דער נײַ-אויסגעבויטער טעאַטער — אַ פּרעכטיקע צוויישטאָקיקע געבײַדע, אַ גרויסער צושויער-זאַל, אַ ברייטע געראַמע בינע, אַן אויסגעצייכנטע אַקוסטיק. דער טעאַטער האָט פאַרמאָגט פאַרשיידענע צימערן, אַ רײַכן קאָסטיומערן-צעך. און געהאַט ער אַ היפּשן שטאַט פון שעפערישן באַשטאַנד און טעכנישע אַרבעטער.

לויט דער אַקטיאָרישער מײַסטערשאַפט איז ער ניט אָפּגעשטאַנען פון די פאָרגעשריטענע טעאַטערן פון אונדזער לאַנד. מיך האָט פריידיק געוווּנדערט דער שעפערישער וווּקס פון די געוועזענע סטודענטן פון דער מאָסקווער טעאַטראַלער סטודיע. דערפאַרענע און רײַפע אַקטיאָרן זײַנען געוואָרן יאָסיף גראָס, מאַניע קאַרלאָס, כאַים געלפאַנד, לייע קאַלינע און אַ סאַך אַנדערע.

אַ טיפן אײַנדרוק האָבן געמאַכט די פאָרשטעלונגען פון יענע יאָרן: ק. סימאָנאָווס „רוסישע מענטשן", ל. לעאָנאָווס „אינוואַזיע", ק. גוצקאָווס „אוריִעל אַקאָסטאַ", פּ. מאַרקישעס „מאַלצײַט", א. גאָלדפאַדענס „די קישעפּמאַכערן", ש. האַלקינס „דער שפּילפויגל".

באַזונדערס האָט זיך מיר פאַרקריצט אין זיקאָרן פון יענע יאָרן יאָסיף גראָס (קאַלין) מיט זײַן פאַרשיידנאַרטיקן שעפערישן דיאַפּאַזאָן. די ראָל פון דער מאַכשייפע אין דער „קישעפּמאַכערן" האָט ער אויסגעפילט אין אַ שאַרף סאַטירישן פּלאַן, אין מאַניר פון פאָלקס-קאָמעדיע. מיט עכטן הומאָר פלעגט ער זיך באַווײַזן אַף דער בינע אין אַ צעפאַטלטן גראָוון זקיינישן פּאַריק, אין אַ ווײַבערשער קלייד און מיט לוסטיקער שפּילעוודיקײַט דורכפירן זײַנע קישעף-שטיק, זינגענדיק און טאַנצנדיק. מיט זײַן טעמפּעראַמענט און מײַסטעריש-פּלאַסטישער באַוועגונג פלעגט ער אויפברויזן דעם צושויער-זאַל.

גאָר אין אַן אַנדער פּלאַן האָט ער אויסגעפילט דאָס געשטאַלט פון אוריִעל אַקאָסטאַ.

מיט אָט דער דראַמאַטיש-העראָישער ראָל האָט גראָס זיך שפּעטער ניט צעשיידט אַ סאַך יאָרן, אַרויסטרעטנדיק מיט איר אין קאָנצערט-פּראָגראַמען אַף ייִדיש און רוסיש.

כאַים געלפאַנד איז אויסגעוואַקסן אין ביראָבידזשאַנער טעאַטער אַלס רעזשיסער. זײַנע פאָרשטעלונגען פון שאָלעם-אַלייכעמס „200.000" און מױשע גערשענזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" זײַנען דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. געלפאַנד איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע רעזשיסערן, אים איז צוגעטיילט געוואָרן דער טיטל פאַרדינסטפולער קונסט-טוער. אַ סאַך יאָרן האָט ער געאַרבעט אַלס הויפּט-רעזשיסער אין די דראַמאַטישע רוסישע טעאַטערן פון נאָרילסק און קראַסנאָיאַרסק.

אַ טאַלאַנטפולער רעזשיסער איז געוואָרן אין ביראָבידזשאַן אויך מיכאַיל פרידמאַן. אין די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן האָט ער געשאַפן אין ווײַסרוסלאַנד אַ פאָלקס-טעאַטער, וועלכער האָט געהאַט אַ שעם איבער דער גאַנצער רעפּובליק.

דער ביראָבידזשאַנער טעאַטער איז אין די שווערע מילכאָמע-יאָרן געווען אויסשליסלעך מאָבילדזירט און אַרבעטספעיִק. ער האָט דורכגעפירט אַ גרויסע שעפטום-אַרבעט, גאַסט-ראָלירט אין פאַרשיידענע שטעט פונעם לאַנד.

אַ סאַך מי האָט אין דער אַקטיווער טעטיקײַט פונעם טעאַטער אַרײַנגעלייגט זײַן דירעקטאָר פאַלינע גאַפּונג — אַן אויסגעצייכנטע אָרגאַניזאַטאָרן, אַ קאָמוניסטקע און כיינעוודיקע פרוי. זי האָט ליב געהאַט דעם טעאַטער און די אַקטיאָרן, און איר האָט זיך אײַנגעגעבן אופהיטן די געהעריקע שעפערישע אַטמאָספער.

אַ היפּשן צושטײַער אין באַרײַכערן דעם רעפּערטואַר פונעם טעאַטער האָט אַרײַנגעטראָגן די ביראָבידזשאַנער טאַלאַנטפולע גרופּע שרײַבער. מיט גרויס דערפאָלג זײַנען אויפגעפירט געוואָרן בוזי מילערס פּיעסע „ער איז פון ביראָבידזשאַן", עמאַנויִל קאַזאַקע-

וויטשעס „מילך און האָניק", העשל ראבינקאָווס „רווון בורלעס" און „אין די קרימער בערג".

די פרעסע האָט הויך אָפּגעשאצט די קינסטלערישע ארבעט פונעם טעאטער און פון זייַנע שעפער. באזונדער באלערעוודיק זייַנען געווען די קריטישע ארטיקלען און רעצענזיעס פונעם טאלאנטפולן זשורנאליסט נאָכעם פרידמאַן. די אָרטיקע גרופּע שרייַבער און קולטור-טוער האָבן אקטיוו אָנטיילגענומען אין דער ארבעט פונעם קינסטלערישן ראט, אינעם אָפּקלייַבן דעם געהעריקן רעפּערטואר, אין די צושויער-קאָנפערענצן.

דער טעאטער איז געוואקסן ווי א וויכטיקער קולטור-צענטער אין דער געגנט, האָט אנטוויקלט און צעמענטירט דעם קינסטלערישן געשמאק פון די צושויער.

ווען איך בלעטער אינעם זיקאָרן דעם דאָזיקן פּעריאָד פון מייַנע אייַנדרוקן, וועלכע עס האָבן אױף מיר געמאכט דער טעאטער און די קולטורעלע סוויווע ארום אים, קום איך צום אויספיר, אז דאָס צוריקומען קיין ביראָבידזשאן איז געווען פאר מיר ניט בלויז דער מאָקעם-מיקלעט, וווּהין עס האָט מיך פארטראָגן די עוואקואציע אין די שווערע מילכאָמע-יאָרן. אין ביראָבידזשאן האָב איך באקומען א מעגלעכקייַט אָנצווּוּענדן מייַן שעפערישן בארוף, צו וועלכן איך האָב זיך געגרייט פיל יאָרן פאר דער מילכאָמע. עמעס, אױף אקטיאָרישער טעטיקייַט האָב איך פרעטענדירן ניט געקאָנט, ווייַל צופיל האָט געדויערט דער איבעררייַס אין מייַן שאפונג, אָבער אױף פּעדאגאָגישער און רעזשיסערישער טעטיקייַט האָב איך געהאט פולע רעכט, פארמאָגנדיק טעאטראלע בילדונג, וועלכע איך האָב דעראָבערט אין קיִעווער טעאטראלן אינסטיטוט אױפן נאָמען פון ליסענקאָ.

מייַן צעניאָריקע מי אין ביראָבידזשאן איז דורכגעגאנגען אין שווערע קאָמפּליצירטע באדינגונגען. זי האָט מיך אָבער באגייַסטערט און געבראכט גרויס שעפערישן פארגעניגן.

## אין געגנטלעכן ראדיאָ-צענטער

א באדייַטנדיקע ראָליע אין פּאָפּוליאריזירן דעם ביראָבידזשאנער מעלוכע-טעאטער פארן ברייטן מאסן-צושויער האָט געשפּילט דער געגנטלעכער ראדיאָ-צענטער. בייס דער מילכאָמע האָט מיט אים אָנגעפירט דער יונגער טאלאנטפולער זשורנאליסט מאלצמאן.

דערוויסנדיק זיך, אז איך האָב א שייַכעס צו טעאטער-קולטור און פארמאָג טעאטראלע און ליטערארישע בילדונג, האָט ער מיר פאָרגעלייגט ארבעטן אין ראדיאָ-קאָמיטעט אלס אָרגאניזאטאָר און רעדאקטאָר פונעם ליטעראריש-דראמאטישן אָפּטייל. איך דערמאָן זיך איצט, מיט וואָס פאר א באגייַסטערטן אומרו בין איך צוגעטראָטן צו דער דאָזיקער ארבעט.

דער געגנטלעכער ראדיאָ-קאָמיטעט האָט זיך דאן געפונען אין א קליינער הילצערנער איינשטאָקיקער געבייַדע אױף דער לענין-גאס (אנטקעגן דער פּאָטשט), און אין דער דאָזיקער ענגשאפט איז אויסגעקומען צו ארבעטן אלע אָפּטיילונגען. די ראדיאָ-טראנסלירונגען זייַנען אָבער געווען שטרענג אָרגאניזירט און אָנגעזעטיקט מיט טיפן אינהאלט, די מיטארבעטער האָבן געארבעט מיט ענטוזיאזם.

מייַן אופגאבע איז באשטאנען אין אָרגאניזירן און ליטעראריש באארבעטן דעם מאטעריאל — קינסטלערישע דערציילונגען, פארצייכענונגען וועגן דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, פּאָפּוליאריזירן די בעסטע ווערק פון סאָוועטישע שרייַבער. דער מאטעריאל, וועלכן מיר האָבן געגרייט פאר דער ראדיאָ, איז שטענדיק געווען הייַנטצייַטיק און צילגעווענדט. ער האָט געדארפט סטימולירן די שטימונג פונעם סאָוועטישן מענטשן, פלאנצן אין אים א טיפן גלויבן אין ענדגילטיקן ניצאָכן איבערן פאשיזם, אָפּשפּיגלען דעם העראָיזם פון דער סאָוועטישער ארמיי.

אין עפיר האָבן אָפט געקלונגען די שטורעמדיקע ארטיקלען פון איליא ערענבורגן, טאלאנטפולע דערציילונגען און עסייען פון ניקאָלייַ טיכאָנאָוון, אלעקסיי טאָלסטאָיען, די פּאָעטישע ווערק פון קאָנסטאנטין סימאָנאָוון.

איך דערמאָן זיך איצט דעם קאָלאָסאלן דערפּאָלג פון דער מוזיקאל-דראמאטישער טראנסלירונג, געווידמעט דער דערציילונג פון אלעקסיי טאָלסטאָי „דער רוסישער כאראקטער" אין דער איבערזעצונג פון נ. פרידמאנען, וועלכע ס׳האָט גלענצנדיק אויסגעפּילט די אקטריסע פונעם ביראָבידזשאנער יידישן טעאטער לייע קאָלינע. די טראנסלירונג האָט באקומען א הויכע אָפּשאצונג מיצאד דער קריטיק און די ראדיאָ-צוהערער, וועלכע האָבן אין די בריוו-אָפּרופן געבעטן נאָכאמאָל זי איבערכאזערן.

מיט דערפאָלג האָבן מיר טראנסלירט די טעאטער-פאַרשטעלונגען פון קאָנסטאנטין סימאָנאָווס „רוסישע מענטשן”, לעאָניד לעאָנאָווס „אינוואזיע”, פּערעץ מארקישעס „מאָלצײַט” און אנדערע. געפילן פון פריידיקן אָפּטימיזם האָבן ארויסגערופן באַם ראדיאָ-צוהערער די טראנסליאציע פון די פאָרשטעלונגען „הערשעלע אָסטראָפּאָליער”, „די קישעפמאכערן”, „צוויי קונילעמלעך” און אנדערע.

א וויכטיק אָרט אין די קינסטלערישע ראדיאָ-טראנסלירונגען האָבן פארנומען די באַדײַטנדיקע דאטעס, געווידמעט דעם לעבן און דער שאפונג פון באוווסטע שרײַבער און קולטור-טוער פון דער רוסישער און יידישער ליטעראטור. אין דער דאָזיקער צוגרייטונגס-ארבעט האָבן אקטיוו אָנטיילגענומען שרײַבער, לערער און זשורנאליסטן פון דער שטאָט.

ס'האָבן זיך פארגעדענקט אזעלכע ראדיאָ-טראנסלירונגען, ווי „פּערעץ מארקיש — דער דיכטער און דראמאטורג”. מיט אַן ארײַנפיר-וואָרט איז ארויסגעטראָטן נאָכעם פרידמאן, דערנאָך זײַנען געגעבן געוואָרן סצענעס פונעם ספּעקטאקל „מאָלצײַט” און פּאָעטישע ווערק פונעם דיכטער אין דער אויספילונג פון די ארטיסטן גראָס, קאָלינע און בענגעלסדאָרף.

דער רוסישער און וועלט-ליטעראטור זײַנען געווען געווידמעט אזעלכע טראנסלירונגען, ווי „פּושקין און טעאטער”, „די דיכטונג פון ראָבערט בערנס”, אין וועלכע ס'האָט אָנטיילגענומען דער מיטארבעטער פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא” ק. לאָמונאָוו (איצט פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאפטן). איך האָב דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל געלייענט דורך ראדיאָ ראָבערט בערנסעס ווערק און האָב באקומען גוטע אָפּרופן פון די צוהערער.

די ארבעט אין ראדיאָ-קאָמיטעט האָט באדײַטנדיק באַרײַכערט מײַן דערפארונג אין קונסט-טעטיקײַט, פארברייטערט מײַנע טעאָרעטישע און טעאטער-קענטענישן, אויסגעלערנט שאפן ליטעראריש-מוזיקאלישע קאָמפּאָזיציעס, מאָנטאזשן און אינסצענירונגען.

דער פּעריאָד פון מײַן טעטיקײַט אין ביראָבידזשאנער ראדיאָ איז מיר באזונדערס טײַער, וואָס ער פאלט צונויף מיט די מילכאָמע-יאָרן, ווען איך האָב צוזאמען מיטן קאָלעקטיוו דורכגעלעבט ניט בלויז די שווערע יאָרן, נאָר אויך די פרייד פון ניצאָכן איבערן פאשיזם. דער טאָג פון ניצאָכן איז פארבליבן בא מיר, ווי בא מיליאָנען אנדערע סאָוועטישע מענטשן, דער גליקלעכסטער טאָג פון מײַן לעבן.

## אין ביראָבידזשאנער קולטור-אופקלער-שול

1946. דאָס ערשטע נאָכמילכאָמע-יאָר פון פרידלעכער מי און שאפונג. צו מיר זײַנען דערגאנגען ידיעס וועגן דעם, אז אין ביראָבידזשאן ווערט געשאפן א נײַער ספּעציאליזירטער לערן-אנשטאלט — א קולטור-אופקלער-שול, וועלכע וועט גרייטן קאדרען פאר קלוב-ארבעט, אָנפירער פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט און ביבליאָטעק-טוער.

פון כאבאראָווסק איז געקומען א פאָרשטייער פונעם קאנטישן קאָמיטעט איבער קונסט-איניאָנים און האָט פארעפנטלעכט א ראדיאָ-מעלדונג וועגן אן אויפנאם פון סטודענטן אין דעם נײַ-געשאפענעם לערן-אנשטאלט. פון אים האָב איך באקומען א גענויע אינפאָרמאציע וועגן די פּלענער און דער פּראָגראם פון דער דאָזיקער שול, אין וועלכער ס'וועלן פארנעמען א ספּעציעל אָרט טעאטראלע דיסציפּלינען — רעזשיסור, אקטיאָרישע מײַסטערשאפט, סצענישע שפּראך, געשיכטע פונעם סאָוועטישן טעאטער.

פאר מיר האָט זיך געעפנט א גליקלעכע מעגלעכקײַט פאר פּעדאגאָגישער טעטיקײַט, און אין הארבסט 1946 בין איך באשטימט געוואָרן אלס פּעדאגאָג אין ביראָבידזשאנער קולטור-אופקלער-שול, ווו איך האָב אָפּגעארבעט 15 יאָר. דאָ האָב איך באקומען א היפּשע דערפארונג אלס פּראָפעסיאָנעלער פּעדאגאָג-רעזשיסער.

אלץ, וואָס מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבן פריער, די איבערײַסן אין מײַן טעאטראלער טעטיקײַט, זײַנען מיר צוניץ געקומען אין מײַן שפּעטערישער ארבעט און האָבן באַרײַכערט מײַן לעבנס-דערפארונג, מײַן שפּעטערדיקע רעזשיסערישע ארבעט.

ס'וואָלט געווען פאלש צו מיינען, אז אין פּעדאגאָגישן געביט איז אלץ געווען גלאט, לײַכט און קעשורע. אלע דערגרייכונגען און מעסירעסנעפעשדיקע זוכונגען זײַנען געווען אן איינהײַטלעכער פּראָצעס פון שטענדיקן פארפולקומען זיך אליין. אין יענעם ערשטן נאָכמילכאָמעדיקן יאָר האָט זיך דער נײַער אנשטאלט געשאפן אף א פוסט אָרט: ס'איז נישט געווען ניט קיין געהעריקע געבײַדע, ניט קיין מאטעריעלע באזע, ניט קיין נייטיקע לערן-מאכשירים. ס'זײַנען אָבער געווען טאלאנטפולע ענטוזיאסטן, און אָט דער ענטוזיאזם האָטווירקלעך געבראכט וווּנדערלעכע רעזולטאטן.

אינעם ערשטן לערניאָר, געדענקט זיך מיר, איז אויסגעקומען צו פירן די לימודים אין דער געבײַדע פונעם געגנטלעכן מוזיי אין צווײ אומבײַטן. צווישן די סטודענטן פונעם ערשטן קורס זײַנען געווען ניט ווייניק פראָנטאָוויקעס, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט צעשיידט מיטן מיליטערישן שינעל. אייניקע פון זיי זײַנען געווען אינוואַלידן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. פון אַלע שפּעטערדיקע אופנאַמען איז דאָס געווען די סאַמע דאַנקבאַרע און טאַלאַנטפולע אַאודיטאָריע. און לערנען די דאָזיקע מענטשן סצעניש קונסט, דערציִען אין זיי דעם געשמאַק צו שעפערישער קונסט, צו קינסטלערישער מי איז געווען אויסערסט וויכטיק און נוצלעך, און דאָס האָט געבראַכט אונדז, פּעדאַגאָגן, קאָלאָסאַלן פאַרגעניגן.

ס'איז בעליסאָפּעק קיין ווּנדער ניט, וואָס גראָד פון די ערשטע אַרויסלאָזניקעס זײַנען אויסגעוואַקסן גוטע קאַדרען פאַר קלוב-אַרבעט, פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי-טוער און קולטור-טוער אַפן אידעאָלאָגישן פראָנט. א סאַך פון זיי אַרבעטן אַפן צאַפּן פון אונדזער לאַנד, אין כאַבאַראָווסקער קאַנט, אין די ראַיאָנען פון דער געגנט און אויך גופע אין בירא-בידזשאַן. אייניקע אַרויסלאָזניקעס פון דער בירא-בידזשאַנער קולטור-אופקלער-שול זײַנען שפּעטער געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן און אַרבעטן אין פאַרשיידענע טעאַטערן. אַלבינאַ פּיאַדאַראָווא, א פאַרדינסטפולע אַרטיסטן פון רספסר, אַרבעט אין קראַסנאַיאַרסקער דראַמאַטישן טעאַטער, מ. זאַיקאַ, אויך א פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספסר, — אין לעבינגראַדער אָפּערע-טעאַטער, וו. גאַווריליאָוו — אַרטיסט אין מאָסקווער טעאַטער אַף קליין-בראָנע.

מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך די שול פאַרפעסטיקט. איר טעכנישע און מוזיקאַלע אויסשטאַטונג האָט זיך באַרײַכערט, ס'זײַנען צוגעקומען נײַע קאַדרען. בעראָש פון דער שול איז געשטאַנען טאָלסטאָקאָראָוו — א געוועזנער פראָנטאָוויק-פּאָליטרוק. געקומען איז ער פונעם פראָנט נאָך א שווערער קאָנטוזיע, באַר דאָס האָט אים ניט געשטערט מיט פולער ענערגיע און טעמפעראַמענט פירן א גרויסע פּעדאַגאָגישע אַרבעט, ער האָט אונטעריכט פּאָליטישע לימודים און קלוב-אַרבעט, זיך פאַרנומען מיט ווירטשאַפטלעכע איניאָנים.

מיך האָט מען באַשטימט אַלס פאַרוואַלטער פונעם לערן-אָפּטייל. אַף אָט דעם פּאָסטן האָב איך זיך געפונען בעמעשעך פון די יאָרן 1946—1952. אין 1949 בין איך אַרײַנגעטראָטן אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די דירעקציע פון דער שול האָט עטלעכע מאָל מיך געשיקט קיין מאָסקווע אַף קורסן פון פאַרפולקומען די ספּעציאַליטעט. אין מאָסקווע האָב איך געהאַט דאָס גליק זיך צו לערנען בא אַזעלכע באַרימטע טעאַטער-מײַסטערס, ווי אָכלאָפּקאָוו, גאָרשקאָוו, מאָניוקאָוו, פּאַשענאַיאַ, באַזוכן לימודים אין די בעסטע לערן-אַנשטאַלטן פון קונסט, בײַזײַן אַף רעפּעטיציעס און באַזוכן פאָרשטעלונגען פון אונדזערע באַרימטע מאָסקווער טעאַטערן. מיט מײַנע אײַנדרוקן האָב איך זיך דערנאָך געטיילט מיט מײַנע בירא-בידזשאַנער קאָלעגן.

דער פּעדאַגאָגישער קאָלעקטיוו האָט אַרײַנגעטראָגן א היפּשן צושטײַער אין דערציִען נײַע קולטור-קאַדרען, ספּעציאַליסטן פון קלוב-אַרבעט, ביבליאָטעקער און אָנפירער פון זעלבסטטעטיקער קונסט. אונטער דער אָנפירונג פון געניטע פּעדאַגאָגן זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן קינסטלערישע דורכקוקן, עפנטלעכע מאַסן-אַרויסטרעטונגען און קאָנקורסן. די שול האָט געהאַלטן א שטענדיקע פאַרבינדונג מיט די אונטערנעמונגען פון דער שטאָט, געהאָלפן אָרגאַניזירן קרײַזלעך פון זעלבסטטעטיקער קונסט. מיט דערפּאָלג זײַנען דורכגעגאַנגען די לערן-ספּעקטאַקלען אונטער מײַן רעזשיסור.

איינמאָל האָט א גרופּע ליבהאָבער פון זעלבסטטעטיקער קונסט מיך אײַנגעלאַדן צו שטעלן מיט זיי א ספּעקטאַקל. דאָס איז געווען אין 1958. מיר זײַנען זיך צונויפגעקומען אין דער געבײַדע פונעם שטאָטישן מוזיי. איך האָב דעמאָלט ניט געוווּסט, אַז אָט די באַגעגעניש וועט זײַן אַן אָנהייב פון א נײַעם עטאַפּ אין מײַן ווײַטערדיקער שעפערישער טעטיקייט אַפן געביט פון טעאַטער-קונסט.

# מיר שאַפֿן
# א פֿאָלקס־טעאַטער

אוף דער באַגעגעניש זײַנען געקומען 13 ליבהאָבער פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער. דער עלטסטער איז געווען לעאָנטי מאַצאַנאָוו, א 60-יאָריקער ברייטפּלייציקער מאַנצבל, א טרעגער פֿון דער וועבער־פאַבריק, אַלגע קאָסטיוקאָווא — א ווירטשאַפֿט־פֿאַרוואַלטערין פֿון דער 9-טער מיטלשול, אַלעקסאַנדרע בראַוועינאַ — אַן „אַלטע" אַנטיילנעמערין פֿון זעלבסטטעטיקער קונסט. מײַן אויפֿמערקזאַמקײַט האָט צוגעצויגן א הויכער, דאַרער, בלאָנדהאָריקער יונגערמאַן מיט א סימפּאַטיש שמייכעלע — יורי שאַלנאָוו, א לערער פֿון מאָלערײַ אין פּעדאַגאָגישן טעכניקום. ער איז מיר שוין געווען באַקאַנט מיט זײַנע קינסטלערישע פֿאַרלעזונגען אויף שטאָטישע דורכקוקן. קוקנדיק אויף אים, האָב איך א טראַכט געטאָן: ער איז סימפּאַטיש, סצעניש און באַוועגלעך — אַזאַ וואָלט געקאָנט שפּילן פֿערדינאַנדן אין שילערס „אינטריגע און ליבע" אָדער ראָמעאָ אין שעקספּירס „ראָמעאָ און דזשוליעטאַ". צווישן די יונגע ליבהאָבער האָט זיך אויסגעטיילט א מיידל מיט א לאַנגן צאָפּ — נאַדיע צעליוועוואַ, אַן אַרבעטערין פֿון דער ניי־פאַבריק. די באַקאַנטשאַפֿט האָט זיך פֿאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט מיט דער איניציאַטיוו־גרופּע אויף א פֿאַרלעזונג פֿון וויקטאָר ראָזאָווס פּיעסע „אין זוכעניש פֿון פֿרייד". די פּיעסע איז אויסגעהערט געוואָרן מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם. נאָכן איבערלייענען איז לאַנג געשטאַנען א טויטע שטילקייט.

איך האָב ליב אָט די דאָזיקע קורצע מינוטן פֿון ערשטע אײַנדרוקן — זיי לאָזן שטענדיק איבער א טיפֿן שפּור אין דער נעשאָמע.

אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן די רעפּעטיציעס, וועלכע פֿלעגן זיך פֿאַרציִען ביז שפּעט אין דער נאַכט. די שעפֿערישע אַרבעט מיט די ליבהאָבער האָט געפֿאָדערט אָנגעשטרענגטע מי, וועלכע איז באַשטאַנען אין אויסלערנען די אַנטיילנעמער אויסשפּילן סצענישע אויפֿגאַבן, האַלטן זיך פֿרײַ אויף דער בינע, לעבן אין די געשאַפֿענע באַדינגונגען, געפֿינען דעם אונטערטעקסט פֿון אַרויסגעזאָגטע פֿראַזעס, פֿאַרפֿילן די פּאַוזעס מיט אינערלעכן אינהאַלט, ריטמיש זיך באַוועגן אויף דער בינע, דאָס הייסט — אַקטיאָרישע מײַסטערשאַפֿט.

דער ענגער צימער פֿונעם מוזיי האָט ניט געקאָנט באַפֿרידיקן די באַדערפֿענישן פֿאַר א נאָרמאַלער אַרבעט, באַזונדערס ווען מיר זײַנען צוגעטראָטן צו מיזאַנסצענירן די פֿאַרשטעלונג, און דער שטאָטקאָם פֿון דער פּאַרטיי האָט אונדז געהאָלפֿן אַריבערטראָגן די רעפּעטיציעס אין פּיאָנערן־הויז, נאָר בלויז פֿון 9 אַזייגער אינאָוונט, ווען אַלע פֿאַרנעמונגען פֿלעגן זיך שוין דאָרט פֿאַרענדיקן.

דערנאָך זײַנען אויפֿגעקומען נײַע דײַגעס: שאַפֿן קאָסטיומען, אויספֿאָרמירן דעקאָראַציִעס, קריגן דעם נייטיקן רעקוויזיט. געהאָלפֿן האָט אונדז אין דעם דער שטאָט־אויספֿירקאָם. דער דירעקטאָר פֿונעם שטאָטישן פּאַרק האָט גענומען אויף זיך אַלע הוצאָות. מיטן רעקוויזיט האָבן זיך פֿאַרנומען אַליין די אַנטיילנעמער: ווער ס'האָט געבראַכט פֿון דער היים אַן אַבאַזשור, ווער א טשעמאָדאַן, ווער געפּעס און ביכער און אַנדערע נייטיקע זאַכן פֿאַר דער בינע.

דעם 7-טן און 8-טן פֿעוורואַל 1959 איז פֿאָרגעקומען די פּרעמיערע. צוויי טעג איז דער זאַל פֿונעם פּיאָנערן־הויז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. דער זאַל האָט ניט געקאָנט אַרײַננעמען אין זיך אַלע נײַגעריקע.

דער ספּעקטאַקל איז פֿריידיק אויפֿגענומען געוואָרן פֿונעם צושויער און איז אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי א וויכטיקע דערשײַנונג אינעם קולטורעלן לעבן פֿון ביראָבידזשאַן. די צײַטונגען „ביראָבידזשאַנער שטערן" און די קאַנטישע פּרעסע האָבן זיך אָפּגערופֿן מיט פּאָזיטיווע רעצענזיעס. אַלע האָבן אָפּגעמערקט דעם ספּעקטאַקל ווי א נײַ־געבוירענעם זעלבסטטעטיקן טעאַטער.

אין 1959 איז דעם קאָלעקטיוו פֿאַרטרויט געוואָרן אַרויסצוטרעטן מיט דער פֿאַרשטעלונג אויף א זאָנאַלער באַראַטונג פֿון קולטור־טוער פֿון כאַבאַראָווסקער קאַנט. דער ספּעקטאַקל איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפֿאָלג, און אין דעם זעלבן יאָר האָט מען אונדזער קאָלעקטיוו צוגעטיילט דעם טיטל „פֿאָלקס־טעאַטער".

פֿאַר מיר פּערזענלעך, ווי דעם אָנפֿירער פֿונעם קאָלעקטיוו, איז די אויפֿגאַבע באַשטאַנען אין דעם, ווי אַזוי ווײַטער אים צעמענטירן, אופֿהיטן דעם ענטוזיאַזם פֿון די ליבהאָבער, פֿאַרינטערעסירן און צוציִען נײַע ליבהאָבער פֿאַר נײַע ספּעקטאַקלען.

אונדזער פֿאָלגנדע אַרבעט איז געווען א. סאַלינסקיס פּיעסע „די פּויקערן" — א פּיעסע וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. די העראָישע טראַגעדיע האָט פֿאַרכאַפּט די ליבהאָבער.

ביז איצט איז פֿאַרבליבן אין מײַן זיכּאָרן דער אײַנדרוק פֿון דער טאַלאַנטפֿולער אויספֿילערן פֿון דעם העראָישן געשטאַלט נינא סניזשקאָ — לידמילע קאָטענקאָ (אַ לערערן פֿון דער 9-טער מיטלשול). איר אינטעלעקט, טעמפּעראַמענט און כּיין, איר פֿעיִקייט צו זינגען און טאַנצן, איר אָרגאַנישע עמאָציאָנעלקייט האָבן באַגײַסטערט דעם צושויער. דער קאָלעקטיוו האָט זיך פֿאַרפֿולט מיט נײַע ליבהאָבער, און נאָך אַ דרײַכאַדאָשימדיקער אָנגעשטרענגטער אַרבעט האָבן מיר געגעבן די פּרעמיערע.

די פֿאָרשטעלונג האָט געהאַט גרויס דערפֿאָלג און איז אָפּגעשאַצט געוואָרן מיצאַד דעם צושויער און דער פּרעסע ווי אַ גרויסע שעפֿערישע דערגרייכונג. דעם דערפֿאָלג האָט מיטגעהאָלפֿן די אינטערעסאַנטע קינסטלערישע אויספֿאָרמירונג פֿונעם קינסטלער יאַקאָוו זיידע, וועלכער האָט זיך ניט צעשיידט מיט אונדז בעמעשעך פֿון די שפּעטערדיקע אַכט יאָר, ווי אויך די מוזיקאַלע באַגלייטונג אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דאָוויד שוואַרצבורג.

דער ספּעקטאַקל האָט באַקומען אַ ברייטע אָנערקענונג און האָט זיך לאַנג פֿאַרהיט אינעם רעפּערטואַר פֿונעם טעאַטער. מיט דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל האָבן מיר באַדינט קימאַט אַלע ראַיאָנען פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, ווי מיליטער-טיילן פֿונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט. אָפּן קאָנטישן דורכקוק פֿון זעלבסטטעטיקער דראַמאַטישער קונסט, וועלכער איז פֿאָרגעקומען אין כאַבאַראָווסק אין 1960, איז דער ספּעקטאַקל באַלוינט געוואָרן מיט אַ דיפּלאָם פֿון דער ערשטער מאַדרייגע, גראַמאָטעס און מאַטאָנעס האָבן באַקומען די אָנטיילנעמער פֿונעם ספּעקטאַקל.

דער דריטער ספּעקטאַקל, וועלכער האָט אויך אויסגענומען באַם צושויער, איז געווען „די קעכן" לויט אַ. סאָפֿראָנאָווס פּיעסע.

דאָס מאַזל, וועלכער האָט אונדז באַגלייט נאָך די דרײַ דערפֿאָלגרײַכע ספּעקטאַקלען, האָט בעשום-אופֿן ניט פֿאַרמינערט דעם געפֿיל פֿון שעפֿערישע זוכונגען. אַזוי זײַנען מיר געקומען צו אַ. אַרבוזאָווס „אירקוטסקער געשיכטע".

די אַרבעט איבער דער פּיעסע האָט פֿאַרשאַפֿט דעם קאָלעקטיוו גרויס פֿאַרגעניגן. די הויפּט-ראָל — סערגיי סעריאָגינען — האָט אויסגעפֿילט אַ נײַער ליבהאָבער, אַ שלאָסער, אַ כּיינעוודיקער יונגערמאַן רוווין וויטענסאָן, וואַלקען האָבן געשפּילט לידמילע קאָטענקאָ און דינע שעוועליאָווא. אויפֿגעפֿירט האָבן מיר דעם ספּעקטאַקל דעם 10 אויגוסט 1960.

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די פּרעמיערע איז פֿאָרגעקומען אויפֿן צווייטן טאָג נאָך די גאַסטראָלן פֿונעם קאָנטישן רוסישן דראַמאַטישן טעאַטער, וועלכער האָט אין זײַנע גאַסטראָלן אײַנגעשלאָסן די זעלבע פּיעסע, איז אונדזער ספּעקטאַקל דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפֿאָלג. איך דערמאָן זיך איצט, מיט וואָס פֿאַר אַן אומרו איך בין געשטאַנען הינטער די קוליסן און דורך אַ שפּעלטעלע אַרײַנגעקוקט אין צושויער-זאַל — וויאַזוי מע נעמט אויף די שפּיל. בײַ פֿיל פֿון די צושויער האָב איך באַמערקט טרערן אין די אויגן. אין אַזעלכע מינוטן פֿילסטו, אַז ניט אומזיסט איז דײַן מי, איבערצײַגסט זיך, וואָס פֿאַר אַ קוייעך עס פֿאַרמאָגט עמעסע קונסט.

דעם 10 יאַנואַר 1963 איז אויף דער בינע פֿונעם פּיאָנערן-הויז פֿאָרגעקומען אונדזער נײַע פּרעמיערע פֿון וו. וואָלאָדינס פּיעסע „מײַן עלטערע שוועסטער". דער ספּעקטאַקל איז אויפֿגענומען געוואָרן זייער וואַרעם. באַזונדערס די שפּיל פֿון נינע קאַפּיטאָנאָווא, דער אויספֿילערן פֿון דער ראָל פֿון דער עלטערער שוועסטער. נ. וו. קאַפּיטאָנאָווא איז שפּעטער געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטריסע אינעם קאָנטישן דראַמאַטישן טעאַטער. אויך לידמילע קאָטענקאָ, וועלכע האָט אויסגעפֿילט די ראָל פֿון דער ייִנגערער שוועסטער, האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאַפֿן אַ פֿולבלוטיק געשטאַלט. די ראָל פֿון דמיטרי אוראַווין האָט מיט דערפֿאָלג אויסגעפֿילט דער פּאָפּולערער אין בירעבידזשאַן פּעדאַגאָג יע. ס. בעראָוו.

מײַן פּרוכטבאַרער אַרבעט אין בירעבידזשאַנער פֿאָלקס-טעאַטער האָב איך צו פֿאַרדאַנקען דער וואַרעמער אַטמאָספֿער, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אַרום דעם טעאַטער מיצאַד די געזעלשאַפֿטלעכע אָנשטאַלטן. אַלס בײַשפּיל פֿון עכטער פֿאַרינטערעסירטקייט קאָן דינען דער פֿאַקט, וואָס אויף די זיצונגען פֿונעם שטאָטישן פּאַרטיי-קאָמיטעט פֿלעגט אָפֿט באַהאַנדלט ווערן אונדזער שאַפֿונג. אויף וויפֿל קיין ספּעציעלע געבײַדע פֿאַרן טעאַטער איז ניט געווען, פֿלעגן די רעפּעטיציעס פֿאָרקומען אינעם זאַל פֿון דעם שטאָטישן פּאַרטיי-קאָמיטעט. אויך די קאָנטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אונדז אַ סאַך געהאָלפֿן.

צום 10-יאָריקן יובילײַ פֿונעם פֿאָלקס-טעאַטער האָבן מיר אין מעשעך פֿון דרײַ כאַדאָשים צוגעגרייט די פּרעמיערע פֿון יו. נאַגיבינס און צ. סאָלאָדאַרס פּיעסע „סודזשאַנער מאַדאָנעס". אין אָט דער העראָישער דראַמע, געווידמעט דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאַפֿן פֿילפֿאַרביקע געשטאַלטן פֿון העראָ-

פּאַשנע פּרויען, וועלכע האָבן איבערגעטראָגן אַלע שוועריקייטן און פאַרלוסטן אין דער גרויזאַמער אויספּרוו-צײַט. די צוישויער האָבן הייס אויפגענומען די מאַסן-סצענעס, אין וועלכע ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די אַטמאָספער פון די מילכאָמע-יאָרן.

דעם 100-יאָריקן געבורטסטאָג פון וו. אי. לענינען האָט דער פאָלקס-טעאַטער באַגעגנט מיט אַ נײַער פּרעמיערע — נ. סיי-פולינעס פּיעסע „ווירינעיאַ", וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין ביראָבידזשאַן דעם 30 נאָיאַבער 1969. דעם 8-טן דעקאַבער זײַנען מיר אַרויסגעטראָטן מיט דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל אין כאַבאַראָווסק אויפן קאָנטישן דורכקוק פון זעלבסטטעטיקער קונסט, געווידמעט וו. אי. לענינס יובילעי. דעם ספּעקטאַקל האָט די זשורי אָפּגעמערקט, ווי אַן אויסערגעוויינלעכע קולטור-דערשײַנונג און האָט איינשטימיק באַשטימט אונדז צוטיילן אַ דיפּלאָם פון דער ערשטער מאַדרייגע.

די צײַט האָט געפאָדערט נײַע זוכונגען.

אין 1970 איז פאָרגעקומען דער 24-ער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. דער דאָזיקער היסטאָרישער געשעעניש האָבן מיר געווידמעט אַ גרויסע ליטעראַריש-מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע: אַן אינסצענירונג פון אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָעמע „צוועלף", עדואַרד באַגריצקיס „דער טויט פון אַ פּיאָנערקע" און אַ קאָמפּאָזיציע אויף נ. א. נעקראַסאָווס פּאָעזיע. דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל האָבן מיר צוגעגרייט מיט די קינדער פון וואַלדהיימער מיטלשול, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אינעם קאָנטישן דורכקוק פון קינדערישער זעלבסטטעטיקייט און זײַנען אָפּגעמערקט געוואָרן מיט אַ דיפּלאָם פון דער ערשטער מאַדרייגע.

אַ טיפן שפּור אין מײַן זיכּאָרן האָט איבערגעלאָזט מײַן שעפערישע אַרבעט איבערן ספּעקטאַקל, געווידמעט דעם לעבן און שאַפונג פון יאָסיף אָוטקינען. די אינסצענירונג, דער רעזשיסערישער פאַרטראַכט, די מוזיק און קינסטלערישע אויספאָרמירונג האָבן געשילדערט דעם פּאַטאָס פון דער רעוואָליוציע, די דערהויבענע ראָמאַנטיק פון די 20-ער און 30-ער יאָרן, דעם שווערן געראַנגל פונעם סאָוועטישן פאָלק אין דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. דער ספּעקטאַקל איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. ער איז טראַנסלירט געוואָרן דורך דער כאַבאַראָווסקער ראַדיאָ.

דער קאָלעקטיוו פונעם פאָלקס-טעאַטער האָט זיך באַדײַטנדיק פאַרפולט מיט נײַע ליבהאָבער. עס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן סיסטעמאַטישע און אָבליגאַטאָרישע פאַרנעמונגען פון סצענישער שפּראַך, אַרטיקוליאַציע, גימנאַסטיק, סצענישע עטיודן, שמועסן וועגן אַקטיאָרישער שאַפונג.

מיט אָט דער נײַער יוגנט האָבן מיר געשטעלט די פּיעסע פון ט. יאַן „דאָס מיידעלע און אַפּרעל".

צום 50-טן יאָרטאָג פון דער באַפרײַונג פונעם ווײַטן מיזרעך פון די אינטערווענטן און ווײַסגוואַרדייער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ זאָנאַלער דורכקוק פון דראַמאַטישע קאָלעקטיוון. אונדזער פאָלקס-טעאַטער איז געקומען צו דעם דאָזיקן דורכקוק מיט וועסעוואָלאָד איוואַנאָווס פּיעסע „פּאַנצער-צוג 14-69". פאַר אונדז איז געשטאַנען אַ קאָמפּליצירטע שעפערישע אויפגאַבע: אָפּשפּיגלען אין דער פאָלקס-דראַמע די מעכטיקייט פון דער רעוואָליוציע, דעם אינטערנאַציאָנאַלן ברויז, די אָנפירנדיקע ראָל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די פּרעמיערע איז פאָרגעקומען דעם 12 אַפּרעל 1972.

אין מײַ איז דער טעאַטער אַרויסגעפאָרן אויפן זאָנאַלן דורכקוק קיין וולאַדיוואָסטאָק. דער ספּעקטאַקל האָט באַקומען דעם דיפּלאָם פון דער ערשטער מאַדרייגע און קימאַט אַלע אָנטיילנעמער — גראַמאָטעס און מאַטאָנעס.

אין 1973 האָט אונדזער פאָלקס-טעאַטער, שוין פאַרמאָגנדיק אַ געוויסע סצענישע דערפאַרונג, באַשלאָסן ריזיקירן און אַרבעטן איבער איינער פון די בעסטע פּראָגרעסיווע דראַמאַטורגישע ווערק — דער פּיעסע פון זש. אַנוי „אַנטיגאָנאַ". שפּעטער האָבן מיר פאַרווירקלעכט אַ ריי אַנדערע ספּעקטאַקלען.

אַ סאַך יאָרן זײַנען דורכגעגאַנגען. די צײַט האָט אונדז צעשיידט מיט מײַנע ליבהאָבער. ביז איצט קאָן איך ניט פאַרגעסן די גליקלעכע יאָרן פון מײַן שעפערישער אַרבעט אין דעם דאָזיקן טעאַטער, באַזונדערס די ערשטע פינף יאָר פון זײַן עקזיסטענץ, נאָר איך בין זיכער, אַז יעדערער פון זיי האָט הייליק פאַרהיט די אָנגעשטרענגטע שעפערישע מי און דעם פאַרדינטן דערפאָלג פונעם ביראָבידזשאַנער פאָלקס-טעאַטער.

◇ ◇ ◇

## באָריס ביכאָווסקי
(ליפּעצק)

### גיכע הילף דער נעשאָמע

טו אָן עפּן די טיר
אין אַ פרעמדער נעשאָמע,
שטילערהייט קוק אַרײַן
אין איר צערטלעכן רוים —
עפּשער נייטיקט זי זיך
אין אַ ביסל נעכאָמע?
עפּשער האָט זי פאַרפלייצט
פונעם לעבן דער שוים?

הער זיך צו
ווי זי לעבט, ווי זי צאַפּלט.
עפּשער שטיל אַ געפיל
עס גייט אויס אין איר שויס?
וואַרטן מע דאַרף ניט אַפילע קיין קאַפּל —
אײַל זיך צו, און דײַן האַנט,
ניט געפרעגט, שטרעק איר אויס.

◇

## זאַלמען מינקין
(דאָנעצק)

### דער קוילן-קאָמבײַנער

אַ שטאַלטנער ייִד מיט ברייטבייניקע אַקסלען—
דער קוילן-העקער — ווי דאָ אויסגעוואַקסן.
שטײַפע געלענקען, לײַכט, ניט געהאַוועט,
אַרבעט ער — דער באַלעבאָס פון דער לאַווע.
אין גומענע שטיוול — די גאַנצע וואַכטע,
ווײַל וואַסערן דעקן דעם דעק פון דער שאַכטע.
אַ העל-שאַרף לעמפּל עס שײַנט אויף זײַן העלם,
דעם רודער עס דרייען די הענט זײַנע שנעל.
דעם קלוגן קאָמבײַן זיי וואַגן באַפוילן —
און ס'שיטן זיך קוילן.

עס שיטן זיך קוילן...
דאָס גאָלד דאָס שוואַרצע עס שלעפּט דער קאָנווייער —
מיט אים וואַגאָנעטקעס זײַנען פאַרשלייערט.
פולע זיי פאָרן איינע נאָך איינער
מיט מאַזל, מיט בראָכע —
מיט גאָלדענע שטיינער...
אַ שטאַלטנער ייִד מיט ברייטבייניקע אַקסלען,
דער קוילן-העקער — ווי דאָ אויסגעוואַקסן...

◇

## יוסף טאַבאַקמאַכער
(ביראָבידזשאַן)

### דער שפּיגל

ער מאָלט שטענדיק ריכטיק און לויטער קלאָר —
באַווייַזן באַווייַזט ער, וואָס ס'איז אין דער וואָר.

ער שרייַבט אָן א בלייַער, אָן קרייַד, אָן א פּען,
און אויך אָן אמהאָרעץ דאָס לייענען קען.

ער זאָגט, וואָס ס'איז גוט, און ער זאָגט, וואָס ס'איז שלעכט,
און שטענדיק דערבייַ איז ער טאַקע גערעכט.

◇

## רעפאַעל גאָלדענבערג
(ניקאָלייַעוו)

### דער זיידע-פראָסט

קאַלט איז הייַנט אין דרויסן
און דער ווינט — ער בלאָזט.
אין א פּעלץ א גרויסן
שפּאַנט דער זיידע-פראָסט.

אויף די פּלייצעס זייַנע
הענגט א פולער זאַק
מיט מאַטאָנעס פייַנע,
לויט א קינדס געשמאַק.

שיכעלעך — אילוישען,
ביכעלעך — וואַריושען,
פּערעלען — אַן עמערל
בערעלען — א העמערל.

טאַמאַטשקען — א היטעלע,
סאַניעטשקען — א שליטעלע.
צו אַלע קליינע קינדער
קומט דער גאַסט אַצינדער.

שיט א שניי אין דרויסן
אינעם גאַנצן קאַנט.
אין א פּעלץ א גרויסן
אונדזער זיידע שפּאַנט.

◇

## יאַנקעוו קאַלבאַווסקי
(דניעפּראָפּעטראָווסק)

### הוידעט זיך א שטערן

אויף דער סאָסנע-קרוין הוידעט זיך א שטערן,
אָט-אָט פאַלט ער אויף דער ערד אַראָפּ,
פאַלט אין טהאָם פון וואַלד
און וועט ניט ווערן.
ס'גייט דורך א רעגע,
פול מיט רעגונג,
און ווידער
(איך דערזע עס גערן)
אויף דער סאָסנע-קרוין עס הוידעט זיך א שטערן.

◇

## שלוימע ראפאפּאָרט
(לענינגראד)

### צוויי ווערטער

צוויי פּאַשעטע ווערטער מיך רירן,
מיט זיי איז דאָס לעבן באַשײַנט.
די דאָזיקע ווערטער פארלירן
אַן אוולע א גרויסע איז היינט.

אָט האָט איר זיי —
פרײַנטשאַפט און פרידן.
מיט זיי איז דער ערדקײַלעך פעסט.
איר הערט מיך?
כ׳בין זייער צופרידן
הײַנט נעמען צו זיך זיי אַף קעסט.

◇

## כאַ׳ים דושאצקי
(וואָראָניעזש)

### קיין ביראָבידזשאַן

לאָמיר פאָרן אהין, ס׳איז די בענקשאַפט גרויס,
א סאך איז דאָרט נאָך ניט דערבויט.
א קילער פרימאָרגן, דער הימל איז רויט —
ווי א קינד וואָלט פון שלאָף צעעפנט אן אויג,
די זון טוט איר גאָלדענע ווי׳ע א בויג,
קוקט פון הינטער א סאָפּקע ארויס.
ארבעט איז דאָרטן פאר יעדן פאראן,
געפינען וועט יעדער זײַן אָרט.
אינײנעם מיט מיר קיין ביראָבידזשאַן
בויען די געגנט פאָרט.

◇

## סאָרע וועכטער
(ביראָבידזשאַן)

### א טראָפּנדל פון הימל

עס זײַנען זומפּן דאָ געוועזן,
און אָט געקומען זײַנען בוייער,
און אַלע האָבן גלײַך דערזען,
ווי ס׳וואַקסט א מויער נאָך א מויער.

און ביימער דאָ פארפלאַנצט מע האָט —
זיי זאָלן וואַקסן הויך און בליִען,
און פייגל האָבן צו דעם סאָד
גענומען זיך פונוויטן ציִען.

אָט לויפן קינדער שוין אין שול,
פון פרייד די אויגן מאָמעס ווישן,
מיט גארבן זײַנען פעלדער פול,
און ס׳האָט פארשמעקט מיט ברויט מיט פרישן.

און אָנגעפילט איז יעדער טאָג
מיט נײַע פריידן, נײַע זאָרגן,
און ווידער וואַקסן שטאָק נאָך שטאָק
די הויכע גאַסן — ניט פארבאָרגן.

◇

### איַזיק בארגטייל
(סווערדלאָווסק)

## דעם אייניקלס באקאָשע

אייניק ווענדט זיך מיט געבעט:
— זיידע, שענק מיר א ראקעט.
צום געבורטסטאָג זאָלסט זיך סטארען.
איך וויל פליִען, ווי גאגארין.
— שלאָף, מײַן אייניק, ס'איז שוין שפעט,
וועסט באקומען א ראקעט —
איינע אין דער גאנצער וועלט,
דו וועסט אויסוואקסן א העלד.

קיינער וועט ניט קאָנען שטערן,
דו זאָלסט פליִען צו די שטערן.

פון א שטערנדל א כיילעק
וועסט מיר צושיקן, מײַן אייניק.
דאן דער קאָסמאָס וועט געוויס
מיר דאָ פאלן צו די פיס.
און ס'וועט זײַן מיר גלײַך באוווסט,
אז דאָס איז פון דיר א גרוס.

◇

### הערשל באראז
(ראָסטאָוו)

## א נײַע גאס

ווען די ווינטערדיקע ווינטן
זײַנען פונעם וואלד פארשוווּנדן,
האָבן בינען צווישן שנייען
א שנייגלעקעלע געפונען
און געמאכט א גאנצן טומל:
זעט נאָר, זעט נאָר, זײַט א באלן,
אף דער ערד אראָפּגעפאלן
איז א טראָפּנדל פון הימל!

**זאַלמען ליבינזאָן,**
דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר

# דאָוויד בערגעלסאָן און די ייִדישע קלאַסיק

## 1

אַרויסטרעטנדיק אין 1947 יאָר אַף אַן אָוונט, געווידמעט דער שאַפונג פון ד. בערגעלסאָנען, האָט שלוימע מיכאָעלס אָפּן דערקלערט: „די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור שטאָלצירט דערמיט, וואָס אין דער פּערזאָן פון דאָוויד בערגעלסאָן קומט איר צו אַ לעבעדיקער, אַ פערטער קלאַסיקער". דער ייִדישער גראַפיקער א. העפטער האָט מיכאָעלסעס געדאַנק אָנשוילעך איליוסטרירט. אַף אַ געמעל, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער צײַטונג „אײניקײַט" (דעם 8 מאַרט 1947), באַווײַזט ער, ווי ש. מיכאָעלס דערלאַנגט צום פּיעדעסטאַל, ווו עס שטייען שוין דרײַ ביוסטן פון אונדזערע גרויסע קלאַסיקער, נאָך איין ביוסט... אין מיכאָעלסעס ווערטער, אין העפטערס געמעל איז פאַרקערפּערט דאָס, וואָס אינעם פאָלקס-באַוווּסטזײַן איז שוין געווען פעסטגעשטעלט: דאָוויד בערגעלסאָן איז אופגענומען געוואָרן אַלס אַ שריפטשטעלער, וועלכער האָט אומיטלבאַר און אַף אַ הויך-קינסטלערישן אופן פאָרגעזעצט די טראַדיציעס פון מענדעלע מויכער-ספאָרים, שאָלעם-אַלייכעם און י.-ל. פּערעץ.

דאָ מוז באַמערקט ווערן, אַז בערגעלסאָנס פּערזענלעכע באַציִונג צו די קלאַסיקער איז לאַכלוטן ניט געווען קיין באַציִונג פון אַ שילער צו זײַנע הויכגעשעצטע לערער, וועלכע ער דאַרף האַכנאָעדיק מיטפאָלגן. שוין פון די ערשטע טריט זײַנע אין דער ליטעראַטור האָט מען געזען, אַז זײַנע ווערק זײַנען טיף אייגנאַרטיק, זיי האָבן צו טאָן מיט אַן אַנדער טקופע און זײַנען אָנגעשריבן אין אַן אַנדער נוסעך, איידער די ווערק פון זײַנע פאָרגייער. מיט דער צײַט האָט בערגעלסאָן אַליין עס פאַרשטאַנען און אָפן אַרויסגעזאָגט זײַן באַציִונג צו די קלאַסיקער, און דאָ טרעפן מיר זיך מיט אַ ריי פּאַראַדאָקסאַלע דערשײַנונגען.

דאָוויד בערגעלסאָן איז געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק שפּעטן עלטער — אים איז שוין געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט זײַן ערשטע דערציילונג „אַרום וואָקזאַל". ס'איז געקומען אַ שריפטשטעלער שוין אַ רײַפער, לאַכלוטן ניט קיין אָנפאַנגער. אָבער דער וועג צום „וואָקזאַל" איז באַם מעכאַבער געווען אַ דויערנדיקער און גאָר ניט קיין לײַכטער. אין דער יוגנט האָט בערגעלסאָן אַ סאַך געזוכט און איבערגעפּרווט, ביז ער איז געקומען צו דער ענדגילטיקער פאָרם פון דער דערציילונג. צוערשט האָט ער געפּרווט פאַרפאַסן אין רוסיש, אַזוי האָט אים פאַרכאַפּט די רוסישע ליטעראַטור פונעם סאָף XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערטער. האַגאַם דער נאָענטער יוגנט-פרײַנט זײַנער נאַכמען מײַזיל דערציילט, אַז די ווערק (פּינקטלעכער

---

דאָס ערשטע אַרטיקל.

געזאָגט — עסקיזן) אין רוסיש האָבן שוין פאַרמאַגט אַן אייגנאַרטיקן בערגעלסאָנישן כאַראַקטער, האָבן זיי דעם אַווטאָר ניט באַפרידיקט. ער פּרווט דערנאָך שרײַבן אין העברעיִש. די נאָוועלע „רוקורן" (פּוסטקײַט) האָט אַנטהאַלטן שוין דעם ערשטן וואַריאַנט פון „אַרום וואָקזאַל" און איז געווען אָפּגעשיקט אין ווילנער זשורנאַל „הזמן". זי איז ניט צו שטאַנד געקומען. נאָך אייניקע אַנדערע פּרוּוון אין העברעיִש איז בערגעלסאָן אַריבער צו ייִדיש. דער איבערגאַנג איז געווען פאַר אים אַ ביז גאָר שווערער. זײַענדיק שוין גוט באַהאַוונט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע האָט אין יענער צײַט איבערגעלעבט אַן אומגעהערטן אופבלי, האָט ער לײַדנשאַפטלעך געזוכט זײַן אייגענעם נוסח, זײַן שפּראַך-מאַניר. דאָס מוז מען באַזונדערס אונטערשטרײַכן. לעמאַשל, מער פון אַלץ איז ער געווען אַנציקט פון שאָלעם-אַלייכעמס ווערק און האָט גלײַך גענומען שרײַבן אין דעם זעלבן נוסח, אָבער אינגיכן אַנערקענט ער, אַז דאָס פאַרפאַסטע קלינגט אומנאַטירלעך און נאָכמאַכעריש, און ער וואַרפט עס אָפּ. אין יאָרן אַרום, אין זײַנע ענטפערס אַף די אָנפראַגן פון דער סעקציע פון ייִדישער ליטעראַטור און קריטיק בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע, האָט בערגעלסאָן אָנגעוויזן: „פון דער יוגנט האָט מיך געצויגן צו פּערעצן, אָבער דיאַלעקטיש איז דער פּוילישער פּערעץ געווען אומעגלעך, ווי אַן אויסגאַנג-פּונקט אין זין פון שפּראַך. אין זין פון שפּראַך, דיאַלעקט איז צום נאָענטסטן געווען שאָלעם-אַלייכעם. ער האָט גערעדט מיט דער שפּראַך פון מײַן היים, פון מײַן סוויווע, פון מײַנע מענטשן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ייִדיש — דאָס איז שאָלעם-אַלייכעם, אַז אַן אַנדער ייִדיש איז אומעגלעך. די ערשטע פּרוּוון אין ייִדיש זײַנען טאַקע געווען אין שאָלעם-אַלייכעם-סטיל. עס איז אָבער געווען אַ קאַלאָסאַלע אַנטוישונג — ס'האָט זיך באַקומען צופיל באַרייִדעוודיק און אפילע מעליצעדיק... די פּאָר פּרוּוון אין שאָלעם-אַלייכעמס נוסח זײַנען דורכגעפאַלן"[1].

מענדעלע מויכער-ספאָרים איז אים געווען, ווי ער איז זיך מודע אין דעם זעלבן בריוו, „ווײַט און פרעמד". אַזוי קאַטעגאָריש האָט ער געשריבן וועגן זײַן באַציִונג צו דעם עלטערן קלאַסיקער אינעם אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען ער איז שוין אַליין געווען אַ וועלט-באַרימטער ייִדישער שריפטשטעלער. די דאָזיקע ווערטער פירן אונטער אַ מין סאַכאַקל צו זײַן קאָנסעקווענט נעגאַטיווער באַציִונג צו דער שאַפונג פונעם זיידן פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. איצט קאָן אַזאַ באַציִונג אַרויסרופן אַ געוויסן כידעש און קאָן אופגענומען ווערן ווי אַן אויסערגעוויינלעכע אָדער אַ ביז גאָר סוביעקטיווע. אָבער ס'איז ניט אַזוי איינפאַך, ווי עס שטעלט זיך פאַר פונעם ערשטן קוק. די באַציִונג צו מענדעלע מויכער-ספאָרימען אינעם ערשטן דריטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז אין אונדזער ליטעראַטור און ליטעראַטור-וויסנשאַפט גאָר ניט געווען אַזאַ כשיוועסדיקע, ווי, לאָמיר זאָגן, בא שאָלעם-אַלייכעמען, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר אַן עכטן יוירעש פונעם זיידן.

אין אויסלאַנד האָט די פּאָלעמיק אַרום מענדעלע מויכער-ספאָרימען באַזונדערס זיך פאַרשאַרפט אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען אינעם אַמעריקאַנער „פאָרווערטס" האָט זיך באַוויזן אַ סעריע אַרטיקלען, געווענדט קעגן דעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם שרײַבער. דער רעדאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס" אייב קאַהאַן איז געקראָכן פון דער הויט אַרויס, קעדיי צו דערווײַזן, אַז די באַדײַטונג פון מענדעלען אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור ווערט איבערגעשאַצט. זײַן איינציקער פאַרדינסט איז דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן די הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך, אָבער דער אינהאַלט פון זײַנע ווערק האָבן שוין ניט איצט קיין גרויסן אינטערעס, ס'זײַנען, קלוימערשט, ווערק מיטלמעסיקע, אָפּטמאָל — פלאַכע[1].

אויסערלעך דאַכט זיך, אַז בערגעלסאָן האָט זיך אויך אײַנגעשלאָסן אינעם מאַרש קעגן מענדעלען. אינדערעמעסן איז עס ניט אַזוי, זײַן שטעלונג בענעגייע דעם „זיידן" איז גאָר ניט די זעלבע, ווי בא אייב קאַהאַנען. דאָוויד בערגעלסאָן האָט דעמלט באַטראַכט די ספּעציפישע אייגנטימלעכקײַטן פון דער נײַער טקופע אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, און ער איז געקומען צום אויספיר, אַז מענדעלעס קינסטלערישער מעטאָד איז פאַרעלטערט, הײַנט שטעלט מען אַרויס גאָר אַנדערע פאָדערונגען צו דער קונסט, און מענדעלעס שאַפונג אַנטשפּרעכט זיי ניט. אין דער ליטעראַטור-געשיכטע טרעפט אָפּט, אַז, באַהאַנדלענדיק די יעסוידעס פון דער הײַנטצײַטיקער קונסט, וואַרפט מען אָפּ איר אָוואַר. אַזוי האָט אין דעם פאַל געטראָפן אויך בא בערגעלסאָנען. דעם 24 אַווגוסט 1924 האָט ער אין „פאָרווערטס" פאַרעפנטלעכט אַן

[1] מאַטעריאַלן צו ד. בערגעלסאָנס ביאָביבליאָגראַפיע. „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע", קיִעוו, 1934, נומ. 1—2, ז. 69—70.

[1] זע: מ. ווינער, עטיודן וועגן מענדעלען, מ., „דער עמעס", 1935, ז. 6.

אַרטיקל „די סימאָנים פון דער קינסטלערישער פּראָזע", וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן רושעם און איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַנדערע ייִדישע צײַטונגען. אונדזער ליטעראַטור-קריטיקער אַרן גורשטיין האָט זיך געווענדט צום פּאָפּולערן מעכאַבער, וועלכער האָט געוווינט אין אויסלאַנד, מיט אַ בריוו, ווו ער האָט געבעטן צו דערקלערן זײַן שטעלונג. אָט וואָס דאָוויד בערגעלסאָן האָט אים געענטפערט דעם 29 מײַ 1927:

„...די גרונטלאַגע: מעווינעס אף קונסט וועט מיט דער צײַט געהערן דער וויסנשאפט. פון דעם איז שוין קלאָר, אז מענדעלעס אַרט שרײַבן איז אין אַרטיקל גענומען בלויז ווי אַ בײַשפּיל. עס רעדט זיך מיקויעך דעם, וואָס אָנשטאָט קונסט געפינט מען בא אייניקע שרײַבער אַנדערע גרויסע פעיִקײַטן: זעלטענע קענטעניש אין שפּראַך, מערקווירדיק אינטערעסאַנטע באַריידעוודיקײַט, פיקכעס אדג. זיי קענען זיך באַנוצן מיט דעם אָדער יענעם סיפּער־האַמײַסע בלויז קעדיי אַרויסצווײַזן אף אים זייערע קענטעניש. דאַן, ווען דער עמעסער פּראָזע־קינסטלער לייגט דעם הויפּט־געוויכט אפן סיפּער־האַמײַסע גופע, אף דער פּראָפּאָרציע פון זײַנע באַזונדערע טיילן, אף דער האַרמאָניע פון זייערע צווישנבאַציִונגען. פּראָזע איז מעלאָכע, איר געלונגנקײַט אָדער ניט געלונגנקײַט הענגט אָפּ פון אויספילן אָדער פעלשן אין באַשטימטע געזעצן. אייניקע פון די דאָזיקע געזעצן ווערן אין אַרטיקל באַלויכטן. דערבײַ ווערט אויך באַוויזן, אז מענדעלע האָט זיך די דאָזיקע געזעצן ניט אונטערגעוואָרפן — ניט אינסטינקטיוו און ניט באַוווסטזיניק. צום סיפּער־האַמײַסע איז ער אָנגעקומען נאָר קעדיי אַרויסצווײַזן אין אים זײַנע באַזונדערע גרויסע מײַלעס: זײַן שפּראַכקענטעניש, זײַן וווּנדערלעכע באַריידעוודיקײַט, זײַן פיקכעס און האָט, אזויאַרום, אַנטפלעקט ניט די האַרמאָניע פון אים, מענדעלען, אליין. אַנדערש געזאָגט — די האַרמאָניע פון זײַנע אייגענע באַזונדערע מײַלעס. ווי נאָר ער האָט אין דעם אָדער יענעם פון זײַנע קאָמפּאָזיציִאָנעלע ווערק אויסגענוצט דעם צוערשט גענומענעם סיפּער־האַמײַסע (אויסגענוצט אף אַרויסצווײַזן זײַנע מײַלעס), אזוי באַלד וואַרפט ער אים אוועק און כאַפּט זיך צו אַ צווייטן, דריטן און פערטן סיפּער־האַמײַסע, אף וועלכן ער וועט איבעראַנײַס מיט מער דערפאָלג קענען זײַנע מײַלעס אויסנוצן. איליוסטרירט איז דאָס אַרטיקל מיט די פיל געפּלאָנטערטע, אָנגעהויבענע און ניט פאַרענדיקטע סיפּער־האַמײַסעס פון מענדעלעס „ווינטשפינגערל"[1]".

לאָמיר פּרוּוון אַרײַנדרינגען אינעם גאַנג פון בערגעלסאָנס געדאַנקען. ער גייט אַרויס פון באַשטימטע געזעצן, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך דער קונסט. ער מיינט די קונסט ניט ביכלאַל, ניט גלאָבאַל, נאָר די קונסט די הײַנטצײַטיקע, די קונסט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. און דאָ שטעלט ער אוועק אַלס אַן אויסגאַנג-פּונקט די וויסנשאַפט, וועלכע וועט מיט דער צײַט באַשטימען די אַנטוויקלונג פון אַלע אידעאָלאָגישע געביטן, בעסויכעם פון דער קונסט. דעם דאָזיקן מאַסשטאַב, דעם מאַסשטאַב, ווי מע זאָגט הײַנט, פון דער וויסנשאַפטלעך-טעכנישער רעוואָליוציע, לייגט בערגעלסאָן צו צו מענדעלעס שאַפונג, און ס'איז קיין שום וווּנדער ניט, וואָס אַזאַ מאַסשטאַב האַלט מענדעלע ניט אויס. זײַן שאַפונג געהערט צו גאָר אַן אַנדער טקופע פון דער סאָציִאַלער און גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, צו דער האַסקאָלע-טקופע, און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צו די געזעצן, וואָס אונדזער שרײַבער האָט אַרויסגעפירט אַפן סמאַך פון דער ווײַטערדיקער ליטעראַטור, האָט מענדעלע זיך ניט געקאָנט אונטערוואַרפן „ניט אינסטינקטיוו און ניט באַוווּסטזיניק". ס'איז באַמערקבאַר, אַז דאָוויד בערגעלסאָן וואַרפט אינגאַנצן ניט אָפּ מענדעלעס ירושע, ער געפינט אין איר גרויסע מײַלעס — אויסערגעוויינלעכע שפּראַכקענטעניש, וווּנדערלעכע באַריידעוודיקײַט, גרויסע פיקכעס א. אַנד. אָבער אינגאַנצן גענומען באַפרידיקט זי אים ניט. ווי בערגעלסאָן שטרײַכט אונטער, טרעט ער אַרויס ניט קעגן מענדעלע מויכערספאָרימען, אזוי צו זאָגן, פּערזענלעך („מענדעלעס אַרט שרײַבן איז אין אַרטיקל גענומען בלויז ווי אַ בײַשפּיל"), נאָר קעגן אַ באַשטימטן קינסטלערישן מעטאָד, וועלכער ווערט אינגאַנצן אָפּגעלייקנט, ווײַל ס'איז אַ מעטאָד, וואָס איז ניט ענלעך אַפן מעטאָד פון דער הײַנטצײַטיקער (פאַר בערגעלסאָנען) ליטעראַטור, בעסויכעם — און, עפּשער, באַזונדערס — אף זײַן, בערגעלסאָנס, אייגענעם אַרט שרײַבן.

צו שאָלעם-אַלייכעמס 80-טן געבורטסטאָג האָט בערגעלסאָן אַרויסגעגעבן אַ קליין ביכעלע וועגן אים,[1] וואָס איז אָנגעשריבן אין פופצן יאָר אַרום נאָך דעם אַרטיקל וועגן מענדעלען. אונדזער ליטעראַטור-וויסנשאַפט האָט שוין צו יענער צײַט אין אַ גרויסער מאָס גריוועט געווען די וווּלגאַר-סאָציִאָלאָגישע שוואַכקײַטן, וועלכע האָבן זיך אזוי בולעט באַוויזן אין דער מענדעלע-פאָרשונג (זיי זײַנען טיילווײַז נעגייע געווען אויך אין דער שאָלעם-אַלייכעם-פאָרשונג), און דאָוויד בערגעלסאָן האָט אויך אינעם סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן דערגרייכט דעם שטאַפּל פון הויכער אידייִשער רײַפקײַט (שוין אָנגעשריבן

[1] דער בריוו געפינט זיך אין צענטראַלן אַרכיוו פון ליטעראַטור און קונסט פון פססר און ווערט פּובליקירט דאָס ערשטע מאָל. ЦГАЛИ. Ф 2270, оп. 1, ед. хр. 91.

[1] דאָוויד בערגעלסאָן, שאָלעם-אַלייכעם, מ., „דער עמעס", 1939.

צוויי בענדער פונעם גרויסן עפּישן ווערק „באַם דניעפּער“) און געקאָנט זײַן מער אָביעקטיוו, איידער פּריִער.

אגעוו, אין אָט דער צײַט האָט זיך געענדערט זײַן באַציִונג אויך צו מענדעלען. יאנקעוו שטערנבערג דערציילט אזא עפּיזאָד. ווען בעסאראביע איז באַפרײַט געוואָרן, איז ער, שטערנבערג, געקומען פון קעשענעוו קיין מאָסקווע און בא דער באַגעגעניש מיט בערגעלסאָנען אים איבערגעלייענט אַן אויסצוג פון זײַן אמאָליקער רעצענזיע אַף דעם ראָמאַן „פּענעק“ (וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער ערשטער טייל פון „באַם דניעפּער“), וווּ בערגעלסאָן ווערט אָנגערופן אלס א יורעש פון מענדעלען — זײַן געטרײַסט אייניקל. אין יענער רעצענזיע איז געשטאנען:

„צום ערשטן מאָל נאָך מענדעלען האָט א ייִדישער שרײַבער אזא אומבעראכמאָנעסדיקע רעוויזיע בא אונדז אונטערגענומען. עס ווערט אין „פּענעקן“, פּונקט ווי בא מענדעלען, אי געשילדערט, אי ארײַנגעזאָגט. מענדעלעס שטעכווערטלעך בריִען דאָ, ווי הייסע קראָפּעווע, זיי זײַנען שוין דאָס שטעכיקע דראָט, מיט וועלכן מע פארטיידיקט אַף טויט און אַף לעבן נײַע, גוט אויסגעבויטע שלאכט־פּאָזיציעס. אָבער פּונקט ווי מענדעלע, שלײַפט און פּײַלט דאָוויד בערגעלסאָן זײַן טענדענציִעזע ליטעראטור, צאצקעט זי און פּערלט, פּאָרטרעטירט געניי און געדולדיק, מאָלט און זאָגט מוסער מיט דער זעלבער סטיליסטישער אָפּגעהיטקײַט, ליטעראַרישן פאנאטיזם און אינערלעכן פּאטאָס, וואָס האָט אין זיך פונעם זיידנס פארשרײַבן לעדוירעס“.[1]

דאָוויד בערגעלסאָן האָט אויסגעהערט דעם אויסצוג פון דער רעצענזיע און אויסגעדריקט זײַן דאנקבארקײַט פאר אזא אָפּשאַצונג.

דאָס איז, פארשטייט זיך, אַן אומדירעקטער באַווײַז וועגן דער ענדערונג פון בערגעלסאָנס שטעלונג בענגייע מענדעלע מוכער־ספאָרימען. און אָט איז א דירעקטער. ס'איז באַוווּסט, ווי הויך ד. בערגעלסאָן האָט געשעצט שלוימע מיכאָעלסן. אין זײַן ארטיקל וועגן אים — דאָס זײַנען, דאכט זיך, די לעצטע אָנגעשריבענע בלעטלעך, וועלכע זײַנען ארויס פון בערגעלסאָנס האנט — האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז מיכאָעלס „האָט איבערגענומען די ליבע צום פאָלקס־מענטש און זי דערהויבן צו דער זעלבער הייך, צו וועלכער עס האָט זי דערהויבן דער זיידע פון דער ייִדישער ליטעראַטור“.[2] מיט אנדערע ווערטער: מענדעלע מויכער־ספאָרימען האָט בערגעלסאָן אויפגענומען — אין ענדע פון זײַן לעבן — אלס א פאָלקס־קינסטלער.

[1] „סאָוועטיש היימלאנד“, 1964, נומ. 4, ז. 8.
[2] „סאָוועטיש היימלאנד“, 1970, נומ. 3, ז. 127.

און שאָלעם־אלייכעם, — באמערקט ער אינעם אויבנדערמאָנטן ביכל, — פאָלגט אין דעם זין מענדעלען. זײַן קאסרילעווקע איז א קינסטלערישע פאָרזעצונג פון גלופּסק. און דאָוויד בערגעלסאָן גיט א גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון שאָלעם־אלייכעמס קונסט. ס'איז א קונסט, וועלכע איז מיט אלע אירע וואָרצלען אזוי טיף פארבונדן מיטן פאָלק, אַז עס דוכט זיך: דאָס פאָלק האָט דאָס ווערק אליין געשאפן. ער מערקט אָפּ א ריי סטיליסטישע אייגנשאפטן, וועלכע פארוואנדלען שאָלעם־אלייכעמס ווערק אין עמעסע פאָלקס־שאפונגען. דאָס איז, אין דער ערשטער ריי, זייערע „געניאַל־איינפאכע מײַסעדיקײַט“. ס'איז אַן עכט בערגעלסאָנישער טערמין, וועלכער כאַראַקטעריזירט דעם מעהוס פון שאָלעם־אלייכעמס שאפונג. אַז דער טערמין איז ניט קיין צופעליקער אײַנפאל, באַווײַזט בערגעלסאָנס רעצענזיע אַף דעם ספּעקטאַקל פונעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער „דער פארקישעפטער שנײַדער“ (אינסצענירט פון י. דאָברושין). דאָרט לייענען מיר: „די געשיכטע וועגן דעם פארקישעפטן שנײַדער שעמערירט ארויס פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק מיט א באזונדער שײַן — א שײַן פון „אמאָל איז געווען“, א שײַן פון א מײַסעלע, א שיר ניט באלעבטע פאָלקס־לעגענדע. דאָס איז די שײַן פון „באלײלאָ האהו“, פון יענער נאכט“.[1] אָט די מײַסעדיקײַט איז אייגנשאפטלעך דעם פאָלקלאָר, און ניט נאָר דעם ייִדישן. אין דער זעלבער רעצענזיע פארגלײַכט דאָוויד בערגעלסאָן שאָלעם־אלייכעמס דערציילונג מיט אנטאָן טשעכאָווס „דאָס גליק“, וווּ אַן אלטער פּאסטעך קלאָגט זיך, אַז ער, פּונקט ווי דער פאָטער זײַנער און דער ברודער, האָבן אומעטום און לאנג געזוכט גליק, נאָר אומזיסט, טאָמיד אָנגעטראָפן אַף פארקישעפטע אוצרעס, וועלכע האָבן זיך מיט גאָרנישט ניט אויסגעלאָזט. דער דאָזיקער אינטערנאציאָנאַלער לייטמאָטיוו, — קומט צום אויספיר דער רעצענזענט, — איז אין שאָלעם־אלייכעמס „פארקישעפטן שנײַדער“ אײַנגעוויקלט אין דער פאָרם פון ייִדישן פאָלקלאָר“.

„אומעטום, — שרײַבט אין דער בראָשור ד. בערגעלסאָן, — אין אלע הינטערגעסלעך פון די שטעטלעך האָט מען דורך די אָפענע טירן געקאָנט הערן די ווערטער, וואָס באַגלייטן דאָרט דאָס האלב־הונגעריקע לעבן אין א געוויינלעכן זומער־טאָג: „גוואלד! וווּ נעמט מען כאָטש אהער שאָלעם־אלייכעמען“. און דער גרויסער הומאָריסט ווערט ווײַטער פארגליכן צו עליִאָהו האנאָווי — ער איז

[1] „אייניקײַט“, 13 יאנוואר 1947.

געוואָרן בא די פאָלקסמאַסן ווי א לעבעדי-
קער עליִאָהו האנאָווי, וואָס העלפט ניט
אונטערגעבן זיך די נויטן". אזוי האָט זיך
שאָלעם-אליייכעם מאמעש צונויפגעגאָסן מיט
די פאָלקסמאסן. ער האָט ניט נאָר אקומולירט
אין זײַן ווערק דעם שטייגער, דעם באוווסט-
זײַן, דאָס גאנצע לעבן פונעם ייִדישן פאָלק,
נאָר אויך געפונען אין זיך קויער אופהייבן
זיך איבער דעם לעבן. זײַן שאפונג איז גע-
ווען באגײַסטערט פון געוויסע אידייען, וואָס
האָבן געהאט דעם ציל צו דערמונטערן דאָס
פאָלק. בערגעלסאָן האלט, אז דאָס זײַנען
ניט געווען קיין קאָנסעקווענט רעוואָליוציאָ-
נערע סאָציִאל-פּאָליטישע אידייען. ווען שאָ-
לעם-אלייכעם פלעגט נעמען שילדערן דעם
פּאָליטישן קאמף — לעמאָשל, אין דער צײַט
פון דער רעוואָליוציע פונעם 1905 יאָר, איז
עס אים ווייניקער געלונגען. בערגעלסאָן
רופט דערבײַ אָן דעם ראָמאן „אין שטורעם".
אָבער אָביעקטיוו האָבן קימאט אלע שאָלעם-
אלייכעמס ווערק געהאט א קאָלאָסאלע רע-
וואָליוציאָניזירנדיקע ווירקונג אף דעם „בא-
נעמענעם ארבעטנדיקן מענטשן", געהאָלפן
אים ארײַנציִען אין די אלגעמיינע פארשיידע-
נע און אנטשיידענע שלאכטן אין לאנד", אין
די שלאכטן, וואָס האָבן דעם ציל „ענדגיל-
טיק און אף אייביק פארניכטן די מענטשנ-
פײַנטלעכע אָרדענונג". בענעגייע די גרעסע-
רע ווערק פון אונדזער הומאָריסט ווענדט
אפילע בערגעלסאָן אָן דאָס וואָרט פּראָפּא-
גאנדע. „שאָלעם-אלייכעמס דערהויבענע
קונסט, — שרײַבט ער, — ווערט פארוואנדלט
אין שטארקער פּראָפּאגאנדע פאר הומאניזם
און דעמאָקראטישקײַט".

און דאָ קאָן מען פעסטשטעלן א גע-
ויסן אונטערשייד צווישן דעם זיידן פון דער
ייִדישער ליטעראטור און זײַן אייניקל. מענ-
דעלע מויכער-ספאָרים איז געווען ענג פאר-
בונדן מיט דער האסקאָלע-באוועגונג, ער איז
געווען און געבליבן א מאסקל. אָנהייבנדיק
פונעם „קליינעם מענטשעלע", פלעגט ער זיך
ווענדן צו די פארמעגלעכע שיכטן, צו די
מאכטהאָבער, זיי זאָלן זײַן מילדערער און
לינדערן די ליידן פונעם פאָלק. געוויס,
מענדעלעס ווערק שטײַגן אריבער די קאוואָ-
נעס פון זייער מעכאבער. זיי זײַנען ווערק
קריטישע, אָפטמאָל שארף סאטירישע און זיי
האָבן אויך געהאט גאָר ניט קיין קליינע
ווירקונג אינעם אויספורעמען דעם פאָרגעשרי-
טענעם באוווסטזײַן בא דעם פאָלק. שאָלעם-
אלייכעם איז געווען ניט נאָר „אופקלערע-
ריש". „די קראפט פון זײַן קונסט איז געווען
געווענדט, — שטרײַכט אונטער ד. בערגעל-
סאָן, — ניט צו די מאכטהאָבער אף אויסצו-
בעסערן זיי, נאָר צו די פארקנעכטיקטע אף
צו עפענען זיי די אויגן". דערפאר טאקע האָבן
זײַנע ווערק געהאט אזא רעוואָליוציאָניזירנדי-
קע האשפּאָע.

דאָוויד בערגעלסאָן באצייכנט דעם שע-
פערישן מעטאָד פון שאָלעם-אלייכעמען אלס
א מעטאָד פון „רעוואָליוציאָנערן רעאליזם".
דער טערמין איז א באדינגלעכער, אין דער
סאָוועטישער ליטעראטור-וויסנשאפט ווענדט
מען אים ניט אָן. אָבער בא בערגעלסאָנען,
וועלכער איז גאנץ פרײַ פון אקאדעמישע
פאָרשונגען, האָט ער א באזונדערן באטײַט.
אָט וויִאזוי ער איז אָנגעווענדט: „באנוצנדיק
זיך מיט עכטן רעוואָליוציאָנערן רעאליזם, מיט
הומאָר, סאטירע און געלײַטערטן קלוגן פאָלק-
לאָר, האָט שאָלעם-אלייכעמס קונסט קיינמאָל
ניט דיסקוטירט, זיך ניט געדינגט און זיך ניט
געײַלט — זי איז געפלאָסן מיט דער גלײַכ-
מעסיקײַט פון א קרישטאָל-ריינעם בארג-
קוואל און האָט שטענדיק באזיגט און איבער-
צײַגט". אין אזא פּאָעטיש-מעטאפאָרישן
אויסטײַטש קאָן מען דעם טערמין אָנעמען.
מיט אן עכט קינסטלערישן כוש האָט דאָוויד
בערגעלסאָן געפונען דעם אָנלאָד, וועלכער
איז פארבאָרגן אין שאָלעם-אלייכעמס אויסער-
לעך זאָרגלאָזער, לעבנסלוסטיקער קונסט, און
זיך באמיט אין דעם פראט אים נאָכפאָלגן.

אין דער יוגנט, ווי מיר וויסן שוין,
האָט דאָוויד בערגעלסאָן ניט געקאָנט אופנע-
מען פערעצעס שפּראך, פּינקטלעכער גע-
רעדט, — זײַן פּוילישן דיִאלעקט, אָבער אינ-
גיכן איז דער יונגער בערגעלסאָן עס גיוווער
געווען און איז פארקישעפט געוואָרן פון
פערעצעס קונסט, אין וועלכער ער האָט אויך
געפונען „א רעוואָליוציאָנערן גײַסט" (אזוי
האָט ער דעמאָנסטראטיוו אָנגערופן זײַנס אן
ארטיקל[1] וועגן דעם שרײַבער, וועלכער איז
געוואָרן אים לײַבלעך נאָענט). ווען צו אים
איז דערגאנגען די ידיִע וועגן י.-ל. פערע-
צעס פּטירע טויט, האָט ער זיך גלײַך אָפּגע-
רופן אף דעם שווערן פארלוסט מיט אן
אָפענעם בריוו צו דער יונגער ייִדישער
אינטעליגענץ[2]. שפּעטער האָט ער זיך ניט
איין מאָל פארנומען מיט פערעצעס ירושע.
אינעם צענטראלן ארכיוו פון ליטעראטור און
קונסט פון פססר ווערט אָפּגעהיט זײַנער א
גאנץ גרויסער קסאָוויאד „באגעגענישן מיט
פערעצן"[3], וועלכער איז דאטירט מיטן 1940

[1] פארעפנטלעכט אינעם „פאָרווערטס" דעם 7 מײַ
1922 און אין דער זאמלונג י.-ל. פערעץ, צו זײַן
זיבעטן יאָרצײַט, מינסק, 1922.

[2] אָפּגעדרוקט אין זשורנאל „די ייִדישע וועלט",
1915, נומ. 3.

[3] ЦГАЛИ; ф. 2270, оп. 1, ед. хр. 298.

(טײלװײַז אָפּגעדרוקט אין פֿאַרשידענע אױס-
גאַבעס). דאָרט װערט אונטערגעפֿירט א מין
סאַכאַקל פֿון זײַנע אָנשױונגען אין צוזאַמענ-
האַנג מיט פּרעצעס שאַפֿונג. ס׳װערט געגעבן
אַן ענטפֿער אױף דער פֿראַגע, פֿאַרװאָס, װי
ער שטרײַכט אונטער, פּרעץ איז געװאָרן
„א שײנער פּילפּאַרביקער העלד פֿון אונדזער
גאַנצן ייִדישן יוגנטום".

בערגעלסאָן דערמאָנט זיך, אַז מיט זײַ-
נע ערשטע פּרוּװן איז ער ספּעציעל געפֿאָרן
צו י.-ל. פּרעצן קײן װאַרשע. צוגעגאַנגען
צו דער דירע פֿונעם שרײַבער, האָט ער אָבער
זיך ניט דערװעגט א דרײ טאָן דאָס הענטל
פֿונעם גלעקל און זיך אומגעקערט פֿון דער
טיר, די קסאָװיאַדן דערנאָך אָפּגעשיקט דורך
דער פּאָטשט. אין א קורצער צײַט אַרום האָט
ער זיך באַקאַנט מיטן באַרימטן שריפֿטשטע-
לער, עטלעכע מאָל באַגעגנט זיך מיט אים,
דאָס ערשטע מאָל אין קיִעװ נאָך א ליטע-
ראַרישן אָװנט, אױף װעלכן פּרעץ האָט גע-
לײענט זײַנע זאַכן.

בערגעלסאָן באַשרײַבט די דאָזיקע באַ-
געגעניש אַזױ:

„נאָך דער לעזונג בין איך צוגעגאַנגען צו אים
און זיך פֿאָרגעשטעלט:

— כ׳האָב אײַך װינטער צוגעשיקט מײַנע א זאַך.

— כ׳געדענק ניט.

— איר האָט מיר געענטפֿערט, אַז די זאַך טױג
ניט.

— אױב איך האָב אײַך געענטפֿערט, איז עס א
סימען, אַז כ׳האָב עפּעס אין אײַך געפֿונען..."

אַפֿילע אַזאַ ענטפֿער האָט דעם יונגן אָנ-
פֿאַנגער דערמונטערט. ער איז נאָכאַמאָל —
ס׳איז געװען אין בערדיטשעװ — צוגעגאַנגען
צום שרײַבער, אָבער עס האָט זיך קימאַט אי-
בערגעכאַזערט דער זעלבער דיאַלאָג. בלױז
נאָכן אַרױסגײן פֿון „אַרום װאָקזאַל", װעלכן
דער מעכאַבער האָט צוגעשיקט פּרעצן, האָט
יענער א ביסל געענדערט זײַן מײנונג װעגן
דעם נײַעם ייִדישן שרײַבער. אָבער מע קאָן
פֿעסטשטעלן, אַז י.-ל. פּרעץ האָט ניט דער-
קענט אינעם מעכאַבער פֿון „אַרום װאָקזאַל"
דעם קומענדיקן טרעגער פֿון רום פֿאַר דער
ייִדישער ליטעראַטור.

דאָס אָבער האָט ניט געשטערט בער-
געלסאָנען צו זען אין פּרעצן דעם סאַמע מאָ-
דערנסטן ייִדישן װאָרט-מײַסטער. שױן אין
זײַן ערשטן אַרטיקל װעגן דעם גרױסן קלאַ-
סיקער װערט געזאָגט, אַז „זײַן געדאַנק גע-
הערט דער צוקונפֿט". „אין זײַנע טיפֿע הונ-
געריקע אױגן" האָט דער יונגער שרײַבער גע-
פֿונען בליצן פֿון פּראָמעטעוס פֿײַער. פֿאַר פּע-
רעצעס גרעסטן אױפֿטו האָט בערגעלסאָן גע-
האַלטן דאָס, װאָס זײַנע װערק שטעלן מיט
זיך פֿאָר א סינטעז פֿונעם אַלטן און נײַעם
ייִדישן געדאַנק, זײ האָבן צום ערשטן מאָל
באַװיזן „דעם שטורמיש-פּלוצעמדיקן איבער-
גאַנג פֿון ייִדישקײַט צו װעלטלעכקײַט", װאָס
איז, לױט בערגעלסאָנען, געװען כאַראַקטע-
ריסטיש פֿאַרן ייִדישן לעבן אין סאָף XIX —
אָנהײב XX יאָרהונדערטער.

טאַקע דערפֿאַר האָט דאָװיד בערגעלסאָן
אָפּגעשאַצט פּרעצעס גײַסט אַלס א רעװאָ-
ליוציאָנערן. מיר דאַרפֿן דאָ צוגעבן, אַז דער
באַגריף „רעװאָליוציאָנערער גײַסט" װערט דאָ
אױסגעטײַטשט גאַנץ אַבסטראַקט, אין פּראַט
פֿון אין אַלגעמײן איבערגעשטאַלטן דאָס לעבן,
אַנדערש גערעדט — װי ביכלאַל קעמפּערי-
רישער גײַסט. אַזױ טאַקע שטײט אין דעם דאָ-
זיקן אַרטיקל: „פּרעץ איז ביכלאַל א קעמ-
פּערישע נאַטור. דאָס איז געװען דער הױפּט-
שטריך פֿון זײַן מעהוס — א קעמפּער פֿאַר
מענטשלעכן גליק און אָפּטמאָל פֿאַר א פּאָ-
שעטן מענטשלעכן װױלשטאַנד. אים איז גע-
װען אַלצײנס, װי צו אָנרופֿן דעם קױעך, װאָס
שטעלט זיך אַװעק צװישן לײַדנדיקן מענטשן
און צװישן זײַן נאַכעס, און ער האָט דעם
קױעך לױט דער אַלטער ייִדישער טראַדיציע
א נאָמען געגעבן „גאָט", כאָטש אַמאָל קאָן
מען אים רופֿן „װינט"".

ס׳איז, מײן איך, א ביז גאָר אינטערע-
סאַנטער געדאַנק. אין די צװאַנציקער יאָרן
האָט ער געקלונגען פֿריש און אומגעריכט.
בערגעלסאָנען איז געלונגען אױפֿצוכאַפּן דעם
הױפּט-טאָך פֿון פּרעצעס װעלט-אָנשױונג און
שעפֿערישן מעטאָד. װיפֿל מאָל האָט מען אין
יענע יאָרן געשריבן װעגן פּרעצעס באַגרע-
נעצטקײַט, זײַן רעליגיעזקײַט, כסידישקײַט
אאַװ.! בערגעלסאָן האָט גאָר אַנדערש דערזען
די װעלט-אָנשױונג פֿון דעם באַװוסטן שריפֿט-
שטעלער, װעלכער אַפּעלירט, אַזױ צו זאָגן,
צום מאַסן-לײענער פֿון זײַן צײַט. די פֿרומע
ייִדן האָבן זיך זײער פֿאַרזיכטיק באַצױגן שױן
צו די ערשטע דערצײלונגען פֿון פּרעצן:
„מער פֿון סינע האָט זיך אין דער דאָזיקער
באַציִונג געלאָזט פֿילן מױרע, פֿאַרנעפּלטער
פּאַכעד און סטאַם צעטומלטקײַט". װײַטער
װיקלט בערגעלסאָן פֿאַנאַנדער דעם דאָזיקן
געדאַנק און באַװײַזט, װי שאַרפֿזיניק און הױך-
קינסטלעריש י.-ל. פּרעץ צװינגט דעם לײע-
נער זײַן אַזױ פֿאַרכאַפּט מיטן סיפּער-האַמײַ-
סע, אַז ער, דער לײענער, באַמערקט אַפֿילע
ניט, װי ער װערט בעהאַדראַגעדיק פֿאַרקי-
שעפֿט און קומט צו אַזעלכע פּױעליניצעס,
װעלכע װידערשפּרעכן זײַן פֿרומקײַט און זײַן
אונטערטעניקײַט. אָט װי בערגעלסאָן האָט

דערקלערט דעם מעהוס פון פערעצעס שעפערישן נוסעך:

„דאָס אלץ איז געווען דערפון, וואָס סײַ לויט זײַן ארט שרײַבן, סײַ לויט דער טראדיציאָנעלער בילדערלעכקײַט, מיט וועלכער פערעץ האָט אָפּערירט, האָט ער פארמאָגט דעם גאנצן קישעף, וואָס קאָן באצויבערן א פרומען ייִדן, אים ארײַנעמען ווי אין א נעץ, און אים צווינגען זיך גליטשן, גליטשן צום פאָרויס אָנגעמערקטן פינטל, און דער פרומער ייִד, וואָס האָט אָנגעטראָפן אף פערעצעס א ווערק, האָט זיך ווירקלעך געגליטשט, געגליטשט צום צוגעגרייטן טהאָם פון אפיקאָרסישן און פרײַען דענקען און איז אומגעריכט אין אים ארײַנגעפאלן. דאָס איז געשען אדאנק דעם אייגנארטיקן בוי, וואָס טיילט אויס קימאט אלע פערעצעס מײַסעס, אדאנק דעם, וואָס דער אנטוויקלונגס־פראָצעס בא פערעצן ווערט געפירט אף אזא אויפן, אז דער פאָקוס קומט טאָמיד אומגעריכט, מיטאמאָל און צום סאָף — אין די לעצטע צוויי אָדער דרײַ געציילטע פראזעס".

אזא קינסטלערישע סטרוקטור האָט שפּעטער בערגעלסאָן אָפט אויסגענוצט אין זײַנע דערציילונגען.

אין צוזאמענהאנג מיט אזא אינטערפּרעטאציע זײַנען אפסנײַ באהאנדלט געוואָרן פערעצעס ציקלען „כסידיש" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". די קריטיק האָט אין יענע יאָרן ניט געקאָנט געפינען צו זיי א פּאסיקן שליסל. דאָוויד בערגעלסאָן ווארפט אָפ דעם פארשפּרייטן געדאנק, אז פערעץ איז געווען „אַן איבערדיכטער פון דער אלטער כסידיש־הימלשער היימישקײַט און איז אויסן געווען זי צו באזינגען". נאָך אין 1922 האָט בערגעלסאָן געשריבן: „פערעץ האָט אויסגענוצט אלע אויצרעס פון דער כסידיש־פאנטאסטישער וועלט, קעדיי צו פארוואנדלען דורך זיי דעם ייִדיש־גײַסטלעכן הימל אין א בענקעלע בא דער מאטעריאַליסטישער ערדפוס. אין דעם זין איז פערעץ געווען עכט רעוואָליוציאָנעריש — ער האָט געשפּײַזט דעם הימל מיט ריין ערדישער שפּײַז". קעדיי צו באשטעטיקן אָט דעם געדאנק, דערמאָנט בערגעלסאָן די נאָוועלע „דרײַ מאטאָנעס", ווו עס ווערט דערציילט, וויאַזוי „דעם הימל האָט זיך איינמאָל פארוואָלט א מאטאָנע, האָט מען אים געבראכט דרײַ געציילטע טראָפּנס געווײנלעכע מענטשלעכע ליידן".

דעם געדאנק וועגן דעם מעהוס פון די דערמאָנטע פערעצעס ציקלען דערציילונגען האָט בערגעלסאָן דערנאָך פאנאנדערגעוויקלט אין א ספּעציעל ארטיקל, אָפּגעדרוקט אין דער „איינִיקײַט" דעם 10 אפּרעל 1945. דאָרט שטרײַכט ער אונטער, אז אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און אין „כסידיש" איז דער „הימל, הימלשקײַט און הימלשע אוילעמהאַבע" קעגנגעשטעלט „דער ערד, ערדישקײַט און ערד־גליק". אין די דאָזיקע דערציילונגען איז דעמאסקירט „די קראפט, וואָס שטעלט זיך אוועק צווישן דעם לײַדנדיקן מענטשן און צווישן זײַן גליק און לאָזט ניט פארשיטן דעם אָפּגרונט „צווישן לעמער און שינדער". און ווײַטער: „וויפל דער כאסידיזם אין געשטאלט פון לייווי־ייִצכאָק בערדיטשעווער האָט זיך ניט אוועקגעשטעלט אנטקעגן גאָט מיט א „וואָס ווילסטו?", האָט ער דאָך געענטפערט מיט א „סגאדאל וועיִסקאדעש", דענסטמאָל, ווען פערעץ האָט מערסטנטייל געענדיקט מיט א לויב־געזאנג דעם מענטשלעכן אינעם מענטשן. מיט דעם האָט ער אומגעקערט דער פאָלקס־מײַסע דעם ייִדישן מאָטיוו, וואָס האָט זי באם פאָלק ארויסגערופן..." י.־ל. פערעץ איז, לויט בערגעלסאָנען, דערפאר געוואָרן א פאָלקס־קינסטלער, ווײַל ער האָט אויפגענומען די מעסוירעס, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאפן, זיי איבערגעארבעט אין זײַן דימיען־אויצער, און אף אזא איבערגעשמאָלצענעם אויפן זײַנען זיי ווידער ארײַנגעקומען צום פאָלק.

דאָס אלץ זאָגט לאכלוטן ניט, אז ד. בערגעלסאָן האָט בלויז געלויבט פערעצן, ניט באמערקט זײַנע געוויסע שוואכקײַטן, פארלוסטן.

„ווי יעדע קעמפערישע נאטור, וואָס האָט די דרייסטקײַט אָנצוהייבן אלעמאָל „א נײַעם קאָן", — לייענען מיר אין דעם דערמאָנטן קסאוויאד „באגעגענישן מיט פערעצן", — האָט ער געטראָגן אין זיך א שטארקן איבערפלוס פון קויכעס, נאָר ניט שטענדיק אויסגענוצט זײַנע קויכעס און דעריבער פון מאָל צו מאָל געמאכט טאָעסן. אזעלכע טאָעסן האָבן בא אים געקאָנט טרעפן ניט נאָר אין דער לייזונג פון דער געשטעלטער פּראָבלעם, נאָר אפילע אין סטיל, מיט וועלכן ער האָט גערעדט".

פערעץ, באמערקט אונדזער שרײַבער, האָט א סאך געזוכט, געבלאָנדזשעט, ניט איין מאָל זיך אָפּגענייגט פונעם גלײַכן וועג, אין זײַן שאפונג זײַנען באמערקבאר פארשיידענע ריכטונגען און סטילן, אָבער — קומט בערגעלסאָן צום אויספיר, — „מיטן גרעסטן טייל פון זײַנע פיל ווערק האָט ער געשלעפּט דעם וואָגן פון אונדזער ליטעראטור צום פּראָגרעסיוון אוואנגארד פון דער מענטשהײַט".

מע דארף צוגעבן נאָך א שטריך, וועלכער האָט שטארק צוגעצויגן בערגעלסאָנען צו פערעצן. פערעץ איז געווען א שריפטשטעלער זייער א לײַדנשאפטלעכער, אַן עקספּערימענטאטאָר פון נײַע פאָרמען, „ער האָט זייער ליב געהאט אויסבויען, ווארפן און נעמען בויען נאָכאמאָל לויט א נײַעם פּלאַן, און, ווי יעדער גרויסער מײַסטער, האָט ער געקענט

פארוואנדלען אלע מינדסטע קלייניקייטן אין א מיטל צו דערגרייכן דעם אוועקגעשטעלטן ציל...". פּערעץ האָט שוין איבערגעלעבט א סאַך קינסטלער און וועט נאָך א סאַך איבער-לעבן, ווײַל „דער רעוואָליוציאָנערער אימ-פּעט, — אַזוי פארענדיקט זיך א וואַריאַנט פון בערגעלסאָנס אַרטיקל, — קײַלט זיך אייביק מיט נײַ-שפּראָצעדיקן לעבן און שטאַרבט ניט". די דאָזיקע ווערטער קאָן מען אָנווענדן אויך צו בערגעלסאָנען, צו זײַן שאַפונג, וואָס האָט אַף א נײַעם אופן אָפּגעשפּיגלט דאָס סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די ייִדן אין רוס-לאַנד אין אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָר-הונדערט.

## 2

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור באַ-וועגט זיך ניט גלײַכמעסיק, נאָר שפּרונגאַר-טיק, עס קומט א גרויסער שריפטשטעלער און הייבט אָן א נײַע טקופע אין איר אַנטוויקלונג. אַזאַ נײַע קוואַליטעט האָט געבראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור מענדעלע מויכער-ספאָ-רים. באַלד נאָך אים זײַנען געקומען שאָלעם-אַלייכעם און י.-ל. פּערעץ. ווי עס זאָלן זיך ניט אונטערשיידן די ווערק פון די דאָזיקע שרײַבער, וועלכע זײַנען געוואָרן קלאַסיקער, זײַנען זיי ענג פאַרבונדן צווישן זיך. פאַר-שטייט זיך, שאָלעם-אַלייכעם האָט געבראַכט א נײַעם נוסעך, נײַע געשטאַלטן, געשאַפן א נײַע קינסטלערישע וועלט, אָבער זײַן שאַפונג ווערט אופגענומען ווי א דירעקטע פאָרזעצונג פון מענדעלעס שאַפונג. י.-ל. פּערעץ איז אויך ביז גאָר אייגנאַרטיק, אָבער פעסט צוגעבונדן צו זײַנע פאָרגייער. אויסערלעך דאַכט זיך, אַז דאָוויד בערגעלסאָנס ווערק זײַנען פאַרפאַסט אין א גאָר אַנדער מאַניר. פאַרשטענדלעך, מע קאָן אין זיי געפינען — און ניט ווייניק — שטריך-פעדעמער, וועלכע ציִען זיך פון אונ-דזערע קלאַסיקער, אָבער זײַן נאָוואַטאָרישקײַט האָט זיך פון אָנהייב אָן געוואָרפן אין די אויגן.

אָט וויאַזוי לייב קוויטקאָ באַשרײַבט דעם שטאַרקן אײַנדרוק, וואָס האָט אין דער יוגנט געמאַכט אַף אים בערגעלסאָנס „אַרום וואָק-זאַל". ער דערקלערט עס מיט דעם, „וואָס דער אופן פון שרײַבן איז ניט געווען ענלעך צו די ביכער, וואָס איך האָב שוין דעמאָלט געלייענט. אַנדערש האָט גערעדט מענדעלע, שאָלעם-אַלייכעם, פּערעץ. די פאַרטראַכטקײַט פונעם געמעל, דער צימצעס פון מיטלען באַם געבן דאָס געשטאַלט, די אָונטיקע שטימונג אַרום די פאַרשוינען, דער באַזונדערער אופן פון איבערגעבן די פּאַטעטישקײַט פון דער אַרומי-קער נאַטור האָבן אָן שום ספק אַרײַנגע-דרונגען טיף אין האַרצן און אונטערגעשטראָכן דעם טרויעריקן גורל פון די מענטשן „אַרום וואָקזאַל"[1].

[1] לייב קוויטקאָ, מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דאָוויד בערגעלסאָנען, זשורנאַל „שטערן", 1949, נום. 5, ז. 52.

מוישע ליטוואַקאָוו האָט דעם דאָזיקן אונטערשייד פאַראַלגעמיינערט און געשריבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 25-יאָריקן יובילײ פון בערגעלסאָנס שאַפונג: „בערגעלסאָנס אופטריט האָט בעשײַטע באַטײַט א שאַרפן נײַעם קער אין דער ייִדישער ליטעראַטור"[1].

דאָוויד בערגעלסאָן האָט געשילדערט דיווירקלעכקײַט פון זײַן צײַט, און אַנשטאָט דער באַוווּסטער באַריידעוודיקײַט, וועלכע איז גע-ווען אייגנשאַפטלעך מענדעלען און שאָלעם-אַלייכעמען און וועלכע ס'האָט באַמיט גיוווער זײַן פּערעץ, איז געקומען באַ בערגעלסאָנען א זייער שפּאָרזאַמער לאַקאָנישער סטיל. אין מענדעלעס, און באַזונדערס אין שאָלעם-אַליי-כעמס הומאָר, האָט מען געזען א געלעכטער דורך טרערן, באַ בערגעלסאָנען טרעפן מיר ווו-ניט-ווו הומאָריסטישע עפּיזאָדן, אָבער טאָ-מיד איז דער שרײַבער געווען זייער ערנסט, ער האָט אין פיל ווערק זײַנע אומיטלבאַר פאָרגעשטעלט די טראַגיק פונעם ייִדישן פאָלק אין די באַדינגונגען פון דער בורזשואַזער גע-זעלשאַפט. אין זײַנע ווערק הערשט גאָר אַן אַנדער שטימונג — אַן אינטים-לירישע, עלע-גישע. דאָוויד בערגעלסאָן האָט אויסגענוצט אויך אַנדערע קינסטלערישע מיטלען. מיט דעם ווערט ניט געזאָגט, אַז בערגעלסאָנס קינסטלערישער מעטאָד איז אינגאַנצן קעגנ-געשטעלט דעם מעטאָד פון די עלטערע ייִדי-שע קלאַסיקער. אין טאָך גענומען, זעצט ער פאָר זייערע שטרעבונגען, אָבער אַף א נײַעם אופן. פאָלגנדיק אין א געוויסן הינזיכט די קלאַסישע טראַדיציעס, איז ער איינצײַטיק גע-ווען אַן עכטער נאָוואַטאָר.

דאָוויד בערגעלסאָנס נאָוואַטאָרישקײַט ווײַזט זיך אַרויס שוין אין זײַן ערשטער דער-ציילונג, אינעם „טויבן". דער טויבער איז באָנציעס שווײַגס א לײַבלעכער ברודער (אַגעוו, ער איז אויך געווען, ווי באָנציע, א טרעגער), אָבער א ברודער א ייִנגערער. זײַן פיזישער מום — די טויבקײַט — איז ניט קיין „נאַטיר-לעכע" — א פויעל-יויצע פון זײַנע צוואַנציק יאָר שווערע פּראַצע אין דער מיל. ביז א גע-

[1] „דער עמעס", 1934, נום. 2.

וויסער צײַט האָט ער אויך, ווי באַנציע, געשוויגן, האגאַם אים האָט פֿאַרפּאָלגט איין אומגליק נאָכן אַנדערן — פֿאַרלאָרן דעם געהער, געשטאָרבן דאָס ווײַב. אָבער געבליבן איז די טאָכטער, און זי איז געוואָרן די איינציקע טרייסט אין זײַן עלנט-יאָמערדיק לעבן. די גרויסע צאָרע, וואָס האָט געטראָפֿן מיט אים — דער טראַגישער גורל פֿון דער טאָכטער — האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון געדולד. פֿון דעם הייבט זיך טאַקע אָן די אײגנאַרטיקייט פֿון בערגעלסאָנס דערציילונג. אינעם מויעך פֿון דעם טויבן שווײַגער דרינגט אַלץ טיפֿער און טיפֿער אַרײַן דער געדאַנק פֿון נעקאָמע.

דער טויבער באַ בערגעלסאָנען איז שוין פֿון איצט אָן ניט ענלעך אַף באַנציע שווײַג, וועלכער האָט אין מעשעך פֿון זײַן גאַנץ לעבן קיין איין צוּלאָכעסדיק וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן. דעם טויבן איז שווער געווען צו ריידן, אָבער געהאַנדלט האָט ער מיט דעם גאַנצן קויעך פֿונעם האַס, וואָס האָט אים פֿאַרכאַפּט. נעקאָמע, נעקאָמע — בלויז וועגן דעם האָט ער געטראַכט, און פֿאַרווירקלעכט האָט ער דעם געדאַנק אין פֿולן העסקעם מיט זײַן כאַראַקטער. דאָס איינציקע קלייזײַען, וואָס איז אים אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט, איז געווען די האַק.

אין דער דערציילונג איז שאַרף אָנגעצייכנט די קלאַסן-סינע. מע דאַרף דאָ נעמען אין אַכט, אַז די האַנדלונג אין איר קומט פֿאָר אין אַ ייִדיש שטעטל, ווו ס'זײַנען זייער שטאַרק געווען די קליינבירגערלעכע זיטן. אַף דעם דאָזיקן הינטערגרונט פֿונעם פֿיליסטערישן לעבנסשטייגער הייבט זיך נאָך העכער אויף די מאָנומענטאַלע פֿיגור פֿונעם טויבן, אַ טיפּיש נאַציאָנאַל-ייִדישע פֿיגור, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך אַ גרויסע פֿאַראַלגעמיינערטע קראַפֿט. די טראַגיק פֿונעם טויבן איז טראַגיק פֿון אַ מענטשן, וואָס פֿאַרמאָגט אין זיך אַ גרויסן אינערלעכן קויעך, נאָר ווייסט ניט, ווי אים צו אָנווענדן. דער ליטעראַרישער העלד ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל פֿון סטיכייִשן פּראָטעסט פֿון די האָרעפּאַשנע מאַסן.

„דער טויבער" איז אָנגעשריבן פֿריִער פֿון „ארום וואָקזאַל", נאָר אָפּגעדרוקט עטוואָס שפּעטער. מיט דער דערציילונג „ארום וואָקזאַל" איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַרײַן אַ נײַע אַטמאָספֿער, אַ נײַער אַרט שרײַבן. דער מעכאַבער האָט אַרויסגעפֿירט זײַנע העלדן פֿון די גרענעצן פֿונעם שטעטל, ווו ס'האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט די האַנדלונג קימאַט פֿון דער מערהײַט ווערק אין דער ייִדישער ליטעראַטור. שוין דער טיטל — „ארום וואָקזאַל" — האָט געקלונגען נײַ, אָנזאָגנדיק וועגן די פֿאַרענדערטע לעבנס-באַדינגונגען, וועגן דעם אָנגריף פֿון אַ נײַער געזעלשאַפֿטלעכער טקופֿע. די מענטשן, וואָס באַשעפֿטיקן זיך ארום דעם וואָקזאַל, זײַנען פֿון די זעלבע שטעטלעך, אָבער אין דער דערציילונג זײַנען די שטעטלעך געבליבן גאָר ווײַט, שיר ניט הינטערן האָריזאָנט. בלויז אַף שאַבעס פֿאָרן די וואָקזאַל-הענדלער אהיים, צו דער מישפּאָכע, אָבער די גאַנצע וואָך זײַנען זיי דאָ, ארום וואָקזאַל, מאַכן געשעפֿטן. דער וואָקזאַל, דער ארום-וואָקזאַלעדיקער פּלאַץ זײַנען געוואָרן אַ מין בירזשע, אַ נײַער צענטער, וועלכער פֿאַרמאָגט אַ אומגעהייערע צוציִענדיקע קראַפֿט.

די גאַנצע דערציילונג איז אָנגעשריבן מיט אַ געבראָכענעם ריטם — אָט מיט אָן אויספּירלעך רויִקן, עלעגיש-באַשרײַבנדיקן, אָט מיט אַ שאַרף דינאַמישן און איראָניש-סאַטירישן, ווען עס ווערט געשילדערט די וועלט פֿון די ייִדישע סאָכרים: הענדלער, מעקלער, קאָמיסיאָנערן, פֿאַרמיטלער אדג. בערגעלסאָנס דערציילונג איז ענלעך אַף אַ געמאָלט בילד: אינמיטן — דער וואָקזאַל, ארום אים, אין דער טיפֿקײַט — דאָרפֿישע ווײַטן, און אַף דעם פֿאָדערשטן פּלאַן — די האַווענדיקע סאָכרים.

אין דער סאַטירע אַף דער ייִדישער סאָכרים-וועלט פֿאָלגט נאָך דאַוויד בערגעלסאָן די בעסטע טראַדיציעס פֿון דער קלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע הייבט זיך אָן מיט מענדעלעס באַוווּסטן קליינעם מענטשעלע. אָבער בערגעלסאָן נוצט אויס נײַע פֿאַרבן — עלעגישע. אַגעוו, אַזאַ פֿאַרייניקונג פֿון סאַטירע און עלעגיע שטאַמט פֿון טשעכאָוון, וועלכן אונדזער שרײַבער האָט הויך געשעצט. די לעצטע פֿראַזע אין דער דערציילונג דערמאָנט די ערשטע, די אַרײַנפֿירנדיקע אין דער באַשרײַבונג, שליסנדיק אַזוי ארום דעם קרײַז: „און אַף יענעם ווײַטן באַרג, וואָס איז אונטער די פֿלייצעס געבליבן, האָט געדרעמלט דער רויטער וואָקזאַל און מיט פֿאַרגליווערטע, טאָמיד האַלב אָפֿענע אויגן אַרײַנגעקוקט אין דער טיפֿער אומבאַקאַנטער ווײַטקײַט". אַזאַ רינג-קאָמפּאָזיציע דאַרף קינסטלעריש באַשטעטיקן דעם געדאַנק, אַז אַף דער וועלט איז אַלץ געבליבן ווי פֿריִער, גאָרנישט ענדערט זיך ניט און קאָן זיך ניט ענדערן.

אין דער צײַט, ווען ס'איז געשריבן געוואָרן „ארום וואָקזאַל", האָט זיך בערגעלסאָנס וועלט-אָנשויונג ערשט פֿאָרמירט, זי איז ניט געווען קיין קאָנסעקווענטע. דעם יונגן שרײַבער האָט זיך געדוכט, אַז די בורזשואַזע אָרדענונג איז אַ דערשײַנונג ניט קיין סאָציאַל-היסטאָרישע, נאָר אַ דאָר-דוירעסדיקע און אומפֿאַרענדערלעכע. אין אונטערטעקסט פֿון דער דערציילונג ליגט אָבער דער געדאַנק, אַז די דאָזיקע אָרדענונג איז אָן אומענטשלעכע

און אומנאַטירלעכע. און אָט איז אַזאַ שילדערונג:

„ס'איז צוגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט אַף פֿינף מינוט אַ נאַסער, פֿאַרויכערטער און קוויטשקער פּאַסאַזשיר־צוג. דער ווינט האָט אין די נאַסע פֿענצטער פֿונעם צוג געבלאָזן און זיך מיט די וואַגאָנעס געוואָלט שפּילן, נאָר די וואַגאָנעס האָבן זיך ניט גערירט און אַפֿילו אַף אַ רגע פֿון זיך דעם טרויעריקן באַרויגעז ניט אַראָפּגעוואָרפֿן, קיינער איז פֿון די וואַגאָנעס צום וואָקזאַל ניט אַרויסגעגאַנגען, קיינער איז אין זיי ניט אַרײַנגעגאַנגען. און צו גלייבן איז שווין געווען, אַז אין יעדערן פֿון זיי ליגט אַ מעס, און אַרום אים זײַנע דערשלאָגענע קרויווים, וואָס פֿירן אים גאַנץ ווײַט צו קווורע...״

דאָס איז אַ סימבאָליש בילד, וואָס האָט שוין אויסגעדריקט אַ פֿאָרגעפֿיל פֿונעם אומפֿאַרמײַדלעכן אומקום פֿון דער גראָבער אומענטשלעכער וועלט, אַ פֿאָרגעפֿיל, וועלכער וועט שפּעטער ברענגען בערגעלסאָנען צו אַ פֿולער נעגירונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

מיט דעם דאָזיקן געפֿיל פֿון אומרו, פֿון אַנגסטלעכער בענקשאַפֿט און אָפּגערעגטקײַט, מיט טשעכאָווישער אומצערײַסבאַרער פֿאַרבינדונג פֿון סאַטירע און עלעגיע האָט זיך בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל״ גלײַך אויסגעטיילט אין דער דעמאָלטיקער ייִדישער ליטעראַטור.

שפּעטער האָט מען די דערציילונג אָפּגענומען אַלס ערשטלינג פֿונעם אימפּרעסיאָניזם אין אונדזער ליטעראַטור. אָבער ווי אַ פֿולקום אימפּרעסיאָניסטיש ווערק האָט מען כאַראַקטעריזירט בערגעלסאָנס פֿאָלגנדיקן ראָמאַן „נאָך אַלעמען״.

באַ דרײַ יאָר האָט בערגעלסאָן געאַרבעט איבער דעם דאָזיקן ווערק, וואָס איז אָפּגענומען געוואָרן נאָך מער באַגײַסטערט, איידער „אַרום וואָקזאַל״.

דער ראָמאַן איז ניט געווען באַגרענעצט מיט ריין נאַציאָנאַלע ראַמען. אַפֿן סמך פֿונעם מאַטעריאַל פֿון דעם ייִדישן לעבן האָט בערגעלסאָן הויך קינסטלעריש געשילדערט די אידייִשע און סאָציאַלע פּראָצעסן, וועלכע זײַנען פֿאָרגעקומען ביכלל אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1905. איינער פֿון די קריטיקער — לעאָ קעניג — האָט אַפֿילו באַמערקט: „בערגעלסאָן אַלס קינסטלער איז, דאַכט זיך, געקומען צו אונדז פֿון דער פֿרעמד. און אָפֿט שײַנט מיר, ווען ער זאָל זײַנע ווערק שרײַבן אין רוסיש אָדער אין וועלכער־ס'איז אַנדערער אייראָפּעיִשער שפּראַך, וואָלטן זיי גאָרניט פֿאַרלירן און — ווער ווייסט — עפּשער וואָלטן זיי נאָך דערמיט אויסגעשפּילט״[1].

[1] זשורנאַל „ייִדישע קולטור״, 1963, ז. 37.

דאָס איז אַ האַשאָרע, מיט וועלכער מע קאָן ניט מסכּים זײַן. די צווישנבאַציִונג פֿונעם ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַלן און דעם פֿאַראַלגעמיינערט־מענטשלעכן איז בערגעלסאָנס ראָמאַן אַזאַ, ווי אין די באַדײַטנדיקסטע ווערק פֿון יעדער ליטעראַטור, אין וועלכע, אַפֿן גרונט פֿונעם באַזונדערן לעבן פֿון דעם אָדער יענעם פֿאָלק, אַפֿן גרונט פֿון אַ געוויסן צײַט־אָפּשניט, עס ווערן געשטעלט און געלייזט גרויסע סאָציאַל־פֿילאָסאָפֿישע אַלמענטשלעכע פּראָבלעמען.

אין „נאָך אַלעמען״ איז געשילדערט דער גורל פֿון אַ יונגער ייִדישער פֿרוי, וואָס האָט פֿיבערדיק געזוכט פּערזענלעך גליק. איר ייִדישע נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקײַט איז דער נאַטירלעכער באָדן, אַף וועלכן זי, מירעלע, און אַנדערע פּערסאָנאַזשן זײַנען אויסגעוואַקסן. דאָוויד בערגעלסאָן האָט זיי אַלעמען אַרויסגענומען פֿונעם ענגן פֿאַרשלאָסענעם לעבן אין דעם ייִדישן שטעטל און אַרויסגעפֿירט זיי צו גרויסע ראַכוועסן. ער האָט געשאַפֿן אַ נײַעם טיפּ ראָמאַן. ש. ניגער האָט באַמערקט, אַז מיט „נאָך אַלעמען״ איז געבוירן געוואָרן דער מאָדערנער ייִדישער ראָמאַן״[1]. איך וואָלט אין דער אַרויסזאָגונג אַקצענטירט דעם עפּיטעט „מאָדערנער״, ווײַל ס'איז געקומען אַ ראָמאַן מיט אַ נײַער סטרוקטור און מיט אַ נײַעם נוסח.

אין דער האַקדאָמע צו „סטעמפּעניו״, וועלכע איז אָנגעשריבן אין דער פֿאָרם פֿון אַ בריוו צו מענדעלע מויכער־ספֿאָרימען, ברענגט שאָלעם־אַלייכעם אַן אויסצוג פֿון אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פֿון מענדעלען. דער זיידע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ניט געראַטן דעם אייניקל שרײַבן ראָמאַנען, ווײַל „אויב עס זײַנען נאָך דאָ אין דעם לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק ראָמאַנען, זײַנען זיי עפּעס גאָר אַנדערש, ווי באַ אַלע אַנדערע פֿעלקער״. שאָלעם־אַלייכעם האָט אין דעם פֿאַל ניט געפֿאָלגט די אייצע און ער האָט געפּרוּווט אָנשרײַבן, ווי ער שטרײַכט אונטער אינעם אונטערטיטל, „אַ ייִדישן ראָמאַן״. ס'איז געווען אַ קאָלאָסאַלער אופֿטו מיצד שאָלעם־אַלייכעמען, אָבער אין טאָך גענומען איז דאָס ווערק געווען לויט דער סטרוקטור ענלעך צו מענדעלעס ראָמאַנען, ווו די גאַנצע האַנדלונג איז קאָנצענטרירט אַרום דעם הויפּט־העלד, פֿאַרשטעלנדיק אַ קייט פֿון זײַנע ניסיוינעס. דערנאָך האָט שאָלעם־אַלייכעם געשאַפֿן אַ נײַעם מין ראָמאַן, אַ ראָמאַן אין נאָוועלן, וועלכער איז אויך אָבער צעמענטירט דורכן הויפּט־געשטאַלט.

[1] דאָרטן, ז. 37.

אויסנוצנדיק די דערגרייכונגען פון זײַנע פאָרגייער, האָט דאַוויד בערגעלסאָן זיך באַזירט אף די פּרינציפּן פונעם ראָמאַן, וועלכער האָט זיך אנטוויקלט אין דער מײַרעוו־איירא־פּעיִשער און אין דער רוסישער ליטעראַטור אינעם XIX יאָרהונדערט, דאָס הייסט — פון יענעם רעאַליסטישן ראָמאַן, וועלכער איז קאָנצענטרירט ארום א געוויסן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן קאָנפליקט (באַלזאַק, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי). נאָך מער — בערגעלסאָן האָט אין „נאָך אלעמען" ארײַנגענומען אייניקע שטריכן פון די נײַסטע שטרעמונגען אין דער מאָלער־רײַ־קונסט, און דער ראָמאַן איז ניט צופעליק באַצייכנט געוואָרן אין דער קריטיק אלס אן אימפּרעסיאָניסטישער.

דאָ מוז דערמאָנט ווערן, אז ניט אלעמאָל איז אזא אָפּשאַצונג געווען א פּאָזיטיווע. אין א ריי ארבעטן פון די סאָוועטישע קריטיקער — באַזונדערס אין די דרײַסיקער יאָרן — האָט מען בערגעלסאָנען ניט ווייניק געטאַדלט פאַר זײַן קרווועשאַפט צום אימפּרעסיאָניזם, ווײַל דעם אימפּרעסיאָניזם פלעגט מען אופנעמען ווי א ריכטונג אין דער מאָלערײַ־קונסט, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם אונטערגאַנג פון דער בורזשואַזיע. שפּעטער, אָנהייבנדיק פון די זעכציקער יאָרן, האָבן זיך די מיינונגען לאַכלוטן געביטן. אָט וואָס עס האָט געשריבן אין 1971 יאָר דער אָנגעזעענער קונסט־פאָרשער א. טשעגאָדאַיעוו אין דער האקדאָמע צום אלבאָם „די אימפּרעסיאָניסטן": „דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט האָט געבראַכט צום פולן ניצאָכן פון די אימפּרעסיאָניסטן — צום ניצאָכן פון זייער לעבנסמוטיקער קראַפט, פון זייער אײַנגעלִיבטקײַט אינעם פראַנצויזישן פאָלק און אין דער פראַנצויזישער נאַטור, פון זייער עכטן דעמאָקראַטיזם, וועלכער איז פײַנטלעך דער בורזשואַזער באַגרענעצטקײַט אין דעם בורזשואַזן אייגנגנויץ"...

דאַוויד בערגעלסאָנס ארבעט וועגן שאָלעם־אליינכעמען הייבט זיך אָן מיט אזעלכע ווערטער: „שווער צו געפינען נאָך א שרײַבער, וואָס האָט אין זײַנע ווערק אזוי ווייניק אויסגעטראַכט און אזוי ווייניק צוגעטראַכט, ווי שאָלעם־אליינכעם". ווען מיר לייענען בערגעלסאָנס ווערק, איבערצײַגן מיר זיך, אז אין זיי איז אויך גאָרניט אויסגעטראַכט און גאָרניט צוגעטראַכט. ס'זײַנען רעאַליסטישע ווערק, וועלכע שילדערן דאָס לעבן, אָבער די פאָרם זייערע איז אן אנדערע, ווי בא די ראָמאַנען פון די קלאַסיקער. דאַוויד בערגעלסאָן דערציילט געווײנלעך אין זײַן ראָמאַן ניט אזוי וועגן די אָדער יענע געשעענישן, ווי וועגן דעם, וואָס פאר אן אײַנדרוק זיי האָבן געמאַכט אף די העלדן, אף די ארומיקע מענטשן און אזויארום ווערט געשאַפן א באַזונדערע, אימפּרעסיאָניסטישע אַטמאָספער. די העלדן זײַנען אמערסטן געשילדערט ניט אומיטלבאר פונעם מעכאַבער, נאָר וויאַזוי זיי ווערן אופגענומען, צומאָל באַקומט זיך א גאַנצע קייט פון אײַנדרוקן און שטימונגען. בערגעלסאָן קומט אָפּט אָן צו אן אומפּערזענלעכן זאצבוי (מע האָט דערציילט, מע האָט געזאָגט, מע האָט געטראַכט, ס'האָט זיך געדאַכט אאוו.), מאַכנדיק אן אויסזען, אז ער, דער מעכאַבער, גיט איבער בלויז דאָס, וואָס ער האָט זיך ערגעץ דערוווּסט, ערגעץ עס אונטערגעהערט. „אין שטאָט האָט מען דערנאָך דערציילט..." — אזא פראַזע טרעפט זיך אָפּט אין ראָמאַן. דער דאָזיקער אויפן דערציילן גיט צו דעם ראָמאַן עפּעס סוידעסדיקס. ס'איז ניט שאָלעם־אליינכעמס מײַסעדיקײַט, וועלכע איז ענג פאַרבונדן מיט די ייִדישע פאָלקלאָר־טראַדיציעס, זי באַקומט א כאראַקטער פון א מין סאַגע, ריכטיקער געזאָגט — א באַזונדערן דערצייל־כאַראַקטער, וועלכן מע קאָן איבערגעבן מיטן רוסישן טערמין «Сказ».

און נאָך א וויכטיקע נאָוואַטאָרישע אייגנשאַפט פון „נאָך אלעמען". טיילמאָל טרעפן מיר דאָ אזא זאַץ — „ס'האָט זיך געמאָלט". לעמאָשל: וועגן דעם צושטאַנד פונעם טויט־קראַנקן געדאַליע הורוויץ דערוווּסט זיך דער לייענער פון די רייד, וואָס האָבן זיך געפירט אין דער שטוב פון מירלס געוועזענעם כאָסן, ווען צו וועלוועלען איז דערגאַנגען דער קלאַנג וועגן דער קרענק, איז ער גלײַך אוועק צו הורוויצעס הויז, צוגעגאַנגען צום פענצטער און „געזען אלץ, וואָס דאָרטן אין ביידער איז פאָרגעקומען. ס'האָט זיך געמאָלט, ווי ס'שמעקט דאָרט מיט רעפּועס, מיטן גערוך פון שלאָפן און פון נאָענטן טויט, און געדוכט האָט זיך, אז ס'איז דאָרט שטיל, אומגעווײנלעך שטיל...".

דאַוויד בערגעלסאָן מאָלט, זײַן סטיל קאָן מען בעעמעס אָנרופן ווי א מאָלערישן. די עפּיטעטן זײַנען בא אים געווײנלעך צוזאַמענגעשטעלטע, איינער דערגאַנצט אָדער שאַטירט דעם צווייטן, און אזויארום גיבן זי א פּילזײַטיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם מענטשן, וועגן דעם געגנשטאַנד אָדער וועגן דער דערשײַנונג: א טונקל־מאָרעשכוירעדיקער און גרינג פראָסטיקער טאָג; דער טאָמיד פרייילעכער און טאָמיד באַשעפטיקטער נאָכעם טאַראַבײַ; פּירט א פריציש־נעגידישע שטוב; א מעטושטעדיק נאָגנדיקע בענקשאַפט; א פוסטער און מאָרעשכוירעדיק פראָסטיקער דאַנערשטיק; אזא טרויעריק פרײַטיק־פאַרנאַכטיקע זאָרג; זײַן ערנסטע אמעראַציש אויסגעיידלטע צורע; די

אײַנגעגעסן-פאראקשנטע גיטעלע; פארכוישעכטע עלעלדיק-אומעטיקע טעג אאוו. אדג.

אָט וויִאזוי בערגעלסאָן מאָלט א פּאָרטרעט:

„ער (שמוליק זײַדענאָווסקי) האָט געהאט א גאָר יונג בלאָנד-רויטלעך פריש ארומגעשאָרן בערדל, דאָס בערדל האָט, אויספעלנדיק די אויערן, זיך מיט די שאטענענע קאָפּ-האָר צונויפגעגאָסן און זיך געצויגן ארום פּאָנעם, ווי א שטרענג-גלײַכע רעדנע, און דאָך איז ער ענלעך געווען צו זײַן מיטלוווקסיקן און געפאקט-קרעפטיקן פאָטער, אָט דעם רירעוודיק-מונטערן ברונעט, מיט דער היפּשער שטארק שווארצער און ניט גערירטער באָרד און מיט די פרישע, ווי מיט לאק אָפּגעשמירטע, שווארצע אויגן..."

י. דאָברושין האָט אין זײַן ארטיקל וועגן בערגעלסאָנען אָנגעוויזן, אז אויך „די טויטע נאטור — און שטייגער-אָביעקטן לעבן בא בערגעלסאָנען א פּסיכאָלאָגיש לעבן — באקומט א מין מענטשלעכן אייגן-כאראקטער מיט א פולקאָם-מענטשלעכן בארעכטיקטן אָרט אין דער האנדלונג". אלץ — די הײַזער, די גאסן, די וועגן זײַנען באלעבט, פארמענטשלעכט. אָט וויִאזוי בערגעלסאָן כאראקטעריזירט מירעלען: „איר פיגור האָט ארויסגעוויזן אזוי פאראקשנט און שטרענג, און דערציילט האָט זי אָן לאָשן וועגן איר, דער באסיעכידיש-אומגליקלעכער. זי האָט טאקע ניט קיין אָרט אין לעבן, נאָר זי איז אין עפּעס אײַנגעשפּארט און האָט ניט קיין ראכמאָנעס ניט אָף זיך און ניט אָף קיינעם". די עצעם פיגור פון מירעלען גיט ארויס איר פּסיכאָלאָגישן צושטאנד. אזוי איז אויך באלעבט און פארמענטשלעכט אין ראָמאן דער פּייזאזש, וועגן וועלכן י. דאָברושין האָט געשריבן אין דעם זעלבן ארטיקל: „ס'איז ניט פּאָשעט אנטראָפּאָמירטע פּייזאזש-שילדערונג פונעם אלטן רעאליסטישן שניט. ס'איז א פולשטענדיק-אויסדריקלעכער נאטורמאָרט פון דעם מין, וואָס האָט פארנומען אזא אָרט בא די אימפּרעסיִאָניסטישע מאָלער"...

דאָס וואָרט — ניט נאָר עס מאָלט בא בערגעלסאָנען, נאָר עס קלינגט אויך. די דאָזיקע קלאנג-שרײַבונג — עווּפאָניע — אנטשפּרעכט פולקום דעם אינהאלט פונעם ראָמאן. צארט קלינגען די נעמען — מירעלע, גיטעלע און הארב — וועלוול בורנעס, נאָכעם טאראבײַ, ביטלדיק — מאָנטשיק, שמוליק. אָפּטער ווענדט בערגעלסאָן אָן ניט אזוי הילכיקע קלאנגען, ווי שיפּענדיקע און וויִענדיקע, וועלכע דארפן געבן א פאָרשטעלונג פון דער ארום הערשנדיקער מאָרעשכוירע, די קאָלירן זײַנען אומקלאָרע, אזוי צו זאָגן, פארשווימענדיקע: „ווײַט-ווײַט אינעם באנאכטיקן האָריזאָנט, וואָס קעגניבער די פארשנייטע פעלדער, האָבן זיך נאָר אין איין לאנגער שורע די דעמבענע וועלדלעך געצויגן, און געדוכט האָט זיך, אז זיי ווילן דרעמלען און קאָנען ניט, אז ס'שטערט זיי פונדאנען די לאנגע שײַן פון דער אקושערקע שאצס רויט באלויכטענעם פענצטער און ס'וועקט זיי אלעמאָל אָן אנדער שטיל בלאָנדזשענדיק ווינטל, וואָס קומט אהין, צווישן די יונגע ביימער, צו לויפן און לאָזט איבער צווישן זיי באנאכטיקע מאָרעשכוירע פון ערגעץ-ווו א נײַגעבוירענעם אומגליק". אליין די אליטעראציע — די איבערכאזערונג פון די גלײַכארטיקע קאָנסאָנאנטן „וו" און „ש" — רופט ארויס אן אײַנדרוק פון אן אומרויִקן נאכט-פּייזאזש, וועלכער איז אומיטלבאר באלעבט.

מ'האָט שוין פונלאנג אין דער קריטיק אָפּגעמערקט, אז דער דיִאלאָג שפּילט ניט קיין גרויסע ראָליע אין דער פּאָעטיק פון „נאָך אלעמען". בא בערגעלסאָנען זײַנען וויכטיק ניט די עצעם רייד, נאָר דאָס טראכטן, וואָס עס אנטפּלעקט זיך אין א מין אינערלעכן מאָנאָלאָג. און ווען די פּערסאָנאזשן דארפן זיך ווענדן איינער צום אנדערן, ווענדן זיי זיך ניט דירעקט צום מיטשמועסער, נאָר אין דער דריטער פּערזאָן. מע רעדט, ווי דער מעכאבער באצייכנט, בעלאָשן-ניסטער. אזא ארט ריידן באווײַזט זיך פון די ערשטע בלעטלעך פונעם ראָמאן. לעמאָשל, וועלוולס מוטער זאָגט צו זיך אליין: „גאָט ווייסט, צי זי וועט שוין איר זונס כופּע דערלעבן". וועלוול ווענדט זיך צו דער מוטער: „עפּשער וועט די מאמע טיי טרינקען? עפּשער וועט זיך די מאמע אפּן בעט צולייגן". ליפּקיס זאָגט צו מירעלען: „אָט וועט ער בא איר, לעמאָשל, פרעגן, וואָס פאר אן אינטערעס האָט זי געהאט מיט אָט דעם אלטן גוי א גאנצע שאָ פארברענגען". אזוי זײַנען זיך נויהעג קימאט אלע פּערסאָנאזשן. ס'איז אן אָביעקטיווע מאניר, וואָס גיט צו דער דערציילונג א מין אָפּפרעמדונג און איינציײַטיק — א טיפּן ליריש-עמאָציִאָנעלן כאראקטער. דאָס דערציילן ווערט זייער לײַדנשאפטלעך, דורכדרינגלעך. עס פילט זיך, אז דער מעכאבער לעבט שטארק איבער פאר דעם גוירל פון זײַנע העלדן, ער שרײַבט דעם ראָמאן מיטן בלוט פון זײַן הארצן. וועגן זײַן שפּראך האָט לייב קוויטקאָ באמערקט: „דאָס ייִדיש איז בא בערגעלסאָנען אויסגעבילדעט געוואָרן אין א נײַ געשטאלט ער האָט אָפּגעקליבן דאָס איידלסטע, דאָס באשטימטסטע, דאָס פּאָעטישסטע און באשאפן זײַן אייגענע שפּראך-שיינקײַט, וואָס עס האָבן געטאָן אזעלכע גרויסע מײַסטערס, ווי רענואר, קלאָד מאָנע, שאפנדיק אָף א באזונדערן אויפן די שטימונג פון פארבן; דאָס, וואָס עס האָט שפּעטער אָף דער סצענע מיכאָעלס געטאָן מיט דער טנוע און וואָרט, דאָס

האָט בערגעלסאָן געטאָן מיט דער שפּראַך. ווײַל בערגעלסאָן איז דער דיכטער פון דער מענטשן־נעשאָמע, פון מענטשלעכע איבערלע־בונגען, איז ער באַזונדערס פּילבאַר צו דער שפּראַך, צו אירע פײַנסטע דערשײַנונגען".

**דאַוויד בערגעלסאָן איז געווען טיף אײַנ־געוואָרצלט אין די טראַדיציעס פון דער ייִדי־שער קלאַסישער ליטעראַטור, אָבער זײַן די־נאַמישע נאַטור האָט זיך מיט דעם ניט באַ־נוגנט. שוין זײַנע ערשטע ווערק אַנטשפּרעכן דעם ניוואָ פון דער קונסט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דאָס געשטאַלט פון מירעלע הורוויץ קאָן אײַנגעשלאָסן ווערן אין דער גאַ־לערייע פון די בעסטע פרויען־געשטאַלטן אין דער וועלט־ליטעראַטור, לעבן טורגעניעווס ליזע קאַליטינאַ, פלאָבערס עמאַ באָוואַרי, האַמ־סונס וויקטאָריע, טשעכאָווס נאַדיע.**

**און 1912 האָט זיך דאַוויד בערגעלסאָ־נען געדוכט, אַז מירעלעס טראַגיק איז אומ־לייזבאַר. אין סאָף פונעם ראָמאַן פאַרלאָזט מירעלע איר היים־אָרט און פאָרט אַוועק, זי טראַכט — אין אוניסאָן מיט איר שעפער, — אַז עס איז שוין אַלץ** נאָך אַלעמען. **קיין אויס־גאַנג האָט דעמלט בערגעלסאָן ניט געזען. דער אימפּרעסיאָניסטישער סטיל פון זײַן ראָ־מאַן איז געווען אַן אויסדרוק פון קריטישן רעאַליזם. נאָך „נאָך אַלעמען" האָט ער אָנ־געשריבן אַ ראָמאַן מיט אַ באַדײַטונגספולן נאָ־מען „אָפּגאַנג", ווו ער האָט געזונגען אַן אָפּ־גאַנגס־געזעגענונגס־ליד דער בורזשואזער וועלט, וועלכע פאַרקריפּלט און קאַליעטשעט דעם מענטשן. וויאַזוי פּאָטער ווערן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָט אָבער בערגעלסאָן דעמלט נאָך ניט געוווּסט. בלויז ווען אין רוס־לאַנד איז פאָרגעקומען די גרויסע סאָציאַליס־טישע אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, וועלכע האָט גרינטלעך פאַרענדערט די סאָציאַלע אָרדענונג אינעם לאַנד, האָט זיך בעהאַדראַגעדיק געני־מען ענדערן אויך בערגעלסאָנס וועלט־אָנ־שויונג און זײַן שעפערישער מעטאָד. דער אימפּרעסיאָניזם האָט בא אים צוגעגרייט זײַן איבערגאַנג אַף נײַע רעאַליסטישע יעסוידעס.**

# כראָניק

## אָרדנטלעכע פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

אין די לעצטע טעג פונעם פאַריקן יאָר איז פאָרגעקומען די אָרדנטלעכע פּלענאַרע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

עס זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן די שעפערישע פּלענער פונעם זשורנאַל אַף דער ערשטער העלפט 1984. ס'זײַנען אָנגעמערקט אַרויס־צולאָזן אַ ריי ספּעציעלע נומערן: צום 50־יאָריקן יובילײַ פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט; צו שאָלעם־אַליכעמס 125־טן גע־בורטסטאָג, ווי אויך אַ נומער, געווידמעט דער קאָסמישער טעמע אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעק־רעטאַר פונעם זשורנאַל יויסעף שוסטער האָט אינפאָרמירט וועגן דעם שעפערישן פּאָרטפעל פון דער רעדאַקציע און וועגן די פּאָרלויפיקע סאַכאַקלען פון דער אַבאָנירונג־קאַמפּאַניע.

אַף דער שלוס־זיצונג איז בײַ־געווען דער סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּסטר יורי ווערטשענקאָ, וועלכער האָט איבערגעגעבן אַרן ווערגעליסן און כאַים ביידערן די גראַמאָטעס פונעם אויבער־סאָוועט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע וועגן צוייגענונען דעם ערן־טיטל פאַר־דינסטפולער קולטור־טוער פון רספסר.

# קינסטלער וויקטאָר מידלער (1979—1888)

פון זײַן אויסשטעלונג

**פונעם ציקל „שטעטל". 1922**

**א שוסטער**

**דער פארקויפער פון הינער**

מע לערנט זיך
שווימען אין יאם. 1934



דער סטאדיאָן „דינאמאָ״ (געזען דורכן פענצטער). 1947

פישער מיט נעצן. 1937

א דאָרפישער פייזאזש הינטער פאריזש. 1927

א פארקויפער פון קליידער

אין א נאכטלעגער־הויז

# די שוואַלב פונעם רויטן פרילינג

אײנע פון די גאַסן אין סאַמע צענטער פון לוואָוו טראָגט דעם נאָמען פון נאַפּטאָלע באָטווין. אַף דעם ערשטן מויער הענגט דאָ א מעמאָריאַלער טאָוול, אַף וועלכן ס׳איז אָנגעשריבן: „די גאַס איז אָנגערופן „נאַפּטאָלע באָטווין (1905—1925)" לעקאָוועד דעם רעוואָליוציאָנער־קאָמוניסט, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן דעם 6 אווגוסט 1925, לויטן אורטייל פונעם בורזשואַזן פוילישן געריכט, פאַר אַקטיווער רעוואָליוציאָנערער טעטיקייַט".

לעצטנס איז דאָ פאָרגעקומען א טראַדיציאָנעלער מיטינג, וועלכער ווערט דורכגעפירט יעדעס יאָר און מע רופט אים אָן פײַערלעך „דער יאָמטעוו פון דער באָטווין־גאַס".

אַף דעם גרויסן ספּאָרט־פּלאַץ, אַנטקעגן דעם הויז, וווּ עס האָט געוווינט נאַפּטאָלע באָטווין, איז פאָרגעקומען דער מיטינג. אַף דער וואַנט — א גרויסער פּאָרטרעט פונעם העלד. אַפן מיטינג זײַנען בײַגעווען פאָרשטייער פון שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי, פון די אָרטיקע סאָוועטן פון פּאָלקס־דעפּוטאַטן, פון די פּראָפּאַריינען און קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס.

דעם מיטינג האָט געעפנט מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט א פאָרשטייער פונעם שעוטשענקאָווער ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, וועלכער האָט דערציילט וועגן דעם לעבנסוועג פונעם העלדישן רעוואָליוציאָנער.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געהאַט א גרויסע היסטאָרישע ווירקונג אַף דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין מײַרעוו־אוקראַינע. די אידייען פונעם אָקטיאַבער האָבן צוגעגעבן קויכעס די אַרבעטנדיקע אין קאַמף פאַר א נײַ לעבן. דער לוואָווער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרשריבן ניט איין העלדנמוטיק זײַטל אין דער געשיכטע פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אײנער פון זײַנע אָנגעזעענע קעמפער נאַפּטאָלע באָטווין איז געבוירן געוואָרן אין לוואָוו. ווען ער איז אַלט געווען דרײַ יאָר, איז געשטאָרבן זײַן פאָטער, און די מוטער איז געבליבן מיט אַכט יעסוימים. נאַפּטאָלע האָט געמוזט פאַרלאָזן די שול און זיך פאַרנעמען מיט פאַרקויפן סיגאַרעטן אַף די גאַסן. אין 1921 ווערט ער א שוסטער. אין צווײ יאָר אַרום נעמט מען אים אָן אין קאָמיוג, דערנאָך אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז אַקטיוו אין די פּראָפּאַריינען, אין דער לוואָווער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פירט אָן מיט שטרײַקן און דעמאָנסטראַציעס. פאַלט ניט איין מאָל אַרײַן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

דעם 25 יולי 1925 איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס צו פאַרניכטן דעם פּראָוואָקאַטאָר צעכנאָווסקי. די דאָזיקע שלאַכט־אויפגאַבע האָט באָטווין אויסגעפילט מיט ערע. מע אַרעסטירט אים, און ער פאַלט אַרײַן אין דער טורמע „בריגידקי". דער טריבונאַל פאַרמישפּעט אים צום טויט דורך הענגען, נאָר אַף וויפל פוילן האָט ניט געהאַט קיין פּראָפעסיאָנעלן הענקער, וועלכער קאָן הענגען מענטשן, האָט מען דעם אורטייל פאַרביטן אַף שיסן. מע האָט באָטווינען אָנגערופן „די שוואַלב פונעם רויטן פרילינג"...

אײנער נאָכן אַנדערן טרעטן אַרויס וועטעראַנען פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָבן אײנײנעם מיט באָטווינען געקעמפט. פון זייערע זיכרוינעס דערוויסן מיר זיך, ווי העלדיש נאַפּטאָלע באָטווין האָט זיך געהאַלטן אַף דעם געריכט. פאַרן טויט האָט ער געזאָגט: „איך שווער מיט לענינען, אַז כ׳האָב קיינעם ניט פאַראַטן. איך בין גליקלעך, וואָס איך שטאַרב פאַר דער אַרבעטער־זאַך". באָטווין האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפנעמען דעם ראָוו. „איך דאַרף ניט אײַער רעליגיעזע טרייסט, די רעליגיע איז פאַר קנעכט, און איך בין א פרײַער מענטש". גייענדיק צום אָרט, וווּ מע האָט געדאַרפט אים שיסן, האָט ער געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אײנײנעם מיט אים האָבן געזונגען אַלע פוילישע אַרעסטאַנטן, וועלכע זײַנען געזעסן אין טורמע „בריגידקי". ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט בא דער וואַנט און ניט דערלויבט, מע זאָל אים פאַרבינדן די אויגן. און ווען ער האָט דערזען די רערן פון די קאַראַבינען, וועלכע זײַנען געווען אָנגעצילט אַף אים, האָט ער אויסגעשריִען: „נידער מיט דער בורזשואַזיע! זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָליוציע!" מיט א קויל אין האַרצן איז באָטווין געפאַלן אַף דער ערד.

אַפן מיטינג זײַנען אַרויסגעטראָטן קאָמיוגיסטן, פּיאָנערן, אַרבעטער, וועלכע האָבן געשוווירן זיך מיִען, לערנען און קעמפן ווי נאַפּטאָלע באָטווין.

ב. גלוזמאַן

## פון אונדזער פאָטאָ-אַרכיוו

1

1. נאָטע לוריען ווערט איבער־געגעבן אַן ערן־גראַמאָטע פונעם אָדעסער אויספּירקאָם.

2. מישע מאָגילעוויטש נאָך דעם ארבעטס־אומבײַט

3. הירש רעלעס צווישן זײַנע וויטעבסקער לייענער

3

**ארטיסטן פונעם ווילנער יידישן פאָלקס־טעאַטער**

**דער סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע אַנאַטאָלי מאָראָז מיט די יידישע שרײַבער (פון רעכטס אויף לינקס) מישע מאָגילעוויטש, דאָרע כײַקינע, פיניע קיריטשאַנסקי און בוזי מילער**

## קורצע רעצענזיעס

# טריט צו דעם שרײַבערס באַרוף

פאַראַן שרײַבער, וועלכע האַלטן פון דער קורצער דערציילונג, אַנדערע, פאַרקערט, שרײַבן ראָמאַנען. און פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן פון ביידע זשאַנרען. צו אָט די לעצטע געהערט הערשל פאָליאַנקער, און ער האָט עס דערוויזן אין א היפשער צאָל ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פאַר א האַלבן יאָרהונדערט פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט.

נאָך איין באַווײַז דערצו איז דער בוך „דער לערער פון מעדזשיבאָזש‟, אין וועלכן עס גייט אַרײַן דער ראָמאַן מיט דעם זעלבן נאָמען און פופצן דערציילונגען אָדער „פריילעכע געשיכטעס‟, ווי דער שרײַבער האָט זיי אָנגערופן.

אין אַרײַנפיר צום ראָמאַן פאַרזיכערט דער אווטאָר, אַז אין גרונט פון דער געשיכטע, וועלכע ער קלײַבט זיך דערציילן, ליגןווירקלעכע געשעענישן. „איך האָב זיך בלויז דערלויבט, — שרײַבט ער, — ענדערן דעם נאָמען פונעם הויפט־העלד און פון אייניקע פערסאָנאַזשן, אָבער אלדאָס איבעריקע איז וואָרער עמעס‟. אַזאַ וואָרענונג איז טאַקע נייטיק, ווײַל „אַלדאָס איבעריקע‟, דאָס הייסט, די געשעענישן, וואָס ווערן באַשריבן אינעם ראָמאַן, די פּאַסירונגען מיט זײַן הויפט־העלד, דעם לערער פון מעדזשיבאָזש עלי פרענקיס, בייס דער מילכאָמע זײַנען אַזויפיל אויסטערליש און אומגעריכט פאַרדרייט, אַז ס'איז פּאָשעט שווער אין זיי צו גלייבן. „אָבער אין אונדזער פאַל, — שרײַבט ווײַטער דער מעכאַבער, — איז דאָס, דאַכט זיך, גאַנץ מעגלעך. באַ הײַנטיקע צײַטן, ווי איר ווייסט, פּאַסירן גאַנץ אָפט אָט אַזעלכע זאַכן, אַז ווען איר זאָלט זײַן אפילע מיט אַכצן קעפּ וועט איר אַזוינס ניט צוטראַכטן‟.

גלייבן מיר: די אומגלייבלעכע פּאַסירונגען, וועלכע קומען פאָר מיטן הויפּט־העלד עלי פרענקיס, וואָס אָט רופט ער זיך אויך פּעטראָ לאַזוטין און אָט ערנסט יאַרושקאָ, האָט צוגעטראַכט ניט דער שרײַבער, נאָר די ווירקלעכקײַט אַליין, די אומגלייבלעכע און גרויזאַמע מילכאָמע־ווירקלעכקײַט.

בלײַבט איבער א קאַשע: צי איז צופעליק אַרײַנגעפאַלן דאַפקע צו פּאָליאַנקערן אין די הענט אַזאַ לעבנס־געשיכטע? ניין, ניט צופעליק. דאָ איז פּאַסיק דאָס רוסישע ווערטל: „נאַ לאָווצאַ אי זווער בעזשיט‟, דאָס הייסט, די חײַע לויפט צו דעם, ווער עס זוכט זי. ניט ווייניק אויסטערלישע פּאַסירונגען טרעפן מיר אין פּאָליאַנקערס אַנדערע ראָמאַנען, אַזעלכע ווי „שמײַע גאַזלען‟, „דער בעקער פון קאָלאָמייע‟, „ייִצכאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים‟ און אַנדערע. פּאָליאַנקער געהערט צו דעם מין שרײַבער, וועלכע האַלטן פון אַקטיווער האַנדלונג, פון אַן אָנגעשטרענגטן סוזשעט. יעדער קאַפּיטל שפּרודלט בא אים מיט אומגעריכטע געשעענישן, סיורפּריזן. ער ווייסט גוט דעם קלאַל, אַז דעם לייענער טאָר ניט זײַן לאַנגווײַליק.

איז דען א כידעש נאָך דעם אַלעמען, וואָס צו פּאָליאַנקערן מיט זײַן שטענדיקער נעטיִע צו שאַרפער סוזשעטיק איז אַרײַנגעפאַלן א לעבנס־געשיכטע מיט אַזעלכע קאָליזיעס, ווי באַם לערער פון מעדזשיבאָזש, און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר איר מיט ביידע הענט?

וואָס קאָן זײַן פרידלעכער פון דער פּראָפעסיע פון א לערער? אַזאַ איז די פּראָפעסיע פונעם מעדזשיבאָזשער זייער ווילן, כיינעוודיקן, לוסטיקן יונגערמאַן עלי פרענקיס, וועלכן מע האָט געקרוינט מיטן בעקאַוועדיקן נאָמען — „הערשעלע אָסטראָפּאָליערס אן אייניקל‟. נאָר אָט ברעכט אויס די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע, און דער דאָזיקער פרידלעכער מענטש איז פּעיִק אף גרויסע שלאַכטישע אופטוען.

א מײַלע אין דער שילדערונג פון דער פרענקיס־געשטאַלט באַשטייט אין דעם, וואָס דער שרײַבער באַווײַזט אונדז זײַנע העלדנטאַטן ניט ווי עפּעס צופעליקס, וואָס איז געקומען פון דער העלער הויט. מיר זעען און פילן, אַז דאָס אַלץ אַנטשטייט אף א באָדן, וועלכער איז שוין פונלאַנג, נאָך פון די פרידלעכע צײַטן צוגעגרייט, דער באָדן פון פרענקיסעס העלדישקײַט אף דער מילכאָמע, איז זײַן פּאַטריאָטיזם, זײַן ליבע צום סאָוועטישן היימלאַנד, וועלכע איז אין אים אײַנגעפלאַנצט געוואָרן נאָך פון דער קינדהײַט.

ערעוו דער מילכאָמע ווערט דער לערער עלי פרענקיס גערופן אין דער אַרמיי. ער איז אן אָפיצער, א לייטענאַנט. פון די ערשטע מילכאָמע־טעג באַטייליקט ער זיך אין די קריגס־אָפּעראַציעס, ווערט שווער פאַרוווּנדעט, און אין אַזאַ צושטאַנד פאַלט ער אַרײַן אין געפאַנגענשאַפט. ווי נאָר אָבער ער שטעלט זיך אף די פיס, געפינט ער א מעגלעכקײַט

הערשל פּאָליאַנקער. דער לערער פון מעדזשיבאָזש. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל‟, 1982.

אויך דאָ, אין סוינעס הינטערלאַנד, בלײַבן א שלאַכטמאַן. ער גיט זיך אָן פאַר דעם פאָלקס־דויטש ערנסט יאַרושקאָ, ווערט אַן איבערזעצער. ניט איין מאָל קוקט ער דעם טויט אין די אויגן, נאָר ער כיטרעוועט איבער די סאָנים, ראַטעוועט זיך אַרויס פון געפאַר. אים געלינגט אַפילע אַרויסצוגיין גאַנץ פון די לאַפּעס פון דער געסטאַפּאָ. צום סאָף זעען מיר אים שוין אין אַן אַנדער ראָל. ער איז איצט פּעטראָ לאַזוטין און זעצט פאָר דעם קאַמף.

עלי פרענקיס לעבט ביז הײַנטיקן טאָג, און אויך דעם הײַנטיקן פרידלעכן טאָג זײַנעם באַווײַזט אונדז געני פּאָליאַנקער. ער שרײַבט וועגן זײַן העלד: „איר וועט אים קיינמאָל ניט זען אַליין. שטענדיק איז ער מיט מענטשן. זיי האָבן ליב הערן זײַן שטים. די פריילעכע געשיכטעס, וועלכע ער דערציילט, די וויצן, מיט וועלכע ער צעשיידט זיך ניט אַפילע דאַן, ווען אים איז שווער אַפן האַרצן".

לייענענדיק די דאָזיקע שורעס, קאָן מען זיך אָנשטויסן וועגן נאָך איין סיבע, פאַרוואָס פּאָליאַנקערן האָט אַזוי פאַרכאַפּט די לעבנס־געשיכטע פונעם מעדזשיבאָזשער לערער. דער אווטאָר און זײַן העלד זײַנען קרוווישע נאַטורן, פאַראַן באַ זיי א סאַך ענלעכס, בעסויכעם אָט די ליבע צו פריילעכע געשיכטעס. זיי פאַרנעמען טאַקע א היפּשן טייל אין פּאָליאַנקערס נײַעם בוך.

די געשיכטעס זײַנען אָנגעשריבן מיט א ניט געקינצלטער פאָלקס־שפּראַך. זייער נאַענטקײַט צום פאָלקלאָר ווערט אונטערגעשטראָכן דורך דעם, וואָס פיל פון זיי ווערן אונטערגעטראָגן ווי מײַסעס: „א מײַסע מיט א מיליאַרד", „א מײַסע מיט א גיבער", „א מײַסע מיט א באָרד" אאַוו. דער אווטאָר זייערער איז עפּשער א ביסל צופיל באַריידעוודיק, נאָר דערוף זײַנען עס דאָך מײַסעס. פאַראַן אין זיי היפּש הומאָר. דאָרט אָבער, ווו עס גייט אין דעמאַסקירן נישטיקע קליינבירגערלעכע זיטן, פּוסטע גרויסהאַלטערײַ, פאַלשקײַט און אַנדערע שלעכטע מידעס, דאָרט באַווײַזט דער אווטאָר, אַז אים איז ניט פרעמד אויך די קונסט פון סאַטירע. דאָס איז צו זען אין אַזעלכע געשיכטעס, ווי „דער פּרעזידענט", „געסט פון אויסלאַנד", „די גאָלדענע שכיינע", „צוויי כאַסענעס מיט א געט" און אַנדערע.

צום שלוס פונעם ראָמאַן דערמאָנט פּאָליאַנקער הערשעלע אָסטראָפּאָליערס א זאָג, אַז „עס איז גלײַכער צו דערציילן די געשיכטע פון איין גוטן פריילעכן מענטשן, איידער פון צען שלעכטע מאָרעשכוירעניקעס". דער אווטאָר האָט אָבער אין זײַן נײַעם בוך אונדז דערציילט סײַ וועגן א גוטן מענטשן, סײַ וועגן שלעכטע. און אין דעם באַשטייט דאָך דעם שרײַבערס באַרוף — אַרויסהייבן דאָס גוטע, דאָס פּאָזיטיווע, און אַרויסשטעלן צו שפּאָט דאָס שלעכטע, דאָס נעגאַטיווע.

ב. מילער

# איבער ערדישע וועגן

הירש דאָבין האָט אָנגערופן זײַן בוך „ערדישע וועגן", אָבער דער בוך וואָלט געקאָנט אָנגערופן ווערן „מיטן כאַלעף אַפן האַלדז", „אונטער דער האַק", „אַף דער טלִיע" — און סײַווי וואָלט עס ניט אויסגעדריקט די ליידן, וועלכע די הענקער, די מאַלכאַמאָוועס־באַפולמעכטיקטע האָבן געבראַכט פאַר אונדזער פאָלק, פאַר אַלע פעלקער.

הירש דאָבין האָט עס איבערגעלעבט!

יאָ — אַזוי איז דאָס, ביז גאָר באַשיידן איז אָנגערופן דער בוך, באַשיידן, אָבער וואָרהאַפטיקגרויליק. איבער דער זעלבער ערד, ווו די אומשולדיקע זײַנען געבוירן געוואָרן, ווו זיי האָבן געלעבט, געבוירן קינדער, געהאָרעוועט פאַרן ווױלזײַן פון זייער היימלאַנד, איבער דער היים־ערד זײַנען זיי געטריבן געוואָרן צו די גריבער...

הירש דאָבין. ערדישע וועגן. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1983.

דאָבין זוכט ניט פאַר זײַן ראָמאַן קיין דעליקאַטע מוסטערן פון דער אייראָפּעִישער שרעק־נאָוועליסטיק. זײַן ווייטעק איז מיט אים — פּונקט אַזוי, ווי עס דונערט דער ווייגעשריי פון שיקע דריזס „באַבי יאַר": „העלפט מיר, מאַמעס, העלפט מיר אויסקלאָגן מײַן ניגן", ווי סע גליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן פון אַרן ווערגעליסעס אַזעלכע זינגעוודיקע ווערטער: „א וואַלד פון כאַוועס און אָן קוקאַוועס"...

אין דער דערציילונג „אינעם וואַרשטאַט" שרײַבט דאָבין: „צו די געוועזענע רויטאַרמייִשע קאַזאַרמעס, אין וועלכע, פון זינט די דײַטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט, האָט זיך געפונען א פּאָליצייִשער באַטאַליאָן, האָט מען יעדן פרימאָרגן געזען גיין אַף דער אַרבעט מיט געלע לאַטעס אַף דער ברוסט און אַף דער פּלייצע א הײַפעלע באַלמעלאָכעס — שנײַדערס און שוסטערס".

ס'איז דאָך שוין קלאָר: „דאָס הײַפעלע" איז געבליבן פון זייער א סאַך, קיין סאָפעק ניט, די „געלע לאַטע" איז דעם אַשמעדײַס צייכן. פאַרשטייט זיך, אַז דער „וואַרשטאַט" האָט אַן אופזעער, דער דאָזיקער אופזעער, דער וואַכמייסטער, איז א באַלן אַף רויכוואַרג, ער האָט טאַקע געבראַכט א שטיקל גע־

פארבטן קראָליק, קעדיי צו פרעגן מעווינעס בא די שנײַדערס. אוורעמל דער שנײַדער האָט שיר ניט געזאָגט: „אזא שמאטע שיקט מען ניט קיין מאטאָנע”. אָנבייגנדיק זיך איבערן פעלכל, גלעטנדיק עס אלץ ווי עפּעס רעכטס, האָט אוורעמל פּאָנפּעוואטע אונטערגעזונגען פאר זיך: „דאָס איז אזוי קאָטיק, ווי איך בין א ראָוו...”.

דער וואכמייסטער דארף אָבער ניט נאָר רויכווארג, ער דארף, ער וויל גאָלד. גערשן דער גוטער שנײַדער, דער אומגליקלעכער מענטש, דער פאריאָסעמטער מאן און טאטע, וועלכער האָט איבערגעלעבט זײַן פארשניטענע מישפּאָכע, פירט דעם וואכמייסטער אינעם האָלץ־שײַערל, ווו ער האָט קלוימערשט באהאלטן גאָלד און דאָרטן טוט ער דעם וואכמייסטער דאָס רעכט מיט א שווערער שײַט האָלץ איבערן קאָפּ. אזוי אז דער וואכמייסטער וועט מער זיך ניט נייטיקן אין גאָ־אָר־נישט, ווי ס'האָבן זיך שוין אין גאָרנישט ניט גענייטיקט גערשנס אומגעקומענע ווײַב און קינדער.

אין דער דערציילונג „אין איינער א נאכט” געפינט זיך דער אכט־און־צוואנציקיאָריקער מאטעס סימכאָוויטש קיין אָרט ניט; הירש דאָבין שרײַבט: „דורך טאָג און נאכט האָט ער לייען געזען א לעבעדיקע. קוים האָט ער צונויפגעפירט די אויגן אינעם קורצן דרעמל אף די פריוואלן, אזוי גלײַך איז זי געקומען צו גיין און האָט זיך לעבן אים אוועקגעזעצט... מאטעס דערשלאָגט זיך טאקע באם קאָמאנדיר פון דער פארטיזאנער־טייל, אז ער זאָל גיין ראטעווען זײַן ווײַב לייען. נאָך מער, דער קאָמאנדיר גיט אים באגלייטערס — ראָגאָזינען, אנדריי טשומאקן און דעם פאָליטרוק קאָנדראט.

אין א מוירעדיקן אומוועטער, אין א נאכט, בײַס דער שניי־געווירבל מישט הימל און ערד, גייט מאטעס מיט זײַנע געטרײַע באגלייטער צו דער געטאָ, זיי רוען אָפּ א ביסעלע בא א סטויג און גייען ווײַטער. אין דער פינצטערניש דערזעט פונדעסטוועגן מאטעס „א שווארץ פינטעלע”. דער שניי־געווירבל שטילט זיך אײַן א קאפעלע, פון אהינטער די קוסטעס באווײַזט זיך א פרוי. מאטעס האָט שיר ניט אויסגעשריִען: „קום גיכער, לייע, דאָס בין איך, מאטעס... האָב ניט קיין מוירע!”. אָבער בײַס די פרוי גייט צו, זעט מאטעס, אז דאָס איז ניט לייע, נאָר מאלקע פיניע דעם בעקערס. „און ווו איז לייע?” — האָט מאטעס געפרעגט ניט מיט זײַן קאָל. — „אף אײַער לייען האָט איר מער ניט וואָס צו ווארטן...” — האָט קורץ געלאָזט צו וויסן מאלקע.

...גייט מאטעס מיט מאלקען מיט די באגלייטער צוריק אין וואלד. מע וואָלט געקאָנט ציטירן מערער. נאָר זאָלן די ליבהאָבער פון מאמע־לאָשן נעמען „ערדישע וועגן” און זאָלן זיי ווי ס'באדארף צו זײַן איבערלייענען די דערציילונגען, וועלכע זײַנען ארײַן אינעם בוך.

הירש דאָבין האָט מיט זײַנע דערציילונגען דערוויזן, אז אף קליינע פאפיר־שעטאָכים קאָנען פארקערפערט ווערן — שווערע ליידן, טיפע סינע, הייסע לײַדנשאפט.

ש. גאָרשמאן

# איך באדויער וועגן די יאָרן פון עמיגראציע

„איך באדויער וועגן די 30 יאָר פון עמיגראציע”, — זאָגט וויטאוטאס אלסייקא, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אהיים קיין ליטע נאָך די וואָגלענישן איבער די מײַרעוו־לענדער. אזוי טאקע איז אָנגערופן זײַן אינטערוויו אין דער זאמלונג „פארוואָס האָבן מיר זיך אומגעקערט אהיים”.

דער דאָזיקער בוך איז געשאפן אפן סמאך פון די גוויִעס־איידעס פון עמיגראנטן, וואָס זײַנען לויט פארשיידענע סיבעס מעגולגל געוואָרן אויסער די גרענעצן פון פססר. דער בוך באקאנט צום ערשטן מאָל די לייענער מיט דער געשיכטע פונעם אומקערן זיך פון פיל אונדזערע לאנדסלײַט אף דער לײַבלעך־אייגענער ערד.

וועגן זייער לעבנסוועג, וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געהאט אויסצושטיין, לעבנדיק אין אויסלאנד, דערציילן דאָ אזעלכע וועלטבארימטע קינסטלער, ווי די שרײַבער א. טאָלסטאָי און א. קופרין, די סקולפטאָרס ס. קאָניאָנקאָוו און ס. ערזיא, דער ארטיסט א. ווערטינסקי, דער גענעראל וו. יאכאָנטאָוו, דער מיטראָפאָליט וועניאמין און פיל אנדערע. אָט די אלע מענטשן האָבן געפונען אין זיך מוט אָפּצוזאָגן זיך פון די אייגענע פארבלענדענישן, אנערקענען די ריכטיקײַט פון דעם וועג, וואָס זייער לאנד האָט אויסגעקליבן, און אומקערן זיך אהיים.

עס קערן זיך אום פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ, וועלכע איז אנטלאָפן פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, ווײַסגווארדייער, וואָס זײַנען אוועק קיין אויסלאנד. בלויז אין 1921, דערוויסן מיר זיך פונעם בוך, האָבן אין סאָוועטן־רוסלאנד זיך אומגעקערט העכער 121 טויזנט סאָלדאטן, אָפיצערן, גענעראלן, קאזאקן.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט די פאָליטישע פאנאנדערגרענעצונג אין דער עמיגראציע דערגרייכט דעם העכסטן גראד. עס האָט זיך אופגעהויבן א נײַע כוואליע פון מיטגעפיל צום היימלאנד. ביז גאָר געשטיגן איז דער אווטאָריטעט פונעם סאָוועטנפארבאנד, וועלכער האָט גענומען אף זיך די הויפט־לאסט פונעם קאמף קעגן פאשיזם. טאקע אין אָט דעם פעריאָד איז בא פיל עמיגראנטן רײַף געוואָרן דער באשלוס: גענוג צו פאטערן דאָס לעבן אין דער פרעמד.

ארויסווײַזנדיק הומאנישקײַט און א פארשטאנד פאר די דאָזיקע שטימונגען, האָט די סאָוועטישע מעלוכע געמאָלדן וועגן א מעגלעכקײַט אופצושטעלן די סאָוועטישע בירגערשאפט בא יענע אָפשטאמיקע פונעם צארישן רוסלאנד און פון פססר, וועלכע האָבן פריִער די דאָזיקע בירגערשאפט אָנגעווירן. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן דעמלט זיך

געווענדט אין די סאָוועטישע פאָרשטייערשאפטן אין אויסלאַנד, אויספאָרמירט זייערע דאָקומענטן און אוועקגעפאָרן „אַף דער גרויסער ערד”. יאָ, אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן זיי זיך אומגעקערט אַזויווי רײַזנדער קערן זיך אום אַפן מאַטעריק. די אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד האָבן אין אויסלאַנד זיך געפילט ווי אַף אַן אינדזל, אָדער ווי אַף לעכערדיקע שיפלעך אין אָקעאַן פון אַ פרעמד לאַנד.

ווען מע טראַכט וועגן דעם גורל פון די מענטשן, וועלכע געהערן צו פאַרשיידענע קלאַסן פונעם צאַרישן רוסלאַנד, אָדער וועגן בירגער פון פססר, וואָס זײַנען מעגולגל געוואָרן אין אויסלאַנד און וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט אינעם בוך, פאַרשטייט מען, אַז ניט בלויז די נאַציאָנאַלע געפילן אָדער די שיינקייט פון בערעזע־ווועלדלעך און פון די פעלדער האָבן געווירקט אַף זייער אויסוואַל. דעריקער איז געווען די שטרעבונג ווידער צו פאַרייניקן זיך מיטן אייגענעם פאָלק, וואָס בויט אַ נײַע געזעלשאַפט. די איבערוועגנדיקע מערהײַט שרײַבער, מאָלער, דאָקטוירים, אַרבעטער און פויערים האָבן זיך אומגעקערט אין פססר, קעדיי מיען זיך, זיי האָבן אויסגעקליבן דעם סאָציאַל־גערעכטיקן לעבנס־אויפן.

פאַרלאָזנדיק די פינצטערע מאָראַל פון ביזנעס, האָבן זיי זיך באַהעפט צו אַ נײַעם אויפן פון מענטשלעכע פאַרהעלטענישן, אַ באַזירטן אַף דער קעגנזײַטיקער הילף פון גלײַכבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון אַ געזעלשאַפט, פאַר וועלכער עס זײַנען פרעמד סאָציאַלע קאָנטראַסטן און פריווילעגיעס. בלויז דאָרט, אין דער פרעמד, איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז היימלאַנד — דאָס איז ניט קיין געאָגראַפישער, נאָר אַ גײַסטיקער באַגריף. און טאַקע באַ זיך, אַף דער לײַבלעכער ערד, און ניט אין אויסלאַנד, האָבן געשאַפן זייערע בעסטע ווערק דער קונסטקענער ל. ד. ליובימאָוו, דער מאָלער אי. ביליבין, דער קאָמפּאָזיטאָר ס. פּראָקאָפיעוו, די שרײַבער וו. סאָסינסקי, יו. לעפוכין, די פּאָעטעסע מ. צוועטײַעוואַ און פיל אַנדערע.

אינעם בוך ווערט דערציילט די געשיכטע פון שאַפן אַן אַרבעטס־קאָמונע פון רעעמיגראַנטן, וועלכע זײַנען געקומען פון פשא, וועגן דעם גורל פון די זשורנאַליסטן ד. מייסנער, נ. אַלינאַ, וו. אַלסייקאַ, פון דער וויסנשאַפטלערן ס. גודז און אַנדערע. יעדן איינעם פון זיי איז פאָרגעשטאַנען מאַכן אַן אויסוואַל, און זיי האָבן אים געמאַכט.

די טעמע פונעם בוך קאָן פאָרגעזעצט ווערן, ווײַל עס ווערט פאָרגעזעצט דער פּראָצעס פון רעעמיגראַציע. און דאָס האָט אַ שײַכעס ניט נאָר צו יענע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַף יענער זײַט סאָוועטישער גרענעץ נאָך דער צווייטער וועלטמילכאָמע. העכער 80 טויזנט מעלדונגען מיט אַ ביטע צו דערלויבן זיך אומקערן אַהיים זײַנען לעצטנס דערלאַנגט געוואָרן אין די סאָוועטישע אָרגאַנען.

איבערלייענענדיק דאָס לעצטע קאַפּיטל פונעם בוך, קאָן מען זיך איבערצײַגן, אַז ווער דער רעעמיגראַנט זאָל ניט זײַן — אַ באַיאָרטער פּענסיאָנער, אַן אינזשעניער, אַ קינסטלער, אָדער אַ פויער, — אַלע זאָגן זיי איינס: קומענדיק צו זיך אין היימלאַנד, האָבן זיי אָנגעהויבן לעבן אָפּסנײַ.

י. ברענער

# אין דער איבערזעצונג אַף אַף אוקראַאיניש




אינעם בוך „פון דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג”, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק דערשינען אין קיִעוו אין דער איבערזעצונג אַף דער אוקראַאינישער שפּראַך, זײַנען אַרײַן אויסדערווײלטע לידער פון פיר און צוואַנציק יידישע פּאָעטן, וועמעס לעבן און שאַפונג זײַנען ענג פאַרבונדן מיט דער אוקראַאינישער רעפּובליק.

אינעם פאָרוואָרט צו דער זאַמלונג שרײַבט אַבראַם קאַצנעלסאָן, אַז גוט דערלערנען די יידישע שפּראַך, קעדיי איבערזעצן אַף אוקראַאיניש די בעסטע ווערק פון יידישע דיכטער, האָט אים געייצעט פּאַוולאָ טיטשינאַ, דער פּאַטריאַרך פון דער אוקראַאינישער סאָוועטישער פּאָעזיע. קאַצנעלסאָן שרײַבט: „ווען גלײַך נאָך דער מילכאָמע האָבן די פאַרלאַגן פון אוקראַאינע אַרויסגעלאָזט ביכער פון יידישע דיכטער אין דער איבערזעצונג אַף דער אוקראַאינישער שפּראַך, האָב איך אויך אַקטיוו זיך באַטייליקט אין אָט דער זאַך. צוביסלעכווײַז, אין פאַרלויף פון פיל יאָרן, האָט זיך געזאַמלט מײַן אוטאָרן־אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג, כאָטש אין פולן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט טאָר מען אַזוי ניט זאָגן, ווײַל פאָרשטעלן אַלע יידישע סאָוועטישע פּאָעטן נאָר אַפילע פון אוקראַאינע איז ניט לײַכט”.

די נײַע זאַמלונג עפענען די גרונטלייגער פון דער יידישער סאָוועטישער פּאָעזיע דאָוויד האָפשטיין און איציק פעפער. דער ערשטער האָט אָנגעהויבן שאַפן נאָך ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אַף אים האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג זײַן יוגנטפרײַנט אָשער שוואַרצמאַן. מיט האָפשטיינס שאַפונג האָט די יידישע סאָוועטישע דיכטונג זיך אויפגעהויבן אַף אַ נײַער הייך. אין דעם נײַעם בוך זײַנען פאָרגעשטעלט זײַנע לידער „אָשער שוואַרצמאַן”, „מײַן

З еврейськоі радяньскоі поэзії. Київ, Видавництво художньоі літератури, «Дніпро», 1983.

הארץ", „אווטאָפאָרטרעט" און אנדערע — א נײַער לירישער שטראָם אין דער ייִדישער דיכטונג.

דער אָנהייב פון איציק פעפערס שאפונג געהערט צו די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. נאָך גאָר א יונגער, איז ער אָנגענומען געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי. דער דיכטער האָט פון באָלשעוויסטישע פאָזיציעס אקטיוו זיך באטייליקט אין דעמלטיקן ליטערארישן פראָצעס אף אוקראַיִנע און איז צוזאמען מיט האָפשטיינען געוואָרן וועגווײַזער פאר די ייִדישע דיכטער, וועלכע זײַנען ארײַנגעטראָטן אין דער ליטעראטור אין די דרײַסיקער יאָרן.

לייב קוויטקאָ, וועגן וועלכן ארן ווערגעליס האָט טרעפלעך באמערקט, אז זײַן דיכטונג איז א טיפער ברונעם, אין וועלכן דער לייענער אײַלט אראָפלאָזן דעם עמער, און שוין דאָס אליין וועקט אוף אין אים די קוואלן, איז פאָרגעשטעלט אין דער זאמלונג מיט עטלעכע לידער פאר דערוואקסענע, וועלכע זײַנען ווייניק באוווּסט, ביפראט, דעם אוקראַיִנישן לייענער.

צווישן די אווטאָרן פון דער נײַער אויסגאבע זעען מיר אויך די נעמען פון די דיכטער, וועלכע זײַנען אומגעקומען בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע — מוישע כאשטשעוואצקי, מאָטל הארצמאן, שמועל העלמאָנד, הירש דיַאמאנט, שימען גאָלדענבערג.

אינעם רעצענזירטן בוך איז ברייט פאָרגעשטעלט דער דאָר ייִדישע דיכטער, וועלכע זײַנען אָנגעקומען אין דער ליטעראטור אין די 30־ער יאָרן. דאָס זײַנען אווראָם גאָנטאר, ריווע באליאסנע, דאָרע כײַקינע, יאָסל בוכבינדער, מאָטל טאלאלאיעווסקי, שלוימע טשערניאווסקי.

מערקווירדיק איז דאָס, וואָס באנאנד מיט די נעמען פון די דיכטער, וועלכע לעבן אין קיִעוו, כארקאָוו, אָדעס אָדער כערסאָן, האָט דער צונויפשטעלער אײַנגעשלאָסן אין דער זאמלונג ווערק פון פאָעטן, וואָס זײַנען געבוירן, אָדער האָבן אָנגעהויבן זייער שאפונג אף אוקראַיִנע, נאָר זײַנען דערנאָך לויט פארשיידענע סיבעס זיך צעפאָרן אין פארשיידענע עקן פונעם לאנד. דאָס זײַנען ארן ווערגעליס, כאַיִם ביידער און באָריס מאָגילנער פון מאָסקווע, בוזי מילער פון ביראָבידזשאן און אנדערע.

אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָט אין א נײַער שײַן זיך באוויזן די שאפונג פון אזעלכע דיכטער, ווי פיניע קיריטשאנסקי, מישע מאָגילעוויטש, וועלוול ווערניק. זייערע לידער — פובליציסטישע און איינצײַטיק לירישע — זײַנען אויך פאָרגעשטעלט אין דער דאָזיקער זאמלונג. וועלוול ווערניק פארענדיקט זײַן „צי קען איך דען?" אזוי:

...הײַנט גלײַכגילטיק איך בין ניט, ניין,
ווי די, וואָס ווילן ניט פארשטיין,
אז אָראדור און באבי יאר
ביז איצטער זײַנען א געפאר!

ניט גלײַכגילטיק צו די אקטועלע פראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער צווישנפעלקערלעכער לאגע, צו די פראגן, וועלכע רעגן דעם ארבעטסמענטש, די גאנצע פראָגרעסיווע מענטשהײַט, — איז אויך דער איבערזעצער און צונויפשטעלער פון דער דאָזיקער אויסגאבע, דער אוקראַיִנישער דיכטער אבראָם קאצנעלסאָן. מע קאָן דרייסט זאָגן, אז אדאנק זײַנע שעפערישע באמיִונגען איז די זאמלונג „פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג" א ביז גאָר געראָטענע סײַ אין קינסטלערישן, סײַ אין אידייִשן פראט.

ז. ווייצמאן

# א בוך פון פארדראָם און כאראָטע

דאָס איז א בוך, וועלכער איז ניט ענלעך אף קיין שום אנדערן. דער לייענער וועט זיכער ניט האָבן קיין שטארקן פארגעניגן, ווען ער וועט זיך דערוויסן, ווער עס איז דער אווטאָר. סאול ראסלין איז ארײַנגעפאלן אין דער נעץ פון די ציִעניסטישע נעשאָמעכאפערס און האָט אָנגעגעבן א מעלדונג וועגן ארויספאָרן קיין ייִסראָעל. קיין דערלויבעניש אף דעם האָט ער ניט באקומען, מאכמעס ניט לאנג צוריק האָט ער געדינט אינעם ראקעטן־מיליטער און איז דערלאָזט געוואָרן צו די אָנגאבן, וועלכע זײַנען א מעלוכע־סאָד פון פסער. ער איז געוואָרן אן אָפטריניקער, אן „אָטקאזניק" (א פערזאָן, וואָס האָט באקומען אן אָפזאָג אף דער מעלדונג וועגן ארויספאָרן), און ס'האָבן אים גענומען ארײַנציִען אין זייער שאָדן־ארבעט די ציִעניסטישע אויסלענדישע צענטערס און די ספעץ־אמטן פון די מײַרעווודיקע מעדינעס. די דאָזיקע טעטיקײַט האָט געהאט א פראָוואָקאציאָנעלן, אנטיסאָוועטישן כאראקטער און איז נייטיק געווען דעם מײַרעוו, קעדיי פירן אין אויסלאנד א שעקער־קאמפאניע קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד, שרײַען וועגן די „מענטשן־רעכט" און וועגן דער „שוידערלעכער לאגע פון די ייִדן אין פסער".

ס. ראסלין איז שיר ניט געוואָרן א סוינע פון זײַן היימלאנד. צום גליק, האָט ער, האגאם מיט א פארשפעטיקונג, פארשטאנען, אז אונטערגעבנדיק זיך די אויסלענדישע רעכילעסטרײַבער, ברענגט ער שאָדן דעם לאנד, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, און איז געוואָרן א מענטש מיט מענטשן גלײַך.

אליין די ווירקלעכקײַט האָט אים געעפנט די אויגן. האָבנדיק שטענדיק צו טאָן מיט פונקט אזעלכע, ווי ער, אָפטריניקעס, וועלכע האָבן איבער פארשיידענע סיבעס באקומען אן אָפזאָג ארויסצופאָרן פונעם סאָוועטנפארבאנד, האָט ס. ראסלין דערזען די גאנצע מאָראלישע נידערטרעכטיקײַט, די וואָלוועלע פארקויפטקײַט פון די דאָזיקע מענטשן. ער

Саул Раслин. Крутые ступени, Киев, 1983.

איז געווען אן איידעס, ווי כוצפּעדיק־אויסגערעכנט עס זײַנען געווען, לעמאָשל, די אינסצענירונגען, וועלכע ס׳האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּקע קיִעווער „אָטקאַזניקעס" באַם באַבי יאַר, ווי פֿאַלש און אינסצענירט עס זײַנען זייערע אַזויגערופֿענע „הונגערשטרײַקן".

די דאָזיקע אַלע ספּעקטאַקלען, וועלכע ס׳האָבן געשטעלט די מײַרעווודיקע רעזשיסערן, שילדערט ראַסלין פּראָטימדיק אין זײַן בוך.

א גרויסע ראָליע אין דעם, וואָס סאַול ראַסלין איז סאָפּקאָלסאָף אַרוף אַפֿן ריכטיקן וועג, האָבן געשפּילט די געפֿונענע אַפֿן בוידעם, צווישן אַלטע ביכער, נאָטיצן פֿון זײַן זיידן. די דאָזיקע נאָטיצן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ גרעסערן טייל פֿונעם בוך „די שטיילע טרעפּ". אין זיי דערציילט זיך וועגן דעם, וויאַזוי דאָס יידישע פֿאָלק האָט געליטן פֿונעם אַכזאָריעסדיקן צאַריזם, פֿון דעם פֿאַשיזם, וועלכער האָט געדראָעט צו פֿאַרניכטן פֿיזיש פֿיל פֿעלקער און אין דער ערשטער ריי — די יידן. דער זיידע איז ביזן סאָף פֿון זײַן לעבן געווען דאַנקבאַר דער סאָוועטנמאַכט פֿאַר אַלץ, וואָס זי האָט אופֿגעטאָן פֿאַר זײַן פֿאָלק. די לעבנס־געשיכטע פֿונעם זיידן און פֿון זײַן מישפּאָכע, זײַנע געפֿילן פֿון אַ פֿולבארעכטיקטן בירגער פֿון דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, פֿון אַ פּאַטריאָט און אינטערנאַציאָנאַליסט, לייקענען אָפּ די אַנטיסאָוועטישע רעכילעס.

דעם ציוניזם שטעמפּלט די גאַנצע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפֿטלעכקײַט פֿון דער וועלט. די אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס קוואַליפֿיצירט אים אַלס אַ פֿאָרם פֿון ראַסיזם און ראַסן־דיסקרימינאַציע. „פֿונדעסטוועגן, — ווי סע שרײַבט זיך אין דער אַרײַנפֿיר־נאָטיץ צום בוך, — זעצט פֿאָר דער ציוניזם צו פּאַראַזיטירן, מיט דער שטיצע פֿון דער אימפּעריאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אָף די אייביקע ווערטן פֿון הומאַניזם און יושער. דער ציוניזם ברענגט די אַרבעטנדיקע — יידן און ניט־יידן — פּײַן און צאַרעס, ליידן און אויסוועגלאָזיקײַט".

ל. סערגייעוו

## גאָדישניק — 82



ס׳איז דערשינען אַ נײַער נומער פֿונעם בולגאַריש־יידישן יאַרבוך „גאָדישניק".

דאָקטאָר ליובאָמיר יאָרדאַנאָוו, יִסראָעל מײַער, דאָקטאָר יוסעף אָסטרוקאָוו און דאָקטאָר סטעלע דימיטראָווא האָבן געווידמעט זייערע אַרטיקלען דער בולגאַרישער קאָמפּאַרטיי, איר געשיכטע און דער הײַנטצײַטיקער טעטיקײַט.

יִצכאָק מאָסקאָנאָ איז פֿאַרגעשטעלט מיטן אַרטיקל „וועגן דער סאָציאַלער פּאָליאַריזאַציע פֿון די בולגאַרישע יידן", אין וועלכן ס׳זײַנען אײַנגעשלאָסן אַנטשפּרעכיקע פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַלן (זיי זײַנען געגעבן אויך אין אָריגינאַל, אָף דזשודעזמאָ).

די אַרטיקלען פֿון פֿיליפּ דימיטראָוון און טעאָדאָסי אַטאַנאַסאָוון דערציילן וועגן דעם אָוואַר פֿון דער בײַדונײַער בולגאַרישער שטאָט ווידין און וועגן איר יידישער באַפֿעלקערונג.

דער קאַנדידאַט פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן כריסטאָ יאָרדאַנאָוו דערציילט וועגן דער טעטיקײַט פֿון מאָיִס בענאַרוי, דעם ערשטן פֿאָרשער פֿון דער שאַפֿונג פֿונעם גרויסן בולגאַרישן דיכטער טעאָדאָר טראַיאַנאָוו. דער פּראָפֿעסאָר אַטאַנאַס נאַטעוו טיילט מיט וועגן דער שאַפֿונג פֿון עליאַס קאַנעטי. עליאַס קאַנעטי, אַ בולגאַרישער ייד, אַ ספֿרד, וועלכער לעבט אין ענגלאַנד און שרײַבט אָף דײַטש, איז געוואָרן אַ נאָבעל־לאַורעאַט פֿאַר ליטעראַטור אין 1981. זײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט אין אַ סאַך שפּראַכן, דערונטער אין בולגאַריש.

דאַנטשאָ סטאַנטשעוו און אַנטאָן מיכײַלאָוו אַרטיקל איז געווידמעט אייניקע אַספּעקטן פֿון דער געשיכטע פֿון די בולגאַרישע אומלעגאַלע אַנטיפֿאַשיסטישע דרוקערײַען אין 1923—1944.

עס ווערן אָפּגעמערקט די יובילייען פֿון די בולגאַרישע רעוואָלוציאָנערן מאַרקאָ־כאַיִם פֿרידמאַן (90 יאָר) און עמיל שעקערדזשײַסקי (70 יאָר), וועלכע זײַנען אומגעקומען אין קאַמף קעגן דעם מאָנאַרכיסטיש־פֿאַשיסטישן רעזשים. וועגן מ.־כ. פֿרידמאַנען דערציילט די אַרבעט פֿונעם דאָצענט טאַני טאַנעוו, וועגן ע. שעקערדזשײַסקין — קאַמען קאַלטשעווס און דימיטער פּענעווס אַרטיקלען.

דער קאַנדידאַט פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן איוואַן אילטשעוו קריטיקירט שאַרף דעם בוך פֿון וויקי טאַמיר „בולגאַריע און אירע יידן" (Bulgaria and Her jews). דעם בוך האָט אַרויסגעגעבן דער פֿאַרלאַג פֿונעם ניו־יאָרקער יעשיווע־אוניווערסיטעט אין 1979.

דאָוויד קאָהען און דאָקטאָר ליובען זלאַטאַראָוו האָבן צונויפֿגעשטעלט און צוגעגרייט צום דרוק די דײַטשישע דאָקומענטן וועגן דער פּאָליטיק פֿון דער דעפּאָרטאַציע פֿון די בולגאַרישע יידן. די צונויפֿשטעלער האָבן אויסגענוצט די אַרכיוו־פֿאָנדן, וועלכע געפֿינען זיך אין יִסראָעל און אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד.

אונטער דער רובריק „בײַלאַגעס צום אַרכיוו־פֿאָנד" ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט די מאַטעריאַלן וועגן די טוער פֿון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זשאַק נאַטאַן און יוסעף אַסטרוקאָוו און וועגן דעם מוזיקאַנט מענאַכעם בענסוסאַן.

דער „גאָדישניק" אַנטהאַלט אויך פֿאָטאָ־מאַטעריאַלן.

די לייענער האָבן באַקומען אַ נײַע זאַמלונג אַרטיקלען און מאַטעריאַלן, וועלכע שפּיגלען אָפּ די ראָליע פֿון די יידן אינעם לעבן פֿון בולגאַריע.

וו. טשערנין

טאטיאנע געלפמאן

# די קאָלעקציע פון ייִדישע קולט־כפּייצים אין מעלוכישן מוזיי פון דער געשיכטע פון רעליגיע און אטעיִזם

אין 1932 האָט מען אין לענינגראד געעפנט דעם ערשטן אין אונדזער לאנד מוזיי פון דער געשיכטע פון רעליגיע און אטעיִזם. דער מוזיי געפינט זיך אין דער געבײַדע פונעם קאזאנער סאבאָר — דעם מערק־ווירדיקן דענקמאָל פון ארכיטעקטור אינעם אָנהייב פון XIX יה.

אין דער קאָלעקציע פונעם מוזיי זײַנען פאראן דאָקומענטן, קסאוויאדן, ביכער, פאָטאָגראפיעס, כפּיי־צים פון רעליגיעזן קולט און פון דעקאָראטיווער קונסט. די מאטעריאלן פון דער עקספּאָזיציע און דער פאָנד פונעם מוזיי גיבן א מעגלעכקייט צו שאפן א פארגאנצטע פאָרשטעלונג וועגן דער אנט־ווּיקלונג פון די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען, וועגן דער ראָל און די פונקציעס פון דער רעליגיע און פון די רעליגיעזע אָרגאניזאציעס אין דער געשיכטע פון די פעלקער אין דער וועלט, ווי אויך וועגן דער באדײַטונג פון דער פרײַדענקערישקייט און אטעיִזם אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אן אָפּטיילונג אין דער מוזיי־קאָלעקציע פארנעמט דער פאָנד פון די יודאיִסטישע קולט־כפּייצים, אומ־געפער 1100 עקספּאָנאטן, וועלכע כאראקטעריזירן די ספּעציפישקייטן פונעם יודאיִסטישן קולט, באווײַזן די טעטיקייט פונעם ראבינאט אינעם פאר־רעוואָליו־ציאָנערן רוסלאנד, ווי אויך פארשיידענע פאָרמען פון דער אנטירעליגיעזער פּראָפּאגאנדע צווישן די גלויביקע ייִדן אין די 20־ער — 30־ער יאָרן.

א באדײַטנדיקער טייל פונעם פאָנד באשטייט פון פאָרמעטן מיט האנטשריפטלעכע טעקסטן פון דער טוירע, פאָרמעטן פון מעגילאָס־עסטער און פון באַ־זונדערע טפילעס. אינעם פאָנד געפינט זיך דאָס טראדיציאָנעלע צירונג פאר די פאָרמעטן פון דער טוירע — קרוינען, רימאָנים, שילדן, טוכן, פּאָרהאנ־גען, אָט די אלע כפּייצים געהערן צו דער סינאגאָגע און זײַנען פארבונדן מיט אייניקע וויכטיקע פאָר־שטעלונגען וועגן דעם יודאיִסטישן גלויבן. אין די רעליגיעזע ריטואלן, ווי אין די סינאגאָגאלע, אזוי אויך אין די שטוביקע, ווערן ברייט אויסגענוצט פארשיידענע מינים לײַכטערס — מענוירעס, כאנעקע־און שאבעס־לעמפּ, האוודאָלע־לײַכטערס, — וועלכע זײַנען ברייט עקספּאָנירט אין דער מוזיי־קאָלעקציע.

אין דער קאָלעקציע פון גראפיק זײַנען פאראן קאַרטלעך, ליטאָגראפיעס, פאָטאָטיפּיעס און געמעלן, געווידמעט דער יודאיִסטישער רעליגיע און דעם

אלטן ייִדישן שטייגער, צווישן זיי — קאָפּיעס פון באוווּסטע בילדער פון זיטשי, א. ריצאָני, גראווירן פון י. קאפּלאַן. עטלעכע האנטגעשריבענע און טי־פּאָגראפישע אמולעטן שטעלן מיט זיך פאָר אן אינ־טערעס, ווי אן איידעס דערפון, אז אינעם שטייגער האָבן זיך פארהיט רעשטלעך פון אָבערגלויבערישע מאגישע פאָרשטעלונגען. אין דעם פאָנד זײַנען צו־נויפגעזאמלט קאָלעקציעס פון צייכענונגען פארן זשורנאל „אפּיקוירעס" (1931) פונעם קינסטלער מ. גאָרשמאן און אקווארעלן פון דעם קינסטלער ש. יודאָווין.

ניט געקוקט אָף דער דיסקרימינאציע־פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג לעגאבע דער ייִדישער באפעלקערונג, האָבן די ייִדישע קלייקוידעש זיך געסטארעט פארשטארקן די אונטערטעניקע געפילן און מאָנארכיסטישע שטימונגען אין די מאסן. דער־בײַ האָבן זיי פּראָקלאמירט, אז די הויכשעצונג פּור־נעם קייסער ליגט אין יעסאָד פון יודאיִזם און אז די טפילעס מיטן אויסדרוק פון אונטערטעניקייט בע־נעגייע די מאכט־אָרגאנען — דאָס איז אן אוראלטער מינהעג פון די ייִדן. אין דעם פראט שטעלט פאָר אינעם פאָנד פון דעם מוזיי אן אינטערעס די טוירע אין דער פאָרם פון א טראדיציאָנעלן פאָרמעט, וועלכער איז ארופגעוויקלט אָף צווײ וואלצן, — דאָס הענטל און דער שפּיץ זײַנען געמאכט פון העלפאנד־ביין און באפּוצט מיט זילבער. אָפן פאָר־מעט איז אָנגעטאָן א העמדל פון בלויען סאמעט מיט אן אויסגעהעפטן מאָגנדאָוויד און מיט א צארישער מאָנאָגראם אין דער מיט. די סייפער־טוירע איז ספּעציעל געמאכט געוואָרן אין 1909, קעדיי אונ־טערטראָגן ניקאָלײַ דעם צווייטן, וועגן וואָס עס זאָגט איידעס די זילבערנע פלאסטינקע מיט אן אויפ־שריפט. אזעלכע פאָרמעטן האָט ניט איין מאָל אונ־טערגעטראָגן די אימפּעראטאָרן די אָנפירערשאפט פון יודאיִסטישע קעהילעס.

דער מינהעג צו באפּוצן די טוירע מיט פארשיי־דענע צירונגען איז באוווּסט נאָך פון די צײַטן פּור־נעם מיטלאלטער. אין די ביכער־איליוסטראציעס טרעפט מען צייכענונגען פון פאָרמעטן, באַ־פּוצטע מיט א קרוין. די פאָרם פון דער קרוין איז צומאָל ענלעך אָף דער קיניגלעכער אָדער הערצאָ־גישער, אָבער אָפטער איז די קרוין געמאכט אין א פרײַער פאָרם. מוסטערן פון די אמערסטן פאָר־



א געפעס אַף צו היטן בסאָמים

שפּרייטע פּאַרמען זײַנען פאַראַן אין די עקספּאָנאַטן פונעם פאָנד.

צו די באַצירונגען פון דער טוירע געהערן אויך די רימאָנים, וואָס זײַנען אָנגעטאָן אַף די אייבערשטע עקן פון די וואַלצן, אַף וועלכע עס איז אַרומגעוויקלט א פּאַרמעט. אין דער קאָלעקציע פונעם מוזיי זײַנען פאַראַן רימאָנים, וועלכע זײַנען אין דער מיט באַפּוצט מיט אויסגראַווירטע געוויקסן־אָרנאַמענטן, מיט גלעקעלעך און קרוינען. מיט פײַנקײַט פון דער אַרבעט צייכנט זיך אויס א זילבערנער רימאָן אין דער פאָרם פון אַן איי מיט א ליסקע־אָרנאַמענט פון העל־בלויען עמאַל און מיט דרײַ רייען אייגנאַרטיקע פּרענדזן פון דריבנע זילבערנע אויִרינגלעך (פאָטאָ 1).

אינעם פאָנד זײַנען אויך פאַראַן עטלעכע טוירע־פּוטליאַרן. זיי זײַנען באַפּוצט מיט די טראַדיציאָנעלע אין דער ייִדישער קונסט באַלעכאַיִם (א לייב און א הירש), מיט א רײַכן געוויקסן־ און קווייטן־אָרנאַמענט. אַף א סאַך פון די טוירע־פּוטליאַרן זײַנען אײַנגעפּאַסט אין ראַמען גראַווירטע שילדלעך מיט דער אָנווײַזונג פונעם יאָמטעוו, ווען מע דאַרף ליינען דעם געגעבענעם פּאַרמעט.

דאָס אָנצינדן יאָמטויווים־ליכט, לײַכטערס, איז אַן אָפּהילך פון דער אוראַלטער שעצונג פון פײַער, דער גלויבן אין זײַן קישעפדיקער קראַפט. א גרויסער טייל פון די כפייצים אינעם פאָנד באַשטייען פון פאַרשיידענע מינים לײַכטערס.

אין דער מוזיי־זאַמלונג זײַנען פאַראַן כאַנעקע־לעמפּלעך, קופּערנע און בראָנזענע קאַנדעליאַבערס מיט אַכט גרונט־לײַכטערס און מיט א צוגעפעסטיקט צום פּיסל צוגאָבלעך לעמפּל (שאַמעש). אין די שטוב־ריטואַלן האָט מען באַנוצט כאַנעקע־לעמפּלעך פון אַן אַנדער מין: א פלאַכער סטענדער פאַר די לעמפּלעך און א ווערטיקאַל ווענטל פונהינטן. אַף די קופּערנע אויסגעגאָסענע כאַנעקע־לעמפּלעך פון מײַרעוו־אוקראַיִנע האַלטן אונטער די מענורע צוויי לייבן, באַ די זײַטן — צוויי געפלאָכטענע קאָלאָנעס. אַזעלכע לעמפּלעך האָט מען אויסגעגאָסן אין XVIII און XIX יה. אַף די זײַטיקע ווענטלעך זײַנען צוגעפעסטיקט צוויי צוגאָבלעכע לײַכטערס: איינער — א שאַמעש, דער אַנדערער — צוליב סימעטריע, ווי אויך קעדיי אויסנוצן אַזאַ לעמפּל אום שאַבעס. אַף אייניקע אַנדערע לעמפּלעך איז די מענורע ענלעך אַף געוויקסן, וועלכע דערמאָנען דעם בוים פון לעבן, אָדער זי האָט די פאָרם פון א וואַזע מיט א בונט צעוואַקסענעם בוים.

אינטערעסאַנט איז דאָס קליינינקע בראָנזענע אויסגעגאָסענע כאַנעקע־לעמפּל, א מין אייגנאַרטיקע איליוסטראַציע פון א טאַנאַכישן פּאַסעק, וואָס איז אויסגעגראַווירט אַפן אונטערשטן טייל פון דעם ווענטל, א באַפּוצטס מיט צוויי העראַלדישע לייבן, וועלכע האַלטן אונטער די וואַזע מיטן פלאַם. אַזעלכע כאַנעקע־לעמפּלעך באַווײַזן זיך אין XVI יה. אונדזער לעמפּל קאָן דאַטירט ווערן נאָענט צו אָט דער צײַט, אָבער מעגלעך, אַז דאָס איז א שפּעטערדיקע קאָפּיע פון פריִיִקע. אַפן כאַנעקע־לעמפּל פּונעם XIX יה., וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין פוילן אָדער אין באָהעמיע, זײַנען די זײַטיקע ווענטלעך אויסגעפירט אין דער פאָרם פון מוישע ראַביינוס און אַרנס פיגורן.

מענטשלעכע פיגורן טרעפן זיך אויך אַף אייניקע לעמפּלעך און אַף אַנדערע ריטועלע זאַכן. זייער פאַרשפּרייטקײַט און געוויינלעכקײַט באַשטעטיקט, אַז דער פאַרבאָט צו מאָלן לעבעדיקע באַשעפענישן איז געווען ניט אַזוי קאַטעגאָריש און איז אָפט אופּגענומען געוואָרן בלויז ווי א פאַרבאָט צו מאַכן געמעלן מיטן ציל פון קולט־פאַרערונג.

די באַצירונגען אַף די לײַכטערס און אַף אַנדערע קולט־כפייצים דערלויבן צו פעסטשטעלן, ווי שטאַרק עס איז געווען דער אײַנפלוס פון די קינסטלערישע סטילן פון פאַרשיידענע טקופעס און פעלקער אַף דער ייִדישער ריטועלער קונסט. אַף אייניקע לעמפּלעך זײַנען אַבסאָליוט ניט פאַראַן קיין ייִדישע מאָטיוון אָדער רעליגיִעזע סימבאָלן. אַלס בײַשפּיל קאָן אין אונדזער קאָלעקציע דינען דאָס זילבערנע כאַנעקע־לעמפּל פון 1872. דאָס הינטערשטע פיגור־ווענטל איז דאָ באַפּוצט אין באַראָקאָ־סטיל — א וואַ־

זע מיט בונטע קווייטן, מיט א מושל, באם ראנד גייען ראָקאַלע לאָקן און אָן אָרנאַמענט פון בלומען (פאָטאָ 2).

אף די פאַראַנענע אינעם מוזיי־פאָנד מיזרעווי־אוקראַיִנישע כאַנעקע־לעמפּלעך פונעם XVIII יה. זעען מיר דורכגעשניטענע ווענטלעך מיט א גע־וויקסן־אָרנאַמענט. אף איינעם פון די כאַנעקע־לעמפּ־לעך איז פאַראַן א סטיליזירטער געמעל פונעם בוים פון לעבן און פון פיל פייגל, פון אויבן איז עס באַ־פּוצט מיט צוויי שלאַנגען־קעפּלעך. די דאָזיקע מאָ־טיוון, און באַזונדערס דער סטיל פונעם געמעל, ווײַזן אָן אף דער ענגער פאַרבינדונג מיט די טראַ־דיציעס פון דער אוקראַיִנישער פאָלקס־קונסט.

פון פוילן שטאַמט דער פאַראַנענער אינעם פאָנד לײַכטער פאַר צוויי ליכט מיט אַן אייבערשטן אַזשור־טייל און מיט א געמעל פון צוויי לייבן, וואָס איז באַקרוינט מיט א צווייקעפּיקן אָדלער. אַזעלכע קאַנ־דעליאַבערן רופט מען „קראַקעווער לאָמפּ". בכלל באַווײַזט דאָס דערלערנען די כפּייצים, אַז דער יו־דאַיזם, ווי א באַליביקע אַנדערע רעליגיע, ניצט אויס ברייט די טראַדיציעס, קונסט און פאָלקלאָר פון פאַרשיידענע פעלקער. די אויספּורעמונג פון די קולט־כפּייצים אַנטפּלעקט די ענגע פאַרבינדונג פו־נעם ייִדישן שטייגער מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן און מיט די קולטור־טראַדיציעס פון יענעם לאַנד, ווו ס'האָט פונקציאָנירט א ייִדישע קעהילע.

פאַראַן אין דעם פאָנד פונעם מוזיי אויך פּאָ־שעטע לײַכטערס פון האַוודאָלע־ריטואַלן, וועלכע שליסן דעם שאַבעסדיקן יאָמטעוו. אָנהייבנדיק פונעם XVIII יה., ווערט דער האַוודאָלע־לײַכטער קאָמבי־נירט מיט א קעסטעלע פאַר בסאָמים. כאַראַקטעריס־טיש איז דער מעטאַלענער לײַכטער פון זייער א פּאָשעטער פאָרם, קימאַט אָן באַפּוצונגען, וועלכע



א טײַטל פאַר א סייפערטוירע

איז מיסטאַמע געמאַכט לויטן זילבערנעם דײַטשישן מוסטער פון דעם XIX יה.

קעסטעלעך פאַר בסאָמים ווערן דערמאָנט צום ערשטן מאָל אין XII יה. אָנהייבנדיק פונעם XIV—XV יה., האָט מען די קעסטעלעך גערופן לויטן העב־רעיִשן נאָמען פונעם מירט־בוים (האַדאַס), וועלכן מע האָט געניצט אלס שטאָף, קעדיי פאַרברענען. אָן אַנדער נאָמען האָט זיך באַוויזן אין XVII יה., און ער האָט הויפּטזאַכלעך א שײַכעס צו דער טורעמ־אַרטיקער פאָרם פון די קעסטעלעך פאַר בסאָמים. גראָד צו אָט דעם טיפּ געהערן די מערהײַט קעסטע־לעך, וועלכע געפינען זיך אינעם מוזיי. אַפּאָנעם, אַז די דאָזיקע פאָרם דרינגט פון די קריסטלעכע מאָנס־טראַנציעס און כאַזערט איבער אין זייערע וואַריאַנטן דעם אַרכיטעקטור־סטיל פון דער אָדער יענער צײַט.

צווישן די מוזיי־כפּייצים קאָן מען אויסטיילן דאָס זילבערנע קעסטעלע פאַר בסאָמים אין דער פאָרם פון א פילשטופּיקן פיליגראַן־טורעמל אף א פיגור־פונדאַמענט מיט גלעקעלעך אינווייניק פון דער צווייטער שטופע. אַנדערע קעסטעלעך פאַר בסאָמים שטעלן פאָר מיט זיך אַזשור־קעסטעלעך אף פיסלעך, באַפּוצטע מיט קאָנישע שפּיצן און פענדעלעך.

אַנאַלאָגישע פאָרמען פון כפּייצים, הויפּטזאַכלעך זילבערנע, זײַנען ברייט פאַרשפּרייט געווען אין XIX יה. אין רוסלאַנד, פוילן, דײַטשלאַנד. קעסטעלעך פאַר בסאָמים פון אַזא מין האָט מען געמאַכט אין רוסלאַנד (אָדעס, מאָסקווע, פּעטערבורג) פון זילבער אָדער פון קופּער. אַנדערע מינים קעסטעלעך — אין דער פאָרם פון בלימעלעך אָדער פּייראַס — זײַ־נען פאַראַן אין דער זאַמלונג פונעם מוזיי אין דער פאָרם פון א מאָן־קעפּעלע. אַזעלכע האַדאַסן זײַנען אַמערסטן געווען פאַרשפּרייט אין די דאָרעם־געגנטן פון רוסלאַנד.

גאַנץ ברייט זײַנען באַוויזן אינעם פאָנד יאָמטעוו־דיקע און דעקאָראַטיווע שיסל און טעלער. בייס א יאָמטעוודיקער סודע ווערן געניצט צוויי פאַיאַנס־שיסל, געמאַכטע אין דער געוועזענער וואָלינער גו־בערניע פון רוסלאַנד אינעם סאָף פון XIX יה. אף איינער פון זיי — פון העל־בלויען קאָליר — זײַנען די זײַטן און דער געלער דעק באַפּוצט מיט אָן איידעלן שוואַרצן אָרנאַמענט. אף דער שיסל איז אָנגעוויזן, וויאַזוי עס דאַרפן ליגן די אָבליגאַטאָרישע געריכטן פון דער פּייסעכדיקער סודע.

פאַר די בלײַענע טעלער פונעם סאָף XVIII יה. זײַנען כאַראַקטעריסטיש אייניקע אַלגעמיינע באַזונ־דערקײַטן פון זייער פּראָדוקציע און באַפּוצונג: ערשטנס, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלן לויט די רעשט־לעך פון די שטאַפּלען, זײַנען אַליין די טעלער גע־מאַכט אין א פאַבריק, און דערנאָך שוין האָבן היגע מײַסטערס אויסגראַווירט העברעיִשע טעקסטן און בילדער. דעריבער זײַנען די געמעלן גאַנץ אָפט פּרימיטיווע. אף די שיסל זעען מיר, אויסער בילדער, אויפשריפטן, וועלכע ווײַזן אָן אפן באַלעבאָס פון דער געגעבענער זאַך. אף דעם פּייסעכדיקן געפעס איז, אלס קלאַל, אָנגעשריבן דער סיידער פון דער פּייסעכדיקער סודע.

אפן געפעס פונעם סאָף XVIII יה. (בלײַ, גראַ־ווירונג) איז אינעם צענטער אָנגעמאָלט אַן אַכט־שטראַלנדיקער שטערן און א שעפּעלע. צווישן די

שטראלן פון דעם שטערן זײַנען אָנגעמאָלט פערסאָנאזשן פון דער לעגענדע וועגן יעציִעס־מיצראִים, וועלכע ווערן קאָמענטירט מיט אנטשפרעכיקע אויפשריפטן: פארע, דער מיילעך פון מיצראים, אפן טראָן; לינקס פון אים מוישע ראביינו מיט א שטעקן אין דער האנט, רעכטס — ארן האקויהען מיט א קאדילע אין די הענט; אונטן — א געמעל פון מיריאם האנעוויִע מיט א טימפאן איבערן קאָפ. די פיר מאנצבלשע פיגורן צווישן די איבעריקע שטראלן פונעם שטערן אילוסטרירן די לעגענדע וועגן די פיר זין פון דער פייסעך־האגאָדע.

די דאָזיקע בילדער זײַנען געמאכט אין דעם סטיל פון דער פאָלקס־טראדיציע אין XVIII יה. דער קלוגער זון דערמאָנט לויט דעם מאלבעש, לויטן אויסזען און עלטער אן אוראלטן כאָכעם; דער בייזער איז באוויזן מיט געווער, וואָס עס שטרײַכט אונטער זײַן פײַנטשאפט צו לערע; דער נאִווער איז א פראנט מיט א שטעקן און מיט א ציבעק; דער פערטער זון, וואָס קאָן ניט פרעגן, איז באוויזן מיט אופגעהויבענע, ווי אין א זשעסט פון פארוווּנדערונג, הענט. אף דעם אנדערן שיסל זײַנען אויך אָנגעמאָלט פערסאָנאזשן פון דער לעגענדע, אָבער דאָ פעלט דער פערטער זון. די קאָמפּאָזיציע איז דאָ אינטערעסאנט דערמיט, וואָס זי באווײַזט, וויִאזוי דער קלוגער זון פארטרײַבט דעם בייזן. דאָס אילוסטרירט אויך דעם טעקסט פון דער האגאָדע, אין וועלכער עס ווערט גערעדט וועגן דעם, אז דער בייזער זון ווערט אויסגעשלאָסן פון דער קעהילע.

אף די באָרטן פון צוויי טעלער איז פאראן נאָך איין סוזשעט: אן אילוסטראציע צום קינדער־לידעלע וועגן א ציגעלע („כאדגאדיאָ”). אנאלאָגישע לידעלעך עקזיסטירן אינעם מיזרעכדיקן און אין מײַרעוודיקן פאָלקלאָר. אין דער רעליגיִעזער אינטערפרעטאציע איז אָט דער סוזשעט געוואָרן א סימבאָל פונעם גרויזאמען געריכט און פון פארגעבן די זינד.

אף די יאָמטעוודיקע קולט־כפייצים טרעפן זיך אָפט צייכנס פונעם זאָדיִאק. אף איינעם פון די טעלער, געווידמעט, אפאָנעם, דעם יאָמטעוו סוקעס, איז אינעם צענטער פאראן א גראווירט בילד פון אן אויסגעשטערעקטער פונעם וואָלקן האנט, וואָס האלט א וואָגשאָל — א צייכן פון דעם כוידעש טישרע.

אפן טעלער, וועלכן מע האָט אויסגענוצט אינעם יאָמטעוו פורים, זעען מיר א גראווירטן אכטעקיקן שטערן, אין צענטער פון וועלכן ס'זײַנען אָנגעמאָלט דרײַ זיך איבערקרייצנדיקע פישעלעך. פיש אף די פורימדיקע טעלער ווערן געוויינלעך אויסגעטײַטשט ווי א צייכן פון דעם כוידעש אָדער.

פארענדיקנדיק דעם איבערזיכט פון א קליינעם טייל פון דער ייִדישער קאָלעקציע אינעם מוזיי, דארף מען אָפמערקן, אז דער אינטערעס צו דער ירושע פונעם אָוואר, צו די דענקמעלער פון דער מאטעריעלער און גײַסטיקער קולטור פון פעלקער, איז אן אָרגאנישע אייגנשאפט פון אונדזער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט. די אופגאבע פונעם מוזיי איז פארהיטן און דערלערנען די דענקמעלער פון דער פארגאנגענהײַט, אויסנוצנדיק זיי צוליב וויסנשאפטלעכע, אטעִיסטישע און דערציִערישע צוועקן.

# כראָניק

## אן אויסשטעלונג פון געמעלן פון קאצעטלער

אין סטראסבורג (פראנקרײַך) איז באוויזן געוואָרן אן אויסשטעלונג פון געמעלן פון געוועזענע אסירים פון די היטלעריסטישע קאָנצלאגערן. די געמעלן זײַנען אויסגעפילט אף דער אנדערער זײַט פון נאציסטישע פלאקאטן, אף פאק־פאפיר און אף די ראנדן פון אלטע צײַטונגען.

די דאָזיקע קונסט־ווערק זײַנען באשולדיקונגסדאָקומענטן קעגן די שוידערלעכע פארברעכנס פונעם פאשיזם. אף די געלע פון דער צײַט שטיקער פאפיר זײַנען אָנגעמאָלט פאָרטרעטן פון קאצעטלער, באראקן, קופעס מייסים. אייניקע געמעלן שילדערן די שרעקלעכע בילדער פון צעשיסונגען, ווי אויך פרויען און קינדער בא די גאז־קאמערס.

סערגײ טשעבאָטאַריאָוו

# דער שילער און דער לערער

א סאך לייענער אונדזערע האָבן מיסטאמע געהערט וועגן דעם קליינינקן פידלער פון נאָוואָסיבירסק וואדיק רעפין, געזען זײַנע פאָטאָגראַפיעס אין די צענטראַלע און אָרטיקע צײַטונגען.

אזוי פירט זיך שוין פון קאדמוינים אין דער אויספילערישער קונסט — פון מאָל צו מאָל באַווײַזט זיך אפן מוזיקאַלישן האָריזאָנט א נײַ שטערנדל. אזא שטערנדל רופט מען „וווּנדערקינד”. לויט מײַן מיינונג, איז אָט דער טערמין געוואָרן אין אונדזער צײַט א באנאלער מאכמעס דעם, וואָס מע ניצט אים גאנץ אָפּט און ניט שטענדיק צום אָרט.

דאָס באַווײַזן זיך פון א נײַעם שטערן אינעם וועלטאל איז א רעטעניש אפילע פאר געלערנטע. דער אופגאנג פון א נײַעם מוזיקאַלישן שטערן איז ניט ווייניקער געהיים. ער וועקט אוף די פאנטאזיע, פאַרקישעפט אונדזערע נעשאָמעס. מיר לאָזן ניט ארויס פון אויג זײַן שײַן און אָפּשײַן. מיר פרייען זיך, ווען ער ווערט נאָך מער ליכטיקער, און מיר זײַנען באטריבט, אויב ער האָט אופגעבליצט, דורכגעפלויגן און איז פארלאָשן געוואָרן.

וואדיק רעפין איז, אָן שום צווייפל, א שטערנדל. אָבער דאָס איז בלויז קלאָר פאר אונדז מיט אײַך. אָן און פאר זיך איז ער פּאָשעט א לעבנסלוסטיק ייִנגל, א פארליבטס אין מוזיק. און, צום גליק, ווי עס זאָגט זײַן לערער, איז ער ניט אָנגעשטעקט מיט אָט דעם „שטערן”־כאלאס. וואדיק האָט ליב, ווי אנדערע קינדער פון זײַן עלטער, כאָקיי, פוטבאָל, שפילט אין שאָך, לייענט א סאך. ניט געקוקט אף זײַן אויסערלעכער דיקלעכקײַט, איז ער זייער א באַוועגלעך ייִנגל, האָט ליב צו שפּאסן. באַאָבאכטנדיק אים, בין איך אַנציקט געוואָרן פון זײַן „געוויינלעכקײַט”, קינדערשער אומיטלבארקײַט. אָבער פאר מיר שטייט דאָך א ייִנגל, וואָס איז באלוינט מיט א גאָלדענער מעדאל און מיט ספּעציעלע פּרעמיעס פון דעם מיניסטער פאר קולטור און קונסט פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק און איז א לאורעאט פונעם צווייטן צווישנפעלקערלעכן קאָנקורס פון יונגע פידלער אפן נאָמען פון גענריק וועניאווסקי!

„ווען וואדיק האָט אינעם צווייטן טור אויסגעפילט וועניאווסקיס פיעסע „וואריאציעס אף אן אָריגינעלער טעמע”, — האָט געשריבן די צײַטונג „סאָוועטסקאיא קולטורא”, — האָבן די מיטגלידער פון דער זשורי זיך אופגעהויבן פון זייערע ערטער און לאנג אפּלאָדירט”.

יענע אפּלאָדיסמענטן האָב איך ניט געהערט. איך בין אָבער געווען אן איידעס פון אָוואציעס, מיט וועלכע די אאודיטאָריע פונעם גרויסן זאל פון דער מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע האָט באלוינט דעם יונגן לאורעאט נאָך דעם, ווי ער האָט גלענצנד

וואדים רעפין — דער עלפיאָריקער שילער פון דער מוזיקאַלער שול בא דער נאָוואָסיבירסקער קאָנסערוואטאָריע

אויסגעפּילט דעם קאָנצערט פון טיכאָן כרעניקאָוון.
שוין דער פאַקט גופא, וואָס דער אָנגעזעענער סאָ־
וועטישער קאָמפּאָזיטאָר, העלד פון סאָציאַליסטישער
מי, פאָלקס־אַרטיסט פון סאָוועטנפאַרבאַנד טיכאָן ני־
קאָלײַעוויטש כרעניקאָוו האָט פאַרגעלייגט דעם עלפ־
יאָריקן סיביריאַק אָנטיילצונעמען אין זײַן אוטאָר־
קאָנצערט, איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק.

דעם 10 אַפּרעל 1983 בין איך בײַגעווען אפן
קאָנצערט אין גרויסן זאַל פון דער מאָסקווער
קאָנסערוואַטאָריע. וויפל מוזיק האָט געהערט אָט
דער זאַל! וויפל האָט ער געזען אומפאַרגעסלעכע
שטערן פון דער אויספילערישער קונסט אין דער
וועלט! ס׳האָט אין אים געקלונגען די באַגײַסטערטע
מוזיק פון סערגיי ראַכמאַנינאָוו אין דער אוטאָ־
רישער אינטערפּרעטאַציע. די ראַפינירטע האַרמאָניעס
פון אַלעקסאַנדער סקריאַבינען, וועלכע זײַנען אַרויס־
געפלויגן פון אונטער די פינגער פונעם גענײַאַלן
קאָמפּאָזיטאָר, שוועבן, דאַכט זיך, ביז איצט אינדער־
לופטן. די אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן פון „ראָמעאָ
און דזשוליעטע" האָבן אופגעלעבט אונטער דעם
דיריזשיר־שטעקעלע פון סערגיי פּראָקאָפיעוון. דאָ
זײַנען דורכגעגאַנגען די פּרעמיערעס פון פיל שע־
דעווערן פון דמיטרי שאָסטאַקאָוויטשן. ריכאַרד
שטראַוס און איגאָר סטראַווינסקי, אַרטור רובינשטיין
און גלען גולד, דאַוויד אויסטראַך און וולאַדימיר
סאָפראָניצקי, פּאַול הינדעמיט, פיאָדער שאַליאַפּין,
הענריך נײַגאַוז, ענריקאָ קאַרוזאָ — זיי אַלע זײַנען
אין פאַרשיידענע צײַטן אַרופגעגאַן אַף דער זעל־
בער בינע, אַף וועלכער עס האָט איצט געדאַרפט
אַרופקומען דער יונגער פידלער.

איך האָב אײַנגעלאַדן די לייענער אַף אַזאַ רע־
טראָספּעקטיווער עקסקורסיע אין דער מוזיקאַלער
פאַרגאַנגענהײַט פון איינעם פון די סאַמע באַוווסטע
קאָנצערט־זאַלן אין דער וועלט, קעדיי זיי זאָלן
כאָטש אַף אַ רעגע דערפילן דעם ציטער, די אופּ־
רעגונג, וועלכע האָבן נישט געקאָנט ניט אַרומכאַפּן
דעם יונגן פידלער, וועלכער האָט באַטראָטן די הײַ־
ליקע ברעטער פונעם מוזיקאַלן טעמפּל.

...ס׳איז שטיל געוואָרן אין אָרקעסטער. אופּ־
מערקזאַם האָבן געקוקט פון די ווענט אַף דער באַ־
לויכטענער בינע די בילדער פון באַכן, מאָצאַרטן,
טשײַקאָווסקין... באַגעגנטע מיט באַגריסונגס־אַפּלאָ־
דיסמענטן, גייען אַרויס צום צענטער פון דער בינע
אַ טונקלהאָריק ייִנגל מיט אַ פידל אין האַנט און
דער באַרימטער דיריזשאָר יעווגעני סוועטלאַנאָוו.
דאָס ייִנגל הייבט אָן גאַנץ לאַנג און זייער ערנסט
ברענגען אין אָרדענונג זײַן סטראַדיוואַריוס. אַצינד
איז ער גרייט אַרײַנטרעטן אין אַ מוזיקאַלן געוועט
מיטן מעלוכישן סימפאָנישן אָרקעסטער. און אָט
האָט זיך אַ גאָס געטאָן די ליכטיקע לירישע מוזיק
פון טיכאָן כרעניקאָווס קאָנצערט, וועלכע האָט פון
אָנהייב אָן פאַרפולט אַלע ווינקעלעך פונעם ריזיקן
זאַל. דער קליינער קישעפמאַכער, וואָס האָט מיט אַ
פאָכע פון זײַן רעכטער האַנט און מיט די פלינקע
באַוועגונגען פון זײַנע פינגערלעך אַרויסגערופן מאָ־
מעש אַ יאַם מיט מוזיק, איז געווען וואָדיק רעפין,
דאָס עלפיאָריק ייִנגעלע.

איך בין געזעסן אינעם סאָף פון פּאַרטער. קעדיי
אומיטלבאַר זען דעם קליינינקן סאָליסט „אָן שטע־
רונגען", וואָלט איך זיך געדאַרפט אופהייבן פונעם
שטול. בייסן קאָנצערט זײַנען אָבער אַזעלכע באַווע־
גונגען פונעם צוהערער לאַכלוטן ניט עטיש, און
דעריבער האָב איך זיך פאַרטיפט אין דער מוזיק
בלויז מיטן געהער. צומאָל איז פאַרגעסן געוואָרן,
אַז דער סאָליסט איז אַ ייִנגל און אַז אין זײַנע הענט
איז ניט קיין „דערוואַקסענער" פידל, נאָר אַ דרײַ־
פערטלדיקער, האַגאַם דאָס איז אַ סטראַדיוואַריוס־
פידל, וועלכער געפינט זיך אין דער קאָלעקציע פו־
נעם מיניסטעריום פאַר קולטור פון סאָוועטנפאַר־
באַנד (דער קליינינקער אַרטיסט האָט באַקומען דעם
פידל אַף צו באַנוצן זיך מיט אים פאַר זײַנע אויסער־
געוויינלעכע מוזיקאַלע דערגרייכונגען און לויט
דער פּערזענלעכער באַקאָשע פון טיכאָן כרעניקאָוון).
די גלענצנדיקע טעכנישע באַהערשונג פון דער
קאָמפּליצירטער פאַקטור פונעם קאָנצערט, די שיינע
און פאַרשיידנאַרטיקע (קלאַנגען־טושע, די לאָגיש־
פּינקטלעך אָנגעצייכנטע פאָרם פונעם קאָנצערט אינ־
גאַנצן גענומען — האָבן דערמעגלעכט צו זאָגן, אַז
דאָס ווערק איז אויסגעפּילט געוואָרן אַף אַ מײַס־
טערישן אופן.

ס׳האָט אָפּגעקלונגען דער לעצטער אַקאָרד. עס
האָבן אַ דונער געטאָן שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן,
וועלכע זײַנען זייער לאַנג ניט אײַנגעשטילט גע־
וואָרן. פיל מאָל האָט דער דאַנקבאַרער עולם
אַרויסגערופן דעם קליינינקן מוזיקאַנט און דעם אָנ־
געזעענעם דיריזשאָר. די פרילינגדיקע בלומען, וועל־
כע מע האָט אונטערגעטראָגן די אַרטיסטן, זײַנען
געווען אַן אויסדרוק פון טיפער מענטשלעכער דאַנק־
באַרקײַט פאַר די געשענקטע מינוטן פון פרייד, פאַר
די גוטע געפילן, וועלכע די מוזיק דערוואַכט.

יעווגעני סוועטלאַנאָוו האָט אַנומלטן געזאָגט, אַז
ער האָט ניט גענומען אין אַכט דעם עלטער פונעם
סאָליסט און געפירט די רעפּעטיציעס פונקט אַזוי
שטרענג, ווי שטענדיק — געווען שטרענג צו זיך און
צום אויספילער.

איך בין צופעליק בײַגעווען אַף אַזאַ רעפּעטיציע
ערעוו דעם אויבנבאַשריבענעם קאָנצערט, ווען איך
בין אַרײַנגעגאַנגען אין דעם גרויסן זאַל מיט אַ טאָג
פריִער, נאָך די בילעטן, וועלכע מע האָט פאַר מיר
איבערגעלאָזט. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געשמועסט
מיטן פּעדאַגאָג פונעם יונגן פידלער — מיט זאַכאַר
בראָנען. זיי האָבן, זעט אויס, פאַרפינקטלעכט די
„לעצטע שטריכן" אין דער אינטערפּרעטאַציע פונעם
קאָנצערט. דער פּעדאַגאָג האָט אופמערקזאַם געהערט
דעם אוטאָרס ווונטשן. וואָדיק האָט אין דער זעל־
בער צײַט ערנסט שפּאַצירט אין פּאַרטער, האַלטנדיק
אין די הענט דאָס פידעלע, געטאַפּט די סטרונעס
(ער האָט, מיסטאַמע, אַנאַליזירט דאָס נאָרוואָס אויס־
געשפּילטע). ווען זאַכאַר בראָן האָט זיך באַפרײַט
און איז צוגעגאַנגען צו מיר מיט זײַן דערצויגלינג,
האָב איך טאַקע דעמלט באַקומען די מעגלעכקײַט
פּערזענלעך צו באַגריסן דעם יונגן לאַורעאַט מיטן
גלענצנדיקן זיג אַפן קאָנקורס און האָב, דריקנדיק
זײַן פעסט הענטל, אַ זאָג געטאָן: „איך באַגריס דיך,
ייִנגעלע!"... ס׳איז געווען עפּעס ניט סאָליד אַזוי זיך
ווענדן צום זיגער פון אַ צווישנפעלקערלעכן קאָנ־
קורס — „ייִנגעלע" — אָבער פון גאָר אַ צאַרטן על־
טער איז געווען אונדזער לאַורעאַט. אין מײַן ניט

ווילנדיקער ווענדונג צו אים איז געווען א רירנדיקע אנציקונג!

דאָס איז געווען מײַן צווייטע באַגעגעניש מיט וואַדיקן. די ערשטע איז פאָרגעקומען מיט א יאָר פריִער, ווען ער איז נאָך ניט געווען קיין לאורעאַט, ווען אין די צײַטונגען זײַנען נאָך ניט געווען זײַנע פאָטאָגראַפיעס, און די צאָל מענטשן, וועלכע האָבן אים געקענט און געהערט, איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק ניט קיין גרויסע. אָבער איך וועל דערציילן אַלץ לויטן סיידער.

צום ערשטן מאָל האָט מיר דערציילט, וועגן דעם קליינינקן פידלער מיט א יאָר צוויי צוריק ליובאָוו שישכאַנאָווא, די סאָליסטקע פון דער יאַראָסלאַוולער מעלוכישער פילהאַרמאָניע. בייס זי איז געווען אַף גאַסטראָלן אין דער שטאָט נאָוואָסיבירסק, זײַנען געקומען צו איר צוגאַסט אין האָטעל אונדזערע געמיינזאַמע פרײַנט — דאָס פּאָרפאָלק אַניע נעטשיפּאָרוק און זאַכאַר בראָן, אויך פידלער, פּעדאַגאָגן פון דער נאָוואָסיבירסקער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכע האָבן איר „באַוויזן" דעם טאַלאַנטפולן שילער פונעם דריטן קלאַס. האַגאַם איך באַצי זיך מיט צוטרוי צו דער מיינונג פון אָט די וווּנדערלעכע מוזיקאַנטן, דאַרף איך אָנערקענען, אַז ביז מײַנע אייגענע אויערן האָבן ניט געהערט די שפּיל פונעם יונגן ווירטואָז, האָב איך ניט אַרויסגעוויזן צו אים קיין באַזונדערן אינטערעס. די דאָזיקע באַרירונג איז געקומען אין אַפּרעל 1982, ווען איך האָב, לויט דער אײַנלאַדונג פון מײַנע נאָוואָסיבירסקער פרײַנט, באַזוכט דעם אַרויסלאָז־קאָנצערט פון זאַכאַר בראָנס שילער, וועלכע זײַנען געקומען קיין מאָסקווע.

דאָס פּאָרפאָלק אַניע נעטשיפּאָרוק און זאַכאַר בראָן האָבן מיך אָוועקגעזעצט צווישן זיך. אַדאַנק מײַן לויִנבאַר זיץ־אָרט האָב איך באַקומען א סיסטעמאַטיזירטע און אויסשעפּלעכע אינפאָרמאַציע וועגן יעדן פידלער, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן אַף דער בינע.

ווי עס טרעפט בײַ עמאָציאָנעל רײַכע מענטשן, איז זאַכאַר בראָנס פּנים געווען א שטאַרק באַוועגלעכס, עס האָט, ווי א מין לעבעדיקער אינדיקאַטאָר, פילבאַר רעאַגירט אַף יעדער אינטאָנאַציע פונעם אויסשפּילער, אַף יעדער באַוועגונג פון יענעמס האַנט. הערנדיק די פידלער — מיידלעך און מיידעלעך, ייִנגעלעך און באָכערים, האָב איך דערהערט אין די זיך גיסנדיקע פון אונטער די פינגער און סמיטשיקעס מעלאָדיעס ניט נאָר באַקאַנטע און באַליבטע מוזיק. איך האָב דערהערט אין זיי צוויי אינטערעסאַנטע אינדיווידואַליטעטן: דעם שילער און דעם לערער!

בראָן האָט זאָרגזאַם און ליבלעך, ווי א מאַלער אין דער אוראַלטער מאָלערײַ־קונסט, אומזעבאַר פּאַנאַנדערגעשפּרייט איבער זײַן שילער די „פליגל", ער האָט פילבאַר און וואַכזאַם אָפּגעהיט דאָס פאַרטרויטע אים „קינד" פון אַלדאָס איבעריקע און שטערנדיקע, געריכטעט עס פינקטלעך אַף אַן עמעסן וועג, אַפן וועג פון הויכער קונסט און מײַסטערשאַפט.

...אַף דער בינע האָט זיך אויפגעהויבן א צענייאָריק ייִנגל, א טונקלהאָריקס, מיט א קײַלעכדיק פּאָנעם, א פעסטגעבויט באָכערל. אַניע נעטשיפּאָרוק דערציילט מיר אײַנקורצן זײַן „געשיכטע": אָנגעהויבן לערנען זיך שפּילן אַפן פידל האָט ער „צופעליק"... דער ערשטער ווונטש פונעם ייִנגלס עלטערן איז געווען — לערנען אים שפּילן אַף א באַיאַן (צי אַף אַן אַקאָרדעאָן, פּינקטלעך געדענק איך ניט). אין דער מישפּאָכע איז ער דער ערשטער מוזיקאַנט. „דאָס ייִנגל איז פענאָמענאַל באַגאַבט, געבוירן פאַר דער שפּיל אַף א פידל". די זיך פאַנאַנדערטראָגנדיקע איבערן זאַל גלענצנדיקע פּאַסאַזשן, די צאַרטע זיך גיסנדיקע מעלאָדיעס, די פינקלענדיקע מיט רײַכע טעמבער־פאַרבן קלאַנגען האָבן ווי אונטערגעכאַפּט אירע לעצטע ווערטער. צי דען שפּילט עס א קינד? — האָב איך א טראַכט געטאָן, און אויפמערקזאַמער אָנגעהויבן אַרײַנקוקן זיך אין דער פיגור, וואָס שטייט אַזוי געלאַסן אַף דער בינע. און כ'האָב ניט ווילנדיק ווידער א טראַכט געטאָן וועגן דעם מײַסטער, אַז וועמענס קענטעניש און טאַלאַנט וועט דער נאַטירלעכער איידלשטיין ניט פינקלען צוגונסטן די מענטשן מיט זײַנע יווועלירקאַנטן. וואָס פאַר א נאַטירלעכע אוניקאַלישקײַט עס זאָל ניט פאַרמאָגן דער געפונענער מינעראַל, דאָס נאַטירלעכע שטיקל גאָלד, וועלן זיי אַן און פאַר זיך ניט ווערן קיין קונסט־ווערק. עס נייטיקט זיך די טאַלאַנטפולע האַנט פונעם מענטשן, וואָס קאָן אָפּשלײַפן, צוגעבן דעם איידלשטיין א קינסטלערישע פאָרם. דער מײַסטער, וואָס שלײַפט דעם נאַטירלעכן טאַלאַנט בײַ א מענטשן, הייסט לערער. וואָס פאַר א קאָלאָסאַלע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט דאָס איז, אויב זיך אַרײַנטראַכטן! ווײַל דער מאַטעריאַל איז זייער א צאַרטער און איידעלער. דאָ קומט אויס האָבן צו טאָן ניט נאָר מיט דער האַנט, מיט די פינגער אָדער מיטן גוף פונעם מענטשן, וועלכער לערנט זיך אַף א מוזיקאַלן אינסטרומענט, ריכטנדיק זיי אין די נייטיקע, געהעריקע פּאָזיציעס, נאָר אויך „שלײַפן די נעשאָמע" פונעם מענטשן, זײַן באַוווּסטזײַן, זײַן געדאַנק, זײַנע געפילן.

אָנהייבנדיק מײַן דערציילונג וועגן דעם פידלער וואַדיק רעפּין, וויל איך אַרויספירן אַפן פאָדערפּלאַן יענע פּערזאָן, וואָס האָט געשפּילט און שפּילט אויך איצט אינעם גורל פונעם יונגן מוזיקאַנט זייער א וויכטיקע ראָל — וואַדיקס פּעדאַגאָג זאַכאַר בראָן. מײַן אַרטיקל איז ניט צופעליק באַטיטלט מיטן נאָמען „דער שילער און דער לערער", ווײַל די דאָזיקע צוויי באַגריפן וואָלטן אין דער סאָציאַלער נאַטור, איינער אָפּגעריסן פונעם אַנדערן, ניט צו שטאַנד געקומען. קעסיידער זאָגט מען: עמעצנס א לערער; עמעצנס א שילער. דאָס זײַנען רינגען, וואָס קאָנען ניט עקזיסטירן זעלבשטענדיק. אינטערעסאַנט איז מיר געווען אַנאַליזירן די פאַרשיידענע אַספּעקטן פון אַזאַ קעגנזײַטיקער פאַרבינדונג גראָד בייסן קאָנצערט, ווען מע האָט אָנשוילעך געפילט און „געהערט" די פאַרשיידענע פאַרהעלטענישן פון דעם „כײַלעק" פונעם לערער און פון דעם „כײַלעק" פונעם שילער אינעם איינהײַטלעכן פּראָצעס. די דאָזיקע „כאַלאָקים" זײַנען געווען פאַרקערט פּראָפּאָרציאָנעל דער אָפּהענגיקײַט (אויב באַטראַכטן בראָנס ראָל „פון און ביז", דה. פון דעם ערשטן

קלאַס פון דער קינדערשער מוזיקאַלער שול ביזן אַרויסלאָז־קורס פון דער קאָנסערוואַטאָריע).

מיך האָט באַגײַסטערט ניט די עצם געזעצמעסיקייט פון דער דערשײַנונג, נאָר די קאָנטראָלירטע פּראָפּאָרציאָנעלקייט פון די פאַרהעלטענישן צווישן די אויבנדערמאָנטע „כאַלאַקים”. גראָד די קאָנטראָלירטע פּראָפּאָרציאָנעלקייט באַשטימט די קוואַליטעט און ווערטפולקייט פונעם דערצויגלינג, גיט דאָס רעכט צו ריידן וועגן אַ באַשטימטער פּעדאַגאָגישער קאָנסטרוקציע, וואָס איז אויפגעשטעלט „לויט אַן אינדיווידועלן פּראָיעקט”, וועגן אַ קלאַס פון אַ געוויסן פּעדאַגאָג, ווי וועגן אַ לעבעדיקן און פאַרגאַנצטן אָרגאַניזם.

אַזאַ „לעבעדיקן אָרגאַניזם” האָב איך דערזען פאַר זיך אין די פידלער, וועלכע זײַנען געקומען אין אונדזער הויפּטשטאָט פון סיביר מיט אַן אַרויסלאָז־קאָנצערט. דעם אַרכיטעקטאָר פון אָט דעם גלענצנדיקן פּעדאַגאָגישן בּיניען האָב איך דערזען אין דער פּערזאָן פון מײַן אַלטן באַקאַנטן, דעם דאָצענט פון דער נאָוואָסיבירסקער מעלוכישער קאָנסערוואַטאָריע אויפן נאָמען פון מ. אי. גלינקאַ זאַכאַר נוכימאָוויטש בראָן. פריִער האָב איך בראָנען געקענט ווי אַן אויסגעצייכנטן פידלער. איצט האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַ טאַלאַנטפולן פּעדאַגאָג זאַכאַר בראָן.

ס׳איז ניט קיין סעקרעט, אַז די אַרבעט פון אַ דערציִער פאָדערט אַ סך האַרץ און טאַלאַנט. מע קאָן זײַן אַ גרויסאַרטיקער מוזיקאַנט־אויספילער און דערבײַ ניט זײַן קיין רעזולטאַטיווער פּעדאַגאָג. און פאַרקערט, עס זײַנען פאַראַן אויסגעצייכנטע פּעדאַגאָגן, אָבער קיינמאָל זײַנען זיי ניט אַרויסגעטראָטן אַלס מוזיקאַנטן אויף קאָנצערטן. זאַכאַר בראָן פאַרייניקט גליקלעך אין זיך סײַ אַ קאָנצערט־אויספילער און סײַ אַ פּעדאַגאָג, וועלכער לערנט „פון קליין ביז גרויס” — ער פירט אַ קלאַס אין דער צענטראַלער ספּעציִעלער שול בײַ דער נאָוואָסיבירסקער קאָנסערוואַטאָריע און אַ קלאַס אומיטלבאַר אין דער קאָנסערוואַטאָריע גופא. אין שול לערנען זיך בײַ אים נײַן קינדער, אין דער קאָנסערוואַטאָריע — אַכט סטודענטן. לייענענדיק די באַגײַסטערטע אַרטיקלען וועגן זײַנע שילער, הערנדיק די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס זיי באַקומען, האָב איך באַשטימט דערציילן די לייענער, די ליבהאָבער פון פידל־מוזיק, וועגן דעם מענטשן, וועמען עס געהערט מיט רעכט אַ היפּשער כיילעק סײַ פון די הייסע אַפּלאָדיסמענטן און סײַ פון דער אופּריכטיקער אַנציקונג.

דעם פידלער זאַכאַר בראָן האָב איך געקענט נאָך אין די יאָרן, ווען איך האָב זיך געלערנט אין דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע (דעמלט בין איך געווען אַ סטודענט, און זאַכאַר בראָן — אַן אַספּיראַנט). די „געאָגראַפיע” פון זײַן מוזיקאַלן שטודיִום איז געווען אַ גאַנץ פאַרשיידנאַרטיקע. געבוירן איז ער אין אוראַלסק, און זיך געלערנט אין דער קינדערשער מוזיקאַלער שול אויף סטאָליאַרסקיס נאָמען אין אָדעס. נאָכדעם האָט ער זײַן מוזיקאַלע בילדונג פאָרגעזעצט אין מאָסקווע. אָנהייבנדיק פונעם 1966, איז בראָן אַ סטודענט פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע אויף טשײַקאָוו־

סקיס נאָמען, לערנט זיך אינעם קלאַס פון דעם באַוווּסטן פידלער איגאָר אויסטראַך.

אין 1971 איז בראָן אָנגעקומען אין דער אַספּיראַנטור פון דער קאָנסערוואַטאָריע און פאָרגעזעצט פאַרפולקומען זײַן אויספילערישע מײַסטערשאַפט. אַ וויכטיקער מערקצייכן אין זײַן שעפערישן לעבן זײַנען געוואָרן די קאָנטאַקטן מיט דאַוויד אויסטראַכן. דער גרויסער מײַסטער האָט מיט סימפּאַטיע זיך באַצויגן צום סטודענט און אַספּיראַנט פון זײַן זון, זיך אינטערעסירט מיטן שעפערישן גורל פון דעם יונגן אַרטיסט, אַ סך מאָל אים קאָנסולטירט, באַזונדערס ערעוו די קאָנקורסן. און זאַכאַר בראָן האָט דערוואָרבן דעם טיטל לאַורעאַט פון צוויי צווישנפעלקערלעכע פידלער־קאָנקורסן, באַלוינט געוואָרן מיט בראָנדז־מעדאַלן אינעם קאָנקורס אויפן נאָמען פון דער קיניגן יעליזאַוועטע אין בריסעל (1971) און אינעם קאָנקורס אויפן נאָמען פון גענריק ווענִיאַווסקי אין פּאָזנאַן (1977). אין 1977 האָט די פּוילישע פירמע פאַר פּראָדוצירן גראַמפּלאַטן "Nagrania" אַרויסגעלאָזט צוויי גרויסע פּלאַטן, אויף וועלכע עס זײַנען פאַרשריבן אַ ריי ווערק אין דער אויספילונג פון זאַכאַר בראָנען, צווישן זיי — שימאַנאָווסקיס ערשטער קאָנצערט פאַר פידל און אָרקעסטער, ווענִיאַווסקיס „וואַריִאַציעס אויף אַן אָריגינעלער טעמע”, פּאַגאַניניס עלף קאַפּריסן.

אין 1975 פאָרט אַוועק זאַכאַר בראָן, צוזאַמען מיט זײַן פרוי אַניע נעטשיפּאָרוק, דער גלענצנדיקער פידלערן, לאַורעאַט פונעם צווישנפעלקערלעכן קאָנקורס פון פידלער אויפן נאָמען פון זשאַק טיבאָ, קיין נאָוואָסיבירסק, ווו ער איז טעטיק אַלס פּעדאַגאָג פון דער דאָרטיקער קאָנסערוואַטאָריע.

די איידעלע מישפּאָכע־קנופּן בײַ זאַכאַרן און אַניען ווערן קעסיידער פאַרפעסטיקט מיט שעפערישער מיטאַרבעט. אויסער דעם, וואָס ביידע מוזיקאַנטן אונטעריכטן אין איין לערן־אַנשטאַלט, טרעטן זיי נאָך צוזאַמען אַרויס אין קאָנצערטן — סײַ ווי אַ פידלער־דועט, סײַ ווי פּאַרטנערן אין אַנדערע קאַמער־אַנסאַמבלען, סײַ ווי צוויי פידלער־סאָליסטן אין די ווערק, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן פאַר צוויי פידלען מיט אַן אָרקעסטער. אַלס בײַשפּיל וועל איך אָנרופן די אויסגעפילטע מיצאַד זיי פּאַרטיעס סאָלירטע פידלען אין "Concerto grosso" („קאָנטשערטאָ גראָסאָ”) פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן קאָמפּאָזיטאָר אַלפרעד שניטקע. דאָס איז אַ גרויס ווערק פון אַ סך טיילן, אַ קאָמפּליצירטס אין דער אויספילונג און זייער אַ שיינס לויט דער מוזיק. צוזאַמען מיט די סאָליסטן האָט אויסגעשפילט דאָס דאָזיקע ווערק דער קאַמער־אָרקעסטער פון דער נאָוואָסיבירסקער קאָנסערוואַטאָריע.

אָט זײַנען מיר צוגעקומען מיט אײַך צו נאָך איין אַספּעקט פון דער טעטיקייט פון זאַכאַר נוכימאָוויטשן, וועלכן איך שטעל אײַך מיט פאַרגעניגן פאָר אַלס קינסטלערישן לייטער פון אָט דעם אָרקעסטער.

דער יונגער, אינטערעסאַנטער קאָלעקטיוו אונטער דער אָנפירונג פון זײַן אומדערמידלעכן קינסטלערישן לייטער אַרבעט מיט באַגײַסטערונג איבער דער אויספילונג סײַ פון אַלטערטימלעכער מוזיק,

סייַ פון הייַנטצייַטיקער. ער פאַרנעמט זיך מיט דער ווערטפולער פאַר אונדז קינסטלערישער פּראָפּאַגאַנדע פון ווייניק באַקאַנטע מוזיקאַלע ווערק. לעמאָשל, איינער פון די שעדעוורען פון יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך — „מוזיקאַלע אָפּפערונג" ("Musikalische Opfer") — איז אויסגעפילט געוואָרן „אינעם אָריגינאַל", דה. מאַקסימאַל דערנענטערט צו דעם, וואָס דער קאָמפּאָזיטאָר האָט פאַרטראַכט. אַכוץ באַכס ווערק, קאָן איך, אַלס בייַשפּיל, דערמאָנען די אויספילונג פונעם „דיווערטיסמענט" פון דעם קלאַסיקער פון XX יה., דעם אונגאַרישן קאָמפּאָזיטאָר בעלאַ באַרטאָק. אויפן יאָר 1985, — האָט מיר דערציילט זאַכאַר בראָן, — איז אָנגעמערקט די אויספילונג פון דמיטרי שאָסטאַקאָוויטשעס פערצנטער סימפאָניע. און די פערצנטע סימפאָניע, האָגאַם זי איז אָנגעשריבן פאַר א קאַמער־אָרקעסטער, איז איינע פון די קאָמפּליצירטסטע סייַ אין טעכנישער הינזיכט און סייַ אין דער אינטערפּרעטאַציע. די דיריזשאָרן און סאָליסטן, וועלכע בראָן לאַדט אייַן, אַרבעטן מיט פאַרגעניגן אין דעם נאָוואָסיבירסקער קאַמער־אָרקעסטער. אין מייַ 1983 איז מיטן אָרקעסטער אַרויסגעטראָטן זאַכאַרס פּעדאַגאָג — איגאָר אויסטראַך. די פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון באַכס ווערק: דער באַוווּסטער פידלער האָט אויסגעפילט דעם קאָנצערט פאַר א פידל מיט אַן אָרקעסטער. צוזאַמען מיט בראָנען האָט ער סאָלירט אינעם „בעשוטפעסדיקן" קאָנצערט. און אינדרייַען מיט אַניע נעטשיפּאָרוק האָבן זיי אויסגעפילט דעם דריטן בראַנדענבורגער קאָנצערט, אין וועלכן עס סאָלירן דרייַ פידלען.

פאַר בראָנען זייַנען די וואַרעמע שפּעריש באַציִונגען מיט די אויסטראַכס געווען א גינסטיקער מאָראַלישער באָדן, וועלכער איז אַזוי נייטיק א יונגן מוזיקער בעשאַס ער ווערט רייַף אין אינדיווידועלן זין. צום גרויסן באַדויערן, איז דער באַרימטער מאַעסטראָ שוין ניטאָ צווישן אונדז. עס זייַנען פאַרבליבן טייַערע דערינערונגען, בעשוטפעסדיקע פאָטאָגראַפיעס... די פרייַנטלעכע באַציִונגען מיט איגאָר אויסטראַכן ווערן פאָרגעזעצט. דער מעהאַלעך פון דרייַ טויזנט קילאָמעטער צווישן נאָוואָסיבירסק און מאָסקווע איז ניט קיין שטערונג, ווי מיר האָבן זיך איבערצייַגט. אַצינד האָט שוין אַליין בראָן — דער פּעדאַגאָג באַוויזן זייַן דערציִגלינג וואַדיק רעפּין דעם מאָסקווער פידלער.

זאַכאַר בראָנס טעטיקייַט ווערט, פאַרשטייט זיך, ניט אויסגעשעפּט בלויז ווי א פּעדאַגאָג, מיט דער אָנפירונג מיטן קאַמער־אָרקעסטער אָדער מיט אַנסאַמבל־מוזיצירונג. די אויבנדערציילטע אַספּעקטן פון זייַן פילראַנגיקער מוזיקאַלישער באַגייַסטערטקייַט ווערן ניט אָפּגעריסן פון זייַן קאָנצערטטעטיקייַט אַלס פידלער־סאָליסט. א שפּאַס צו זאָגן — 60 קאָנצערטן א יאָר! (גראָד אַזאַ צאָל קאָנצערטן האָט ער אויסגעפילט אינעם סעזאָן 1982—1983.) און אין די דאָזיקע קאָנצערטן זייַנען אייַנגעשלאָסן געוואָרן ניט איינע און ניט צוויי איין מאָל פאַר אַלע מאָל קאָמפּלעקטירטע פּראָגראַמען. דער ברייטער רעפּערטואַר־באַגאַזש פונעם פידלער דערמעגלעכט אים צו באַווייַזן פילצאָליקע וואַריִאַנטן פון אינטערעסאַנטע פּראָגראַמען, ווי סאָלירנדיקע, אַזוי אויך פון ווערק אין דער באַגלייטונג פון אַן אָרקעסטער, דה. קאָנצערטן פאַר א פידל.

זאַכאַר בראָן גאַסטראָלירט א סאַך. און אויב ריידן וועגן די מוזיקאַליש־קינסטלערישע נייגונגען פונעם פידלער, וועגן זייַנע סימפּאַטיעס, דאַרף מען

פון לינקס אַף רעכטס: ערשטע ריי — יעגאָר מאַטיושעוו, דער לערער זאַכאַר בראָן, וואַדים רעפּין;
צווייטע ריי — מישע קאָרן, וואָלאָדיע סקליאַרעווסקי

אָפּמערקן די ליבע צו פידלערישן ראָמאַנטיזם, וועלכע ער האָט דורכגעטראָגן דורך יאָרן (עס ווערט דאָ געמיינט די מוזיק פון אַזעלכע קאָמפּאָזיטאָרן ווי איזאַיִ, וועניאַווסקי, סען־סאַנס, שאָסאָן). שפּעטער איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן מיט באַכס מוזיק און מיט דער מוזיק ביז באַכן, ווי אויך מיט דער הײַנטצײַטיקער. א געוויס אָרט טיילט אויס זאַכאַר בראָן אין דעם „הײַנטצײַטיקן טייל" פון זײַנע פּראָגראַמען פאַר די ווערק פון די סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן. קוידעמקאָל, פאַרשטייט זיך, פאַר דער מוזיק פון אונדזערע גרויסע קלאַסיקער — סערגיי פּראָקאָפיעוו און דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש. עס פאַרדינט פיל לויב אויך דעם פידלערס באַציִונג צו די סיבירער אַווטאָרן. דער נאָוואָסיבירסקער קאָמפּאָזיטאָר יורי יורקעטשעוו האָט אַפילע געווידמעט זײַן סאָלאָ־סאָנאַטע פאַר א פידל זאַכאַר בראָנען. מיט דערפאָלג זײַנען אויסגעפּילט געוואָרן די ווערק פונעם קאָמפּאָזיטאָר אָסקאָלד מוראָוו.

ווי איר זעט, האָט פון מײַן אַרטיקל זיך אויסגעפּיקט דאָס געשטאַלט פון א פאַרשיידנזײַטיק טאַלאַנטירטן און באַגײַסטערטן מוזיקער, וועלכער איז פול מיט ענערגיע און איז אין פולן בלי פון די שעפערישע קויכעס. אָבער דעם גרעסטן טייל פון מײַן מיטיילונג האָב איך בעקיוון געווידמעט בראָנען אַלס פּעדאַגאָג. כ׳וועל דערקלערן פאַרוואָס. צום באַדויערן, איז וועגן יונגע מוזיקאַנטן־פּעדאַגאָגן קימאַט ניט אָנגענומען צו שרײַבן. האָב איך באַשלאָסן — ניט וואַרטן ביז זאַכאַר בראָן וועט ווערן א באַיאָרטער פּעדאַגאָג און זיך טיילן מיט מײַנע אײַנדרוקן און מיינונגען וועגן זײַן טעטיקײַט אין אָט דעם געביט, אַגעוו, ער האָט שוין אויסגעכאָוועט פיר לאַורעאַטן (אויסער וואַדיק רעפּינען, האָט אָף דעם זעלבן צווישנפעלקערלעכן קאָנקורס באַקומען א בראָנזענע מעדאַל און א ספּעציִעלן פּריז פונעם פאַרבאַנד פון פּוילישע קאָמפּאָזיטאָרן דער שילער פון אַכטן קלאַס וואָלאָדיע סקליאַרעווסקי. און פריִער איז געוואָרן א לאַורעאַט פונעם אַלרוסלענדישן קאָנקורס און א דיפּלאָמאַנט פונעם אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פון פידלער אַנדריי אַנדרייעוו; מאַרינע קויפמאַן איז א דיפּלאָמאַנט פונעם אַלרוסלענדישן און אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס).

אַזעלכע ערנסטע דערפאָלגן אינעם קלאַס פון איין פּעדאַגאָג קאָנען ניט זײַן קיין צופעליקע אָדער א מין גליקלעכע קאָנצענטראַציע פון טאַלאַנטן אין איין קלאַס. הייסט עס, אַז אין אָט דעם קלאַס איז פאַראַן עפּעס אייגנאַרטיקס, אויסערגעוויינלעכס. און דאָס איז, אָן שום צווייפל, א רעזולטאַט פון דער פרוכטבאַרער טעטיקײַט פון דעם לערער, אַן אַנטפּלעקונג פון זײַן פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט, פון זײַן וויסנשאַפטלעך־פּעדאַגאָגישער זוכונג. ווײַט ניט יעדער יונגער לערער פאַרמאָגט זײַנע אייגענע פּעדאַגאָגישע פּרינציפּן, וועלכע ער וואָלט געקאָנט פאָרמולירן אין א קלאָרער און בוילעטער פאָרם. אָפּטער פון אַלץ טראָגט, צום באַדויערן, דאָס אונטערריכטן מוזיק א ריין אינטויִטיוון כאַראַקטער, אַפילע אין די הויכשולן. און דאָס אונטערריכטן די שפּיל אָף א מוזיקאַלן אינסטרומענט ווערט אָפּט דערפירט צו א געשמאַק־קאָנטראָל פונעם פּעדאַגאָג, ווי: „דאָס דאַרף מען שפּילן אַזוי און אָט דאָס אַזוי"...

איך בין לאַכלוטן ניט קיין קעגנער פון אינטויִציע. פאַרקערט, אינעם פאַרשטיין מוזיקאַלע קונסט איז דאָס וויכטיקסטע — דער אינטויִטיווער יעסאָד. אָבער ווען מיר ריידן וועגן פּעדאַגאָגיק, דאַרף מען פונדעסטוועגן האָבן אין זינען די וויסנשאַפט פון אונטערריכטן, אויב אַפילע דאָס האָט א שײַכעס צו דעם „ניט־וויסנשאַפטלעכן" געביט. אָף מײַן פראַגע וועגן די פּרינציפּן פון זײַן פּעדאַגאָגישער סיסטעם, האָט זאַכאַר בראָן גלײַך געגעבן א קלאָרן ענטפער. אין יעסאָד פון זײַן אַרבעט מיט די שילער האָט ער געשטעלט די מאַקסימאַלע דערנעענטערונג צו קאָנצערט־טעטיקײַט. דאָס איז א מין סטראַטעגישע פּאָזיציע פונעם פּעדאַגאָג: גרייטן פידלער־סאָליסטן. דערבײַ איז ניט וויכטיק, אויב עמעצער וועט אין דער צוקונפט ניט ווערן קיין סאָליסט, נאָר וועט אויסקלײַבן אַן אַנדער מין מוזיקאַלע טעטיקײַט. וויכטיק איז דאָס, וואָס דער מוזיקאַנט איז פון דער יוגנט אָן געגרייט געוואָרן צום סאַמע קאָמפּליצירטן — צום קאָנצערט־לעבן פון אַן אַרטיסט, און דאָס האָט אים געהאָלפן אין פּראָצעס פון דער לער מאַקסימאַל פרײַ אָנהייבן באַוווסטזיניק שטרעבן צו דעראָבערן זײַן אייגענע אַרטיסטישע אינדיווידואַליטעט.

אָף דער באַזע פון אַזא „סטראַטעגישער ריכטונג" האָט זיך באַוויזן אין בראָנס פּעדאַגאָגישן אַרסענאַל אויך זײַן „טאַקטיק". באַדינגלעך קאָן זי פאָרגעשטעלט ווערן אין דער פאָרם פון פיר קעגנזײַטיק פאַרבונדענע אַספּעקטן: 1. אָנזאַמלען א רעפּערטואַר; 2. פאַרפעסטיקן דעם אָפּגעקליבענעם טייל פונעם רעפּערטואַר; 3. אַנאַליזירן די אייגענע דערפאַרונג אָפּן סמאַך פונעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל; 4. בײַקומען די אינפאַנטילקײַט פונעם קלאַנג.

פון די פיר געבראַכטע פּעדאַגאָגישע גרונטפּאָזיציעס זעעו מיר, אַז פון סאַמע אָנהייב גייט בראָן צו צו די פּראָבלעמען, „ווי א דערוואַקסענער" (פאַרשטייט זיך, אין א צוטריטלעכער פאַרן עלטער פון זײַן שילער פאָרם). איך פערזענלעך האָב שוין פון לאַנג פאַרשטאַנען, אַז די צופיל זיסלעכע „באַלעבעבטשעניש" מיט די קינדער אין דער מוזיקאַלישער פּעדאַגאָגיק גיט ביכלאַל ניט קיין גוטע רעזולטאַטן און קילט אַפילע אָפּ אין דער אונטערשטער שורע די ערשטע ליבע פון די קינדער צו מוזיק. דער „דערוואַקסענער צוגאַנג" אין דער פּעדאַגאָגיק צווינגט דעם שילער ערנסטער און פאַראַנטוואָרטלעכער זיך באַציִען צו דער לער.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז אַזא פּאָזיציע איז א פּרינציפּיִעל נײַע. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען דעם באַוווסטן רוסישן פּעדאַגאָג־פּיִאַניסט ניקאָלײַ סערגייעוויטש זווערעוו, וועלכער האָט דערצויגן א פּלעיאַדע באַרימטע מוזיקאַנטן (ראַכמאַנינאָוו, סקריאַבין אַא.). אָבער ניט געקוקט אָף די פאַראַנענע אין דער געשיכטע פון דער פאָטערלענדישער מוזיקאַלער פּעדאַגאָגיק אײַנדרוקספולע בײַשפּילן, שטרעבן ניט צומאָל אונדזערע הײַנטצײַטיקע פּעדאַגאָגן פון מוזיק צו ווענדן די אויפמערקזאַמקײַט אָף דעם בעסטן, וואָס איז געווען, אַרויסציִען ווי ווײַט מעגלעך נוצלעכס פאַר זיך און פאַר די שי־

לער. דערבײַ איז דאָך ניט אָבליגאַטאָריש צו פאַרגלײַכן זיך מיט דער אָדער אַנדערער מערקווירדיקער פּעדאַגאָגישער פּערזענלעכקײַט. אין געגעבענעם פאַל האָט דער פּרינציפּ פון „אָפּוואַרפן אינפאַנטילע מאָמענטן" אין בראָנס מעטאָדיק זיך אַסאָציִירט בײַ מיר מיט די אויסגעצייכנטע פּעדאַגאָגן פון דער פאַרגאַנגענהײַט.

זאָל דער שטרענגער לייענער ניט מיינען, אַז איך וויל לעכאַטכילע „פאַרבראָנירן" אַן ערן־אָרט צווישן די באַוווּסטע פּעדאַגאָגן פאַר מײַן פרײַנט, דעם פידלער זאַכאַר בראָן. דאָס איז ניט מײַן פונקציע, נאָר אַ פונקציע פון דער צײַט, פון דער געשיכטע. איך האָב פּאָשעט געהאַלטן פאַר מעגלעך און צום אָרט דערמאָנען דעם לייענער די פאַרגאַנגענהײַט פון אונדזער פּאָטערלענדישער מוזיקאַלישער פּעדאַגאָגיק אין שײַכעס דערמיט, וואָס איך האָב געזען און געהערט אין דער הערלעכער שטרעבונג צו פאָרזעצן די וווּנדערלעכע טראַדיציעס. דערבײַ איז אין דער אַרבעט פונעם לערער, וועגן וועלכן איך דערצייל, קעסיידער פאַראַן אַ שעפערישע און וויסנשאַפטלעכע זוכונג, אַ שטרענגער אַנאַליז פונעם געפונענעם און קאָנטראָלירטן (כ׳האָב דאָ נאָך ניט דערמאָנט וועגן דעם, אַז דער מעטאָדישער קאַבינעט פונעם מוזיקאַליש־פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויפן נאָמען פון די גנעסינס האָט פאַרעפנטלעכט אין דער זאַמלונג פון וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען זאַכאַר בראָנס צוויי אָפּהאַנדלונגען — „צו דער פראַגע וועגן דער אויסשפּילונג פון צווייענדיקע „פלאַזשאָלעטן" און „די אינטענסיפיקאַציע פונעם לערן־פּראָצעס פון אַ פידלער").

צום שלוס וויל איך ברענגען די ווערטער, וועלכע טיכאָן כרעניקאָוו האָט אָנגעשריבן אויפן עקזעמפּליאַר פון די נאָטן פון זײַן פידל־קאָנצערט, וועלכן ער האָט געשענקט זאַכאַר בראָנען: „דעם וווּנדערבאַרן מוזיקאַנט, פּעדאַגאָג און פידלער זאַכאַר בראָנען מיט אַנציקונג".

לאָמיר זשע ווינטשן די העלדן פונעם אַרטיקל — דעם לערער און דעם שילער — בראָנען און וואַדיק רעפּינען גרויסע שעפערישע דערפאָלגן, און דעם גאַנצן קלאַס — אויפבלי!

---

# כראָניק

## ביראָבידזשאַנער נײַס

### א נײַער דאָקומענטאַלער פילם

„אין איין גורל מיטן לאַנד" — אַזוי וועט הייסן דער נײַער דאָקומענטאַלער פילם, געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער ייִדישער אַווטאָנאָמער געגנט, איבער וועלכן עס אַרבעט איצט אַ שעפערישע גרופּע פון דער ווײַטמיזרעכדיקער סטודיע „קינאָכראָניק". דער קאָלירטער פילם אין פיר טיילן וועט דערציילן וועגן דעם לעבן אין ביראָבידזשאַן.

דעם סצענאַרי האָט אָנגעשריבן דער אַווטאָר פון אַ ריי פילמען, וועלכע עס האָט פּראָדוצירט די שעפערישע פאַרייניקונג „עקראַן", פּאַוועל דעמידאָוו. רעזשיסער־אָפּעראַטאָר איז דער פאָלקסאַרטיסט פון רספסר פיאָדאָר פּאַרטוסאָוו.

### פאר די יונגע לייענער

שטענדיק איז אויפגעלעבט אין דער שטאָטישער קינדער־ביבליאָטעק פונעם געגנטלעכן צענטער. דאָ קאָן מען שטענדיק אויסקלײַבן אַ נייטיקן בוך, דורכקוקן אַן אינטערעסאַנטע טעלעוויזיע־טראַנסלירונג פאַר קינדער, אָנטיילנעמען אין ביכער־וויקטאָרינעס.

די יונגע לייענער באַטייליקן זיך אַקטיוו אין צוגרייטן ביכער־אויסשטעלונגען. לעצטנס האָבן זיי באַוויזן אַן עקספּאָזיציע, געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער געגנט. זיי האָבן צונויפגעזאַמלט ביכער, וואָס דערציילן וועגן ביראָבידזשאַן אין פאַרשיידענע צײַטן פון זײַן אַנטוויקלונג.

## בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

# וואָס איז די הויפּט־זאָרג?

אינעם איבערזיכט וועגן דער לאגע פון די ייִדן אויף דער פּלאַנעטע דערקלערט דער פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, צווישן אנדערס, אז זײַן הויפּט־זאָרג, נאָך די פּראָבלעמען פון מעדינאַס־ייִסראָעל, איז דער גוירל פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד.

אין דער צײַט, ווען אויף דער גאנצער ערד וויקלט זיך פאנאנדער א מעכטיקע באוועגונג קעגן דער געפאר פון אן אטאָם־מילכאָמע, קימערן דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אויסגעטראכטע דײַגעס. צי וואָלט ער ניט געדארפט אָנשליסן זײַן שטים צום קאָל פון דער פּראָגרעסיווער געזעלשאפטלעכקײַט? ער פּרעטענדירט דאָך צו רעפּרעזענטירן די אינטערעסן פון די ייִדן אין יעדער אָן אויסנאַם מעלוכע. פארוואָס זשע טאקע ניט אפּעלירן צו זיי, ניט רופן, זיי זאָלן אקטיוו אָנטיילנעמען אינעם גוירלדיקן געראנגל פאר אויסמײַדן אן אטאָם־כורבן? א נוקלעארער קריג, אויב ער וועט כאַס־וועכאָלילע אויסברעכן, קאָן דאָך אויך זייער שווער טרעפן אין די ייִדישע מאסן סײַ אין מײַרעוו, סײַ אין מיזרעך. צי וואָלט ניט אָט דאָס געדארפט זײַן די הויפּט־זאָרג אינעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס?

און ביכלאַל, ווי וואגט דער פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס צו טײַנען, אז זײַן הויפּט־זאָרג איז דער גוירל פון די סאָוועטישע ייִדן, ווען די פּראָבלעמען פון מעדינאַס־ייִסראָעל געפינען זיך מאמעש אין א קאטאסטראָפאלער לאגע — עקאָנאָמישער און פּאָליטישער. דאָס איז קוידעמ־קאָל א רעזולטאט פון דער לעצטער מילכאָמע אין ליוואן. אין ייִסראָעל איז די עפנטלעכע מיינונג צעטיילט צווישן די פארטיידיקער פון דער מילכאָמע און די ביז גאָר ברייטע געזעלשאפטלעכע קרײַזן פון קימאט אלע פּארטייען, וואָס האלטן, אז דער קריג איז געווען אן אומנייטיקער. ער האָט גע־שאפן אין ייִסראָעל אן אומגעהייער שווערע לאגע, געשטעלט אין לעבנס־געפאר די ביז־איצטיקע דער־גרייכונגען און אליין די עקזיסטענץ פון דער מעלוכע. רופן די ייִדן פון דער גאָרעד וועלט צו פאָדערן פון דער ייִסראָעל־רעגירונג קוידעמקאָל זיך ארויסצוציִען פון דער בלאָטע — אָט וואָס עס וואָלט געדארפט טאָן דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, ווען ער זאָל אינדערעמעסן פאַרשטעלן די אינטערעסן פון די ייִדישע מאסן אויף דער פּלאַנעטע.

אָנשטאָט דעם אָבער פירט דער פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס דעם אוילעם אין באָד. דערבײַ בראָקט ער ארײַן א גאנצע ריי ניט ריכטיקע שטעלונגען וועגן דער מילכאָמע אין ליוואן, וואָס זײַנען עפּשער מיינונגען פון דער בעגין־שאמיר־שאראָן־רעגירונג, נאָר ניט פונעם ייִסראָעל־פאָלק. אזוי, לעמאָשל, שטופּט ער אונטער א גע־דאנקל, אז די מילכאָמע אין ליוואן איז געווען א ייִסראָעלדיקע פארטיידיקונגס־אקציע, אָדער: „די געשעענישן אין ליוואן פארשארפן זיך איבער דעם, וואָס סיריע זאָגט זיך אָפּ צוריקציִען איר ארמיי פון ליוואן"... ניט בלויז די קאָמוניסטישע פּארטיי, נאָר אויך די ארבעטס־פּארטיי, די מאפּאם־פּארטיי און אפילע טוער אין אנדערע פּארטייען, די מאסן־באוועגונגען „שאָלעם איצט", „ס'איז פאראן א גרענעץ" האלטן, אז די מילכאָמע איז געווען אן אומזיניקע בלוטפארגיסונג ניט אין די אינטערעסן פון ייִסראָעל. די דאָזיקע מאסן־באוועגונגען פאָדערן, אז קוידעמקאָל זאָלן צוריקגעבראכט ווערן אהיים פון ליוואן די ייִסראָעל־זעלנער.

דער פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס דערמאָנט, אז אין פארגאנגענעם יאָר זײַנען פאָר־געקומען א סאך וואנדאלישע אטאקעס אויף ייִדישע אינסטיטוציעס און סינאגאָגעס אין א גאנצער ריי ייִדישע ייִשוווים פון די מײַרעווודיקע לענדער און צווישן זיי ערנסטע אנטיסאָוועטישע אטענטאטן אין אמעריקע. צי וואָלט דאָס אויך ניט געדארפט זײַן איינע פון די הויפּט־זאָרגן פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער קריכט פון דער הויט, ביכדיי דער־ווײַזן, אז ער איז דער איינציקער פארטיידיקער פון די ייִדישע אינטערעסן אויף דער וועלט. ס'איז גאָרניט אויסגעשלאָסן, אז דער דראָענדיקער וווּקס פון אנטיסעמיטישע דערשײַנונגען אין פארשיידענע ייִשוווים אין די מײַרעווודיקע לענדער (איך שטרײַך אונטער — אין די מײַרעווודיקע לענדער) איז א רעזולטאט פון א פארשארפטן עקאָנאָמישן קריזיס אין אָט די לענדער, א רעזולטאט פון דער קאלטער מילכאָמע, און ניט אין קיין קלײנער מאָס — איבער דער מילכאָמע אין ליוואן...

דאָס ארויסרוקן „דעם גוירל פון די סאָוועטישע ייִדן אלס הויפּט־זאָרג" איז ניט קיין אויס־דרוק פון דײַגעכן פאר די ייִדן אויף דער וועלט, נאָר האָט דעם ציל אונטערצובאָמקען אין

כאַר פון יענע, ווער עס צעבלאָזט די קאַלטע מילכאָמע.

קוידעמקאָל דאַרף מען זאָרגן פאַר אויסמײַדן די טויט-געפאַר פון אַן אַטאָם-מילכאָמע, מע דאַרף, צווייטנס, זאָרגן פאַר אַ ייִסראָעל-אַראַבישן שאָלעם, און, דריטנס, דאַרפן די ייִדישע מאַסן אַף דער וועלט זיך אײַנשליסן אין די רייען פון די פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע און שאָלעם-קויכעס, קעדיי צו אויסשטיין אינעם קאַמף מיט די רעאַקציאָנערע, פאַשיסטישע און קאַלטע מילכאָמע-קויכעס, וועלכע זײַנען אויך די הויפּט-פאַרשפּרייטער פון אַנטיסעמיטישן גיפט. דאָס איז אין די אינטערעסן פון די ייִדישע מאַסן אַף דער וועלט, דאָס דאַרף זײַן די הויפּט-זאָרג פון די עמעסע זאָרגער פאַר די ייִדישע אינטערעסן...

י ו ד ל א מ ע ד
(„דער וועג", טעל-אָוויוו)

# זיי זאָגן זיך אָפּ צו דינען אין ליוואַן

נײַנציק סאָלדאַטן פון דער ייִסראָעל-אַרמיי זײַנען אַרעסטירט געוואָרן דעם לעצטן יאָר, ווײַל זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען אין ליוואַן און אַף די אָקופּירטע געביטן מאַכמעס מאַטיוון פון געוויסן. דער דאָזיקער אָפּזאָג איז אַן אייגנאַרטיקער פּראָטעסט.

די „אָפּזאָגער" און זייער באַוועגונג „ס'איז פאַראַן אַ גרענעץ" זײַנען אַן אָפענער און בוילעטער אויסדרוק פון דער פאַרביטערונג, וואָס עס האָבן אַרויסגערופן די מילכאָמע אין ליוואַן און די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער מילכאָמע. די „אָפּזאָגער" צו דינען אין ליוואַן האָבן אָפּן, אָן אויסריידן דערקלערט: „מיר האָבן זיך מאָביליזירט אין צאַהאַל ניט קעדיי צו לייזן מיליטעריש די פּאַלעסטינער פּראָבלעם און ניט קעדיי אײַנצופירן „נײַע אָרדענונג" אַף די כורוועס פון ליוואַן".

די „אָפּזאָגער" האָבן באַקומען אַ סאַך אָנערקענונג אין דער געזעלשאַפט פאַר דער מוטיקער גרייטקײַט צו זײַן געטרײַ זייערע אַנשויונגען, אַפילע פאַר דער פּרײַז פון צײַטווײַליקן פאַרלירן די פּערזענלעכע פרײַהײַט. דער פאַרזיצער פון דער זיכערהײַטס-קאָמיסיע אינעם קנעסעט בען-אַלישער האָט זיך באַקלאָגט אין אַן עפנטלעכער אַרויסטרעטונג אין דער טעלעוויזיע, אַז „עס איז ניטאָ קיין גענוגנדיקע געזעלשאַפטלעכע טאַדלונג פון דער דאָזיקער דערשײַנונג". און גלײַך נאָך אָט דעם אינטערוויו האָבן זיך אָנגעהויבן אַטאַקעס און קריטיק קעגן דער באַוועגונג „ס'איז פאַראַן אַ גרענעץ" און קעגן די „אָפּזאָגער" צו דינען אין ליוואַן. מיט אַ דעמאַגאָגישער און ניט געצוימטער אַטאַקע זײַנען אַרויסגעטראָטן די רעכטע עקסטרעמיסטן. זיי האָבן אָנגעהויבן אַן אַקציע פון באַשמוצונגען, כאַראַקטעריזירנדיק די אָנהענגער פון „ס'איז פאַראַן אַ גרענעץ" אַלס „אַנטיפּאַטריאָטן", „פאַררעטער", „פּאַכדאָנים", „דעזערטירן".

גרויס איז דער אײַנפלוס, וואָס עס מאַכט דאָס אָפּזאָגן זיך צו דינען אין ליוואַן, אַף ברייטע קרײַזן, אַפילע אַזעלכע, וואָס זיי איז דאָס ניט צום האַרצן.

דאָס אָפּזאָגן זיך דינען אַף די אָקופּירטע געביטן וועקט די עפנטלעכע מיינונג.

ד אָ ר אָ ן ו ו י ל נ ע ר
(„דער וועג", טעל-אָוויוו)

# ייִדן, לערנט מאַטעמאַטיק

(פ ע ל י ע ט אָ ן)

איך געדענק נאָך די צײַטן, ווען מאַטעמאַטיק איז ניט געווען אַזוי צוגעגלעכט און נויטווענדיק פאַרן ברייטן עולעם. מיטן דאָזיקן געגנשטאַנד האָבן זיך מערסטנטייל אינטערעסירט מענטשן, וועלכע האָבן געהאָפט צו פאַרנעמען שטעלעס פון באַנק-דירעקטאָרן אָדער אין דער פינאַנסן-יעראַרכיע. אָבער אַ פּאָשעטער מענטש האָט דאָס ניט געדאַרפט.

לאָמיר ניט גיין ווײַט, נאָר נעמען אַ בײַשפּיל פון ייִסראָעל.

מיט יאָרן צוריק האָט אַן אַרבעטער צו וואָס געדאַרפט מאַטעמאַטיק? ער האָט פאַרדינט זײַנע 50 אָדער 100 פונט אַ כוידעש און ניט געדאַרפט זיך אָנשטרענגען צו באַרעכענען, ווי אַזוי אויסצוגעבן דעם געהאַלט. אַז אַ פרוי פלעגט דאַרפן גיין אײַנקויפן, האָט איר דער מאַן געגעבן 40—50 פּיאַסטערס און זי האָט אײַנגעקויפט דאָס, וואָס מע האָט געדאַרפט צום טיש. אַ קרעמער האָט זײַן גאַנצע קראָם געקאָנט פאַרקויפן פאַר 200 אָדער 300 פונט. דער דאָלאַר איז נאָך דעמלט ניט געווען אַזאַ „קנאַקער", ווי הײַנט... ווער האָט געדאַרפט גרויסע כעזשבוינעס? אַ שילער פון צווייטן קלאַס וואָלט דאָס געקאָנט באַרעכענען. קיינער האָט ניט געהאַט קיין האַסאָגע צו רעדן וועגן טויזנטער, און וועגן מיליאָנען, האָט מען אַפילע ניט געטראַכט. אויב מע האָט יאָ אַמאָל דערמאָנט דאָס וואָרט מיליאָן, האָט מען געוווּסט, אַז דאָס מיינט מען ראָטשילדן...

די צײַטן אָבער האָבן זיך געענדערט, די באַגריפן וועגן געלט האָבן אָנגענומען אַנדערע פאָרמען. ראָטשילד מיט זײַנע מיליאָנען איז שוין ניט אַזאַ גרויסער אוניקום. אין ייִסראָעל איז אַפילע

אן אָרעמאן — א „מיליאָנער״. ארבעטער ברענגען אהיים זייערע „לאָקשן״ (אזוי רופט מען אין ייִסראָעל דעם געהאלט) א האלבן מיליאָן און מער (ברוטאָ). אז א פרוי גייט איַינקויפן, דארף זי מיטנעמען א בוכהאלטער און א קוישל פאר געלט (פאר די פּראָדוקטן איז גענוג א קליין טאָרבל). איינער רעכנט אף פונטן, א צווייטער — אף שעקאָלים. עס הייבט מאמעש אָן צו קלינגען אין די אויערן און שווינדלען פאר די אויגן, ווען מע טרעפט זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט די פּריַיזן. דער פרוי איז שווער נאָכצוקאָנטראָלירן דעם כעזשבן, וויַיל די גרויסע געלט־סומע פארלאנגט העכערע מאטעמאטיק, אמווייניקסטן — אלגעברע...

אזוי איז די לאגע איצט. וואָס זשע וועט זיַין שפּעטער?

דער פינאנץ־מיניסטער יאָראם ארידאָר רופט אָן דעם וועג צו „מיליאָנען״ — האדערעך האנעכונאָ. אויב ייִסראָעל וועט, ווי ביז אהער, וויַיטער גיין מיטן „ריכטיקן וועג״, אויב די אינפליאציע וועט פאָרזעצן איר „נאָרמאלן גאנג״ ביזן פארנעמען דאָס ערשטע אָרט אין דער וועלט, וועלן מיר אינגיכן ווערן „מיליאָנערן״, „מיליארדערן״ אָדער נאָך העכער — „טריליארדערן״.

איך האָב לעצטנס געלייענט אין דער פּרעסע, אז דאָס פינאנץ־מיניסטעריום וועט היַינטיקס יאָר זיַין געצוווּנגען צו דערלאנגעו א צוגאָב־בודזשעט, וואָס וועט אין סאכאקל פארגרעסערן דעם יערלעכן בודזשעט ביז דער סומע פון אָנדערהאלבן טריליאָן שעקאָלים. איר הערט, ווי עס האלט שוין? מע רעדט ניט מער וועגן מיליאָנען צי מיליארדן, נאָר וועגן טריליאָנען... איך מיין, אז אין דער מאטעמאטיק איז פאראן נאָך העכערס. מיר וועלן אינגיכן דערגיין צו טריליארדן. ס׳וועט זיך באלד פּאָדערן אין ייִסראָעל א פינאנץ־מיניסטער מיט אזא מאַטעמאטיש וויסן, ווי באם פּראָפעסאָר אלבערט איינשטיין...

פרעג איך איַיך: צי קאָן מען בא אזא לאגע זיך באגיין אָן הויכער מאטעמאטיק?

איך שטעל זיך פאָר אזא בילד אין דער נאָענטער צוקונפט: אַן ארבעטער קומט אהיים און ברענגט דער וויַיב זיַין כוידעש־לוין. די פרוי טוט א שמיץ דאָס געלט מיט קאס:

— וואָס האָסטו מיר געבראכט? א נארישן טריליאָן! און דו האָפסט, אז כ׳וועל מיט דעם קאָנען אויסקומען א גאנצן כוידעש?!

אָדער נאָך א בילדל. א טאטע וועט שיקן א קינד נאָך סיגארעטן:

— נא דיר א מיליאָן און ברענג מיר א פּעקל פּאפּיראָסן...

א קינד וועט זיך פארגלוסטן גיין אין קינאָ, וועט ער פארלאנגען פונעם טאטן פינף מיליאָן.

איינעם וועט מען געבן די רעשט, וועט ער זאָגן, אז ער דארף ניט קיין איינציקע מיליאָנען, ס׳איז קליינגעלט...

כ׳מיין, אז די עטלעכע ביַישפּילן זיַינען גענוג — זיי כאראקטעריזירן בוילעט די גרויסע אנטוויקלונג אין ייִסראָעל.

היַינט פארשטייט איר שוין, האלעמיַי איך הייס איַיך לערנען מאטעמאטיק?!

**ד אָ וו י ד ר ו י ט נ ב ע ר ג**

(„ייִסראָעל־שטימע״, טעל־אוויוו)

# ניין!

**מיר וועלן נישט לאזן**
**זיך שפּילן מיט אונדזער גורל!**
**מדינת ישׂראל איז נישט קיין קאזינא און די**
**נאציאנאלע ווירטשאפט איז נישט קיין פּאקער!**

## וויפל פאַרדינט אַ מיניסטער און אַ רב?

פון חודש אפּריל אָן וועט דער פרעמיער־מיניסטער באַקומען חודש־געהאלט, 47,500 שקלים (פיר הונדערט פינף און זיבעציק טויזנט ל״י) — אַ רעאלע העכערונג פון 10% אין פאַרגלייך מיטן פאַרגאַנגענעם יאָר. די מיניסטאָרן וועלן באַקומען 42,200 שקלים אַ חודש (422 טויזנט ל״י) און וויצע־מיניסטאָרן — 39,580 שקלים. און אין דעם גייען נישט אַריין פאַרשידענע צוגאָבן פון וועלכע די מיניסטאָרן געניסן.

אויך ביי די שופטים און דיינים דערגרייכט זייער לוין צו אַ האלבן מיליאָן און מער אַ חודש.

## טויזנטער עולים און צייטווייליקע דירות



„ברויט און ארבעט" — דער איינגעשריי פון דער מאסן־דעמאנסטראציע בעתן אלגעמיינעם שטרייק אין שטעטל אופקים, קעגן דער פאליטיק פון ארבעטסלאזיקייט און קירציקונגען.

# ציפערן וואָס שרעקן איבער.

אודאי זענען ציפערן אַן ענין פון לאַנגווייליקייט און מידקייט. נאָר פונקט ווי אַ פּאָליטישע קאַריקאַטור שפּיגלט אָפּ אַ גרויסע געשעעניש, אויף וועלכער מ׳קאָן פּטרן עטלעכע צייטונג־אַרטיקלען, אַזוי אויך גיבן איניקע ציפערן אַ טריי בילד פון עקאָנאָמישע צי סאָציאַלע פּאַסירונגען; וואָס אויך ווען זיי לאָזט זיך שרייבן אַ וועלט אָפּהאַנדלונגען.

נעמט, צום ביישפּיל, די אינפלאַציע אין ישראל, וועלכע האָט דערגרייכט אַ וועלט־רעקאָרד — אַ 134%. די רעזולטאַטן:

דער פּרייזן־מעסטער פאַר דער צייט פון דער ליכוד־רעגירונג איז געשטיגן 11 מאָל — אַזוי פיל וויפל אין די פריערדיקע 18 יאָר.

דער ישראלדיקער פונט איז דעוואַלואירט געוואָרן אויף ווייניקער פון אַ צענטל פון פריערדיקן ווערט.

די פּרייזן פון בוי׳ זענען געשטיגן 13 מאָל אַזוי פיל.

די אַרבעט־פּראָדוקטיוויקייט איז געפאַלן.

דער נאַציאָנאַלער חוב איז דערגאַנגען צו 19.2 מיליאַרד דאָלאַר, אַנטקעגן 9.5 מיליאַרד דאָלאַר אין יאָר 1977.

און איצט — איניקע ציפערן בנוגע דעם שפּייז־קויש און אַרטיקלען פון ערשטן געברויך:

אין מאַי 1977 האָט דער שפּייז־קויש פאַר אַ דורכשניטלעכער משפּחה פון 4 פּערזאָן באַטראָפן 5,700 ל״י אַ חודש.

אין יאַנואַר 1981 — 59,000 ל״י אַ חודש.

ווי אַזוי זענען „געשפּרונגען" די פּרייזן אויף די וויכטיקסטע 7 געברויך־אַרטיקלען פון מאַי 1977 ביז אַפּריל 1981.

| | מאַי 1977 | אַפּריל 1981 | % |
|---|---|---|---|
| ברויט | 1.55 | 14 | 803 |
| מאַרגאַרין | 1.90 | 19 | 900 |
| אייער | 0.70 | 10 | 1,329 |
| בוימאייל | 4.90 | 92 | 1,778 |
| 1 ל׳ מילך | 2.95 | 36 | 1,123 |
| 1 ק׳ צוקער | 5.00 | 100 | 1,900 |
| אויטאָבוס־נסיעה אין שטאָט | 1.60 | 17 | 962 |

★ אין ישראל געפינען זיך היינט צו טאָג איבער אַ פערטל מיליאָן מענטשן, וועלכע ווערן באַצייכנט אַלס אַנאַלפאַבעטן — איז איבערגעגעבן געוואָרן אויף דער פינאַנס קאָמיסיע פון דער כנסת בעתן באַהאַנדלען דעם ענין פון די געפאָדערטע קירצונגען אין בודזשעט פאַר בילדונג פאַר דערוואַקסענע אין אַ הויך פון 6.5 מיליאָן שקל.

ירושלים — די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו העכערן די שכירות פון רבנים און דיינים אויף פופציק פּראָצענט, אָנהויבנדיק פון חודש אָקטאָבער.

די רבנים ראשים ר׳ שלמה גורן און ר׳ עובדי יוסף וועלן באַקומען 45 טויזנט שקלים אַ חודש שכירות. אַ רב, וואָס איז אַ מיטגליד פון בית דין הרבני הגדול קריגט איצט 33 טויזנט שקלים שכירות אַ חודש.



מיליאָרדן פאַר די קאָלאָניסטן געפינט מען ; אויפצושטעלן די ראַזיקע חורבות (יפו) ווו עס לעבן מענטשן — איז נישטאָ קיין געלט.

# מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
## פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

**קאָמפּאַנייעץ, זינאָווי**
**(1902)**

— קאָמפּאָזיטאָר. געבוירן אין ראָסטאָוו. פון קינדווײַז אָן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט מוזיק. אין 1911 מיט דער הילף פון זײַן פעטער גריגאָרי קאָמפּאַנייעץ (שפּעטער — א פּראָפעסאָר אין קיִעווער קאָנסערוואַטאָריע) אָנגענומען געוואָרן אין דער מוזיקאַלער שול בא דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע. אין די ווײַטערדיקע יאָרן זיך אָנגעהויבן צו באַגעגענען מיט איינעם פון די גרינדער פון דער „געזעלשאַפט פאַר ייִדישער פאָלקס־מוזיק" ז. קיסעלהאָף, וועלכער האָט אים געגעבן די ערשטע לימודים פון ייִדישער מוזיק. אין 1922 זיך באַזעצט אין מאָסקווע. אין סאָף פון די 20־ער יאָרן, לערנענדיק זיך אויפן קאָמפּאָזיטאָרישן פאַקולטעט פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע, געאַרבעט גלײַכצײַטיק אַלס אָרקעסטער־פּיאַניסט אין מאָסקווער קינאָטעאַטערס. אין יענער צײַט אָנגעשריבן מוזיק פאַרן ספּעקטאַקל „צו הונדערטער זאַוואָדן", וואָס עס האָט געשטעלט דער מאָסקווער טראַם (טעאַטער פון אַרבעטער־יוגנט), אין וועלכן עס זײַנען אויסגענוצט געוואָרן א סאַך דיכטערישע טעקסטן פון איציק פעפער, אַרן קושניראָוו און אַנדערע ייִדישע פּאָעטן (דאָס איז געווען זײַן דיפּלאָם־אַרבעט באַם פאַרענדיקן די קאָנסערוואַטאָריע). אין 1933—1934 האָט ער, לויט דער אײַנלאַדונג פון ש. מיכאָעלסן, געלייענט א ציקל לעקציעס פאַר די סטודענטן פון דער טעאַטראַלער סטודיע באַם גאָסעט און געשריבן מוזיק צו זייערע קאָנצערט־פּראָגראַמען. אין אָנהייב פון די 30־ער יאָרן דערשײַנען זײַנע מוזיקאַלע ווערק אויף די טעקסטן פון ל. קוויטקאָ, י. דאָברושין, י. זעלדין, מ. קולבאַק, א. קושניראָוו, מ. טייף, אָ. סטרעליץ. ער באַאַרבעט פאַר טעאַטראַלע און עסטראַדע־קאָלעקטיוון ייִדישע פאָלקסלידער, שרײַבט אָן מוזיק צו דעם ספּעקטאַקל לויט מ. דאַניִעלס פּיעסע „זיאַמקע קאָפּאַטש". בײַם דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע שאַפט ער מוזיק צו לידער וועגן דעם העראָיִזם פונעם סאָוועטישן פאָלק אין קאַמף קעגן דעם פאַשיסטישן סוינע, וועלכע ווערן אײַנגעשלאָסן אין רעפּערטואַר פון אַרטיסטישע פראָנט־בריגאַדעס, טרעט אַליין אַרויס פאַר די שלאַכטלײַט. אין 1961 הייבט ער אָן אַקטיוו מיטצואַרבעטן מיטן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", שטעלט צונויף צוזאַמען מיט דער רעדאַקציע א זאַמלונג „נײַע ייִדישע לידער", וועלכע איז דערשינען אינעם פאַרלאַג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר" אין 1970 אונטער דער רעדאַקציע פון דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש. בעסאַכאַקל האָט ער אין מעשעך פון א האַלבן יאָרהונדערט פון זײַן שעפערישער טעטיקײַט פאַרפאַסט אַן ערעך 600 מוזיקאַלע ווערק, דערונטער באַאַרבעטונגען פון ייִדישע, רוסישע, קאַזאַכישע פאָלקסלידער, קינדער־לידער. בלויז פאַר די לעצטע פינף יאָר האָט ער אָנגעשריבן צוויי קאָנצערטן פאַר א פידל מיט אַן אָרקעסטער, א קאָנצערט פאַר א וואַלטאָרנע מיט אַן אָרקעסטער, א קאָנצערט פאַר א קאָנטראַבאַס מיט אַן אָרקעסטער, פיר סאָנאַטעס פאַר א פידל מיט א פאָרטעפּיאַנע, פּיעסן פאַר אַן עסטראַדע־אָרקעסטער און פיל אַנדערע ווערק. זײַנע לידער און אינסטרומענטאַלע ווערק זײַנען פאַרשריבן אויף פּאַטעפאָן־פּלאַטן. וווינט אין מאָסקווע.

ווערק (אין „סאָוועטיש היימלאַנד"): אויף די ווערטער פון א. ווערגעליס — לאָמיר זינגען וועגן לענינען, 1962, נומ. 3; זיי קעמפן, 1965, נומ. 4; א ייִדישער וואַלס, 1967, נומ. 12; די ליבע שטייט ניט אויף אַן אָרט, 1972, נומ. 7; איך קום צו דיר, 1973, נומ. 5; אויף די ווערטער פון כ. ביידער — איך רוף צו דיר, 1977, נומ. 8; מאָסקווער גאַסן, 1980, נומ. 8; גליק אויף אַלע טעג, 1981, נומ. 5; דאָס סאָלדאַטישע קעסעלע (ווערטער פון א. כאַזין), 1975, נומ. 5; כ'טאָר דיך ניט האָבן ליב (ווערטער פון ב. מאָגילנער), 1983, נומ. 6.

ביבליאָגראַפיע: יע. זשאַרקאָווסקי, דער סינטעז פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן אין ז. קאָמפּאַנייעצעס מוזיק. „סאָוועטיש היימלאַנד", 1977, נומ. 7.

## קולבאַק, מוישע
(1940—1896)

— דיכטער, דראַמאַטורג, פּראָזאַיקער. געבוירן אין סמאָרגאָן, ווײַסרוסלאַנד. אין 1916 דעביוטירט אין די „ליטעראַרישע זאַמלהעפטן" (ווילנע) מיט אַ ליד „שטערנדל". בײַס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע אַריבערגעפֿאָרן מיט די עלטערן קיין מינסק, וווּ ער הײַבט אָן געבן „פּריוואַטע שטונדן". אויפֿן זיג פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע רופֿט ער זיך אָפּ מיט די פּאָעמעס „שטאָט" (1919), „רײַסן" (1921) און מיט אַנדערע באַגײַסטערטע געזאַנגען. אין סאַמע אָנהייב פֿון די צוואַנציקער יאָרן ווערט ער קאָמאַנדירט דורך די ערשט אויפֿגעקומענע אין ווײַסרוסלאַנד קולטור־אַנשטאַלטן קיין ווילנע, אָבער דאָ פֿאַרהאַלט אים די ווײַספּוילישע אָקופּאַציע פֿון דער ליטווישער הויפּטשטאָט. אין 1920 פֿאָרט ער קיין בערלין, וווּ ער האָט בעדייע אָנקומען אין אוניווערסיטעט, אָבער ער ווערט ניט אָנגענומען און איז געצוווּנגען זיך אָנדינגען אויף שוואַרצאַרבעט, שפּעטער איז ער סופֿליאָר אין דער „ווילנער טרופּע", וואָס גאַסטראָלירט צו יענער צײַט אין דײַטשלאַנד. אין 1923 קערט ער זיך אום קיין ווילנע און אַרבעט אַלס לערער. אין יענע יאָרן דערשײַנען זײַנע ערשטע לידער־זאַמלונגען, דראַמען און ראָמאַנען. אין 1928 פֿאָרט ער אַריבער אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, קיין מינסק, און עס הייבט זיך אָן דער סאַמע אויפֿבלי פֿון זײַן קינסטלערישער שאַפֿונג. אין 1933 דערשײַנט זײַן פּאָעמע „דיסנער טשײַלד־האַראָלד", אין וועלכער ער באַווײַזט אויפֿן פּאָן פֿון אַ סאָציאַל־קאָנקרעטער און היסטאָרישׂ באַדינגטער ווירקלעכקײַט פֿון דער ווײַמאַרער רעפּובליק דעם קריזיס פֿון דער בורזשואַזער קולטור אין דײַטשלאַנד ערעוו דער פֿאַשיסטישער דיקטאַטור.

אין די ווײַטערדיקע יאָרן איז ער אַקטיוו טעטיק אין דער פּראָזע און אין דער דראַמאַטורגיע. זײַן ראָמאַן „זעלמעניאַנער" שפּיגלט אָפּ דעם קראַך פֿון דער שטעטלדיקער קליינבירגערלעכער וועלט און דעם געבורט פֿון אַ נײַ לעבן פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. זײַן פּיעסע „בויטרע" (1936), וועלכע ווערט געשטעלט קימאַט אין אַלע ייִדישע טעאַטערן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אין אויסלאַנד, ווערט מ. קולבאַקס שוואַנען־ליד. דאָס לעצטע ווערק זײַנס — די פּיעסע „בנימין מאַגידאָוו" האָט ער אָנגעשריבן אין 1937. ער איז דער איבערזעצער פֿון אַ ריי קלאַסישע ווערק אויף ייִדיש (נ. וו. גאָגאָלס „רעוויזאָר" און אַנד.). אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור איז ער אָבער פֿאַרבליבן קודעמקאָל אַלס גלענצנדיקער דיכטער, אַלס ערשטראַנגיקער מײַסטער פֿון וואָרט און פֿערז. זײַנע לידער און פּראָזע־ווערק זײַנען איבערגעזעצט אויף רוסיש, ווײַסרוסיש, דײַטש און אַנדערע שפּראַכן.

ווערק: שירים. ווילנע, 1920; לידער. בערלין, פֿאַרלאַג „קלאַל־ביבליאָטעק", 1922; נײַע לידער. וואַרשע, פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", 1922; יאַקאָוו פֿראַנק, דראַמע אין 3 אַקטן (אין „צוקונפֿט", 1923, ב. 4); מאָשיעך בען עפֿראַיִם, ראָמאַן. פֿאַרלאַג „וואָסטאָק", 1924; ווילנע, פּאָעמע (אין „צוקונפֿט", 1926); בוניע און בערע, פּאָעמע (אין „צוקונפֿט", 1927); מאָנטיק, קליינער ראָמאַן, וואַרשע, „קולטור־ליגע", 1926; געזאַמלטע ווערק אין 3 בענדער, ווילנע, קלעצקין־פֿאַרלאַג, 1927—1926; לידער און פּאָעמעס, 1928—1917. מינסק, מעלוכע־פֿאַרלאַג, 1929; זעלמעניאַנער, ערשטער בוך. מינסק, צענטרפֿאַרלאַג, 1931; זעלמעניאַנער, צווייטער בוך. מינסק, מעלוכע־פֿאַרלאַג, 1935; דיסנער טשײַלד־האַראָלד, פּאָעמע. מינסק, מעלוכע־פֿאַרלאַג, 1933; געקליבענע לידער. מינסק, מעלוכע־פֿאַרלאַג, 1934; בויטרע, דראַמאַטישע פּאָעמע. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1966, נומ. 3; גוט איז דער מענטש, געקליבענע לידער און פּאָעמעס. מאָסקווע, פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1979.

ביבליאָגראַפֿיע: כ. דונעץ, וועגן מ. קולבאַקס שאַפֿן. זשורנאַל „פּראַמעסט", קיִעוו, 1933, נומ. 1; ש. בריאַנסקי, וועגן קולבאַקס שעפֿערישן וועג. דאָרט, 1934, נומ. 4; א. דאַמעסעק, אין שײַן פֿון מעטאָדאָלאָגיש־קינסטלערישער רעוויזיע (וועגן קולבאַקס „דיסנער טשײַלד־האַראָלד"). זשורנאַל „שטערן", מינסק, 1934, נומ. 4—5; דער זעלבער, דער רעאַליזם פֿון קולבאַקס „זעלמעניאַנער". דאָרט, 1936, נומ. 7; ש. האַלקין, וועגן מ. קולבאַקס „זעלמעניאַנער" (נאָכוואָרט אינעם בוך מ. קולבאַק, זעלמעניאַנער. מאָסקווע, 1960); א. פּלאַטנער, מוישע קולבאַק. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1966, נומ. 3; ה. רעמעניק, רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיזם און פֿאָלקסטימלעכקײַט. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1968, נומ. 6; א. ווערגעליס, אין דעם געפֿלעכט פֿון שטאַם און וואָרצלען. דאָרט, 1971, נומ. 3; י. סערעבריאַני, וועגן מ. קולבאַקס פּאָעמע „דיסנער טשײַלד־האַראָלד" (אין זײַן בוך „הײַנטצײַטלער און קלאַסיקער" — רוסיש). מאָסקווע, פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1971; ה. בעריאָזקין, וועגן מוישע קולבאַקס דיכטונג, נאָכוואָרט אינעם בוך „מוישע קולבאַק, גוט איז דער מענטש". מאָסקווע, פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1979; קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע (רוסיש), ב. 9, שפּ. 400—401, מאָסקווע, פֿאַרלאַג „סאָוועטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיִאַ", 1978.

■ ■ ■

# Для изучающих идиш
(Окончание урока XXIII)

# פאר די, וואָס לערנען יידיש
## סאָף פונעם לימעד XXIII

אופגאבע 4: שרײַבט אר׳ויס די נײַע ווערטער: (סאָף פונעם לימעד 23)

(א) — 1) אונדזער; 2) אונטערנעמען זיך; 3) דאָס אורייניקל, ־עך; 4) דער אוילעם; 5) אז׳וי־פיל; 6) אין דר׳ויסן; 7) אלמעכטיק; 8) האַ־לעמ׳ײַ; 9) אר׳ומלויפן; 10) אר׳ײַנלאָזן

(אָ) — 11) דער אָוואר=די פארג׳אנגענהײַט

(ב) — 12) באט׳אמט; 13) דער באפר׳ײַער, ־; 14) באשט׳עלן; 15) דער באָכער, די באָ־כערים

(ג) — 16) גראָד; 17) גער׳עכט

(ד) — 18) דאפקע; 19) דערג׳יין; 20) דערוו׳ײַל

(ה) — 21) דער האמ׳וין; 22) דער האָט׳על, ־ן; 23) הין און הער; 24) הייליק

(וו) — 25) א „וויוואט"; 26) די ווינטשער׳ײַ, ־ען; 27) ווייניק

(ז) — 28) זעט א׳ויס; 29) זעצן (זיך)

(ט) — 30) די טאָכטער, מערצאָל: די טעכטער; 31) דער טאָקער, ־ס; 32) די טויווע, ־ס; א טויווע טאָן

(י) — 33) די יאב׳אָשע

(מ) — 34) „מאזלטאָוו!" 35) דער מײַכל, די מײַ־כ׳אָלים; 36) דער מעכ׳וטן, די מעכוט׳אָנים; 37) די מעכוט׳ענעסטע, ־ס

(ע) — 38) דער עלטערזיידע, ־ס; 39) די עלטער־באָבע, ־ס; 40) עפשער

(פּ) — 41) פראווען (א כאסענע, א יאָמטעוו)

(פ) — 42) פארש׳יקן; 43) פארשפ׳ארן; 44) פריי־לעך

(צ) — 45) דער צאד, מערצאָל: די צדאָדים; 46) צוליב טאָן

(ק) — 47) די קאפ׳עליע, ־ס; 48) דער קאָרעוו, די קרויווים; 49) די קרויווע, ־ס; 50) קינדס קינדער

(ש) — 51) שיין; 52) א שײַכעס האָבן; 53) דאָס שטעטל, ־עך; 54) א שפאצ׳יר־גאנג

[а] 1) наш, -а, -е; 2) обязываться, считать себя в состоянии что-либо сделать; 3) правнук, правнучка; 4) масса, толпа, публика; 5) столько, так много; 6) вне дома, на улице; 7) всемогущ; 8) почему, 9) бегать, сновать взад и вперед; 10) впускать

[о] 11) прошлое

[б] 12) вкусный, -ая, ое; 13) освободитель; 14) заранее заказать (книги, билеты и т.п.); 15) парень, холостяк

[г] 16) как раз; 17) прав, справедлив

[д] 18) именно, только, ничего другого, как только; 19) дойти умом, понять; 20) пока что

[h] 21) масса, толпа; 22) гостиница; 23) сюда и туда; 24) святой, священный

[в] 25) «виват» — заздравная песня, мелодия; 26) пожелания, поздравления; 27) мало

[з] 28) очевидно, вероятно; 29) садить(ся)

[т] 30) дочь, мн. ч. дочери; 31) токарь; 32) одолжение; сделать одолжение, добро

[й] 33) суша, материк

[м] 34) «доброго счастья!»; 35) вкусная еда, блюда; 36) сват; 37) сватья

[э] 38) прадедушка; 39 прабабушка; 40) возможно, может быть...

[п] 41 справлять, праздновать по установленному обычаю (свадьбу, праздник)

[ф] 42) сослать; 43) запереть, закрыть (в чем-либо); 44) радостный, веселый

[ц] 45) сторона, участник (договора, дискуссии и т.п.); 46) делать кому-либо приятное, желанное, угождать кому-либо

[к] 47) музыкальный ансамбль; 48) родственник, -и; 49) родственница, -ы; 50) внуки (дословно: «дети детей);

[ш] 51) красив, прекрасен; 52) иметь отношение, быть причастным (к чему-либо); 53) городок, местечко; 54) прогулка (по городу, селу и т.п.).

**Задание 5***: Читайте и постарайтесь понять содержание следующих отрывков и текста, составленного по сюжету рассказа Ш. Гордона «Свадьба в Крыжополе». Используйте для перевода списки описательных глаголов (уроки 22, 23) и вышеприведенный список новых слов. Описательные глаголы выделены курсивом.

פראגמענטן: 1) „פיניע איז אין קאס, האלעמײַ מע פארה׳אלט די אָרעמע עמיגר׳אנטן, און די רײַכע לאָזט מען אר׳ײַן גלײַך. 2) זי (די מאמע) איז שוין אין אמ׳עריקע און האָט קיין מוירע ניט פאר די אויגן. 3) מאטר׳אָסן לויפן אר׳ום היין און הער. איך און מענדל זײַנען זיי מעק׳אנע. 4) מײַן ברודער עליע האָט פײַנט, אז מע פרעגט אים פוסטע זאכן. אונדזער כאווער פיניע האָט דאפקע ליב צו ריידן פון אזעלכע זאכן. 5) מענדל איז גער׳עכט: ער זאָגט, אז די פאסאזש׳ירן פון די העכערע קלאסן דארף מען פײַנט האָבן. 6) אונדזער כאווער פיניע נעמט זיך אונטער געבן צו פארשט׳ײן, אז דער יאם באַטר׳עפט דרײַ מאָל אז׳ויפיל, וויפל די יאב׳אָשע. 7) צו קיין זאך אין דער וועלט האָב איך אזוי קיין כיישעק ניט געהאט ווי צו א מעסערל״ (שאָלעם־אל׳ייכעם).

8) „איך וויס, דער האמ׳ױן איז אלמעכטיק און הייליק, אָן אים בין איך בעד׳יל־האד׳אל״. 9) „א טויווע טו, מײַן פרײַנט, פארש׳יק מיך ניט אין אָוואר, פארשפ׳אר מיך ניט אין הײַנט. 10) איך טו דיר ניט קיין טויווע, איך טו דיר ניט צוליב — איך האָב דיך ליב״ (א. ווערגעליס).

א כאסענע אין קריזש׳אָפאָל (לויט ש. גאָרד׳אָן).

1) דער אווטאָר קומט צו פאָרן קיין קריזש׳אָפאָל. 2) דאָרט פראוועט מען גראָד א כאסענע. 3) יוינע דער טאָקער מאכט כאסענע זײַן טאָכטער. 4) זי טוט א שידעך מיט א באָכער פון בעסאר׳אביע. 5) דער אווטאָר קומט צו גײַן אין האָט׳על. 6) אלע נומערן זײַנען דאָרט באשט׳עלט פאר די מעכוט׳אָנים. 7) די דעזש׳ורנע האָט א טאָעס און מיינט, אז דער אווטאָר איז אויך א מעכ׳וטן. 8) דער אווטאָר גיט איר צו וויסן, אז זי איז אין טאָעס. 9) ער איז מוידע, אז ער האָט ניט קיין שײַכעס צו דער כאסענע. 10) די דעזש׳ורנע בעט אים, ער זאָל ניט האָבן קיין פאר׳יבל און גיט אים אן אייצע, ער זאָל זיך מאטר׳יעך זײַן און קומען א ביסל עפּעטער. 11) עפשער וועט עמעצער פון די מעכוט׳אָנים ניט קומען צו פאָרן 12) דער אווטאָר איז מאסקים און מאכט דערוו׳ײַל א שפאציר־גאנג דורך דעם שטעטל. 13) אין דרויסן זעט ער די כאסענע. 14) וועגן כאָסן־קאלע דערצ׳יילט דער אווטאָר זייער ווייניק. 15) זעט א׳ויס, אז דער כאָסן האָט זי שוין לאנג ליב באק׳ומען. 16) די קאלע האָט אים אויך האָלט. 17) זיי האָבן אויך מויצע־כייו געווען בא זייערע עלטערן. 18) קרויווים און געסט פון כאָסנס־צאד און פון קאלעס־צאד קומען צו פאָרן און קומען צו פליען פון נאָענט און וויַט. 19) דער אווטאָבוס ברענגט צו פירן פון שארגאָראָד א קאפ׳עליע קלעזמער. 20) די כאסענע פראוועט מען, ווי מע איז זיך איצט בא אונדז נויעג. 21) כאָסן־קאלע גייען אין זאגס. 22) דער אוילעם איז זיי מעק׳אבל־פאָנעם מיט ווינטשער׳ײַען: „מאזלטאָוו!״. 23) פונעם זאגס גייען כאָסן־קאלע לייגן בלומען צום דענקמאָל פונעם סאָוו׳עטישן סאָלד׳אט־באפר׳ײַער... 24) און אָט זיצט מען שוין בא די יאָמטעוודיקע טישן. 25) מע איז מעק׳אבל־פאָנעם כאָסן־קאלע מיט טאָסטן און געז׳אנג. 26) די קאפ׳עליע איז מעכ׳אבעד יעדן נײַעם גאסט מיט א „וויוואט״, מיט א מארש, מיט א טוש. 27) די מעכוט׳אָנים זײַנען מעכ׳אבעד די געסט מיט ווײַן און באט׳אמטע מײַכ׳אָלים. 28) דער עלטערזיידע איז גליקלעך: 29) ער איז דאָך זוכע כאסענע מאכן זײַן אורייניקל! 30) אלע האָבן האנ׳אָע פון דעם שיינעם פריילעכן יאָמטעוו, 31) און ווינטשן דעם כאָסן, דער קאלע און זייערע עלטערן, זיי זאָלן האָבן נאָר נאכעס און פרייד פון קינדער און קינדס קינדער.

**Ключ к заданию 5:** 1) Пине сердится, почему задерживают бедных эмигрантов, а богатых сразу же впускают (в Америку). 2) Она... не боится... 3) ...Я и Мэндл завидуем им. 4) Мой брат Эле не любит..., ...Пине же как раз любит поговорить о таких делах. 5) Мэндл прав, говоря, что пассажиров первых (высших) классов (на корабле) надо ненавидеть. 6) Пине берется доказать (дать понять), что море в три раза больше суши. 7) Ничего в мире я так не желал, как (иметь)... 8) Знаю, масса священна и всемогуща, без нее я ничто (нищ, обездолен). 9) Сделай одолжение, друг мой, не ссылай меня в прошлое, не запри меня в настоящем. 10) Не делаю тебе никакого одолжения, не угождаю тебе — я тебя (просто) люблю.

Свадьба в Крыжополе (по Ш. Гордону): 1) Автор приезжает в... 2) Там как раз справляют... 3) Токарь Йойнэ выдает замуж... 4) Она выходит замуж за парня... 5) ... 6) Все номера забронированы... 7) Дежурная по ошибке думает, что автор тоже ... 8) Автор сообщает (говорит) ей, что она ошибается. 9) Он признается, что не имеет никакого отношения к ... 10) Дежурная просит, чтобы он не был в обиде, и советует, чтобы он соизволил прийти немного позже. 11) ... 12) Автор согласен и ... 13) ... 14) ... 15) Жених, очевидно, уже давно полюбил ее. 16) Невеста тоже любит его. 17) Они (молодые) понравились также родителям. 18) Родственники и гости со стороны жениха и невесты приезжают и прилетают ... 19) Автобус привозит ансамбль ... 20) Свадьбу справляют так, как это сейчас принято у нас. 21) ... 22) Толпа (народ, собравшиеся) встречает их поздравлениями ... 23) Молодожены (дословно «жених — невеста») идут возлагать цветы к памятнику Советского Солдата-освободителя. 24) ... и вот уже сидят за праздничным столом. 25) Молодоженов встречают ... 26) Оркестр (ансамбль) играет в честь каждого нового гостя (дословно: «угощает каждого»)... 27) ... 28) Прадедушка счастлив: 29) ведь он имеет счастье (удостоился, дожил до счастья) выдать свою правнучку замуж. 30) Все наслаждаются (получают удовольствие) ... 31) ... (дословно) «чтобы они получали от детей и внуков только радости и удовольствие»=чтобы дети и внуки доставляли им много радостей и всего самого хорошего.

דאָצענט ש. סאנדלער

# צום 125־טן געבורטסטאָג
# פון שאָלעם־אַלייכעמען

## ספּעקטאַקלען און קאָנצערטן

די ליטעראַרישע און טעאַטראַלע געזעלשאַפטלעכקייט בא אונדז אין לאַנד גרייט זיך אָפּצומערקן דעם 125־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אַלייכעמען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער יובילײ־דאַטע האָבן א ריי טעאַטערן און עסטראַדע־אַנסאַמבלען שוין באַוויזן זייערע פּרעמיערעס פון ספּעקטאַקלען און קאָנצערט־פּראָגראַמעס אױף די בינעס פון דער סאָװעטישער הויפּטשטאָט.

דער מאָסקווער רוסישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פונעם פאָלקס־אַרטיסט פון ר̈סר באָריס פּאָקראָװסקי האָט אופגעפירט מ. ווײַנבערגס אָפּערע „מאָזלטאָוו“, אין צוויי אָפּטיילונגען, לויט שאָלעם־אַלייכעמס איינאַקטער אונטער דעם זעלבן נאָמען.

■

דער ספּעקטאַקל „קאָמעדיאַנטן“ אין דער שטעלונג פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל (קינסטלערישער אָנפירער יאַקאָוו גובענקאָ) איז געבויט אױף שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „בלאָנדזנדע שטערן“. דער טאַלאַנטפולער קאָלעקטיוו האָט לעצטנס גאַסטראָלירט, אויסער מאָסקווע, אין ליטע און ווײַסרוסלאַנד.

■

אין קאָנצערט־זאַל פונעם „אָלימפּישן דאָרף“ אין מאָסקווע (טויזנט צוויי הונדערט צושויער) האָט דער ביראָבידזשאַנער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פונעם פאַרדינסטפולן קונסט־טוער פון רספסר יורי שערלינג באַוויזן די פּרעמיערע פון א נײַעם ספּעקטאַקל „טעוויע פון אַנאַטאָווקע“ לויט שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער“. נאָך מאָסקווע האָט דער טעאַטער פאַרגענומען א גאַסטראָל־רײַזע קיין גרוזיע און אַזערבײַדזשאַן.

■

„דאָקטוירים הייסן לאַכן...“ — אַזא פּראָגראַם לויט די ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמען איז דעם 4־טן יאַנוואַר ד. י. באַוויזן געוואָרן אין מאָסקווער קאָנצערט־זאַל „נאָוואָראָסייסק“. דער פאָרלעזער פון דער קאָמפּאָזיציע איז דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספסר אַלעקסאַנדער אַזאַרין. אינעם קאָנצערט האָט זיך באַטייליקט דער פידלער א. טשערנאָוו. מוזיק צו דער פּראָגראַם האָט אָנגעשריבן ו. טערלעצקי, רעזשי — ו. קאָראָווין.

## אין קיִעוו איז געשאַפן געוואָרן א יובילײ־קאָמיסיע

(א מיטאַרבעטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ שמועסט מיט ה. פּאָליאַנקער)

פראַגע: וואָס ווערט שוין איצט געטאָן אין צוזאַמענהאַנג מיטן יובילײ?

ענטפער: אױף דער לעצטער זיצונג פונעם פּרעזידיום פון אוקראַיִנישן שרײַבער־פאַרבאַנד איז באַשטימט געוואָרן אָפּמערקן אױף א ברייטן אופן די דאָזיקע דאַטע. צוליב דעם האָט דער פּרעזידיום געשאַפן א יובילײ־קאָמיסיע, וועלכע איז באַופטראָגט צו פאַרנעמען זיך מיט דער צוגרייטונגס־אַרבעט.

פראַגע: ווער גייט אַרײַן אין דער קאָמיסיע?

ענטפער: אין איר זײַנען פאָרגעשטעלט אָנגעזעענע שרײַבער, צווישן זיי — דער אוקראַיִנישער דיכטער, לאַורעאַט פון דער שעווטשענקאָ־פּרעמיע דמיטראָ פּאַווליטשקאָ (פאָרזיצער פון דער יוביליי־קאָמיסיע), דער קיִעווער ייִדישער פּראָזאַיִקער כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו, דער דירעקטאָר פונעם שאָלעם־אַליכעם־מוזיי אין פּערעיאַסלאַוו מיכאַיִל סיקאָרסקי, די סעקרעטאַרן פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע וולאַדימיר קאָניוועץ, אַנאַטאָלי מאָראַז, סטעפּאַן קריזשאַניווסקי אאַ. סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע איז סטאַניסלאַוו זינטשוק, איך בין דער פאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער.

פראַגע: וואָס פאַר אַ מאָסמיטלען וועלן פאַרווירקלעכט ווערן בײַם די יוביליי־פײַערונגען?

ענטפער: אין מאַרט כוידעש וועט אין קיִעוו, אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן, פאָרקומען אַ שאָלעם־אַליכעם־אָוונט, אַף וועלכן עס וועלן אַרויסטרעטן באַוווּסטע שרײַבער און ליטעראַטור־פאָרשער פון אוקראַיִנע און מאָסקווע, ווי אויך זינגער, מוזיקער, שוישפּילער.

אַן אָוונט וועט אויך פאָרקומען אין שאָלעם־אַליכעמס געבורטשטאָט פּערעיאַסלאַוו־כמעלניצקי.

די יוביליי־דאַטע וועט אָפּמערקן די פּרעסע און ראַדיאָ פון דער רעפּובליק. עס גרייטן זיך אויך פּובליקאַציעס פון מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט שאָלעם־אַליכעמס לעבן און שאַפן. לעקאָוועד דעם יויוול וועלן אופגעפירט ווערן שאָלעם־אַליכעמס פּיעסן: אין קיִעווער אוקראַיִנישן דראַמאַטישן טעאַטער אַף אי. פראַנקאָס נאָמען — „טעוויע דער מילכיקער", אין כאַרקאָווער אוקראַיִנישן טעאַטער אַף שעווטשענקאָס נאָמען — „דאָס גרויסע געווינס".

צוריק מיט אַ פאָר כאָדאָשים איז אין קיִעווער מעלוכע־פאַרלאַג „דניפּראָ" דערשינען אַ בוך, אין וועלכן עס גייען אַרײַן די „אײַזנבאַן־געשיכטעס" און אַנדערע דערציילונגען פונעם גרויסן שרײַבער אין דער איבערזעצונג פון עפראַיִם ראַיצין. די זאַמלונג עפנט זיך מיט אַ גרעסערן אַרײַנפיר־אַרטיקל פונעם באַוווּסטן אוקראַיִנישן דיכטער, אַקאַדעמיקער, העלד פון סאָציאַליסטישער מי מיקאָלאַ באַזשאַן. דער טיראַזש איז 65 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

---

## נײַע ביכער

# „אין אונדזערע טעג"

עס איז אַרויס פון דרוק אַ גרויסער זאַמלבוך (560 זײַטן) פון די בעסטע פאַרצייכענונגען, וועלכע זײַנען מערסטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די פינף ספּעציעלע נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר קינסטלערישער דאָקומענטאַליסטיק.

אין דער אַנאָטאַציע צו דער אויסגאַבע ווערט געזאָגט:

„אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך זײַנען אײַנגעשלאָסן 35 דאָקומענטאַלע קינסטלערישע פאַרצייכענונגען פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. דער לייענער וועט דאָ געפינען ווערטפולן מאַטעריאַל וועגן דעם לעבן פון די ייִדישע מאַסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין די 70־ער — אָנהייב 80־ער יאָרן. מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז אָט די טעמע אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אינעם בוך „אַזוי לעבן מיר" (פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1964). די נײַע זאַמלונג קאָן פאַררעכנט ווערן ווי אַ פאַרזעצונג פון דער דאָקומענטאַלער פאָרשונג אין די באַדינגונגען פון דער איצטיקער צײַט".

# די זיבניאָריקע

ווערטער פון ליובע וואסערמאן

מוזיק פון ולאדימיר ביטקין






זיבן יאָרן, ווי טויבן ליכטיקע,
הײַנט אין שול האָבן דיך באַגלייט,
אין בליק דעם לויטערן, אף שטערן
ציכטיקן —
אזא מין שטראַליקײַט, אַזויפיל פרייד.

אין אויגן־בלוי די הימלען שפּיגלען זיך,
אין שטימען לוסטיקע געזאַנג הײַנט הילכט.
דעם היימלאַנדס ראַכוועסן פון סאַמע וויגל
האָסטו אײַנגעזאַפּט מיט מאַמעס מילך.

געמאָלט, געקלעפּט מיט פינגער דינינקע
בירע־טײַך, דעם באַרג כינגאַן,
אין רענצל דײַנעם מיט טאָוולען גרינינקע —
זאָג, וואָס איז הײַנט דאָרט פאַראַן?

א העפט, א בלײַער, א נײַע פּענע,
דאָס ערשטע לערנבוך — דער אַלעפבייס.
אפן שאַרבלאַט העלט דאָס בילד פון לענינען,
דאָס בילד, וואָס דו פון וויגל ווייסט.

Factory in Kishinev, Deputy to the Supreme Soviet of the Moldavian S.S.R.; *E. I. GABRILOVICH,* script writer, Hero of Socialist Labour, winner of State Prizes; *P. V. GELMAN,* Candidate of Economics, asistant professor, former army pilot, Hero of the Soviet Union; *G. B. GOFMAN,* writer, Hero of the Soviet Union; *E. I. GOLDBERG,* Lieutenant General; *S. A. GRANOVSKY,* leading engineer of the Leningrad Metal Works, Lenin and State Prize winner; *E. G. GURVICH,* director of the State Information Agency of the Council of Ministers of the Azerbaijan S.S.R., Deputy to the Supreme Soviet of the Azerbaijan S.S.R.; *M. I. KABACHNIK,* member of the U.S.SR. Academy of Sciences, Hero of Socialist Labour, Lenin and State Prize winner; *V. G. KALNER,* deputy chief engineer at the Likhachov Motor Works in Moscow, Doctor of Technical Sciences, professor, U.S.S.R. State Prize winner; *I. D. KAPUSTIN,* head of the Central Board of Statistics of the Tajik S.S.R., Deputy to the Supreme Soviet of the Tajik S.S.R.; *A. F. KATS,* chief director of the Riga State Theatre of Russian Drama, People's Artist of the Latvian S.S.R.; *L. E. KERBEL,* People's Artist of the U.S.S.R., member of the U.S.S.R Academy of Arts, Lenin and State Prize winner; *Y. A. KOLESNIKOV,* writer; *E. S. KOLMANOVSKY,* composer, People's Artist of the Russian Federation; *Y. I. KOPYLOV,* machine operator at the Lenin's Berests collective farm, Birobidzhan District, Jewish Autonomous Region, Deputy to the Supreme Soviet of the [1]Russian Federation; *M. B. KRUPKIN,* journalist, Candidate of Law; *M. A. LEVITSKY,* captain of a TU-154 airliner of the Dushanbe branch of Aeroflot, Deputy to the Supreme Soviet of the Tajik S.S.R.; *B. L. LIVSHITS,* Major-General of the Engineering Corps, Merited Builder of the Russian Federation; *E. S. MAZIN,* manager of the Voiskovitsky poultry farm, Gatchina District, Leningrad Region; *B. I. MEDOVAR,* department head at the Paton Institute of Electrical Welding of the Academy of Sciences of the Ukrainian S.S.R., Deputy to the Supreme Soviet of the Ukrainian S.S.R.; *I. I. MINTS,* member of the U.S.S.R. Academy of Sciences, Hero of Socialist Labour, Lenin and State Prize winner; *T. I. OIZERMAN,* member of the U.S.S.R. Academy of Sciences, professor, Lomonosov State University, Moscow; *B. I. PINKHASOV,* Doctor of Law, director of Forensics Research Institute, Deputy to the Supreme Soviet of the Uzbek S.S.R.; *M. I. PRUDKIN,* People's Artist of the U.S.S.R., winner of the U.S.S.R. State Prizes; *A. I. RAIKIN,* People's Artist of the U.S.S.R., Hero of Socialist Labour; *I. S. RAVICH,* Deputy Minister of Communications of the U.S.S.R.; *B.Y. REZNIK,* department head at the Pirogov Medical Institute, Odessa, Deputy to the Supreme Soviet of the Ukrainian S.S.R.; *L. B. SHAPIRO,* First Secretary of the CPSU Regional Committee of the Jewish Autonomous Region, Deputy to the U.S.S.R. Supreme Soviet; *L. B. SHKOLNIK,* editor of the newspaper Birobidzhaner Shtern; *Y. A. SHNAIDERMAN,* manager of the Birobidzhan shoe factory; *T. S. SOLODAR,* writer, Leninist Komsomol Prize winner; *I. R. TSUBIS,* engineer at the Borets production amalgamation, Moscow; *B. K. VAINSHTEIN,* member of the U.S.S.R. Academy of Sciences, director of the Crystallography Institute of the U.S.S.R. Academy of Sciences; *A. L. VERGELIS,* poet editor of the journal Sovietish Heimland; *Y. I. VERNIKOV,* Major General of the Air Force, Hero of the Soviet Union, Merited Test Pilot of the U.S.S.R.; *A. G. ZARKHI,* film director, People's Artist of the U.S.S.R., Hero of Socialist Labour, winner of State Prizes; *G. O. ZIMANAS,* Doctor of Philosophy, professor, Deputy to the Supreme Soviet of the Lithuanian S.S.R.; *S. L. ZIVS,* Doctor of Law, professor, Merited Scientist of the Russian Federation.

a "final solution of the Jewish question." The Soviet Army saved hundreds of thousands of Jews from extermination in nazi death camps. Those waging the campaign of lies "in defence of Soviet Jews" are trying to erase this fact from human memory.

Equally slanderous are atempts to ascribe to the Soviet Union a desire "to destroy Israel." It is well known that the U.S.S.R. supported the United Nattions resolution on granting the right to self-determination to the Jewish and Arab population of Palestine and on establishing a Jewish and an Arab state on Palestinian soil. We object not to the existence of the state of Israel, but to the attempts of its ruling circles to deprive he Palestinian people of their right to existence and to seize lands belonging to neighbouring Arab states. The Soviet Union is working for a comprehensive and just settlement of the Middle East conflict. A stable peace in the Middle East can be secured only if the interests of all sides, including the people of the state of Israel and the Palestinian people, are taken into account.

The aggressive policy of the Israeli ruling elite arouses the indignation of world public opinion. It is opposed by democratic forces in Israel itself and by Jewish communities in many countries. The Israeli people can obtain lasting peace not through war but through negotiations with all the parties concerned, including the Palestine Liberation Organization, the sole legitimate representative of the Palestinian people. A continuation of the aggressive policy and the dangerous game around nuclear weapons the Israeli rulers are engaged in can only lead that state to catastrophe.

American Jews and Jewish organizations should also think about the fate of Jews in Israel, since the policy of Israel's ruling circles, supported by the U.S. Administration, poses a threat to the very existence of that state. We consider essential the earliest possible resumption of collective efforts in search of peace in the Middle East. The struggle for a just settlement of the Middle East conflict is inseparable from the struggle for world peace.

Today, when every person on our planet should be aware of the danger hanging over the world, a very definite question arises: will American Jews allows themselves to be used by those who are pursuing a policy of sliding into a thermonuclear war in which manking will perish, or will they make their contribution to the cause of lessening tension and preventing war, to the cause of international co-operation and friendship among nations?

We hope that you will choose the second path, that in the name of life and out of abhorrence of senseless death in a nuclear holocaust, you will speak out for peace, against the mounting danger of the extermination of mankind.

Time is running out! Delay works not for peace but for a terrible war.

We urge you to do everything you can, to use your authority, to show good will and, lastly, not to lose your ability to reason in order to help accomplish mankind's most important task, that of safeguarding peace on Earth.

*D. N. AL,* playwright; E. K. ARNAPOLINA, machine operator at the Birobidzhan hosiery factory, Hero of Socialist Labour; *S. R. ARONOV,* member of the Collegium of the State Planning Commitee of the Uzbek S.S.R., Merited Economist of Uzbekistan; *A. Z. ASTRAKHAN,* Deputy Minister of the Coal Industry of the Ukrainian S.S.R., Deputy to the Supreme Soviet of the Ukrainian S.S.R.; *Z. I. AZGUR,* sculptor, Hero of Socialist Labour, Deputy to the Supreme Soviet of the Byelorussian S.S.R.; *R. L. BARG,* engineer at the Quartz plant in Chernovtsy, Deputy to the Supreme Soviet of the Ukrainian S.S.R.; *B. F. BERLIN,* director of the interschool vocational training and occupational guidance centre for school pupils in the Lenin District of Mogilev, Deputy to the Supreme Soviet of the Byelorussian S.S.R.; *M. I. BLANTER,* composer, People's Artist of the U.S.S.R., Hero of Socialist Labour; *A. F. BLYUGER,* pro-rector of the Riga Medical Institute, member of the Academy of Sciences of the Latvian S.S.R., Merited Scientist, Latvian S.S.R. State Prize winner; *G. L. BONDAREVSKY,* Doctor of History, professor, Merited Scientist of the Russian Federation; *A. E. BRAUNSHTEIN,* member of the U.S.S.R. Academy of Sciences and the U.S.S.R. Academy of Medical Sciences, Hero of Socialist Labour, Lenin and State Prize winner; *M. D. DAVITASHVILI,* editor of the newspaper Soplis tskhovreba, Deputy to the Supreme Soviet of the Georgian S.S.R., Merited Journalist of Georgia; *D. A. DRAGUNSKY,* Colonel General, of the Armoured Corps, twice Hero of the Soviet Union; *E. A. DYSKIN,* Major-General of the Medical Corps, Hero of the Soviet Union; *B. E. EFIMOV,* People's Artist of the U.S.S.R., member of the U.S.S.R. Academy of Arts; *M V. FAINSHTEIN,* worker at the Frunze Furniture

viet Union, President of the Presidium of the U.S.S.R. Supreme Soviet. We fully support this position which expresses the political will of all Soviet people.

Like all Soviet people, we believe that peace on Earth can only be ensured through talks whose goal is general and complete disarmament. As a first step towards a stable peace we are for halting the arms race as soon as possible, for immediately freezing the production of nuclear weapons. And we know that the idea of an arms freeze enjoys the support of most Americans, including influential circles of American Jews. Understandably, an arms freeze is not a goal in itself, it is only the beginning of the road which should lead to disarmament.

The Soviet Union has unilaterally undertaken a commitment not to be the first to use nuclear weapons and has tabled a draft declaration condemning nuclear war at the United Nations.

We are for concluding an agreement on the limitation and reduction of strategic arms at the Soviet-U.S. talks in Geneva as soon as possible. We believe that such an agreement should provide for a considerable reduction in the strategic forces of both sides with strict observance of the principle of equal security. Naturally, the agreement on the limitation and reduction of strategic arms must provide for reliable measures to verify its implementation. We believe that such an agreement would meet the interests of both the Soviet and the American peoples and of all mankind.

It is also necessary to take effective measures against attempts to turn outer space into an arena of nuclear confrontation. The militarization of outer space and the new round of the arms race, which is fraught with most dangerous consequences, should be prevented as soon as possible. Besides, it would consume tremendous resources which could be used for the benefit of mankind.

We are convinced that implementation of the proposals for the establishment of nuclear-free zones in various parts of the world would be of great benefit. Be it Northern Europe or the Balkans, the Middle East or the Indian Ocean, the proclaiming of any region of the world free of nuclear weapons would bring nearer the day when our planet would be rid of the nuclear menace.

We believe that the stationing of new nuclear missiles on the European continent, where the forces of NATO and the Warsaw Treaty directly confront each other, must not be permitted. On the conrary, our view is that it is necessary to reduce the number of medium-range nuclear weapons opposing each other in Europe. Any attempts to upset the existing balance of forces there would only lead to a heightening of international tension. It should be clear to all that the stationing of cruise and Pershing 2 missiles would increase the danger to the security not only of the Soviet Union, because our country would be forced to take countermeasures.

We do not regard the menace hanging over mankind as unavoidable. The taking of specific measures against the arms race and aimed at bringing about a relaxation of international tension—that is the way out of the blind alley into which a reurn to the cold war can bring our planet. For a cold war could only too easily turn into a shooting war.

Meanwhile certain forces are seeking to prevent reason from triumphing. The present U.S. Administration is conducting an unbridled propaganda campaign against the improvement of relations between the United States and the U.S.S.R., whipping up tension and slandering our country's domestic and foreign policies.

The attempts by certain quarters to explain their opposition to détente by hypocritical "concern for Soviet Jews" should especially be singled out. Under the false slogan of "protecting Soviet Jews" these quarters are coming out against any agreement between the United States and the U.S.S.R. and in favour of the arms race.

We Soviet Jews do not need self-appointed "protectors' from across the ocean. We have no ned to be protected from anyone or anything in our own country!

We understand that it may be difficult for some American Jews, whose fathers and grandfathers fled from tsarist Russia to escape pogroms, to realize that the roots of national discord have long been eliminated in the Soviet Union. The reality fully refutes the slander of Western propaganda to the effect that "official anti-Semitism" exists in the U.S.S.R. Only people who know nothing at all about the situation in our country can believe that invention. Any honest and unbiassed person can easily see this. Our own lives also prove this.

Malicious slander is being heaped upon our country to distract the atention of U.S. citizens from the struggle for peace and disarmament, to make people forget it was the Soviet Union that frustrated Hitler's plans for

# OPEN LETTER TO JEWS IN TNE UNITED STATES

We Soviet citizens of Jewish nationality have decided to address you, hoping that our sincere appeal will meet with a response from all honest people who cherish the cause of world peace.

A dreadful menace hangs over our planet. Mankind is threatened with a destructive thermonuclear conflict. Of special danger to peace are the arguments being heard ever more loudly that it is allegedly possible to win in a nuclear war and that a nuclear war can be of a limited nature. The idea is to accustom people to the thought that the atom bomb is harmless, as if it were a conventional instrument of politics. These arguments are permeated with complete disregard for the destiny of millions of people who are expected to sacrifice their lives to the insane plens of unleashing a nuclear war.

The stationing of warheads on land, under water and in the air already seems not enough to those who see our planet through a nuclear bomb sight. They are intoxicated by the space mirage of "star wars". Under the guise of false concern for "survival" they want to turn outer space into a launching site for aggression.

Hotbeds of international conflicts appear in different regions of the world through the fault of imperialism. Peoples of Central America have become victims of armed aggression. The brazen invasion of Grenada by U.S. troops has aroused universal indignation. The south of Africa has become one of the planet's flash points. New efforts are being made to whip up tension in Southeast Asia. The dangerous situation in the Middle East arouses alarm among all honest people in the world.

No sensible person today can fail to understand that international problems must not be solved by force of arms. The vicious circle of violence that threatens life itself on Earth must be broken. It is only détente and the practical implementation of the principles of peaceful coexistence that can avert the danger of the catastrophe looming over mankind. Otherwise the irreparable may happen, whether accidentally, or as a result of a chain reaction of events, or because of the malicious intent of those who do not believe in the people's ability to settle disputed problems and differences in a peaceful way.

We are confident that you American Jews, all Americans and all people on Earth, do not need war and do not need the destructive arms race. Who can feel safe knowing that ever new nuclear warheads are rolling off the conveyors of arms plants?

We Soviet people, more than any other people, experienced all the horrors of war. Twenty million Soviet people gave their lives in the struggle against German fascism. The Soviet and American peoples were then allies in the struggle against their common enemy, the brown plague of nazism, against those who nurtured plans of world domination, disguising them by demagogical talk about a "Jewish-Communist conspiracy."

Today we have a common enemy too, the threat of a world thermonuclear war. A nuclear catastrophe would turn our planet into a huge Auschwitz oven. Nazi genocide was directed against those nations the nazis had declared "inferior," but nuclear genocide is directed against all the peoples of the world.

The multinational Soviet people unanimously speak out against war. We want there always to be peaceful skies above our planet, we do not want the tragedy that befell mankind forty years ago ever to be repeated. We want future generations to be rid of the nuclear mushroom spectre, and we say with every right and a clear conscience: "Do not believe those who are today spreading the myth of a 'Soviet threat'! The Soviet people do not need war!"

The principal course of the Soviet Union's foreign policy, whose goal is the preservation and consolidation of peace and the expansion and deepening of co-operation between nations, was clearly expressed and confirmed in the recent Statement by Yuri Andropov, General Secretary of the Central Committee of the Communist Party of the So-

Совета Украинской ССР; *И. И. Минц* — действительный член Академии наук СССР, Герой Социалистического Труда, лауреат Ленинской и Государственной премий; *Т. И. Ойзерман* — действительный член Академии наук СССР, профессор Московского государственного университета имени М. В. Ломоносова; *Б. И. Пинхасов* — доктор юридических наук, директор Научно-исследовательского института судебной экспертизы, депутат Верховного Совета Узбекской ССР; *М. И. Прудкин* — народный артист СССР, лауреат Государственных премий СССР; *И. С. Равич* — заместитель министра связи СССР; *А. И. Райкин* — народный артист СССР, Герой Социалистического Труда; *Б. Я. Резник* — заведующий кафедрой Одесского медицинского института имени Н. И. Пирогова, депутат Верховного Совета Украинской ССР; *Ц. С. Солодарь* — писатель, лауреат премии Ленинского комсомола; *М. В. Файнштейн* — работница Кишиневской мебельной фабрики имени М. В. Фрунзе, депутат Верховного Совета Молдавской ССР; *И. Р. Цубис* — инженер-конструктор Московского производственного объединения «Борец»; *Л. Б. Шапиро* — первый секретарь обкома КПСС Еврейской автономной области, депутат Верховного Совета СССР; *Л. Б. Школьник* — главный редактор газеты «Биробиджанер штерн»; *Я. А. Шнайдерман* — директор обувной фабрики города Биробиджан.

Мы призываем вас приложить все усилия, использовать свой авторитет, проявить добрую волю, наконец, просто не потерять разума, чтобы содействовать важнейшей задаче человечества — отстоять мир на земле.

*З. И. Азгур* — скульптор, Герой Социалистического Труда, депутат Верховного Совета Белорусской ССР; *Д. Н. Аль* — драматург; *Е. К. Арнаполина* — швея Биробиджанской чулочно-трикотажной фабрики, Герой Социалистического Труда; *С. Р. Аронов* — член коллегии Госплана Узбекской ССР, заслуженный экономист республики; *А. З. Астрахань* — заместитель министра угольной промышленности Украинской ССР, депутат Верховного Совета Украинской ССР; *Р. Л. Барг* — инженер Черновицкого завода «Кварц», депутат Верховного Совета Украинской ССР; *Б. Ф. Берлин* — директор межшкольного учебно-производственного комбината трудового обучения и профессиональной ориентации школьников Ленинского района города Могилева, депутат Верховного Совета Белорусской ССР; *М. И. Блантер* — композитор, народный артист СССР, Герой Социалистического Труда; *А. Ф. Блюгер* — проректор Рижского медицинского института, действительный член Академии наук Латвийской ССР, заслуженный деятель науки, лауреат Государственной премии Латвийской ССР; *Г. Л. Бондаревский* — доктор исторических наук, профессор, заслуженный деятель науки РСФСР; *А. Е. Браунштейн* — действительный член Академии наук СССР и Академии медицинских наук СССР, Герой Социалистического Труда, лауреат Ленинской и Государственной премий; *Б. К. Вайнштейн* — действительный член Академии наук СССР, директор Института кристаллографии Академии наук СССР; *А. Л. Вергелис* — поэт, главный редактор журнала «Советиш геймланд»; *Я. И. Верников* — генерал-майор авиации, Герой Советского Союза, заслуженный летчик-испытатель СССР; *Е. И. Габрилович* — кинодраматург, Герой Социалистического Труда, лауреат Государственных премий; *П. В. Гельман* — кандидат экономических наук, доцент, бывшая военная летчица, Герой Советского Союза; *Е. И. Гольдберг* — генерал-лейтенант; *Г. Б. Гофман* — писатель, Герой Советского Союза; *С. А. Грановский* — ведущий инженер объединения «Ленинградский Металлический завод», лауреат Ленинской и Государственных премий СССР; *Е. Г. Гурвич* — директор Государственного информационного агентства при Совете Министров Азербайджанской ССР, депутат Верховного Совета Азербайджанской ССР; *М. Д. Давиташвили* — редактор газеты «Соплис цховреба», депутат Верховного Совета Грузинской ССР, заслуженный журналист республики; *Д. А. Драгунский* — генерал-полковник танковых войск, дважды Герой Советского Союза; *Е. А. Дыскин* — генерал-майор медицинской службы, Герой Советского Союза; *Б. Е. Ефимов* — народный художник СССР, действительный член Академии художеств СССР; *А. Г. Зархи* — кинорежиссер, народный артист СССР, Герой Социалистического Труда, лауреат Государственных премий; *С. Л. Зивс* — доктор юридических наук, профессор, заслуженный деятель науки РСФСР; *Г. О. Зиманас* — доктор философских наук, профессор, депутат Верховного Совета Литовской ССР; *М. И. Кабачник* — действительный член Академии наук СССР, Герой Социалистического труда, лауреат Ленинской и Государственной премий; *В. Г. Кальнер* — заместитель главного инженера Московского автомобильного завода имени Лихачева, лауреат Государственной премии СССР, доктор технических наук, профессор; *И. Д. Капустин* — начальник Центрального статистического управления Таджикской ССР, депутат Верховного Совета Таджикской ССР; *А. Ф. Кац* — главный режиссер Государственного Рижского театра русской драмы, народный артист Латвийской ССР; *Л. Е. Кербель* — народный художник СССР, действительный член Академии художеств СССР, лауреат Ленинской и Государственной премий; *Ю. А. Колесников* — писатель; *Э. С. Колмановский* — композитор, народный артист РСФСР; *Я. И. Копылов* — механизатор колхоза «Заветы Ильича» Биробиджанского района Еврейской автономной области, депутат Верховного Совета РСФСР; *М. Б. Крупкин* — журналист, кандидат юридических наук; *М. А. Левицкий* — командир корабля ТУ-154 Душанбинского авиапредприятия гражданской авиации, депутат Верховного Совета Таджикской ССР; *Б. Л. Ливииц* — генерал-майор-инженер, заслуженный строитель РСФСР; *Е. С. Мазин* — директор птицефабрики «Восиковицы» Гатчинского района Ленинградской области; *Б. И. Медовар* — заведующий отделом Института электросварки имени Е. О. Патона Академии наук Украинской ССР, депутат Верховного

вратиться из «холодной» в «горячую».

Между тем определенные силы стремятся не допустить, чтобы разум восторжествовал. Нынешняя администрация США ведет разнузданную пропаганду, направленную против улучшения отношений между США и СССР, нагнетает напряженность, возводит клевету на внутреннюю и внешнюю политику нашей страны.

Особо следует выделить попытки определенных кругов мотивировать свою борьбу против разрядки международной напряженности лицемерной «заботой о советских евреях». Под фальшивым знаменем «защиты советских евреев» эти круги агитируют против любых соглашений между США и СССР, в пользу гонки вооружений.

Нам, советским евреям, не нужны непрошеные «защитники» из-за океана. Нас не от кого и не от чего защищать в нашей собственной стране!

Мы допускаем, что некоторым американским евреям, чьи отцы и деды, спасаясь от погромов, бежали из царской России, трудно понять, что в Советском Союзе давно ликвидированы корни национальной розни. Реальная действительность всецело опровергает клевету пропаганды Запада о существовании «официального антисемитизма» в СССР. В эту выдумку могут поверить лишь люди, совершенно не знающие положения дел в нашей стране. Каждый честный и непредубежденный человек легко может убедиться в этом. Об этом свидетельствуют и наши собственные судьбы.

На нашу страну обрушивают потоки злобной клеветы для того, чтобы отвлечь внимание американских граждан от борьбы за мир и за разоружение, чтобы заставить людей забыть, что именно Советский Союз помешал гитлеровским планам «окончательного решения еврейского вопроса». Советская Армия спасла сотни тысяч евреев от гибели в фашистских лагерях смерти. И именно этот факт пытаются стереть из людской памяти те, кто ведет лживую кампанию «в защиту советских евреев».

Клеветой являются и попытки приписать Советскому Союзу стремление «уничтожить Израиль». Ведь всем известно, что СССР поддержал решение ООН о предоставлении права на самоопределение еврейскому и арабскому населению Палестины и о создании на палестнской земле еврейского и арабского государства. Мы выступаем не против существования государства Израиль, а против попыток его правящих кругов лишить права на существование палестинский народ, захватить земли, принадлежащие соседним арабским государствам. Советский Союз борется за всеобъемлющее и справедливое урегулирование ближневосточного конфликта. Прочный мир на Ближнем Востоке может быть достигнут только на основе учета интересов всех сторон, включая народ государства Израиль и палестинский народ.

Агрессивная политика израильской верхушки вызывает возмущение у всей мировой общественности. Против нее выступают демократические силы в самом Израиле, в еврейских кругах разных стран. Прочный мир израильскому народу может принести не война, а переговоры со всеми заинтересованными сторонами, в том числе с единственным законным представителем палестинского народа — Организацией освобождения Палестины. Продолжение агрессивной политики, а также опасная игра, затеянная израильской верхушкой вокруг ядерного оружия, могут лишь привести это государство к катастрофе.

Американским евреям и еврейским организациям следовало бы также задуматься о судьбе евреев Израиля. Ведь политика правящих кругов Израиля при поддержке администрации США создает угрозу самому существованию этого государства. Мы считаем необходимым скорейшее возобновление коллективных усилий в поисках мира на Ближнем Востоке. Борьба за справедливое урегулирование ближневосточного конфликта неразрывно связана с борьбой за мир во всем мире.

Сегодня, когда каждый житель нашей планеты должен осознать грозящую миру опасность, со всей определенностью встает вопрос: позволят ли евреи США использовать себя тем, кто ведет курс на сползание к термоядерной войне, в которой погибнет все человечество, или они внесут свой вклад в дело ослабления напряженности, предотвращения войны, в дело международного сотрудничества и дружбы между народами?

Мы надеемся, что вы изберете второй путь, что во имя любви к жизни и из ненависти к бессмысленной смерти от ядерного разрушения вы выступите за мир, против возрастающей угрозы истребления человечества.

Время не ждет! Промедление работает не на мир, а на страшную войну.

чумой» гитлеризма, с теми, кто вынашивал планы мирового господства, прикрывая их демагогией о «еврейско-коммунистическом заговоре».

Сегодня у нас тоже общий враг — угроза мировой термоядерной войны. Ядерная катастрофа превратила бы всю нашу планету в огромную печь Освенцима. Гитлеровский геноцид был направлен протих тех народов, которых фашисты объявили «неполноценными», ядерный же геноцид направлен против всех народов мира.

Многонациональный советский народ единодушно выступает против войны. Мы хотим, чтобы над нашей планетой всегда было мирное небо, чтобы никогда не повторилась трагедия, постигшая человечество четыре десятилетия тому назад. Мы хотим, чтобы грядущие поколения были избавлены от призрака ядерного гриба, и с полным правом и чистой совестью говорим: не верьте тем, кто распространяет сегодня миф о «советской угрозе»! Советским людям не нужна война!

Магистральный курс внешней политики Советского Союза, целью которого являются сохранение и упрочение мира, расширение и углубление сотрудничества между народами, со всей определенностью выражен и подтвержден в недавнем Заявлении Генерального секретаря ЦК КПСС, Председателя Президиума Верховного Совета СССР Ю. В. Андропова. Мы полностью поддерживаем эту позицию, выражающую политическую волю всего советского народа.

Как и все советские люди, мы считаем, что мир на земле может быть обеспечен только путем переговоров, имеющих целью всеобщее и полное разоружение. В качестве первого шага к прочному миру мы выступаем за скорейшее прекращение гонки вооружений, за немедленное замораживание производства ядерного оружия. И мы знаем, что идея замораживания пользуется поддержкой большинства американцев, в том числе и влиятельных кругов американских евреев. Замораживание, понятно, не самоцель, а лишь начало пути, который должен привести к разоружению.

Советский Союз в одностороннем порядке принял на себя обязательство не применять первым ядерное оружие и внес в ООН проект декларации «Осуждение ядерной войны».

Мы выступаем за скорейшее заключение соглашения об ограничении и сокращении стратегических вооружений на переговорах между Советским Союзом и Соединенными Штатами в Женеве. Мы считаем, что такое соглашение должно предусматривать существенное сокращение стратегических сил обеих сторон при строгом соблюдении принципа равной безопасности. Естественно, что соглашение об ограничении и сокращении стратегических вооружений должно предусматривать надежные меры проверки его выполнения. Мы считаем, что такое соглашение отвечало бы интересам и советского и американского народов, всего человечества.

Необходимо также принять действенные меры против попыток превратить космическое пространство в арену ядерного противоборства. Следует как можно скорее воспрепятствовать милитаризации космоса, помешать новому витку гонки вооружений, чреватому самыми опасными последствиями. К тому же он поглотил бы огромные средства, которые могли быть использованы на благо человечества.

Мы уверены, что большую пользу могло бы принести осуществление предложений о создании в различных районах мира безъядерных зон. Будь то Северная Европа или Балканы, Ближний Восток или Индийский океан — объявление любого района мира свободным от ядерного оружия будет приближать тот день, когда наша планета избавится от ядерной угрозы.

Мы считаем, что нельзя допустить размещения новых ядерных ракет на европейском континенте, где непосредственно противостоят друг другу силы НАТО и Варшавского Договора. Наоборот, по нашему мнению, в Европе необходимо уменьшить количество противостоящих друг другу ядерных средств средней дальности. Любые попытки нарушить сложившийся здесь баланс сил могут привести только к возрастанию международной напряженности. Всем должно быть ясно, что размещение крылатых ракет и ракет «Першинг-2» увеличит угрозу безопасности не только Советского Союза. Ведь наша страна будет вынуждена принять ответные меры.

Мы не считаем фатальной угрозу, которая нависла над человечеством. Принятие конкретных мер, направленных против гонки вооружений, на снижение международной напряженности, — таков выход из тупика, в который может завести нашу планету возврат к «холодной войне». Ведь она слишком легко могла бы пре-

לויט דער באַקאַשע פון די לייענער פּאַרעפֿנט־לעכן מיר דעם אָפֿענעם בריוו צו די ייִדן פון פֿשא (זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 12, 1983) אין דער רוסישער און אין דער ענגלישער שפּראַכן.

# ОТКРЫТОЕ ПИСЬМО-ОБРАЩЕНИЕ К ЕВРЕЯМ США

Мы, советские граждане еврейской национальности, решили обратиться к вам в надежде, что наш идущий от чистого сердца призыв найдет отклик у всех честных людей, кому дорого дело мира во всем мире.

Над нашей планетой сегодня нависла страшная угроза. Человечеству угрожает губительный термоядерный конфликт. Особую опасность для дела мира представляют раздающиеся все громче рассуждения о том, что в ядерной войне якобы можно добиться победы, что ядерная война будто бы может носить ограниченный характер. Людей хотят приучить к мысли о безобидности атомной бомбы, как будто она является обычным инструментом политики. Эти рассуждения проникнуты полным пренебрежением к судьбам миллионов людей, которым предлагается заплатить своими жизнями за безумные планы развязывания ядерной войны.

Тем, кто видит нашу планету сквозь ядерный прицел, уже кажется недостаточным размещение боеголовок на земле, под водой и в воздухе. Их опьяняет космический мираж «звездных войн». Под прикрытием фальшивой заботы о «выживании» они хотят превратить космическое пространство в стартовую площадку для агрессии.

В разных районах мира по вине империализма возникают очаги международных конфликтов. Жертвами вооруженной агрессии стали народы Центральной Америки. Всеобщее возмущение вызвало наглое вторжение войск США на территорию Гренады. В одну из горячих точек планеты превратился Юг Африки. Новые попытки разжечь напряженность предпринимаются в Юго-Восточной Азии. Тревогу у всех честных людей мира вызывает опасное положение на Ближнем Востоке.

Сегодня каждый разумный человек не может не понимать, что силой оружия нельзя решать международные проблемы. Порочный круг насилия, угрожающего самой жизни на земле, должен быть разорван. Только разрядка международной напряженности и осуществление на практике принципов мирного сосуществования, способны предотвратить нависшую над человечеством угрозу катастрофы. Иначе может свершиться непоправимое — то ли в силу случайности, то ли в результате цепной реакции событий, то ли по злому умыслу тех, кто не верит в способность людей мирно улаживать спорные проблемы и разногласия.

Мы уверены, что вам, американским евреям, как и всему американскому народу, всем людям на земле, не нужна война, не нужна губительная гонка вооружений. Кто может чувствовать себя в безопасности, зная, что все новые и новые ядерные боеголовки сходят с конвейеров военных заводов?

Мы, советские люди, больше любого другого народа испытали на себе все ужасы войны. Двадцать миллионов советских людей отдали свои жизни в борьбе с германским фашизмом. Тогда советский и американский народы были союзниками в борьбе с общим врагом — «коричневой

during the pre-revolutionary period, is printed in this issue of "Sovietish Heimland".

"Our Information" features "The Collection on Judaism in the State Museum of History of Religion and Atheism" by Tatyana Gelfman of Leningrad.

News of culture and art from Lvov and Riga in the current issue will continue the selected information, "News from Lithuania", begun in our last issue.

As a result of countless requests by our readers, we are publishing in Russian and English the text of the "Oppen Letter to Jews in the United States", published in Yiddish in "Sovietish Heimland" No. 12, 1983.

We are continuing our traditional features, "Items of Interest", "From the Newspapers and Magazines", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature", "An Aid to those learning Yiddish" and "A New Song".

---

## Supplement: "Broad Horizons"

*(Based on readers' letters)*

* * *

---

## נײַע ביכער

דער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ האָט אַרויסגעלאָזט אַ נײַע זאַמלונג פֿון דאָוויד בערגעלסאָנס ווערק אין דער איבערזעצונג אויף רוסיש. אין בוך גייט אַרײַן דער ראָמאַן „באַם דניעפּער״ און אַ ציקל דערציילונגען אין דער איבערזעצונג פֿון אי. באַבעל, ב. טשערניאַק, וו. כינקיס און אַנדערע.

דער בוך איז דערשינען אין אַ מאַסן־טיראַזש פֿון 100 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

■

„לעבן און ליכט״ — אונטער אַזאַ נאָמען איז אין מאָסקווער פֿאַרלאַג „כודאָזשעסטווענאַיאַ ליטעראַטורא״ דערשינען שירע גאָרשמאַנס אַ בוך דערציילונגען און נאָוועלן אין אַ טיראַזש פֿון 30 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

■

מאָטל גרוּוומאַנס פּאָעטישע זאַמלונג „יאָרן פֿון געוויטער״ (פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״) שליסט אײַן פֿראָנט־לידער, ליבע־מאָטיוון, פֿילאָסאָפֿישע באַטראַכטונגען, ווי אויך אַ ציקל איבערזעצונגען פֿון רוסישע סאָוועטישע דיכטער.

author traces the complex life story of the man who survived the revolutionary battles with tsarism in the years of the reaction, then banishment and political emigration, and who toughened his character and developed his skill as an orator and publicist of the Leninist party. The story begins in the current issue.

In our feature, "Dear Editor, I am sending you just one poem", the reader will find Motl Golbshtein of Simferopol, Lipa Heller of Minsk, Elya Beider of Gorky, Dora Khaikina of Kiev, Pinya Plotkin of Bobruisk, Chaim Gurevich of Novosibirsk, Pinya Kirichanvsky of Kiev, Max Riant of Samarkand, Alexander Byelousov of Kuibyshev, Iosl Bukhbinder of Kiev, Motl Gruvman of Novgorod and Moishe Pens of Makhachkala.

## BRIGHT MOMENTS

*The rain is redolent of a distant twinkling*
*Star,*
*The grass-blade growing under a city sky,*
*The glimmer of your tears, the train*
*Whose coming*
*Meant we must be parted, you and I.*
*Such rain!*
*Such tears!*
*But we cannot escape them.*
*They are like snares in which we almost perish.*
*But all around presages joy. Yes, even*
*The train*
*That bore your sorrowing heart away*
*Has left bright moments for my heart to cherish.*

* * *

There is also a new cycle of poems by Aron Vergelis of Moscow.

In our No. 10 for 1983, we printed a special "Anthology of One Poem", representing all the Soviet Jewish poets writing at the present time. In our issue No. 2, we are publishing a "Selection of Single Poems by Our Readers". These include B. Bykhovsky of Lipetsk, Z. Minkin of Donetsk, I. Tabakmakher of Birobijan, R. Goldenberg of Nikolayev, Ya. Kolbovsky of Dnepropetrovsk, Sh. Rapoport of Leningrad, Kh. Dushatsky of Voronezh, S. Vekhter of Birobijan, H. Baraz of Rostov and A. Bargteil of Sverdlovsk.

There are book reviews in brief by Buzi Miller of Birobijan on Hershl Polyanker's "The Teacher from Madjibozh", Shira Gorshman of Moscow on Hirsh Dobin's "The Paths of Earth", L. Sergeyev on Saul Raslin's publicistic "Steep Steps", Velvl Chernin of Moscow on the Bulgar-Jewish "Annual" — 82" and Zisi Veizman of the Khabarovsk Region on a book of translations, "From Soviet Jewish Poetry", by Abram Katsnelson.

Abram Katsnelson is the well-known Ukrainian poet who for many years has been translating Jewish poets from the original.

His translations were recently published in a separate book. In their turn, Jewish poets have translated a cycle of poems by A. Katsnelson from Ukrainian into Yiddish. They are being published in our "New Translations" feature.

Prose is represented in this issue by new stories from Mark Razumny of Riga.

We have timed the printing of a cycle of literary critical articles by Professor Zalman Libinzon of Gorky for the birthday centenary of the classic Soviet Jewish prose writer, David Bergelson. The first article, analysing Bergelson's work

# RÉSUMÉ

## "Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
## No. 2, February, 1984

The "Sovietish Heimland" "Conference on Theory" is represented in our February issue by two articles: "The Humanism of the Communist Ideology" by Professor Boris Grigoryan, Doctor of Philosophy, and "False Ideals and True Values" by Eduard Kuzmin.

Under the heading "50 years of the Jewish Autonomous Region, we are publishing "The March to Volochayevka", a short story by Moishe Goldshtein, and the reminiscences of actress Mirra Shimenko about the emergence of the Birobijan Jewish Theatre.

For the 70th birthday anniversary of the poet Peisi Yanovsky (1914-1972), who began his creative career in Birobijan, we are publishing a selection of his poems. Here is one of them in translation.

### SPRING

*Already a breath of spring rises*
*From fields*
*That lie under the snows.*
*The wind down the forest path blowing*
*Breaks off the dry twigs as it goes.*

*I know well that sooner or later*
*The time of the ice*
*Will be over.*
*The bright stars of evening cast down*
*Their patterns of frost on the river.*
*We should not be grieving...*
*I listen*
*For spring coming stealthily round*
*To make the world green, so that people*
*Can walk with bare feet on the ground.*

* * *

The 90th birthday anniversary of memoirist Chaim Tamarkin of Moscow is marked by the publication of his essay, "One Man's Destiny", about Captain Mark Raitman of the Northern Fleet.

"One Day and All His Life" is the title of a historical documentary novella by journalist Vladimir Beider of Leningrad about the outstanding tribune of the revolution, V. Volodarsky, murdered by Right SRs on 20 june 1918. The

тических статей профессора Залмана Либинзона (Горький). Первая статья, анализирующая творчество Давида Бергельсона дореволюционного периода, печатается в этом номере журнала.

В рубрике «Наши сообщения» помещена работа Татьяны Гельфман (Ленинград) «Фонд иудаизма в Государственном музее истории, религии и атеизма».

Новости культуры и искусства из Львова и Риги, помещенные в этом номере, продолжают информативную подборку, начатую в прошлом номере «Новостями из Литвы».

По многочисленным просьбам читателей редакция публикует на русском и английском языках текст «Письма-обращения к евреям США», напечатанный на идиш в № 12 за 1983 год.

Продолжаются традиционные рубрики «Это интересно», «Листая журналы и газеты», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «В помощь изучающим идиш», «Новая песня».

---

**Приложение к номеру: «Широкие горизонты»**

*(по материалам писем читателей)*

---

## אלעקסאנדער שולריכטער

אפן 92־טן יאָר פון זײַן לעבן איז געשטאָרבן דער קינסטלער אלעקסאנדער שולריכטער.

געבוירן אין שטעטל שקלאָוו, מאָהיליאָווער גובערניע, קומט ער אָן צו זעכצן יאָר זיך לערנען אין ניזשני־נאָווגאָראָדער רעאל־שול. אין 1910—1911 ארבעט ער אין מאָסקווע אין דער סטודיע פונעם בארימטן רוסישן קינסטלער יואָן, אין 1912—1917 — אין די סטודיעס פון פאריזש און לאָנדאָן. זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע עטלעכע וואָכן פאר דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, ווערט ער א מיטארבעטער פון פארשיידענע קינסטלערישע אנשטאלטן. ווען ס'איז געשאפן געוואָרן דער „וכוטעמאס", קומט ער אָן אין דער סטודיע פונעם קינסטלער קאָראָווין און ארבעט אין ווארשטאט פון ראָבערט פאלק.

אין 1924 שאפט א. שולריכטער דעקאָראציעס צום ספעקטאקל „דער מאבל" אינעם טעאטער „האבימא", שפעטער — די דעקאָראציעס צום ספעקטאקל „דער גוילעם" פאר דער טעאטראלער סטודיע „פרײַקונסט". אין די דרײַסיקער יאָרן ארבעט א. שולריכטער אינעם צענטראלן מוזיי, פאָרמירט אויס א ריי אויסשטעלונגען צוזאמען מיט נאטאן אלטמאנען. ער איז דער אווטאָר פון א ריי פלאקאטן צו דער געשיכטע פון קפסף. אין משך פון פיל יאָרן באטייליקט ער זיך אין אויספאָרמירן מאָסקווער גאסן און פלעצער צו די אָקטיאבער־יאָמטויווים.

ביזן לעצטן יאָר פון זײַן לעבן האָט אלעקסאנדער שולריכטער ניט ארויסגעלאָזט דאָס פענדזל פון האנט. „סאָוועטיש היימלאנד" האָט געווידמעט זײַן שאפונג א קינסטלערישע בײַלאגע.

ערע זײַן אָנדענק!

В рубрике «Уважаемый редактор, я посылаю вам всего одно стихотворение» представлены Мотл Голбштейн (Симферополь), Липа Геллер (Минск), Эля Бейдер (Горький), Дора Хайкина (Киев), Пиня Плоткин (Бобруйск), Хаим Гуревич (Новосибирск), Пиня Киричанский (Киев), Макс Риант (Самарканд), Александр Белоусов (Куйбышев), Йосл Бухбиндер (Киев), Мотл Грувман (Новгород) и Мойше Пенс (Махачкала).

Мойше Пенс

### СВЕТЛЫЕ МИНУТЫ

*Звездой далекой дождь пропах,*
*Мерцаньем,*
*Травинкою, былинкой городскою*
*И слез твоих благоуханьем,*
*И поездом,*
*Что прибыл, разлучая нас с тобою.*
*Ах, дождь какой!*
*Какие слезы!*
*Деться*
*Нам некуда от них, они — как путы.*
*Но все вокруг ждет радости как-будто.*
*И поезд —*
*Тяжелое твое увозит сердце,*
*Мне оставляя светлые минуты.*

Перевел *Л. Беринский*

Современная еврейская поэзия представлена также новым циклом стихотворений Арона Вергелиса (Москва).

В 10 номере «Советиш геймланд» за 1983 год была напечатана своеобразная «антология одного стихотворения», в которой были представлены все действующие ныне советские еврейские поэты. В номере 12 мы публикуем «подборку одного стихотворения» наших читателей. В ней представлены Б. Быховский (Липецк), З. Минкин (Донецк), И. Табакмахер (Биробиджан), Р. Гольденберг (Николаев), Я. Колбовский (Днепропетровск), Ш. Рапопорт (Ленинград), Х. Душацкий (Воронеж), С. Вехтер (Биробиджан), Г. Бараз (Ростов), А. Баргтейл (Свердловск).

В номере помещены краткие рецензии: Бузи Миллера (Биробиджан) на книгу Гершла Полянкера «Учитель из Меджибожа», Ширы Горшман (Москва) на книгу Гирша Добина «Земные пути», Л. Сергеева на публицистическую книгу Саула Раслина «Крутые ступени», Велвла Чернина (Москва) на болгарско-еврейский «Годишник — 82» и Зиси Вейцмана (Хабаровский край) на книгу переводов «Из еврейской советской поэзии» Абрама Кацнельсона.

Абрам Кацнельсон (Киев), известный украинский поэт, на протяжении многих лет переводил с оригинала стихи еврейских поэтов. Недавно его переводы вышли отдельной книгой. В свою очередь, еврейские поэты перевели с украинского на идиш цикл стихов А. Кацнельсона. Они публикуются в рубрике «Новые переводы».

Проза представлена в этом номере новыми новеллами Марка Разумного (Рига).

К столетию со дня рождения классика еврейской советской прозы Давида Бергельсона приурочена публикация цикла литературно-кри-

# РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 2, февраль, 1984

«Теоретическая конференция» журнала «Советиш геймланд» представлена в февральском номере статьями доктора философских наук, профессора Бориса Григоряна «Гуманизм коммунистической идеологии» и Эдуарда Кузьмина «Фальшивые идеалы и подлинные ценности».

Под рубрикой «50 лет Еврейской автономной области» публикуются рассказ Мойше Гольдштейна «Марш на Волочаевку» и воспоминания актрисы Мирры Шименко об истории возникновения биробиджанского еврейского театра.

В связи с 70-летием со дня рождения поэта Пейси Яновского (1914—1972), который начал свой творческий путь в Биробиджане, вниманию читателей предлагается подборка его стихотворений. Вот одно из них в переводе на русский язык:

### ВЕСНА

*Уже из-под снега весною*
*Подспудною*
*Дышат поля.*
*И ветер тропинкой лесною*
*Проносится, ветвь обломя.*

*Я знаю, что рано иль поздно*
*Он тронется —*
*Льдистый затор.*
*Роняют вечерние звезды*
*На речку морозный узор.*

*Грустить нам не следует...*
*Внемлю*
*Весне, что явившись тайком,*
*Подарит зеленую землю,*
*Где можно пройтись босиком.*

Перевел *Л. Беринский*

90-летие мемуариста Хаима Тамаркина (Москва) отмечается публикацией его очерка «Судьба человека», рассказывающего о капитане Северного флота Марке Райтмане.

«Один день и вся жизнь» — так называется историко-документальная повесть журналиста Владимира Бейдера (Ленинград), посвященная выдающемуся трибуну революции В. Володарскому, убитому 20 июня 1918 года правыми эсерами. Автор прослеживает сложный путь революционера, прошедшего через горнило революционных битв с царизмом в годы реакции, через ссылку и политическую эмиграцию, закалившего свой характер и мастерство оратора и публициста ленинской когорты. В этом номере дается начало повести.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

*На еврейском языке*

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»



Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

**Х. Бейдер** (зам. главного редактора),
**Т. Ген, С. Гордон,**
**Нотэ Лурье, Х. Меламуд,**
**Б. Миллер, Б. Могильнер,**
**Г. Полянкер, И. Шрайбман,**
**И. Шустер** (ответственный секретарь)



Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07



Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.11.1983 г. Подписано к печати 18.01.1984 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 2587.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.



© Журнал «Советиш геймланд», 1984 г.

Цена 70 коп.
70821

# СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

# СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

## В НОМЕРЕ:

**Теоретическая конференция «Советиш геймланд».** Б. Григорян. Гуманизм коммунистической идеологии. Э. Кузьмин. Фальшивые идеалы и истинные ценности.

В. Бейдер. Один день и вся жизнь (историко-документальная повесть о В. Володарском).

**Стихи.** Подборка одного стихотворения. Поэтические циклы А. Вергелиса, А. Кацнельсона и П. Яновского. Стихи читателей.

**К 50-летию Еврейской автономной области.** М. Гольдштейн. Марш на Волочаевку. Очерк М. Шименко.

**Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства**

З. Либинзон. Давид Бергельсон и еврейская классика. С. Чеботарев. Ученик и учитель. Краткие рецензии на вышедшие книги.

Листая журналы и газеты. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. В помощь изучающим идиш. Новая песня.

Резюме на русском и английском языках.

По просьбе читателей. Открытое письмо-обращение к евреям США (на русском и английском языках).

1984
№ 2